STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04872

DI BOHERTE

V. Marguerite

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

װיקטאָר מאַרגעריט

די בחור'טע

LA GARÇONNE

פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב
װאַרשע 1928

WIKTOR MARGERIT

CHŁOPCZYCA

Wydawnictwo SZ. GOLDFARB
Warszawa, Dzika 31.

Druk „REKORD Dzika 18.

אָפּענער בריוו פון אַנאַטאָל פראַנס וועגן דער „בחורטע"

דער אָפענער בריוו פון דעם נישט לאַנג־פאַרשטאָרבענעם פראַנצויזישן דיכטער אַנאַטאָל פראַנס צום עהרן־לעגיאָן, וועגן דעם, וואָס מען האָט דעם מחבר פון דער „בחור'טע" אויסגעשלאָסן פון לעגיאָן — נישט אַ קורצן אָבער בענויען איבערזיכט איבערן דאָזיקן ווערק, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ שטאַרקע אויפרעגונג צווישן די אויבערשטע שיכטן פון דער פראַנצויזישער בעזעלשאַפט.

„מיינע הערן! דורך זיינע פערציק ביכער איז וויקטאָר מאַרגעריט גוט באַקאַנט נישט בלויז אַלס טאַלאַנטפולער שרייבער נאָר אויך אַלס העכסטע מאָראַלישע פערזענלעכקייט. ווי אַזוי האָט ער עס פלוצלינג געקענט ווערן דער מחבר פון אַן אומאָראַלישׁ ווערק? די גאַנצע באַשולדיקונג האָט דאַריבער קיין שום גרונט נישט. אין דעם דאָזיקן בוך וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ כלוי־מרשטן „גרימצאָרן", געפינען מיר בלויז ווידער יענע הויכע געדאַנקען, וואָס האָבן שטענדיק אינספּירירט אונזער באַרימטן דיכטער.

אָט לאָמיר משפטן דעם אינהאַלט:

אַ באַגאַבט יונג מיידל מיט אַן ענערגישן כאַראַקטער געפינט איין, אַז אונזער וועלט איז אַ מיאוסע. דורך אַ מכשול — דער מחבר סאַנקציאָנירט עס לגמרי נישט — ווערט דאָס פאַרצווייפלטע, יונגע מיידל געשטרויכלט, פאַלט אַריין אין אַ תהום פון פאַרברעכן, צו וועלכן זי האָט אַבסאָלוט נישט קיין איינגעבוירענע נייגונגען. נאָך אַ געוויסער צייט דערפילט זי אָבער, אַז לא זו הדרך, נישט דאָס איז דער ריכטיקער וועג; דאָס וויסטע וועבעטירן ווערט איר נמאס און זי קערט זיך אום צו אַן ערלעכן, רעגלמעסיקן לעבן און געפינט סוף כל סוף יענע אינערלעכע

באַפרידיקונג, וואָס זי האָט אומזיסט געזוכט אַנדערשוווּ.

דאָס איז אייגנטלעך די מאָראַלישע סענטענץ פון דעם ליטן־ראָמאַן „די בחורטע". אין דער „בחורטע" שילדערט וויקטאָר מאַרגעריט די געזעלשאַפט, וועלכע האָט דורכן קריג פאַרנומען דעם אויבנאָן, וויזט אָן אויף דער קאָרופּציע פון די נייע „מלחמה גבירים" וואָס האָט דערגרייכט צו אַן אומדערהערטער מדרגה. דאָס ווייסט אָבער די גאַנצע וועלט, ווייל אין אונזער צייט, וואָס האָט לגמרי פאַרלאָרן די בושה, ווערט די אויסגעלאַסנקייט ממש אַרויסגעטראָגן אויפן גאַס. לויט מיין מיינונג איז דער קינסטלער גאָר הינטערשטעליג. די ווירקלעכקייט שטייגט איבער זיינע שילדערונגען. דאָס אומגעהייערע אומגליק פון לאַנגיעריקן קריג האָט געשאַפן אַזעלכע אָפּשיילעכע זיטן, אַז דער מאָראַליסט האָט געמוזט אויף זיי אָנווייזן. און דאָס האָט מאַרגעריט געטאָן אין אַזאַ פאָרם, וואָס אונטערשטרייכט גאַנץ בולט זיין פיינעם געשמאַק. די קונסט האָט אירע רעכט, קודם כל דאָס רעכט פון פרייען געדאַנק. אין געגעבענעם פאַל, ווי עס רעדט זיך מער וועגן אַזאַ געזעלשאַפט, וואָס פראַנקרייך האָט נאָך ביז איצט אַזעלכע נישט געהאַט.

מיינע הערין! איר האָט דאָס גליק צו לעבן און ווירקן אויף אַזוינע רייכע געביטן, ווי איר האָט נישט די מעגלעכקייט זיך צוצוקוקן צו דער אַנטוויקלונג פון דער קנאה און שנאה, וואָס איר דאַרפט איצט סאַנקציאָנירן.

איך בעט אייך, טוט נישט, צוליב אייערע אינטערעסן, דאָס וואָס ס'ליגט נישט אין אייער קאָמפּעטענץ. היט זיך צו צענזורירן אַ טאַלאַנט! דאָס זענען די באַמערקונגען, וועלכע איך ערלויב מיר אייך צו מאַכן אויפן גרונט פון מיין עלטער און עטיקייט, וואָס האָט אויסגעפילט מיין גאַנץ לעבן".

אַנאַטאָל פראַנס

מאַניקע לעביער האָט אָנגעקלונגען.

— מאַריעטע, — האָט זי געזאָגט צום שטוב-מיידל — מיין מאַנטל...

— וועלכן, גנעדיקע פריילין?

— דעם בלויען, און דעם נייעם הוט.

— זאָל איך עס אַהער ברענגען?

— ניין, גרייט מיר צו אַלץ אין מיין צימער.

אַז מאַניקע איז געבליבן אַליין האָט זי אַ זיפץ געטון.

דער „פילאַנטראָפּישער אָוונט" וואָלט פּשוט געווען פאַר איר אַן אָפּקומעניש ווען זי זאָל זיך נישט דאַרפן טרעפן דאָרט מיט לוסיענען! מ'שפּירט זיך אַזוי גוט אין קליינעם באַקוועמען זאַל. זי האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישעלע פון סאָפע און האָט זיך ווידער אַריבערגעטראָגן אין דער וועלט פון אירע פאַנטאַזיעס...

זי איז אַלט פינף יאָר. זי עסט מיטאָג ביי אַ קליין טי-שעלע אין איר צימער אונטער דער השגחה פון דער „מאַמזעל" וואָס באַשיצט זי פון אַל-דאָס-בייז. אָבער היינט אין אָוונט הויבט אָן די גובערנאַנטין איר אורלויב, און איר פאַרטרעט די מומע סילוועסטראַ. מאַניקע פאַרגעטערט ממש איר מומע סילוועסטראַ. קודם כל זענען זיי ביידע לגמרי נישט ענלעך אויף די אַלע

איבעריקע. אַלע, — אַפּילו די „מאַמזעל״ — די מאַמע רופֿט זי אַזוי נישט קוקנדיק דאַרויף, וואָס זי איז אַן אַלמנה, ווייל אַ גובערנאַנטין רופֿט זיך תמיד „מאַמזעל״ —

אַלע, אַן אויסנאַם זענען אמתע פֿרויען. אָבער די מומע סילוועסטרא און מאַניקע זענען מיידלעך, זי איז אַ קליינע, כאָטש זי האַלט זיך שוין פֿאַר אַ גרויסע, און די מומע איז אַן אַלטע מויד... אַן אַלטע, אַזאַ אַלטע... דער פּנים פֿול קנייטשן און אויף דער מאָרדע אַ בראָדאַווקע מיט דריי הערעלעך. דערצו ברענגט די מומע שטענדיק פֿון יער שוואַרצן האָניג־לעקעך מיט מאַנדלען געקאָכטע אין האָניג. מאַניקע ווייסט אַפּילו נישט רעכט, ווי יער געפֿינט זיך און וואָס דאָס איז אַזוינס. יער איז זייער ווייט; דאָס איז דער „נעכטן״, און איר אינטע־רעסירט נאָר דער „היינט״ — און היינט איז אַ יום־טוב. דער טאַטע מיט דער מאַמען קלויבן זיך אין דער אָפּערע און פֿאָרן טעאַטער זענען זיי געלאַדן אין רעסטאָראַן. די אָפּערע איז אַ געביידע, ווו פּעעס טאַנצן אונטער די טענער פֿון דער מוזיק. דער רעסטאָראַן — איז אַן אָרט, ווו מ׳עסט ראַקעס... אַהין גייען נאָר די דערוואַקסענע — דערקלערט די מומע סילוועסטראַ.

און אָט איז אַ פּעע, — ניין דאָס איז די מאַמע! זי טראָגט אַ דעקאָלטירט קלייד, אין די האָר־ווייסע פֿעדערן; זי זעט אויס ווי איינגאַנצן אָנגעטון אין פּערל.

באַגייסטערט באַרירט מאַניקע דעם שטאָף... יאָ, דאָס זענען גאָר קליינינקע פּערעלעך — אמתע. אָ, ווי עס ווילט זיך איר האָבן אַזאַ האַלדז־קייטעלע! זי ציט זיך צו דער מאַמען, די מאַמע בויגט זיך איין און געזעגנט זיך אין איילעניש.

— „ניין קוש מיר נישט, מיינע ליפּן זענען אָנגעפּאַרבט״!

און אַז די קליינע הענטלעך ציען זיך צו די סאַמעטענע

באַקן, שרייט די מאַמע מיט אַן אומגעדולדיקע שטים.

— „אַוועק! ווילסט מיר אַפּווישן דעם גאַנצן פּודער!“

הינטער איר שטייט דער טאַטע אײנגעטאָן אין אַ שוואַרץ, מיט אַ גרויסן רוימישן ציפער V, וואָס זעט אויס, ווי אַ ווייסער פלעק אויפן וועסט. זיין חעמד איז עפּעס אַ מאָדנע-פון גלאַנציקן קאַרטאָן. די מאַמע דערציילט עפּעס דער מומען אַ לאַנגע געשיכטע. יענע הערט זיך צו מיט אַ שמייכל. אָבער דער טאַטע טופּעט מיטן פוס און שרייט:

— צוליב אייער מאַניע אָפּצוגעבן דריי שעה צייט אויף פאַרבן די ברעמען און פּאָלירן די נעגל, וועלן מיר פאַרשפּעטיקן די אוווערטורע!“

— וואָס פאַר אַן אוווערטורע? פון די ראַקעס? — קוקט מאַניקע אָן מיט אירע קינדיש-פאַרגאַפטע אויגעלעך.

ווי נאָר טאַטע-מאַמע זענען אַוועק, בישט געטאָן איר אפילו קיין קוש (מאַניקע האָט דערפון גרויס צער), דערקלערט איר די מומע סילוועסטראַ, אַז דאָס מיינט מען די עפענונג פון דער אָפּערע.

— הייסט עס, אַז די אָפּערע עפנט זיך אויך? — פרעגט מאַניקע פאַרטראַכט, — טאָ פון וואָס איז זי געמאַכט?

די מומע סילוועסטראַ נעמט זי אויפן שויס און דערקלערט איר צערטלעך:

— די מוזיק איז די מעלאָדיע, וואָס שטרוימט אַרויס פון אַלץ... פון מענטשן, בעת ער איז גליקלעך, פון ווינט, וואָס ברויזט אין וואַלד און טראָגט זיך איבערן ים... די מוזיק איז דער קלאַנג פון די אינסטרומענטן, וואָס בינדן צוזאַמען די מעלאָדיעס. און די אוווערטורע איז ווי אַ גרויס אָפן פענסטער אין הימל-געצעלט, פון וואַנען עס שטראָמט אַרויס די מוזיק. כדי מיר זאָלן זי הערן. פאַרשטייסט?

מאַניקע קוקט צערטלעך אויף דער מומע און ענטפערט:

— יאָ.

— — — — — — — — — — — —

מאַניקע איז שוין אַלט אַכט יאָר. זי איז זייער געוויקסיק, הוסט אָפּט אונטער, דעריבער באַקומט די גובערנאַנטין (שוין נישט די אַלמנה, נאָר אַ פרײלן, אַ געעמירענע ליקסעמבורגערין, וועלכע מאַניקע האָט נישט ליב) אַ באַפעל נישט צו לאָזן זי אַרומקריכן מיט באָרוועסע פיס אין די בלאָטעס, וווּ ס׳צאַפּלען די קרעבסן, מ׳האָט איר אויך פאַרווערט צו לויפן ביים ברעג ים, ווו די וועלן שלאָגן זיך אָפּ אָן פייכטן אָבער פאַרהאַרטעוועטן זאַמד. זי טאָר נישט זאַמלען קיין וואַסער-געוויקסן, וואָס שמעקן מיט די ים-ריחות קיין מושלען, וואָס זייער פערלמוטערנע שאָלן באַהאַלטן אין זיך דאָס רוישן פון די ים-כוואַליעס... „וואָס האָסטו בדעה צו טאָן מיטן דאָזיקן שמוץ? וואַרף זיי געשווינד אַוועק!״— האָט די מאַמע באַפוילן. אפילו לייענען האָט מאַניקע נישט געטאָרט וויפל זי האָט געוואָלט (פון לייענען קריגט מען קאָפּ-ווייטאָג). דערפאַר האָט זי געמוזט רעגלמעסיק אָפּזיצן אַ שעה אין טאָג ביים קלאַוויר איבער די גאַמעס (כאָטש זי פאַרזיכערט, אַז דאָס דענערווירט זי ביז משוגעת, ס׳איז אָבער בויטיק אויף צו איבן די פינגער).

אויב דאָס הייסט פעריען איז באמת טרוויל נאָך לאַנגווייליקער ווי פּאַריז! דערצו זעט זי דאָ אירע עלטערן נאָך זעלטענער. די מאַמע האַלט זי אין איין אַרומפירן מיט אירע פריינט אין אויטאָמאָביל. אין אָוונט, אַז זי עסט שוין יאָ אַמאָל אין דערהיים — וואָס ס׳טרעפט איינמאָל אין אַ יובל — אַנטלויפט זי באַלד אָן אויסגעפּוצטע אין קאַסינאָ אַריין טאַנצן. מ׳טאַנצט גאַנצע נעכט און מ׳שלאָפט ביזן העלן טאָג אַריין...

און דער טאַטע?

ער קומט יעדן שבת מיטן ספּעציעלן צוג פאַר די „דאַטשעמענער", און דעם גאַנצן זונטאָגדיקן טאָג זיצט ער אָפּ מיט זיינע באַקאַנטע סוחרים פאַרטיפט אין מסחר-ענין.

זייער לאַנגווייליק איז אויך דער מאַמעס אַזוי גערופענער „שטראַנד לעבן". גאַנצע מחנות מענטשן דרייען זיך אָן אַן אויפהער אַהין און צוריק איבער ברעטער. מענטשן, ענלעכע איינער צום צווייטן, ווי די מאַנעקינס אין אַ וועש-געשעפט, ציען זיך אין קאָמפּאַקטע רייען כדי זיך דאָ צו באַווייזן מיט זייער עשירות אָדער אַנדערע גליקן. הערן און דאַמען זיצן אַרום ביידלעך און געפלאָכטענע קערב און גריסן די דאַמען און קאַוואַליערן, וואָס גייען פאַרביי. דערגרייכנדיק דעם צווייטן עק פון דער פּליאַזשע, טוט מען זיך אַ דריי-אויס און ווידער אָנגעהויבן פון דאָסניי. וואָס טרייבט זיי אייגנטלעך? מאַניקע פאַרשטייט עס נישט, נאָך אַ רעטעניש! די וועלט איז פול מיט סודות...

אין דעם מאָמענט אונטערהאַלט זי זיך גראָד נישט ווייט פון דער מאַמעס באָד-קאָרב מיט דער קליינער מאָרען און נאָך מיט אַ חברטע, וואָס ביידע ווייסן זיי נישט ווי זי הייסט. זיי האָבן זי אַ נאָמען געגעבן „דריידל", ווייל אונטערזיגנדיק זירייט זי זיך תמיד אויף איין פוס. אַלע דריי שטייען זיי אויף די קני אין זאַמד און בויען אַ גאָלדענעם פּאַלאַץ מיט טורעמס און שפּיצן, און די לוקסענבורגערין וואַרפט אויף זיי צוטראָגענע בליקן. אין מיטן שטייט אַ יינגעלע מיט געקרויזלטע הערעלעך, אין אַ קריגערישער פּאָזע מיט אַ גראָב-אייזן אויפן שולטער. אַלע רופן אים: „דאָס שעפּסעלע". מ'האָט אים דאָרט אַוועקגעשטעלט, כדי ער זאָל נישט שטערן און אים איינגערעדט, אַז ער איז „דער גאַרניזאָן". לויטן רעגול פון שפּיל ווערט דער גאַרניזאָן באַפרייט, בעת דער שלאָס-בוי איז פאַרענדיקט. און אויף זיין אָרט קומט איינער פון די דריי, וועלכן ס'געלינגט צו בעמען

געפּאַנגען, די פּעסטונג ווערט אָבער קיינמאָל נישט פּאַרטיק. דאָס „שעפּסעלע" ווערט אומגעדולדיק און רייסט זיך אַרויס, דער „דריידל" און די קליינע מאָרען מאַכן פּליטה. מאַניקע בלייבט אָבער טריי די תקנות פון שפּיל און רירט זיך נישט פון אָרט. אַז דאָס „שעפּסעלע" וויל זי אָבער נעמען אין געפאַנגענשאַפט, שטעלט זי אַן ענערגישן ווידערשטאַנד. ס׳הויבט זיך אָן צווישן די קינדער אַ געשלעג, קולות און געשרייען. די גוּבערנאַנטין לויפט־צו מיט אַן אימפּעט און באַקומט איר חלק... ס׳דערהערן די קולות די מאַמעס, לויפן זיך צונויף פון אַלע עקן, נעמען פאַנאַנדער די שלעגער. און נישט אויסהערנדיק זייערע טענות, קלאַפּט מען די קינדער „אויף וואָס די וועלט שטייט" דאָס „שעפּסעלע" לאָזט זיך נישט און כאַפּט אַ פּאַטש.

אין זעלבן מאָמענט פילט מאַניקע אויך אויף זיך עפּעס אַ האַנט, וואָס שלאָגט זי. איר פּנים פלאַמט. ווי פאַרשטיינערט באַטראַכט זי דעם שונא, וואָס האָט איר דאָ באַוויזן זיין פויסט־קראַפט. איר אייגענע מאַמע! צי איז עס אויף אַן אמת? ...צאָרן און פאַרביטערונג קעמפן אין מאַניקעס נשמה. זי האָט זיך באַקענט מיט דער אומגערעכטיקייט און ליידט דערפון אַלס פרוי...

— — — — — — — — — — —

מאַניקע איז צען יאָר אַלט. שוין כמעט א דערוואַקסענער מענטש, אָדער, ווי איר מאַמע זאָגט, צייענדיק דערביי מיט די אַקסלען. אַן אומערטרעגליך קינד מיט פאַנטאַזיעס, שטימונגען און נערוון אַ משונה ווילד באַשעפעניש, גאָר נישט ווי אַלע אַנדערע קינדער אין אירע יאָרן. אָט האָט זי זיך, למשל, זונטאָג געשפּילט אין באַהעלטעניש מיט מישעלען און עפּעס נאָך אַ פּאָר יינגלעך אין פּאַרק פון מאַדעם זשאקעט און צעריסן אויף שטיקער איר שיין שפּיצן־קלייד און דערצו זיך נאָך פאַרקילט. אמתע מאַשין־שפּיצן — מ׳באַקומט עס גאָרנישט צו קויפן — אַ צופּעי

ליקע מציאה צו 175 פראַנק אַ מעטער... און נעכטן איז אײַ־
פלוצלינג אײַנגעפאַלן אַראָפּצוכאַפּן פון בופעט אין צוקערניע אײ־
נעם פון די גרויסע אַרויסגעשטעלטע טאָרטן און דערלאַנגט עס
אַ קליין אָפּגעריסן מיידל, אַנשטאַט צו געבן איר אַ שטיק ברויט.
אמת זי האָט גלייך געוואָלט פאַרן טאָרט באַצאָלן פון איר אָני
געזאַמלט טאַשן־געלד. דאָס איז דאָך אָבער נישט קיין פילאַנ־
טראָפּיע, דאָס איז ממש משוגעת, איבערטריבענע מילדקייט. מען
טאָר נישט אַנטוויקלען ביי אומגליקלעכע קבצנים דעם געשמאַק
פאַר אַזעלכע זאַכן, וואָס זיי קאָנען עס בשום אופן נישט דער־
גרייכן, כדי נישט אַרויסצורופן ביי זיי קיין פאַרביטערונג...
בשום אופן באַגרייפט מאַניקע נישט די דאָזיקע חכמהדיקע
טענות און איז מיט זיי נישט מסכים, זי ליידט דערפון שרעקלעך,
זי וואָלט וועלן די גאַנצע וועלט מענטשן זאָלן זיין גליקלעך. אײ־
בערהויפּט ליידט זי דערפון וואָס אירע נאָענטע פאַרשטיין זי נישט
וואָס איז זי, למשל, שולדיק, אַז לויט איר כאַראַקטער קאָן זי
זיך בשום אופן נישט צופּאַסן צו איר סביבה? צי איז עס ווידער
איר שולד, וואָס מיט אירע איינגעפאַלענע באַקן און איינגעבוי־
גענעם רוקן פאַרשאַפט זי נישט אירע עלטערן קיין גרויסן כבוד?
„דו ביסט אויסגעוואַקסן, ווי אַן אומקרויט, ווי אַ מיסט־גראָז",
ווארפט מען איר כסדר פאָר...
אויב דו וועסט אַזוי ווייטער וואַקסן, ביסטו אַ קאַנדי־
דאַטין אויף שווינדזוכט. גאַנץ אָפט האָט זי געהערט די דאָזיקע
נבואה רייד, זי הערט זיך צו צו די דאָזיקע טענות מיט הכנה,
כמעט מיט שמחה. שטאַרבן? דאָס וואָלט גאָרנישט געווען אַזאַ
שטאַרק אומגליק, ווער האָט זי דען ליב? קיינער נישט נאָר די
מומע סילוועסטראַ!
די גאַנצע פּסח־פעריען איז מאַניקע אָפּגעלעגן דריי וואָכן
אין בעט מיט אַ שווערן בראָנכיט. אַז זי איז דאָס ערשטע מאָל

אויפגעשטאנען, האָט זי זיך געפילט אַזוי שוואַך, אַז זי איז גע־פאַלן פון די פיס. די מומע סילוועסטראַ איז נישט אָפּגעט־צטן פון איר געלעגער. און אַז דער דאָקטאָר האָט ערקלערט: „דאָס קינד מוז האָבן אַ דאָרף, אויף אַ לענגערע צייט... אפשר גאָר אויף דרום... אויב ס'איז מעגלעך ביים ים... דער קלימאַט און דאָס לעבן אין פאַריז איז נישט פאַר איר„ האָט זיך די מומע סילוועסטראַ תיכף אַ כאַפּ געטאָן: „איך נעם איר צו זיך. יער איז אויסגעצייכנט, הער דאָקטאָר?... דאָס איז פאַר איר דער פאַסנסטער אָרט... דער פאָרשלאַג ווערט אָנגענומען. מאַניקע איז גליקלעך, קלערענדיק וועגן דעם, אַז זי פאָרט אַהין ווו עס איז פאַרהאַן אַזוי פיל זון און אַז זי וועט זיין ביי איר אמתער מאַמען. די גלייכגילטיקייט פון אירע עלטערן צו איר צפּפאָרן פון דער היים אינטערעסירט איר גאַנץ ווייניק.

מאַניקע ... עלף יאָר אַלט, טראָגט אַ קאָרט שול־קליידל, די האָר אָפּגעפלאָכטן אין אַ לאַנגן צאָפּ. ביי דער מומע סילוועסטראַ אין פענסיאָנאַט איז זי די בעסטע שילערין אין איר קלאַס. אַנשטאָט די גרויע בעפלדיקע גאַסן ציט זיך דאָ אונטער די גרינע בערגעלעך אַ גרויסער גאָרטן. די זון באַגיסט אַלץ אַרום מיט איר גאָלדענעם גלאַנץ, דער ים און דער הימל זענען פון דעם זעלבן תכלת־בלויקייט, און דער האָריזאָנט פאַרשווימט אין דער ווייטקייט.

דער יום־טוב ... איז ווידער דאָ, דער בליטן־רייכער חג־האביב. די ערד זעט אויס, ווי אַ שעמערירנדיקער טעפּיך, באַדעקט מיט רויזן, נאַרציסן, נעלקן און אַנעמאָנען. מאָרגן פּוצט זיך מאַניקע אויס אינגאַנצן אין ווייס, ווי אַ קליינע כלה. מאָרגן! מאָרגן איז דער יום־טוב פון איר גייסטיקער חתונה. דער גוטער גלח מאַקאַהיר — זי מוז לאַכן אַרויסרעדנדיק זיין נאָמען — האָט איר אָנגעזאָגט אַז מאָרגן איז זייער סיום־התורה, זי און

אירע חברטעס העלן פאַרענדיקן זייערע למודים צו דער קאָנפיר־מאַציע. זי האָט געפרוווט זיך פאַרטיפן אין די לעגענדעס פון דער עוואַנגעליע און, ס'איז זייער געלונגען אַ דאַנק דער מיטהילף פון איר בעסטער פריינדין אַלישבע מעער, וואָס איז אַ פראָטעסטאַנטין און האָט זיך נאָך מיט פיר יאָר צוריק קאָנפירמירט. שבע'ס שטאַרקע פרומקייט האָט נאָך צוגעגעבן אַ באַזונדערע עקזאַלטאַציע דעם מיסטישן פיבער פון וועלכן מאַניקע האָט פשוט געברענט. ביידע, פאַרגעטערנדיק דעם „גואל", האָבן אומבאַוווסטזיניק אַנדעקט די ליבע.

מאַניקעס געפיל איז אויסשליסלעך צוטרוי, הכנעה, ריינקייט די וואַנדערט אַרום אין אַ קינדישער שכרות און חלומט אויף דער וואָר. זי האָט בלויז איין מורא: זי זאָל, חלילה נישט ווילנדיק נישט פראָפאַנירען די הייליקייט.

קודם כל האָט זי זיך געמוזט מתודה זיין אין אַלע אירע חטאים. דאָס האָט געפאָדערט דער גלח מאַקאַהיר. צוויי געדאַנקען האָבען זי כסדר פאַרפאָלגט, זי האָט זיי ממש נישט געקאָנט פטור ווערן. ווי צוויי מיאוסע פליגן האָבן זיי זיך איינגעגעסען אין איר ליליענווייסער אומשולד: איר ווונדערשיינע קלייד — איז קאָקעטעריע! און די פסח־אייער — אַ באַוויז, אַז זי איז אַ נאַשערין — קודם כל די גרויסע שאָקאָלאַדע־אייער, וועלכע זענען אָנגעקומען פון פּאַריז און שפּעטער די מיטעלגרויסע און די קליינע צוקער־אייער פון אַלע פאַרבן. און די אמתע, די האַרטגעקאָכטע. ס'איז זייער אינטערעסאַנט זיי אויפצוזוכען צווישן די בוימלעך און קשאַקעס אין גאָרטן.

די מומע סילוועסטרא איז פאַרטון און פאַרהאַוועט איבערן קאָפּ: עפעס אַ קלייניקייט! צוגרייטען סיורפריזן פאַרן גאַנצן פענסיאָנאַט. און דער שטייגער ווי זי אָרדנט איין די קאָנפיר־מאַציע. דער גלח מאַקאַהיר איז שטאַרק אומצופרידן. „אַ גרויסער

שאַד אַזאַ טיכטיקע פרוי און אַזאַ אַפּיקורס״!
ווי ס׳ווייזט אויס איז עס נישט אַזאַ שטאַרקער חטא, ווייל דער גוטער גלח איז איר גערן מוחל. פאַר מאַניקען וואָלט זיין זייער לאַנגווייליק צו גיין אין גן-עדן אויב די מומע סילוועסטרא זאָל גאָר זיין אין גיהנום...: די אַלע אידעען עגבערן איר אין מוח... אָבער זי איז גליקליך און אַלץ איז שיין...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מאַניקע איז פערצן יאָר אַלט.
זי געדענקט לחלוטין נישט זי זאָל האָבען געווען אַ קרענקלעך קינד. זי האָט די קערנקראַפט פון אַ יונגן געוויקס, וואָס האָט געפונען דעם פאַסענדן באָדן און אַנטוויקלט זיך ווי געהעריק. זי האָט דערגרייכט יענע ווונדערבאַרע עלטער ווען דאָס ביכער-לייענען אנטפלעקט די וועלט פון דער פאַנטאַזיע און די יוגנט באַדעקט דיווירקלעכקייט מיט איר מאַגישן שלייער. זי האָט נישט די קלענסטע אַנונג פון שלעכטן; אַזוי זאָרגפעלטיק האָט איר ערציערין געהיט און אַנטוויקלט איר געזונטע נשמה. ס׳ציט זי בלויז צום גיטן. זי איז נישט קיין פאַנטאַזיאָרין, אָבער זי גלויבט שוין נישט אין גאָט, דערפון האָט זי זיך באַפרייט דורך די אַנטקעגנגעזעצטע קאָנצעפּציעס פון גלח און פון איר פריינדין אַלישבע. אומבאַוווסטזיניק, ווי פון זיך אַליין, האָט זי זיך דורכגענומען מיט׳ן שכל הישר פון איר מומע סילוועסטרא, מיט איר פאַרגונפט מאַטעריאַליזם — אויסער דעם ווייזט זי אָבער אַרויס אַ שטרעבונג צום אַבסאָלוטן — די קאָנסעקווענץ פון איר פריערדיקן שטאַרקן מיסטיציזם. דעריבער ווערט זי אויפגעציטערט פון יעדן שקר. — איר גלויבן איז דער אמת און די גערעכטיקייט. איר בעסטע פריינדין איז אַלישבע מער. שוין דריי יאָר איז זי אין מאַניקען פאַרליבט, איר ליבע-גענוג וואַקסט. ווייל די גאַנצע דריי יאָר קאָן זי אים

נישט באַפרידיקן. אלישבע פאַרלאָזט באַלד דעם פענסיאָנאַט און איר צביעות קאַפּיטולירט פאַר דער פאַקטישער ריינקייט פון אַ יונג מיידל. זי וואָלט זי וועלן דערוווערגן מיט איר צונג, נאָר זי וואַגט עס נישט. מאַניקע, וועלכע האָט געוויסע סענטימענטן פאַר לערער פון צייכנען (וואָס האָט צו יענער צייט באַקומען דעם רוימישן פריז און איז געווען ענלעך אויף אַלפרעד מיוססע*) האָט נישט די מינדעסטע אַנונג מכּח שבעס סאַדיסטישע בייגונגען און דעם אדון ראבס (דער פאַלשער אַלפרעד) באַהאַלטענער תאוה.

ס'איז געווען אַ הייסער יוני טאָג. ס'קומט אָן די נאַכט. אין גאָרטן איז נאָך אַזוי הייס, אַז ס'שפּירט זיך די פייכקייט פון דער הויט אונטער די קליידער. שבע און מאַניקע שפּאַצירן צוזאַמען נאָכן אונט-ברויט לענג-אויס דעם לאַווענדעל-וועג, וואָס ציט זיך ביז צו די הויכע רויטלעכע פעלזן. פון דער הויך זעען זיך די סאַלונען-בערגלעך און דער אָפענער ים. פון דער אַנדערער זייט די מורישע בערג, וואָס בלויען זיך אויפן פאָן פון גרינעם הימל. פון דערווייטנס אויפן האָריזאָנט אַ קליין פּאָמעראַנצן-פארביקער זעגל; „נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען, ממש דערשטיקט צו ווערן" זאָגט שבע.

נערוועז רייסט זי אַראָפּ אַ שמעקעדיק בלאַט פון קיילעכדיק אַרומגעשוירענעם פּאָמעראַנצן-בוים און בייסט עס איין. מ'שפּירט דעם גערוך פון די הויכע עקאַליפּטוס-ביימער וואָס אַ שטילער ווינטעל מישט אים צונויף מיט די ריחות פון די

---

* באַרימטער פראַנצויזישער דיכטער פון דער ראָמאַנטישע-ריכטונג האָט געלאָזן אַ גאַנצע רייע קליינע דראַמאַטישע שפּריכווערטער, קאָמעדיעס און פּראָזע-דערציילונגען. פון זיי איז די באַרימטסטע „דער ווידוי פון זון און דור" איבערזעצט אויף רוסי־ די איבערזעצערן.

ציסטען—דער גאַנצער אראַמאַט פון פראַמאַס. מאַניקע קנײפּעלט איר קאַרסאַזש, הויבט אויף אין דער הויך אירע נאַקעטע אָרעמס, דורשטענדיק אומזיסט נאָך אַ ביסל פרישע לופט... „אַט האָסטו דיר, געפּלאַצט דער אָרעמבענדעל!" דאָס העמד גליטשט זיך אַראָפּ (אויפדעקענדיק) אַנטבלויזענדיק די ברוסטען אין זייער מיניאַטורער אָבער פּרעכטיקער רונדקייט. אויף זייער שניי־ווייסער הויט — דורכגעצויגן פון בלויע אָדערלעך — בליען צוויי רויזע קנאָספּן.

שבע זיפצט: „נאָך אַ שלאָפלאָזע נאַכט, כאָטש איך לייג זיך אין גאַנצן אַ נאַקעטע... דו ווייסט, דײַנע ברוסטן זײַנען איצט ניט קלענער ווי מײַנע..."

— באמת? פרעגט מאַניקע מיט אַ צופרידענער איבערראַשונג.

— אָט קוק זיך צו... נאָר דײַנע זענען אויס ווי עפּל און מײַנע ווי באַרנעס...

געשווינד אַנטבלויזט שבע אירע גאָלדפאַרביקע ברוסטן פאַרגלייכט זייער לענגליכע פאָרם, זייערע טונקעלע האַרטע וואָרצלען מיט דער צאַרטע רונדקייט פון מאַניקעס ברוסט. זי כאַפּט איר אַרום און גלעט זיי פאָרזיכטיק... מאַניקע שמייכלט דורכגעדרונגען פון אַן אָנגענעמען געפיל, וועגן וועלכען זי גיט זיך גאָרנישט אָב קיין חשבון. שבע'ס פינגער פּרעסן זיך פּלוצלינג צונויף.

— לאָז אָפּ! וואָס איז מיט דיר?

שבע רויטלט זיך און מורמלט:

— איך ווייס ניט... דאָס איז דער שטורם!

דאָס ערשטע מאָל דערשפּירט מאַניקע עפּעס אַ מין משוגה'דיקע אויפרעגונג; געשווינד קנעפּלט זי צו דעם קאַרסאַזש. אין דעם מאָמענט דערהערט זיך פון דער ווייטנס אַ קול:

— מאניקע, שבע! רופט די מומע סילוועסטרא.

אומגעשיקט פארקנעפּלט זיך שבע. מאניקע רופט זיך אָפּ איר קול הילכט אָפּ. דער שטורם איז אַריבער...

מאניקע איז אַלט 17 יאָר. זי צעלט: א יאָר, צוויי, דריי — שוין גאַנצע דריי יאָר ציט זיך דער קריג! צי איז עס מעגליך? שוין די דריטע זומער-וואַקאציעס זינט יער האָט זיך פארוואַנדלט אין אַ גרויסן שפּיטאָל, ווו די פאַרוווּנדערטע קערען זיך אום צו אַ ניי לעבן. ס׳פאַרפאָלגט איר דער בליק פון די צושראָקענע אויגן, וואָס פאַרטראָגן נישט דעם זוננשיין אַרויסרייסנדיק זיך פון חושך, פון דער אייביקער מורא. בשום אופן באַגרייפט זי נישט ווי אַזוי קאָנען זיך די קעמפּפענדע צוגעוווינען צו יענעם אומערטרעגליכן בילד פון טויט, וואָס שוועבט תמיד פאַר זייערע אויגן. זי באַגרייפט אויך נישט, ווי אַזוי קאָנען יענע, וועלכע קעמפן כלומרשט אָדער וועלכע קעמפן לחלוטין נישט — זיך צוקוקן גלייכגילטיק צו די ליידן, צו דער שחיטה פון אַנדערע. זי איז עמפּערט פון דער עובדה וואָס בעת איין טייל פון דער מענשהייט גייט אָפּ מיט בלוט לעבט די צווייטע העלפט אַ גוטן טאָג און זאַמלט אָן אוצרות געלד.

די הויכע ווערטער וואָס פלאַטערן, ווי אַ פאָן אַרום, די אַלע בלוטיקע עובדות: „אָרדענונג, רעכט, גערעכטיקייט" פאַרשטאַרקן בלויז איר עמפּערונג קעגן דעם דאָזיקן געזעלשאַפטליכן שקר. אויסגעצייכנט האָט זי אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען; דאָס האָט איר אויך געשטערט זיך אָפּצוגעבן מיט לייב און לעבן נישט בלויז דער אַרבייט פאַר די פאַרוווּנדערטע אויף יערער שפּיטאָל, נאָר אויך פאַר יענער פינצטערער מאַסע, וואָס פילט אָן די שטינקנדיקע טראַנשייען — און מאַכטלאָז קעגן אַלע אומגליקן און קראַנקהייטן. — איצט הויבט זיך אָן אַ ניי לעבן. פאַריז, די אַרבייט אין סאַרגאָנע... מאניקע איז

געקומען אהיים צו אירע עלטערן. זיך אפגעזעגנט מיט דער מומע סילוועסטרא, מיטן פענסיאן. מיט'ן גארטן מיט דעם אלעם וואס האט געמאכט פון איר א פריש, לעבדיק מיידל, מיט א דרייסטן אפענעם בליק און רויטע באקן. געזעגנט זיך מיטן ליבן עבר, ווו צוזאמען מיטן געזונט ווערן פון קערפער איז אויך געזונט געווארן איר נשמה.

די אוועני אנרי מארטען, איר שיין מעבלירט מיידל צי־מער, האט איר פארשאפט אמתע פרייד. זי איז געווען גערירט פון דעם קבלת־פנים פון אירע עלטערן. זי שפירט אז אירע נאנטע הויבן זיך איצט אן מיט איר צו רעכנען, אז זי מאכט זיי ערע. די מומע סילוועסטרא האט געזייט און זיי שניידן. זיך שפירנדיק גליקלעך האט זי צו זיי קיין טענות נישט פאר זייער פריערדיקע גלייכגילטיקייט, פאר זייער עגאאיזם. זי האט זיי ליב, צוליבן פרינציפ...

דאס ערשטע מאל פון 1914 אן האבן זיי זיך ווידער איינגעארדנט אין טרוביל. דעם גאנצן מאנאט אויגוסט גיט מא־ניקע אפ דער פרייוויליקער ארבייט אלס קראנקן שוועסטער אין שפיטאל 37. זי איז אזוי פארכאפט ביי טאג פון דער ארבעט, ביי נאכט פון אירע ביכער, אז זי זעט גארנישט וואס ארום איר טוט זיך. אמווייניקסטן באמערקט זי די מיט וועמען זי קומט אין שטענדיקער בארירונג: איר מאמע וואס האלט אין איין פארברענגען, איר טאטע וואס איז קיין מאל נישטא אין דער היים.

לערביעס פאבריקן ארבעטן פארן פארטיידיקן דאס פא־טערלאנד, און מ'זאגט אז ער מאכט מיליאנען. פראדוצירנדיק די אויפרייס־מאטעריאלן. אט דאס זענען זיי, די אלע צוקוקער, וואס טרייבן רויק און מיט באגייסטערונג די דאזיקע ווילדע

אָרגיע. אין טויביץ אָבער האַלט מען איז איין טיגעצויגן און הולטייען טאַנגאָ און אויסגעלאַסנקייט...

מאַניקע איז אַלט 19 יאָר. דער מלחמה־קאָשמאַר האָט זיך געענדיקט. דער וואָפנשטילשטאַנד האָט איר אַזוי באַגייסטערט, האָט אַרויסגערופן ביי איר אַזאַ שטאַרקן ווילן צו אַקטיוויטעט, אַז זי האָט לגמרי פאַרגעסן אָן קריג, דער שטראָם פון די טאָגטעגליכע אינטערעסן האָבן איר אינגאַנצן מיטגעריסן. מער ווי ווען ס׳איז פאַרזונקן אין זיך אַליין, לחלוטין זיך נישט אינטערעסירט זיך מיטן לעבן פון אירע עלטערן, באַזוכט זי אייפריג די קורסן פאַר ליטעראַטור און פילאָזאָפיע און באַשעפטיקט זיך מיט ספּאָרט: ווי טעניס, גאָלף, און אין דער פרייער צייט פאַרנעמט זי זיך מיט אויסאַרבעטן קינסטלעכע בלומען... דערצו האָט זי גאַנץ באַזונדערע פעאיקייטן. אין די הויכע ספערן, צו וועלכע זי געהערט קענען איר ווילן, געפינט מען אַז זי איז אַן אָריגינאַל, ווייל זי האָט נישט ליב נישט קיין טענץ און נישט קיין פלירט. מאַניקע אָבער, פון איר זייט, האַלט אירע חברטעס פאַר מער אָדער וועניקער אומבאַוווסטזיניקע משוגענע און שרעקלעך אויסגעלאַסענע, זוכן אין די הויזן־קעשענעס פון די ליבע פריינד ווי מישעל זשאַקע אָדער זיך באַהאַלטן אין די ווינקלען מיט די חברטעס ווי זשינעטאַ מאַרען? ניין, דערביי האַלט זי נישט! מאַניקע, ווען זי זאָל זיך פאַרליבן, וואָלט עס געווען אַ גרויסע ברענענדיקע ליבע, וועלכער זי וואָלט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן. לעת־עתה האָט זי נאָך אַזוינס נישט געשפּירט פון די אַלע מענער, וועגן וועלכע איר מאַמע האַלט אין איין רעדן, ווייל איר גייט ממש אין לעבן איר וואָס גיכער חתונה צו מאַכן, קאָן מען זיך אָפּשטעלן בלויז אויף איינעם: דעם פאַבריק־אייגנטימער לוסיען וויניערע, אָבער נישט קוסנדיק דערויף

וואָס זי באַגעגנט זיך מיט אים זער גערן, האָט ער איר לחלוטין נישט באַמערקט...

אַזוי פאַנטאַזירט מאַניקע לײַגנדיק אויפֿן זאָפֿע. ווי אויף אַ צויבערפֿולן עקראַן טראָגן זיך פֿאַר אירע אויגן אייגס נאָכן אַנדערן די פֿאַרשידנאַרטיקע בילדער פֿון איר לעבן. פֿון דער טיפֿעניש פֿון שכחה ווערן לעבעדיק אין איר זכרון די קלענסטע קלייניקייטן, ענליכע אויף האַליציאַנאַציעס. זי זעט זיך אין דער פֿאַרגאַנגנהייט. איצט איז איר צוואָנציק יאָר, און זי ליבט. זי ליבט און גייט חתונה האָבן. אין צוויי וואָכן אַרום וועט זי זיין מאַדאַם וויניערע. איר פֿאַנטאַזיע איז געוואָרן אַ ווירקליכקייט זי פֿאַרמאַכט די אויגן און שמייכלט. מיט אַ ציטער און נאָך כּסדר אַן אויפֿגערעגטע קלערט זי מכּח דעם, אַז נישט די קירך נישט די אָפֿיציעלע פֿייערליכקייט, נישט דער גרויסאַרטיקער מיטאָג. ווי אַ מחנה מענטשן מיט אומפּאַשיידענע היגטער-געדאַנקען, וועלן איר ווינשן גליק — אַז דאָס אַלץ וועט אויף אַ האָר נישט פֿאַרגרעסערן איר גליק. מיט צוויי טעג צוריק האָט זי זיך אויף איר שטייגער, מיט איר אייגענטומליכער אומיטלבאַרקייט ערלויבט זיך לאָזן נעמען, אָבגעגעבן זיך אין גאַנצן דעם, וועלכער איז פֿאַר איר געוואָרן אַלץ. אַן אומגעריכטער און קרענקליכער אַקט, וואָס האָט אָבער איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ שטאָלצע פֿרייד איר גלויבן איר לעבן...

אין צוויי שעה אַרום וועט זי זיך מיט אים טרעפֿן אויף דער פֿאַנטאַוועער לאָטעריע. איר גאַנצער מהות ציט זיך איצט צו זיעם דאָזיקן מאָמענט, די ליבע האָט איר באַוויגן צו האַנדלען אַזוי ווי ער האָט פֿאַרלאַנגט. זי איז גליקלעך און שטאָלץ דערמיט וואָס זי ערשיינט איצט אַלס „זיין ווייב“ וואָס מיט דעם דאָזיקן בעסטן אָפּפֿער האָט זי אים געגעבן דעם באַווייז פֿון איר שטאַרקן גלויבן אין אים. וואַרטן? נישט אָפּגעבן זיך פֿאַרן

באַשטימטן מאָמענט ? צו וואָס ? נישט די געזעצליכע סאַנקציע נאָר דער פרייער ווילן בעת דער וואָלשאַפט איז דאָס העכסטע גליק פון דער הייראַט .וואָס אַנבעלאַנגט די רעגעלן פון אַנשטענדיקייט... אַ טאָג פריער אָדער שפעטער... די רעגעלן פון אַנשטענדיקייט...

זי האָט זיך געריוועלט און שעלמיש געשמייכלט, זיך דערמאָנענדיק ווי אויטאָריטעט ס'קלינגען די דאָזיקע ווערטער אין מויל פון איר מאַמען. ווען זי זאָל עס וויסן !... מאַניקע האָט אַ ציטער געטאָן; ס'האָט זיך געעפנט די טיר. ס'איז אַריין מאַדאַם לערביע, אין הוט.

— דו ביסט נאָך נישט פאַרטיק? משוגע ביסטו צו וואָס!? דער אויטאָ וואַרט. דו האָסט פאַרגעסן אַז האַלב דריי פאָרסטו מיט מיר אין אויסערן-מיניסטעריום.

— איך בין גרייט, מוטער, איך דאַרף נאָר אַרויפוואַרפן אויף זיך דעם מאַנטל.

מאַדאַם לערביע האָט פאַרגלאָצט די אויגן און שטאַרק אָפּ-געזיפצט : איך וועל פאַרשפעטיקן אַלע מיינע ראַנטקעס.

II

מאַניקע האָט אויסגעשריען :

— זשינעטטא !

— וואָס ?

— דיין פליכט.

— לעאָ ? ווו ? אין דאָזיקן מענטשן-ים, זעט מען לגמרי גאָרנישט.

— ביים שויפענסטער פון העלענאַ סיוז. ער איז פאַרגומען מיטן אויסוועלן אַ ציגאַר.

— זייערע ציינישע אויסדריקן הערן זיך אַזש דאָ ? קוק זיך צו ווי זיי לאַכן ! דיר האַרט עס גאָר נישט ?

— ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. ס'אַמוזירט מיך!

— דאָס פאַרשטיי איך שוין נישט.

— גינעטע מאַרין צולאַכט זיך אויפן קול.

— מאַניקע מיין טייערע! אַ סך זאַכן פאַרשטייסטו פאָמע לגמרי גאָרנישט. אין גרונט גענומען ביסטו זייער נאַריש נישט קוקנדיק אויף אַלע דיינע עמאַנציפּאַציע־פאַנטאַזיעס!

גינעטע דרייט זיך אויס צו איר מיט די פּלייצע און ווענדט זיך מיט אַ שמייכל צו אַ דיקן, קליינעם, האַריקן הער, אָנבאַטנדיק אים אירע אַרטיקלען ס׳איז זשאַן פלאַמבינאַ, דער מלך פון די שיבערס.

— אפשר אַ קראַוואַט, געערטער הער?... נישט חלילה אויף אים זיך אויפצוהענגען. ניין, להיפוך! אָדער קויפט אַט די דאָזיקע באַנד אַלס ערזאַץ, ביז איר וועט באַקומען דעם צייכן פון ערן־לעגיאָן... אפשר גאָר אַט די שיינע נאָזטיכלעך, ניין?... טאַ קויפט אַ שאַכטל הענטשקעס...

פּראַכטפולע הענגלייכטער האָבן אויסגעגאָסן אַ ים־ליכטיקייט אויף דער גרויסער מענטשן־מאַסע, וואָס האָט זיך דאָ געשטופּט הין און צוריק איבער די ווייס־גאָלדענע זאַלן. די מיטאָלאָגישע פיגורן פון די טייערע גאָבעלינען אויף די מיט זיידנשטאָף באַדעקטע ווענט האָבן פאַרווונדערט אַראָפּגעקוקט אויפן דאָזיקן מענטשן־ים. צי גאַנצע גאַלעריע, וועלכע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אויף אַ טאָג אין אַ פּאַרקויפס־האַלע, איז געווען פול געפּאַקט און האָט געהילכט פון די קולות און געשרייען פון אויסגעפּוצטן עולם, וועלכער האָט געוואָלט איבערשטייגן איינער דעם צווייטן „מיט זיין פּראַכט און עלעגאַנץ”. „גאַנץ פּאַריז” האָט זיך דאָ צונויפגעזאַמלט און האָט געזשומעט ווי אַ ריזיקער בינען־שטאָק.

זשאַן פלאַמבינאַ, באַראָן פון פויבסט גנאַדע, האָט כמעט נישט געהערט, וואָס פריילן מאַרין האָט צו אים גערעדט. ער האָט געשפּירט אויף זיך מאַניקעס בליק. ער האָט זיך אַזוי טיף פאַר

בויגט, אַז ער האָט שיער נישט פאַרלוירן פון קאָפּ דעם פּאַרוק, ער איז געווען אַן אַלמן פון אַ סיציליניאַשער פּאָמאַראַנצן־הענדלער'ן און האָט געזוכט פאַר זיין בת־יחידה אַן ערציערן, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו זיין נאָגל נייער עשירות. דאָס איז געווען איינער פון די גיפטיקע שוואָמען, וועלכע זענען אויסגעוואַקסן פון קריג מיט אַ יידישן אונטערשלאַק, דערפון האָט געשטאַמט זיין שטאַרקע צוגעבונדנקייט צו דער פאַמיליע. אויסער דעם פּעטישיזם פאַר דער וואַליוטע האָט דער „באַראָן" אויך שטאַרק געהאַלטן פון דער טראַדיציע מכּח ריינעם פאַמיליען־לעבן.

ער האָט תיכּף דערשפּירט מאַגיקעס אויפריכטיקייט און אָנשטענדיקייט, מעלות, וואָס ער גופא האָט זיי קיינמאָל נישט פאַרמאָגט און האָט זיי אויך נישט געפונען ביי די אַלע יונגע דאַמען וועלכע מ'האָט אים פאָרגעשלאָגן אַלס געזעצליכע פרויען אָדער אַלס פּלגשים. מ'האָט נאָר געדאַרפט אויסשטרעקן נאָך זיי די האַנט. דער פּרייז איז אַ באַשטימטער, קליוב אויס וועמען ד חילסט.

אַביסל שווערלעך איז עס צוגעגאַנגען מיט דער קליינער לערביע. נאָר אָנקוקן מעג מען זי, אָבער נישט חלילה אָנרירן, אירע גאָלד־בלאָנדע האָר האָבן אים ממש אַראָפּגעפירט פון זינען און אָט גייט זי חתונה האָבן מיט לוסיען וויניערעט. דעם אויטאָמאָבילן־פאַבריקאַנט.

אַן אויסגעצייכנטע מאַרקע—אָבער אַ לעבעיונג. ער, פלאַמבינאַ דאַרף נאָר אַ ביסל אָפּוואַרטן: מ'קאָן גאָרנישט וויסן... אין איין שיינעם פרימאָרגן קאָנען זיי זיך גטן... און דאַמאָלט... אויב אפילו נישט אַלס געזעצלעכע פרוי — אפשר דאָך אַלס פּלגש...?

פלאַמבינאַס, דעם גראָבהויטיקן פלאַמבינאַס מילאָנען קאָנען מאַכן פאַרגעסן אָן זיין העסלעכקייט: אַ מאַן, וואָס האָט אַ מילאָן מיט צווייהונדערט טויזנט פראַנק רענטעס ווערט תמיד אויפגענומען מיט

אָפּענע אָרעמס!

שטאַרק באַליידיקט פון קאַלטן גרוס מיט וועלכן מאַניקע האָט באַגעגנט זיין פייערדיקע דעמאָנסטראַציע, האָט ער איר אויף להכעיס פאַרטאָפּלט זיין אויפמערזאַמקייט פאַר גינעטע מארען. זי איז געווען אַ פּיקאַנטע ערשיינונג, אין בעט... אָבער ער האָט אויף איר געקוקט ווי אויף א צייטפאַרטרייב.

מאַניקע וואָלט פאַר אים געווען א גלענצענדער שדוך, צו גענטין אָבער האָט ער נישט געהאַט דעם מינדנסטן צוטרוי. אויף אָנשפּילן זיך — איז עפּעס אַנדערש!... ביי די דאָזיקע געדאַנקהאָט ער זיך באַלעקט ווי אַ קאַץ. ער האָט באַשלאָסן איר נאָכצוגעבן.

— א שאַכטל הענטשקעס..? פאַר וואָס נישט? איר מוזט מיר אָבער די הענטשקעס אָנפּאַסן.

— זעקס פּאָר — דאָס וועט אַביסל צו לאַנג דויערן

— אפשר נישט...

ער האָט זיך געשמאַק צולאַכט. זי האָט אים פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט.

— וואָס איז דאָ צו לאַכן? ס'איז אמתע גלאַסיי־לעדער, נומער זיבן אַ פערטל.

— דאָס איז נישט מיין נומער.

— ווייזט אויס אַזוי!

— איצט האָט זי זיך צולאַכט, פרעך און ציניש, קוקנדיק אויף זיינע דיקע רויזן־הענט.

זשאַן פלאַמבינא — וואָס האָט מיט יאָרן צוריק אַלס פּאָרטאַרבעטער אין גענוּאַ, איבערגעשלעפּט אויף זיינע פּלייצעס נישט איין שווערע זאַך פאַרדינענדיק דערביי אַ דריי פראַנק אַ טאָג, האָט ווייניקסטנס געהאַט אַזוי פיל שכל נישט רויט צו ווערן פון זיין עבר. קלערנדיק וועגן זיין אַמאָליקער אָרימקייט איז ער נאָך

שטי̈לצער געוואָרן אויף זיין איצטיקן רייכטום, מיט אַ שמייכל האָט ער געענטפערט:

— נישט יעדער קען האָבן אַזעלכע פּעען־העַנט, ווען ער זאָל אפילו דערפאַר באַצאָלן. גינעטע האָט געשטוינט. וואָס האָט ער אין זינען? און וואָס מיינט ער מיטן דאָזיקן אָנצוהערעניש? באַראָ־נעסע פלאָמבינא? חי אָפּשטויסנד די דאָזיקע חיה זאָל נישט זיין איז עס דאָך כדאי... אָבער דער באַראָן האָט ווייטער גערעדט:

— אָט איז לעאָ, דער מייסטער פון עלעגאַנץ...! גוט מאָר־גן העַר לעאָניד מערקער... פריילן מאַרען וואַרט אויף אייך.

— אין דעם איז שולדיק, העלענע סיוץ, האָט געזאָגט לעאָ פינטלנדיק שעלמיש מיט די אויגן, און בעטנדיק ביי איר מחילה.. איך האָב אייער פאָרשלאַג באַזאָרגט גנעדיקע פריילן.

נו און וואָס?

— זי איז מסכים.

גינעטע האָט זיך פאַרטראַכט:

— אוי וועט עס זיין אַ פּיקאַנטער אָוונט! אַלע פיר וועלן זיי רויכערן ביי אניקא גאַבראַני! זיך פאַרשכורן מיטן קאָקאַאין. און דאָס איבריקע וועט שוין במילא קומען...! די קראַנקע נייגירי־קייט פון דער דאָזיקער „פּערטל בתולה" וואָס האָט כסדר געזוכט נייע עבירות, האָט איר אַלץ פאָרגעשטעלט אין גאַנץ בולטע ביל־דער דער „באַראָן" האָט גלייך באַמערקט, אַז ער איז דאָ אַן איבעריקער און אַרויסנעמנדיק פון פאָרטפעל אַ גרויסע אַסיגנאַציע האָט ער געזאָגט:

— נאָט אייך פאַרן וואָלטעטיקן צוועק, גריסט אייער מוטער!

— נעמט לכל הפחות עפעס ס'איז, אַ קלייניקייט. אָט דאָס פלעשעלע פּערפום. ס'איז נעלקן־פּערפום — מיין פּערפום!

וט, צום אָנדענקן...! וואָס אַנבאַלאַנגט די הענטשטקעס..

ער ווייזט אָן אויף מערקערן... פאַר אים וועלן זיי גוט זיין, איך

קאָן אייך פאַרזיכערן, אַז ס׳איז זיין נומער. אַ שטראַלנדיקער האָט ער צוגעטאַנצט צו דער צווייטער בודקע, וווּ מאַדאַם באַרדינאַט און מישל זשאקעט האָבן אים פריינטלעך באַגריסט.

— נישטאָ מער קיין אַריסטאָקראַטיע! האָט באַטאָנט מיט עלעגישער ביטערקייט דער דיקטאַטאָר פון די מאָדערנע כּללים — דאָס געלט האָט אַלץ ניוועלירט; איצט הערשט די פּלוטאָקראַטיע!

לעאַניד מערקער — פאַרקירצט לעאָ — האָט זיך לגמרי נישט אינטערעסירט מיט די אַלע מעשׂיות. געשטאָפּט און געקראָפּט פון זיינע פרייגיביקע פּלגשים — ביז די גרויסע שפּעקולאַציעס פון דער אינטענדאַנטסווע אין יאָר 1915 האָבן אים סוף כּל סוף אין גאַנצן נישט באַפרייט פון דער נויט און גלייכצייטיק אויך פון פראָנט — האָט דער אַמאָליקער פריזירער־יונג געלעבט פון זיינע רענטעס: דרייסיק טויזנט פראַנק אין שטאַטס־פּאַפּירן כּלו מרשט אָפּגעשפּאָרט אין משך פון קריג. אַריינגייענדיק אין געשמאַק פון דער דאָזיקן „הילף־דינסט״ האָט ער געפירט די זעלבע געשעפטן אויך נאָך דער מלחמה. דער שלאָף־יונג פון מאַדאַם באַרדינאַט האָט פאַרברויכט אויף קליינע הוצאות (וואָס זענען געווען צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי זיינע הכנסות) אַ טייל פון דעם געלט. וואָס זי האָט געשלעפּט ביי איר געליבטן דעם באַראָן ראָנסאַם. דאָס האָט איבעריגנס נישט געשטערט דעם שיינעם לעאָ צו ווערן דער פאַרטרויטער פון די אַלטע און דער רבי פון די יונגע כאַפּנדיק ביי יעדער געלעגנהייט אַ פישל אין מוטנעם וואַסער.

קונים האָבן געשטערט זייער פריוואַטן געשפּרעך, שטאָלצירט דערמיט, וואָס זי האָט געהאַט אַ גרעסערע קונדשאַפט ווי איר בעסטע פריינדין, די קליינע זשאקעט מיט איר ווילדערישן פּראָפיל דערגעבן אין דער צווייטער בודקע, האָט זיך גינעט

באמיט צו ווירקן מיט אירע פייערשפריצענדיקע אויגן און מיטן שיינעם ביוסט. מיט איר נאַקעטן האַלדז, מיט אירע ברוסטן, וואָס האָבן זיך געזען דורכן דינעם קרעפּ, האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק, אַז מיט יעדן פאַרקויפטן געגנשטאַנד איז זי גרייט אָנצובאָטן אַ שטיקל פון זיך גופא. צו די דאָזיקע תאווה-געפילן איז נאָך צוגעקומען די קליינלעכע צופרידנקייט: זי וועט האָבן די גרעסטע הכנסה פון היינטיקן אָוונט.

— איין רגע לעאָ...! איר האָט מיר נאָך כמעט גאָרנישט געזאָגט.

דערזעענדיק מאַקס דע לוים און סאשע וואַלאַן האָט ער זיך געשווינד אָפּגעטראָגן זאָגנדיק איר גאַנץ שטיל:

- מאָרגן זעקס אַזייגער ביי אַניקן! מיר וועלן האָבן גענוג צייט, ווייל אייערע עלטערן עסן מיטאָג אין עליזעאום.

— ווו איז אונזער ראַנדעוו?

— העלענע סיוץ וואַרט אויף אונז אין טיי-זאַל אויפן פּלאַץ וואַנדאָם.

— איר זענט אַ מלאך, נישט קיין מענטש!

— ער האָט זיך אָפּיציעל פאַרבויגט און געזעגנט.

אין דעם מאָמענט איז געוואָרן אַ שטאַרקע באַוועגונג און ס'האָט זיך דערהערט עפּעס אַ זשוזשעריי. גינעטע האָט אויסגע- דרייט דעם קאָפּ. דער המון האָט זיך צודרייט אויף צווייען, מען האָט געמאַכט פּלאַץ.

ווי אַן הויכבאַרטיקער שיף האָט זיך באַוויזן די מאָגערע פיגור פון אַמעריקאַנער מיליאַרדער דזשאָן אואייט, באַגלייט פון אַ נידעריקן, זיך קייקלענדיקן שיפל; דאָס איז געווען די געבע ראַלין מערלין בכבודה ובעצמה, די פּרעזידענטין פון פאַריין צו שטיצן די פראַנצויזישע קריגס-פאַרוואונדעטע. זי האָט אויפגענו- מען געסט אין דער באַגלייטונג פון איר סוויטע, אַ ברויזענדער

ים אַלטע מענער און שיינע פרויען.

לעאָ האָט זיך געזעגנט:

— איצט קומען די ריכטיקע קינים. איך טראָג זיך אָפּ.

מאַניקע איז געזעסן אויסגעדרייט מיטן פּלייצע צו גיבע־טען, ווייל זי האָט זיך ווייניק־וואָס אינטערעסירט מיט אירע גרויסע ערפּאָלגן.

דאַריבער איז זי געוואָרן שטאַרק נתפעל דערזעענדיק, אַז דער גאַנ־צער עולם אָפיציעלע פּערזאָנען לאָזט זיך אין דער ריכטונג פון איר בודע. צו װעמען גייען זיי? אָן שום ספק צו דער לייטע־רין פון גאַנצן אָוונט, צו מאַדאַם הוטיער. צו דער וויצע־פּרעזידענ־טין פון פּאַריין...? אָבער ניין. מ'שטעלט זיך גאָר אָפּ פאַר איר טיש מיט די קינסטלעכע בלומען.

בלייך פון קנאה שפּרינגט אַהער אונטער גינעטע און אויך די מאַדאַם הוטיער קומט צולויפן און בויגט זיך אין דרייען פאַר די הויכגעשטעלטע געסט.

— איך האָב דעם כבוד אייך פאָרצושטעלן אונזער ליבע וויצע־פּרעזידענטין, מאַדאַם הוטיער. די פרוי פון אונזער פרי־ערדיקן מיניסטער. ווענדעט זיך די גענעראַלין צו דזשאָן אואייט.

דער שפּיציקער פּנים פון מיליאַרדער בלייבט אומבאַוועגט, ער איז קאַלט ווי אייז. מיט אַ מעכאַנישן שאָקל וויל ער בלויז, ווי ס'שיינט באַערן דעם נאָמען פון פּראָווינציאַלן מי־ניסטער.

— פרייליין מאַרען, די טאָכטער פון באַרימטן סקולפּטאָר, גינעטע באַמערקט, אַז נישט געקוקט אויף איר זייער העפּ־ליכן גרוס, בלייבט דער גלייכגילטיגער אויסדריק אויפן ביינער־דיקן פּנים פון פילפאַכיקן מיליאַרדער

— פרייליין לערביער.

— אַן אויסדריק פון פאַראינטערעסירונג האט זיך פליצ־

ינג פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן קאַנטיקן געזיכט.

— אַך...! כעמישע פּראָדוקטן? ס'איז מיר באַקאַנט... און אָט די קליינע זאַכן? ער האָט איינגעבויגן זיין לאַנגן קערפּער איבער די פאַרשידענע וווּנדערשיינע באַרציסן, רויזן, אַנעמאָנען. וואָס האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ וואַקסענער ליליפּוטן־פלאָרע אין אַ גאָרטן פון ליאַלקעס.

— דאָס מאָדעלירט פריילין לערביער אַליין. זי איז אַן אמתע קינסטלערין... און דערצו אַ פאַריזערן פון קאָפּ ביז פוס!

די געגעראַלין, איז איבערראַשט דערפון, וואָס דער דאָזיקער אויטאָמאַט הויבט אָן ארויסצוווייזן סמנים פון לעבן, שוין צוואַנציק מינוט פירט זי אים אַרום פון איין בודע צו דער אַנדערע און מער ווי „אַך” און אַ קאָפּ־שאָקל איז איר נישט געלונגען פון אים אַרויסבאַקומען. זי נוצט אויס די גינסטיקע געלעגנהייט כדי צו פאַראינטערעסירן דעם באַזוכער מיטן פאַריין.

— זי איז איינע פון אונזערע טיכטיקסטע מיטאַרבייטערינס. אונזערע קריגס־פאַרווונדעטע פאַרגעטערן איר ממש.

אַזאַ חוצפה טראַכט מאַניקע, וואָס איז בלויז איין איינציקן מאָל געווען אין שפּיטאָל בואַפּלערי און איז געקומען אַהיים אַזאַ צעבראָכענע, אַז מער האָט זי שוין קיין מוט נישט געהאַט דאָרט איבערצוטרעטן דעם שוועל. אַזוי אומפאַרשעמט צו בלאָפן, דאָס קאָן נאָר אַ געגעראַלין.

מיט א מיליטערישן בליק האָט איר אָבער די געגעראַלין געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי מוז איר דאָס מאָל מיטהעלפן פירן ווייטער דאָס דאָזיקע שפּיל. דזשאָן אואייט האָט בעת מעשה געוואָרפן אויף מאַניקען סימפּאַטישע בליקן, ער האָט אַ נעם געטאָן מיט זיין ברייטער האַנט אַ ווייסן דאָרן־שטענגל און אָנגעהויבן עס ביי־גערעק צו באַטראַכטן.

— ווי שיין די ווייסע בלעטלעך זענען — האָט זיך צע־

גאָסן די גענעראַלין—קוקט זיך צו צו דער פיינקייט פון פאַרבנ־טאָן ס׳איז שווער צו זאָגן צי איז עס פון עלפנביין אָדער פון געפּרעט.

מאַניקע האָט אונטערגעזאָגט: דאָס זענען פּשוטע געטריקנ־טע און קאָלירטע ברויט־ברעקלעך.

— אַך - האָט געזאָגט דזשאָן אויאיט, — באמת ?.. דאָס וויל איך לאָזן ביי זיך. איבערגעבנדיק אויף אַ ווילדע דאָס קליינע שפּילצייג דער דיקער מאדאַם מערלין, האָט ער אַרויסגענומען פון בוזעם קעשענע אַ טשעק־ביכל מיט אַ בלייפעדער, אונטער־געשריבן זיין נאָמען אויף צוויי טשעקן און דערלאַנגט איינעם אויף 5000 פראַנק, דער איבעראַשטע מאניקען מיט דער באַמער־קונג: „פאַרן פּראַכטפולן ווייסדאָרן", דעם צווייטן אויף 10,000 פראַנק דער פּרעזידענטין, מיטן קיילעכדיקן לבנה־פּנים „פאַר די קריגס פאַרוואונדערטע". מער האָט ער שוין קיין וואָרט נישט גערעדט. אַ שמייכל געטאָן צו מאַניקן, געזעגנט זיך מיטן פאַר־זאַמעלטן קאָמיטעט מיט אַ קאָפּ־שאָקל, נישט דערלאַנגט זיי אפילו די האַנט. דערנאָך האָט ער ווידער אָנגעהויבן זיין רונד־גאַנג נישט אַרויסווייזנדיק אָבער דעם קלענסטן חשק זיך אָפּצושטעלן ביי וועלכן עס איז טישל אָדער בודע, נישט קוקענדיק אויף די קידות און השתחויות פון מאַדאַם באַרדינאַט.

אָבער מיט אַ גלאָז שאַמפּאַניער מוז מען דאָך דעם גרויסן גדבן מכבד זיין, אַלע איבעריקע דעמאָנסטראַציעס האָט שוין איצט די באַפרידיקטע פּרעזידענטין געהאַלטן פאַר איבעריק. די גאַנ־צע סוויטע האָט זיך איצט אַ לאָז געטון צום בופעט נאָכגייענ־דיק נאָכן אַמעריקאַנישן מאַסטבוים און דעם זיך קוקלענדיקן שיפל.

— פאַר וואָס האָט איר אונז, מיין טייערע, גאָרנישט גע־זאָגט, אַז איר האָט באַציונגען מיט אמעריקע? האָט זיך מאדאם

הוטיער געווענדט צו מאַניקן.

— איך? קיינמאָל אין מיין לעבן האָב איך נישט געהערט דעם נאָמען דזשאָן אוּאייט.

— אן אמת, האָט באַשטעטיקט דער נאַר וואָס צוגעקומע־נער. מאַניקען האָט געכאַפּט א קאָפּ־שווינדל, אז זי האָט פּלוצ־לינג דערהערט די דאָזיקע שטים, וואָס האָט פאר איר פארטריבן אלע איבעריקע אין גאנצן זאַל.

לוּסיען וויניערעטע האָט ווייטער געזאָגט: — אָבער דזשאָן אוּאייט האָט שוין גאַנץ זיכער געהערט מכח לערביעס ערפינ־דונג.

באַלד איז מאַניקע צו זיך געקומען, אַ רויזיק פּייערל האָט באַלעבט די צאַרטע ווייסקייט פון איר הויט. זי האָט אַ ווייז געטון דעם טשעק.

— איר האָט שוין געהערט דערפון?

— ס׳איז דאָך די סענסאַציע פון טאָג.

— איך קאָן נאָך ביז איצט צו זיך נישט קומען.

— מומע, מ׳קען אייך, האָט אַ טראַכט געטאָן ביי זיך אין הארצן גינעטע, פּעסט איבערצייגט, אַז די מעשה איז נישט אַזוי גלאַטיק. די מאַדאַם הוטיער, פּארקערט, וואָס מאַניקעס ערפאָלג האָט נישט ארויסגערופן ביי איר אַזא קנאה און האָט זיך באַ־צויגן אַ סך טאָלעראַנטער צו דער הייליקייט פון דער ליבע, האָט זיך גלייך אָפּגעטראָגן און געלאָזן די צוויי פארליבטע אליין... ס׳ארא שיינע פּאָר און ווי צוגעפּאַסט איינער צום צווייטן!

מאַניקע און לוּסיען האָבן זיך איילנדיק צוקושט. פון די אלע באַנאַלע דיבורים האָט זי בלויז געהערט די מוזיק פון איר גליק.

— מאַכט נישט פון דער גאַנצער געשיכטע אַזא גרויסן

וענן. האָט ווינערעט ווייטער געזאָגט — נישט צוליב אייערע שיינע אויגן — כאָטש זיי זענען ווערט אַ טשעק — האָט זיך דזשאָן אויסגעדריקט אַזוי צוגאַרטלט. דאָס איז גאָר זכות־אבות — ער מיינט נישט איך נאָר אייער טאַטן. דער ממזר־קאָפּ קלערט, אַז די אינטעגראַציע פון שטיקשטאָף בײַ די לאַנדווירטשאַפטליכער הכשרה קאָן זיין פאַר אַמעריקע זייער נוצלעך, און דער פּילאָ־פּראַנצויז וויל בעסער אַרבעטען מיט אָבערוויל איידער מיט לוד־וויקסהאַפן... האָט איר פאַרשטאַנען?

— זאָל זיין אַזוי. אָבער די דאָלאַרן וועלן צונויף קומען.

מיט אַ ביטערקייט, וואָס האָט איר שטאַרק איבערראַשט האָט ער באַמערקט:

— מסכים — גאָלד קומט תמיד צונויף איבערהויפּט ווען פון די דאָלאַרן קאָן ווערן לואידאָרן.

— פאַר זייער קריגס־ליפערונג נעמען זיך די אַמעריקאַנער אונזערע אינדוסטריע־פּראָדוקטן. אַן אמתער אומגליק! ניו־יאָרק איז אָבער נישט שולדיק, וואָס פּאַריז און בערלין האָבן געפירט קריג.

— איר האָט רעכט, מינערוואַ! האָט ער צוגעשטימט.

ער פלעגט זיך מיט איר רייצן, אָנרופנדיק איר מיטן דאָ־זיקן בײַ־נאָמען נישט אַזוי צוליב איר שיינקייט ווי צוליבן שאַרפן לאָגישן פאַרשטאַנד; איר קאַטעגאָרישער אַרט רעדן האָט ער זיי ער געשעצט, אָבער גלייכצייטיק זיך דערפאַר שטאַרק געשראָקן. איר, פאַרקערט, איז דער דאָזיקער פאַרגלייך נישט געפעלן גע־וואָרן, ווייל זי האָט עפּעס ווי געשפּירט אין אים איין הינטער־געדאַנק. דאָס איז געווען זייער איינציקער שטרייט־פּונקט, דער איינציקער שאָטן אויף איר ליבעס־גליק.

זי האָט אים אָנגעקוקט, און ער האָט געשמייכלט.

—ס׳איז נישט ריכטיק מיט מיר יעדס מאָל זיך צו רייצן

בעת איך רעד ערנסט. אין גרונט גענומען גייט מיך לגמרי נישט אָן קיין שום זאַך, וואָס איז נישט נוגע דירעקט אונז ביידן.

דאָס האָט אים שטאַרק אונטערגעקויפּט. ער האָט אויף איז א קוק געטאָן, און זי האָט שטיל געזאָגט:

— איר זענט מיין הוה, (געגנוואַרט) מיין עתיד, מיין גוף און מיין נשמה... ס'איז ווירקלעך זייער שיין, אַז איינער צום אַנדערן האָט צוטרוי... איר וועט מיך קיינמאָל נישט אָפּנאַרן, לוסיען? אויגן אַזעלכע ווי אייערע קאָנען נישט זאָגן קיין ליגן. זאָגט מיר אַלץ וואָס איר טראַכט...! לוסיען! לוסיען? ווו זייט איר?

— ער האָט אַ נעם געטון איר האַנד, לאַנג, לאַנג איר געקושט און געמורמלט; „איך בין דאָ!" און ער האָט אויסגעהויכט: „איך ליב אייך", אָבער דערביי האָט ער גלייכצייטיק געטראַכט: „זי הרגעט מיך אַוועק מיט איר אויפריכטיקייט...! ס'וועט זיין אַ שיינע מעשה...! אייגנטלעך האָב איך אויך געדאַרפט זיין מיט איר אָפנהערציק... זיך מודה זיין פאַר איר אין אַלץ וועגן קלעאָ! אָדער וועניקסטנס בעטן איר פּאָטער ער זאָל איר כלאחריד דערציילן דעם אמת... איצט איז שוין לײדער צו שפּעט...

— איך האָב אייך ליב!

ביים קלאַנג פון די דאָזיקע מאַגישע ווערטער לעבט מאַניקע איבער נאָכאַמאָל יענע אומפאַרגעסלעכע שטונדן. ביידע זענען זיי געווען אַליין — צופעליק — אין דער דירה, ווו זיי חעלן זיך באַלד באַזעצן, וואָס עס פאַרשאַפט איר אַזוי פיל פרייד זי איינצואָרדנען...

זי האָט געהאַט בלויז איין פאַרלאַנג — האָט אָבער נישט, געוואַגט אים צו פאָרמולירן — אַז ס'זאָל זיך באַלד ווידער פאַרשטעלן אַזאַ געלעגנהייט און נישט האָבנדיק די קלענסטע אַנונג אַז זיין וועג איז דוקא אַן צעטקעגנגעזעצטער, אַז ער איז נאָר

פאַרנומען מיט אַנדערע ענינים — האָט זי זיך ממש נישט געקאָנט דערוואַרטן דעם טאָג, די שעה פון זייער אָפיציעלער פאַראייני־קונג. דערווייל האָט זי זיך געמוזט באַנוגענען מיט זייערע גע־מיינזאַמע אויספלוגן, פאַרשידענע איינקויפן, וויזיטן... הייבט זיין געוויינליכער טאָג־טעגליכער באַזוך... מאָרגן פינף אַ זייגער טרעפן זיי זיך ביים פוטער־הענדלער. דערנאָך גייען זיי באַקוקן די אַמפיר־מעבל, וואָס סיער סיועד האָט זיי פאָרגעלייגט. שפּע־טער אויף טיי ביי ריטץ... זי האָט זיך אַ ביסל געבלאָזן.

אַ שאָד וואָס איר האָט זיך שוין אויף הייַנטיקן אוונט אַנגאַזשירט! מיר וואָלטן בעסער צוזאַמען מיטאָג געגעסן און נאָכן טעאַטער אָוונט ברויט. איך וועל פונדעסטוועגן רעזערווירן פאַר אייך אַ פּלאַץ... לאָזשע זיבן און צוואַנציק, פאַרגעסט נישט...! אַלעקס מארלי מענעלאַאוס.

— איך וועל טאָן, וואָס איך וועל קאָנען כדי זיך צו באַפרייען. איך פאַרזיכער אייך אָבער, אַז דער ענין איז זייער אַ וויכטיקער.

...יאָ עס האַנדלט זיך וועגן אַן אָפּמאַך מכח אַ קניה פון מאַשינעס ביי די בעלגיער, וועלכע זענען ספּעציעל געקומען צוליב דעם פון אַנטווערפּען...

די אונטערהאַנדלונגען גייען לגמרי אַביסל אַנדערש אין דער אָנגענעמער אַטמאָספערע פון אַ גוטן־אָוונט ברויט... דאָס אַלץ האָט ער איר געזאָגט, און זי האָט עס אויפגעפּאַסט אַזוי ווי עס איז; אַ לאַנגווייליקער, אָבער נויטווענדיקער געשעפטליכער ענין.

— איבער אַ יאָר אָבער, האָט זי ערקלערט, דראָהענדיק מיטן פינגער, וועלן מיר תמיד זיין צוזאַמען.

אין איר פאַנטאַזיע האָט זי זיך פאָרגעשטעלט, אַז נאָך דער שכרות פון די ערשטע האָניג־טעג וועט זי זיך באַטייליקן אין

זיין טעגליכער אַרבעט, אַלץ מוזן זיי צוזאַמען איבערלעבן, ליידן און פריידן.

— איר שווערט עס מיר צו?

— אויף מיין ערן וואָרט!

דער פינף און דרייסיק יעריקער לוסיען וויניערעט האָט געזוכט אין דער חתונה אַן עיר מקלט, ווי איינער, וואָס מאַכט דורך אַ שטורמישע נסיעה איבערן ים, קוקט אויס דעם ברעג. מיטן זיכערן געפיל, אז מ׳האָט אים שטאַרק ליב איז לוסיען שוין אַריין אין געשמאַק פון זיין קינפטיקער רויקייט, פון דער מעגליכקייט צו באַפרידיקן זיינע תאוות. די אויסזיכט אויף דעם דאָזיקן פערמאַנענטן גליק האָט ער געשפירט ווי אָנגענעמע ווייכע וואַרעמקייט פון אַ פאַנטאָפל. געקלערט האָט ער אָבער נאָר מכח זיין אייגענעם גליק.

און מאניקעס גליק? ער איז געווען איבערצייגט, אַז ער וועט עס איר שפילענדיק פאַרשאַפן. דורך זיין צערטלעכקייט, אויפמערקזאַמקייט און דורך קינדער, וואָס וועלן באַלד אויספילן איר גאַנצן לעבנס־אינהאַלט. וועגן די קינדער גופא האָט ער ווייניק וואָס געטראַכט. ער האָט דאָך שוין ערגעץ־ווו געבראַכט אויף דער וועלט אַ קליינטשיק מיידעלע, וואָס האָט אים אינטערעסירט ווי דער פאַראַיאָריקער שניי... דאָס פליכט־געפיל אַלס פאָטער צום קינד איז ביי אים געווען פונקט אַזוי ווי צום הונט, וואָס ער איז איבערגעפאָרן מיט זיין אויטאָמאָביל... זיין גרעסטע דאגה אין דעם איצטיקן מאָמענט איז געווען דער אומפאַרמיידלעכער, לכל הפחות אויסערלעכער ריס מיט זיין פלגש קלעאָ, דער הוטן־פוצערין...

דערדאָזיקער פרוי האָט ער פאַרפירט בעת זי איז נאָך געווען גאָר אַ יונג מיידל, שפעטער האָט ער איר איינגעאָרדנט און זי האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק, אַז סוף כל סוף וועט איר געלונגען צו ווערן זיין געזעצלעכע פרוי. זי איז געווען

אַן אויפגערעגטע, אייפערזיכטיקע נאַטור, מיטן כאַראַקטער אַן אויסגעגאָסענע מאַניקע. מער נאָך אָבער ווי פאַר דער אויפריכטיקייט און זעלבסטשטענדיקייט פון מאַניקען – איבערהויפט מיטן מאָמענט ווען זי האָט זיך אים אָפגעגעבן, האָט ער געציטערט פאַר אַן עפענטלעכן סקאַנדאַל מצד דער צווייטער און דוקא אין טאָג פון דער חתונה. ווי אַזוי זאָל מען עס אויסמיידן? איינשלעפערן איר חשד... בינו לבינו וועט ער ווערן דער שעף פון די לערביערי-ווערקשטאַטן מיט אַ פאַטענט פון אַ ערפינדער אין קעשענע. שפעטער וועט מען שוין זען! אין ערגסטן פאַל—כדי קלעאָ צו באַרויקן וועט ער זיך אַן עצה געבן מיטביידן צוזאַמען... לוסיען וויניערעט, דער געניטער געשעפטס-מאַן, האָט ווי געהעריק אָפגעשאַצט די גרויסע שאַנסן פאַר זיך פון דער פאַרבינדונג מיט זיין שווער. אין פרינציפ איז דאָס געשעפט געווען געשלאָסן, און מאַניקע האָט נישט געהאַט די מינדעסטע אַנונג, אַז איר האָט מען געשטעלט אין קאָן.

אַריינגעצויגן אין אַלגעמיינעם אינדוסטריעלן קריזיס האָבן זיך די לערביערס אונטערנעמונגען, נישט קוקנדיק אויף זייער גלענצענדער אויסערלעכער לאַגע, שטאַרק געוואַקעלט. די גאַנצע מלחמה-רוחים האָט איינגעשלונגען די נייע ערפינדונג. לוסיען האָט אָבער אויסגערעכנט, אַז ער וועט פונדעסטוועגן מאַכן אַ גוט געשעפט. קוויטירענדיק די פינפהונדערט טויזנט פראַנק מאַניקעס נדן, וואָס ער האָט באַקומען נישט במזומנים, און צוטראָגנדיק נאָך אַ האַלב מיליאָן פראַנק ווערט ער אַ גלייכבאַרעכטיקטער אַקציאָנער פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט. די ערפאָלגרייכע איבעראַרבעטונג פון שטיקשטאָף וועט ממש ווערן אַ גאָלד-גרוב.

זייער שווער איז אים געווען צו באַהאַלטן די שלעכטע שטימונג, וואָס ס׳האָט ביי אים אַרויסגערופן די אומגעוויינלעכע מילדקייט פון דזשאָן אואייט, זיין מעגלעכן קאָנקורענט אין דער אַקציען-געזעלשאַפט.

עפּעס אַנדערש נאָך דער חתונה !... דערווייל פּערזאָניפיצירט מיט זיך דאָס יונגע מיידל דעם פולשטענדיקן און גלייכצייטיק איינציקן ווערט פון פּאַטענט. טראַכטנדיק אויף דעם אופן איז ער געווען נישט בעסער און נישט ערגער ווי ס'רוב מענער.

ער האָט שוין געהאַט בדעה זיך צו געזעגענען מיט מאַניקען אָבער זי האָט אים האַסטיק אָפּגעהאַלטן.

— די מאַמע גייט שוין צו, בלייבט נאָך אַ ווײַלע... איר וועט אונז באַגלייטן. אין איר צניעותדיקן פאַרגעטערן אים איז איר געווען טייער יעדע מינוט, וואָס זי האָט געקאָנט מיט אים פאַרברענגען. לוסיען מיט זיין ענערגישן אויסדרוק, מיט זיין מוסקולעזער שלאַנקייט, מיט זיינע קוילנשוואַרצע פייערדיקע אויגן האָט איבערגעשטיגן אַלע ! וואָס פאַר אַ פּנים האָבן געהאַט קעגן אים די שענסטע מענער פון פּאַריז ! אַפילו סאַשאַ וואַלאַן, דער פריערדיקער אַוויאַטאָר און איצטיקער טשעמפּיאָן פון אויטאָ-ספּאָרט, אַפילו אַנטינוי *) — מאַקס דע לאַט, דער ליטעראַרישער קריטיקער פון דער „נייער פראַנצויזישער אַנטאָלאָגיע” זענען גאָר נישט קעגן אים.

אין דעם מאָמענט האָט ער זיי ביידע באַמערקט, ווי זיי דרייען זיך אַרום גינעטן, וועלכע האָט מיט פאַראַכטונג געקוקט אויף מאַניקעס אויסשטעלונג דער באַזאַר האָט זיך שוין באַלד געענדיקט און אויף די טישן איז נאָך געלעגן אַ העלפט סחורה !.. אָנווייזנדיק אויף איר ליידיקער בודע האָט זי געזאָגט :

אַ ! דו ביסט בלוי ! איך האָב שוין נישט מער וואָס צו פאַרקויפן.

— נישט ריכטיק — האָט פּראָטעסטירט סאַשאַ וואַלאַן.

---

*) אנטינוי — א שיינער יונגער בחור, דער ליבלינג פון רוימישן אדריונוס, קיסר, מיט וועלכן ער האָט געהאַט פעדעראַסטישע באַציונגען (משכב=זכר). אנטינוי האָט זיך אין יאָר 130 אַריינגעוואָרפן אין נילוס. אדריוגוס האָט לזכר אים אויסגעבויט אַ שטאָט, אַ טעמפּל און געשטעלט אים אַ סך מאָנומענטן.

— ניין, וואָס כּדומה למשל!

— אָט, דאָס!

ער האָט אָנגעוויזן אויף אַן האַלבפאַרוועלקטער רויז אויף איר באַסעק. מאַקס דע לאם האָט באַטאָנט מיט אַ צווידייטיקן שמייכל:

— אייער בלום.

גינעטע האָט געענטפערט: — צו טייער. פאַר אייך מיינע קליינע פריינט.

זיי האָבן אויסגערופן: — דאָס איז נאָך אַ פראַגע..!

ווי טייער? באַשטימט דעם פרייז!

— איך ווייס אַליין נישט, פינף און צוואָנציק לואידאַרס..! איז דאָס צופיל?

— דאָס איז גאָרנישט, האָט פאַרזיכערט סאשא וואלאַן, — איך גיב דרייסיק... ס'איז האַלב אומזיסט!"

— פערציק, האָט איבערגעשטיגן מאַקס דע לאם.

— פופציק.

די פרייליין מאַרין האָט געפונען פאַר נויטיק צו מאַכן אַ סוף אויב נישט מיט דער דאָזיקער ליציטאַציע איז מיטן צווידייטיקן שפיל און אַראָפנעמענדיק די רויז, וואָס סאשא וואלאן האָט איר געוואָלט אַ כאַפּ טאָן, האָט זי דערלאַנגט מערקן, וועלכער איז אין דעם מאָמענט אויסגעוואַקסן ווי פון דר'ערד.

באַשערט אַזוי מיינע הערן, איך פאַרקויף זי נישט, איך שענק זי אַוועק.

אין די גרויסע זאַלן, ווו דער עולם איז איצט געוואָרן אַ סך קלענער, האָט זיך דער באַזאַר אויפגעלייזט אין איינצלנע גרופן. דעם אָרט פון רעפובליקאַנישן גוואַרדיע-אָרקעסטער האָט פאַרנומען דער דזשאַס-באַנד פון טאָם פריק. צווישן די טישן האָבן זיך געדרייט פאָרלעך טאַנצנדיק פאָקס-טראָט און שימי. פון די בופעט-בודעס ווו מ'האָט זיך געפילט גאַנץ געמיטלעך — האָבן זיך געטראָגן די טענער פון לאַכן און שטיפן, די שטימונג איז

פּסדר געוואָרן אַ געהויבענע. נאָך דער שרעקלעכער דערשטיקעניש פון נאָכמיטאָג האָט זיך איצט געשאַפן אַן אויסגעווײלטע יום-טובדיקייט, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט בלויז די אויבערשטע פון שטויסל, די פּני פון דער געזעלשאַפט. די פינף ביז זעקס הונדערט פּאַרטרעטער פון די אויבערשטע צען טויזנט, וועלכע מ'איז געוואוינט געווען צו זעען אומעטום, זענען דאָ געווען די טאָן-געבער. מ'האָט זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים.

— אייער מוטער וועט שוין נישט קומען, האָט געזאָגט לוסיען, דער זייגער איז זעקס. אַ דרינגנדע אָנגעלעגנהייט, איך מוז אומבאַדינגט גיין.

אַ ראַנדע-ווו מיט קלעא, אין איר וואוינונג, אַ פּערטל אויף זיבן, לענגער האָט ער נישט געקאָנט בלייבן.

איז הייסט'ס היינט אין אָוונט!

זי האָט אַ זיפץ געטאָן. קומט נישט צו [illegible]!

— אום האַלב צען, ווי געוויינטלעך.

ער איז אַוועק באַגלייט פון אירע צערטלעכע בליקן.

אַז ער איז נעלם געוואָרן האָט זיך מאַניקע דערשפּירט שרעקלעך עלנט. וואָס האָט זי דאָ נאָך צו טאָן אויפן דאָזיקן מאַרק פון הבלים און זינד? דער לוקסוס און די טפּשות, וואָס האָבן דאָ פּאַראַדירט, סאַנקציאָנירט דורך דער רעגירונג.

— מ'האָט צונויפגערעכנט די הכנסות און יעדע קאָמיטעט-דאַמע האָט עס מיט אַ גרויסער פּאָמפּע געמאָלדן עפנטלעך בקול-רם — האָבן אַרויסגערופן עפּעס אַ מין ־טרויעריקייט אין איר האַרצן. דער באַגילטער עטיקעט מיט דער אויפשריפט „פּאַר פראַנקרייכס קריגס-פּאַרוווּנדעטע" האָט בשום אופן נישט געקאָנט אָפּשוואַכן דעם איינדרוק פון שרעקלעכן בילד, וואָס זי האָט געזען אין שפּיטאָל פון באָפּלער.

אַרבעטנדיק אַלס קראַנקע שוועסטער אין די שפּיטעלער האָט זי זיך אמת צוגעוויינט צו ליידן און יסורים, אָבער דאָך פלעגט איר

ארומכאַפּן אַ שרעק, אַז זי האָט זיך דערמאָנט אין יענע שירים פון מענטשלעכע קערפּערס, וואָס האָבן געשפּרונגען אויף קוליעס, זיך געריקט אויף וועגעלעך, אין יענע שרעקלעכע קאָפּ־און געזיכטס־וווּנדן — בקצור, אין אַלע יענע מענטשן־רויִנעס — וואָס זענען אַמאָל געווען די פאַרקערפּערונג פון אינטעליגענץ, האָפענונג, ליבע און האָבן איצט פאַרגעשטעלט מיט זיך פאָרמלאָזע, צוריסענע חורבות! די דאָזיקע פאַרברענטע פּנימער מיט די אויסגעלאָשענע אויגן און צוקרימטע מיילער — אַן אומדערטרעגלעכע ערינערונג!

די דאָזיקע בילדער האָבן איר פאַרפאָלגט מיט אַן אומבאַשרייבלעכער אימה. דער קריגס־פאַרברעכן איז אַ מכה טריה, אַן אָפענע ווּנד, וואָס דאָס גאָלד און מיטלייד פון דער גאַנצער וועלט איז נישט בכוח זי אָפּצווישן פון פאַרבלוטיקטן שטערן פון דער מענטשהייט...!

ס'האָט זיך דערהערט גינעטע מאַרענס הילכיקער געלעכטער. אין זעלבן מאָמענט האָט מאַניקע, דערזעען איר מוטער און איז צוגעלאָפן צו איר. מאַדאַם לערביער, איינגעוויקלט אין איר פעלץ־פעלערינע, האָט זיך באַוועגט ווי אַ פּאַווע.

— איך וויל אַ היים גיין!

— וואָס איז געשען?

— איך פיל זיך נישט גוט.

רחמנותדיק האָט פרוי לערביער באַמערקט:

— נישט קיין וווּנדער, אַזאַ שרעקליכע היץ... אָבער לאָז מיר נאָר מאַכן בלויז אַ קליינעם רונדגאַנג... וואַרט אויף מיר.

און אַזוי ווי זי גופא האָט אויך קוים געאָטעמט פון היץ, האָט זי אויפגעשפילעט דעם סאָבאָל־פעלץ און אויפן פליישיקן האַלדז האָט געבלאַנקט די פּערל־קאָליע.

— ס'איז פשוט אַ נבלה, האָט געזאָגט פרוי לערביער. אַראָפּ־גייענדיק פון די ברייטע טרעפּ. דיין טאַטע האָט ווידער צוגענומען דעם אויטאָ... אַז ער לוסיען, האָט קיין צייט נישט געהאַט קומען אונז אָפּנעמען, האָט ער דאָך לכל הפחות געקאָנט שיקן זיין קאַרעטע.

— ס'איז נישט אַזוי שרעקליך, מיר קאָנען דאָך פאָרן מיט אַ טאַקסי.

— ס'עקלט מיך פון דעם געדאַנק אין אַ געדונגענעם טאַקסי. זיי זענען שרעקלעך שמוציק, פשוט לעבנסגעפערלעך...

— אויב אַזוי וועלן מיר גיין צו פוס.

מאַניקע האָט אָנגעהויבן לאַכן. די מוטער האָט אויף א־קרום אַ קוק געטאָן.

— אויב דיר געפעלן נישט די טאַקסיס, מוטער, גייט דאָך אויף יענער זייט בריק דער טראַמוויי.

— אַ געניאַלער איינפאַל!

מאַניקע האָט זייער גוט געוווסט מיט וואָס פאַר אַ פאַראַכטונג איר מאַמע באַציט זיך בכלל צו אַלע דעמאָקראַטישע טראַנספּאָרט־מיטלען: דאָס געמישטע פובליקום... די לאַנגזאַמקייט... דער שלעכטער גערוך, און קיינמאָל קומסטו נישט צום אָנגעמערקטן ציל. זי האָט אַ ציי געטאָן מיט די אַקסלען.

— דו וועסט דאָך אָבער צוגעבן, אַז אַ גוטע לימוזינע...

— געוויס — הונדערט טויזנט פראַנק רענטע איז מער ווערט ווי פופציק טויזנט — פופציק מער ווי פינף און צוואַנציק א. אַ. וו. אָבער וואָס אָנבאַלאַנגט דעם אויטאָ... וואָלט איך זיך נישט פאַרטראַכט און חתונה געהאַט מיט לוסיען ווען ער זאָל אַפילו קיין אויטאָ נישט האָבן.

— פרוי לערביער האָט זיך געוויצלט.

— מיטן געליבטן איז אין געצעלט אַ גן־עדן... דו ביסט אַן אידעאַליסטין און יונג. איך וואָלט דיך וועלן זען ווען דו וועסט האָבן אַ טאָכטער חתונה צו מאַכן.

זי האָט נעבעך געקרעכצט.

— רוף אים צו, רוף אים. הע, שאָפער...!

מיט פאַראַכטונג, נישט ענטפערנדיק קיין וואָרט איז זיך פאַרבייגעפאָרן אַ מענטש אָנגעטאָן אין לעדער־מלבושים

— גראָבער יונג !... באָלשעוויק !

זי האָט געוואָלט איבערצייגן איר טאָכטער.

— אָט קוק זיך איין, וווהין ס'פירט דיין סאָציאַליזם.

פאַרצווייפלט האָט זי געקוקט אויפן ליידיקן שטראַנד, ווו ס'האָט גערוישט אַ לייכטער ווינט, און אָט האָט זיך פלוצלינג נעבן זיי ביים טראָטואַר אָפּגעשטעלט אַ פראַכטפולע קאַרעטע, און מישעל זשאַקעט האָט זיך געווענדט צו זיי מיט די פריינדלעכע ווערטער :

— ליבע מאַדאַם לערביער, ערלויבט מיר אייך אָפּצופירן אַ היים.

— וואָס, איר זענט אַליין ?

— פרוי בערדינאַט, וואָס מיין מוטער האָט מיך איבערגע־געבן אונטער איר אויפזיכט, האָט זיך געלאָזן אַוועקפירן דורן לעאָנען.

פרוי לערביער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט אַרויסגעוואָרפן : „נאַטירלעך” !

— אַ, האָט געזאָגט מישעל — דאָס גייט נישט
לעאָ האָט געוואָרפן אַן אויג אויף גינעטן.

כדי אים צו באַשטראָפן מוז מען גלייך געפינען אַ שטעלי־פאַרטרעטער... נישט אמת, מאַניקע ?

— איך האָב קיין זאַך נישט געזען.

— פאַר איר עקזיסטירט נאָר לוסיען...

מיך שטערט מיין חתן לגמרי גאָרנישט, אַז איך וויל זיך אָפּגעבן מיט עפּעס אַנדערש. דער טיטל פון מאַרקיז ד׳ אַנדרעג פאַרבלענדט נאָר מיין מאַמען. פאַר מיין נדן האָט זי געקאָנט קריגן אַפילו אַן הערצאָג.

פרוי לערביער האָט זיך געקאָכט.

— אָ, מישעל, ווען אייער אויסגעצייכנטע מוטער זאָל דאָס הערן. וואָס איר רעדט וועגן איר און איר צוקונפטיקן איידעם... ס׳וואָלט איר געקלונגען אין די אויערן. היינטיקע יונגע מיידלעך רעספּעקטירן לגמרי קיינעם נישט. אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס איז אייך געשען, וואָס מיר האָבן היינט נישט געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו זען אייער מוטער.

ס׳איז איר דאָנערשטאָג!

מישעל פלעגט אַנטלויפן פון די דאָזיקע פייערלעכע זשור-פיקסן ווי פון פייער, איר זענען געווען איבערדריסיק די דאָזיקע אַלע ראַנדע-ווּוּען פון אַלטע און יונגע מענער, וואָס פלעגן זיך צונויפקומען כדי זיך צו אַפּישירן מיט זייערע גרויסע מעלות אָדער, אין ערגערן פאַל פשוט צו שנאָרערן...

די פרויען האָבן דאָרט דעמאָנסטרירט זייער לומדות... ס׳פלעגן אויך קומען פאַרשידענע טיפּן פון בלויע זאָקן, דאָס אַזוי גערופענע „דריטע געשלעכט״. פרוי זשאַקעט, די אויטאָרן פון אַ ביכל אַפאָריזמען, איז געווען אַ מיטגליד אין דער זשאַרזש-זאַנד געזעל-שאַפט (15000 פראַנק — די ליטעראַטור-פּרעמיע).

פרוי לערביער האָט ווידערהאָלט און שטאַרק באַטאָנט: יע, איך דערמאַן זיך — איר דאָנערשטיק.

אויף וויפל זי האָט — צוגיסנדיק זיך אין העפלעכקייט — נישט איבערגעטראָגן דער פרוי בערדינאַט אויף אַזוי פיל האָט זי ממש פאַרגעטערט דער שטיין-רייכער מאַדאַם זשאַקעט. פריער איז זי געווען אַ טענצערין, וואָס דורך אירע באַזוכן אין די ראַנדע-ווו-הייזער האָט זי ערוואָרבן איר באַרימטע פּערל-קאָליע און איר

האָטעל אין דער אַוועני דע קאַאָ און סוף־כל־סוף געכאַפּט אַ באַטשאַפטער פאַר אַ מאַן. ער איז אין דער צייט פון קריג געשטאָרבן. און זי כאַפּנדיק נאָך אים אַ גרויסע ירושה, האָט מיט ווירדע געטראָגן דעם האַלב־טרויער נאָך מישעס אָפיציעלן טאַטן. דורך איר „זאַלאָן" ווו ס'האָבן גלייכצייטיק פאַרקערט דער פּויפסטלעכער נונציוס און דער סענאַט־פּרעזידענט, איז כסדר געוואַקסן איר מאַכט. זי האָט דיפּלאָמירט אַקאַדעמיע־מיטגלידער און געשטירצט מיניסטאָרן.

בעת מישעל האָט געהאַלטן אין איין באַרעדן איר גאַנצן בינטעל פרייַנט און באַקאַנטע, איז מאַניקע געזעסן, פאַרזונקען אין אירע פאַנטאַזיעס, און האָט כמעט נישט רעאַגירט אויף אירע רכילות־מעשיות. פרוי לערביער אָבער האָט זיך געפילט זייער געמיטלעך. אין דער דאָזיקער אויסגעצייכנטער קאַרעטע איז ממש אַ חיות זיך אויסצורוען פון די אַלע אָנשטרענגנדיקע נאָכמיטאָג־ראַנדעוווען... די אויסשטעלונג פון די ענגלישע בילדער — צוליב דער אומגעהויערער מענטשן־מאַסע האָט מען לחלוטין קיין זאַך נישט געזען — שפּעטער דער נייער טאַנץ־טיי אין דער דוינוי־גאַס — קיין איין פרייער טישל...! און פון פינף ביז זעקס דער פינאַל פון טאָג, ראָגערס זאַפּע...

אַ ציטער האָט איר אַדורכגענומען פון קאָפּ ביז פיס. פּודות־פול האָט זי געשמייכלט אין קליינעם שפּיגעלע אַריין פון איר נעסעסער, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט איר געזיכט. די אַרטיסטיש־פאַרשמירטע קנייטשן, דער געשיקטער מאַסאַזש האָבן בלויז געלאָזן ווינציקע שפּורן פון די קושן וואָס זי האָט נאָר וואָס בעקומען...

פאַרנומען אויסשליסלעך נאָר מיט זיך אַליין האָט פרוי לערביער צו פופציק יאָר געהאַט בלויז איין ציל: אויסצוזען ווי פון דרייסיק. מיט דער ווירטשאַפט האָט זי זיך קנאַפּ וואָס באַשעפטיקט, דער עיקר זי זאָל האָבן יעדן מאָנאַט גענוג געלט אויף דער הוצאה. וואָס איר מאַן טוט און וואָס ער טראַכט האָט איר אַזוי געהאַרט, ווי איר

אין אָנגעגאַנגען וואָס ס'לעבט איבער איר יונגע טאָכטער, נישט געקוקט אָדער אפשר טאָקע צוליב איר שמייכלענדיקן עגאָאיזם. האָט זי אומעטום געשמט אַלס שיינע און גוטע פרוי לערביער, אַדאַנק איר קונסט אָפּצוגנארן, אַז זי לעבט כלומרשט נאָר פאַר אַנדערע און אויך צוליב איר געשיקטער האַלטונג האָט מען וועגן איר קיין שלעכטס נישט גערעדט:

— אויף ווידערזעען, קליינע, ביז מאָרגן! האָט געזאָגט מישעל זיך צוקושנדיק מיט מאַניקען. היינט אין אָוונט גייט איר דאָך אין טעאַטער...? און אויף ווידערזעען, גנעדיקע פרוי.

— גריסט הערצלעך אין מיין נאָמען אייער מוטער.

— זי וועט זיין צופרידן, וואָס מיר זענען צוזאַמען אַהיים געפאָרן.

זי איז פון אייך אנטציקט.

אין אַ פּאָזע פון אַ אומצוטריטלעכער מאַיעסטעט איז פרוי לערביער פאַרבייגעגאַנגען פאַרן גאלאנירטן פּאַרטיער, וואָס האָט זיך פאַר איר געבויגן און דרייען. דעם יראת-הכבוד, וואָס מ'האָט אַרויסגעוויזן איר געזעלשאַפטלעכער שטעלונג זענען איר געווען אַזוי נויטיק ווי לופט מיט וועלכער זי האָט געאָטעמט. זי האָט פאַר קיין פאַל נישט באגריפן, אַז ס'קאָן זיין אן אַנדער אַטמאָספערע ווי יענע פון די קאָנווענציאָנעלע פאראורטיילן פאַר וועלכע און פון וועלכע זי האָט געלעבט.

די ווינדע האָט זיך אָפּגעשטעלט. אין זעלבן מאָמענט האָט זיך געעפנט די קאָרידאָר-טיר. די מומע סילוועסטרע איז נאָר וואָס געקומען אַ היים און צוליב איר פּאָרזיכטיקייט האָט זי זיך באַגוצט מיט די טרעפּ. זי האָט זיי געהערט קומען.

— דו זעסט האָט זיך פרוי לערביער געוויצלט, דערזעענדיק איר שוועסטער, מיר זענען נישט געשטאָרבן.

די אַלטע פריילין האָט פון איר דאָרפישער איינזאַמקייט מיטגעבראַכט אַהער די מורא פאַר צוויי זאַכן:

פאַר די דאָזיקע שטייגלעך, וואָס שוועבן אַרויף און אַראָפּ פאָלגנדיק דעם דרוק פון אַ שפּרינגפעדער און פאַר די פלעצער אין גאַסן וואָס מ׳מוז אַדורכגיין אונטערן געריוש פון די אויטאָס.

— אייער פּאַריז, האָט זי ערקלערט איז אַ משוגעים-הויז. פאַלנדיק מאָניקען אויפן האַלדז, האָט זי איר געדריקט די הענט. מאָניקע האָט געפרעגט:

— האָסטו זיך לכל הפּחות גוט געווײַלט אין דער פראַנצויזישער קאָמעדיע?

— דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס ס׳פעלט אין היער. דעמאָלט וואָלט דאָרט זײַן אַן אמת׳ער גן-עדן. אפשר נישט, מאַניקע?

— איך בין אינגאַנצן מסכּים מיט דײַן מיינונג.

און ווידער אַמאָל קושט מאָניקע דאָס אַלטע פּאַרמעט-געזיכט. זי האָט זיך געשפּירט מער אַלס קינד פון דער דאָזיקער זעלטענער פרוי ווי פון אירע עלטערן. יער! יע... ! די פרידלעכע האַרמאָנישע פאַרגאַנגענהייט איז אײַנגעוואָרצלט אין איר דאנקבאַרן זכּרון.

איר צימער, די קלאַס, ברייט פונאַנדערגעעפנט קעגן הימלבלוי... דער גאָרטן און דער הויכער פעלד-באַרג! דער בעלוועדער, פון וואַנען זי האָט געגלויבט צו זעען די גאַנצע וועלט...!

— ס׳איז דאָ פאַר דיר בריוו, קליינע, האָט געזאָגט די מומע סילוועסטרע.

מאָניקע האָט אַ נעם געטאָן די בריוו פון טישל, אַ גאַנצן פּאַק בריוו און האָט זיי כּלאחר יד דורכגעקוקט.

— קנאַפּ וואָס אינטערעסאַנט — לויטער פּראָספּעקטן.

זי האָט הנאה געהאַט פון די צושריפטן, ווו אָנשטאט איר מיידל-נאָמען האָט שוין פיגורירט דער טיטל „פרוי ווינערעט". אָפּערטן מכּל-המינים, אָנהויבנדיק מיט וויזיט-קאַרטן פון אויס-קונפטס-אַגענטן (דיסקרעציע און פּינקטלעכקייט) ביז גליק-ווונטשן פון מאַרק-יידענעס און רעקלאַמעס פאַר ביוסטנהאַלטערס.

— זאָג מיר מומע, האַלטסטו די דאָזיקע אָפּערטן פאַר

אַנשטענדיק? לויט מיין מיינונג דאַרף מען אַ יינג פּאָר לאָזן לגמרי צורו; די דאָזיקע צערעמאָניע גייט דאך אָן נאָר זיי אַליין. קום וועלן מיר אַביסל שמועסן בעת איך וועל זיך איבערטאָן. איך פיל א באַדערפעניש זיך ווידער אָפנהאַרציק דורכצורעדן אויסגיסן פאר דיר מיין גאַנץ האַרץ... !

זי האָט אָנגעטאָן אַן אָוונט-קלייד – איינע פון יענע ברייטע טוניקעס, וואָס לייגן זיך פון זיך איין אין ווייכע פאלדן אַרום קערפּער.

איך האָב זייער ליב די דאָזיקע פאַסאָן קליידער, האָט זי געזאָגט, מ׳שפּירט זיך אין זיי אַזוי גוט; דו האָסט דעם איינדרוק, אַז דו ביסט נאַקעט„ און דאָך איז דאָס קלייד אַזוי צניעותדיק, ווי אַ גריכישע טאָגע. דו געדענקסט די אַרכייאישע דיאנא אין מוזעאום פון מאַרסייל?

– מיט דער סטאַלע*), וואָס דערגרייכט ביז די פיס?

יאָ!

מיט אַמאָל כאַפּט מאָניקע אַרום דער איבעראַשטער מומע און הויבט אָן זינגען פּראָוויזירנדיק אַ טאַנץ:

מיר גייען קיינמאָל נישט אין וואַלד,
דער לאָרבער איז געשניטן,
די שיינע וועט אים באַלד
צום זאַמלען זיך אויסביטן.
קומט, אָ קומט און טאַנצט.
קוקט נאָר, ווי מ׳טאַנצט
קושט דאָס מיידל און שפּרינגט,
ווען׳ס איך נאָר געלינגט.

זי צעלאַכט זיך שטאַרק און קושט דער גוטער זקנה, – וואָס נעמט אַלץ אָן פאַר ליב מיט אַ זיסן שמייכל – דאָ אין שפּיץ נאָז דאָ אין מאָרדע...

---

*) אַ לאַנגער אויבער-מלבוש, וואָס דיא אלטע רוימער . טראָגן אויף דער טוניקע.

— אוף ! בלאָזט זיך די מומע סילוועסטרע און זעצט זיך אַנידער.

מאָניקע ברענגט אין אָרדנונג אירע האָר. די אָרעמס, פון וועלכע ס'האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט די ברייטע אַרבל, אויפגעהויבן אין דער הויך, און ס'האָבן זיך געזעען די אַקסל-גריבלעך, מאַכט זי מיט איר ייִנגן קערפּער און דער הויכער ברוסט דעם איינדרוק פון אַ זיג-סטאַטוע.

— האָסטו באַמערקט אַז צווישן די דרוק-זאַכן געפינט זיך אויך אבריוו ? האָט געפרעגט די מומע סילוועסטרע.

— ווייז נאָר אַהער !

דער פאַרפלעקטער קאָנווערט, דאָס פּשוטע פּאַפּיר, דער צודרייטער כתב — אַלץ האָט געשמעקט מיט אַ פּאַסקוויל...

מיט אַ ווידערווילן האָט אים מאניקע געעפנט.

— נו וואָס ? האָט אויסגערופן די מומע סילוועסטרע, דער־זעענדיק מאָניקעס ערשטוינט פּנים, וואָס איז רויט געוואָרן פון אויפרעגונג.

— לייען אַליין !

איך האָב נישט מיינע ברילן. לייען דו, איך וועל הערן.

מיט אַ שטים, וואָס האָט געציטערט פון פאַראַכטונג, קוים באַהערשנדיק איר אומרויקייט האָט מאָניקע נאָך אַמאָל געלייענט :

זייער געערטע פריילין !

ס'איז טרויעריק, וואָס מ'נאַרט אָפּ אַזאַ ייִנג מיידל, ווי איר זענט. דער מאַן מיט וועלכן איר גייט איצט חתונה האָבן האָט אייך ווייניק ליב, ער וויל נאָר מאַכן אַ געשעפט... איר זענט נישט די ערשטע. ער האָט שוין אַ סך אַנדערע אויסן געווען ! אויב איר גלויבט נישט מיר, קאָנט איר זיך דערקינדיקן ביי פרוי ליורא, אויף דער וואָזשיראַר גאַס 192. דאָס איז די מוטער פון דער, וואָס ער האָט פאַרפירט און געלאָזן זיצן נאָכדעם, ווי זי האָט אים געבוירן אַ קליין טעכטערל... איצט האָט ער נאָך

אַ געליבטע, זי הייסט קלעאָ ער באַזוכט איר טעגלעך. זי ווייסט נאָך לעת עתה פון גאָרנישט, און זיי ליבן זיך, ווי די טורקעל-טויבן. איך האָב געהאַלטן, אַז איך דאַרף אייך, געערטע פריילין, מכח דעם מודיע זיין.

אַ פרוי. וואָס באַדויערט אייך.

מיט אַן העפטיקן זשעסט האָט מאָניקע צעריסן דעם בריוו אויף פיץ-פיצלעך.

– אין פייער אַריין! מער איז עס נישט ווערט!

– וואָס פאַר אַ שלעכטע מענטשן ס'זענען פאַראַן, האָט געמורמלט די מומע סילוועסטרע. וואָס די נידערטרעכטיקייט קאָן אַלץ אויסקלערן!

און דאָך האָט זי געטראַכט, לוינט אפשר מיטן דאָזיקן ענין זיך צו פאַראינטערעסירן. איבערהויפּט האָט איר באַאומרויקט דער פאַקט, וואָס אין בריוו איז געווען גאַנץ גענוי אָנגעגבן די דאַטעס, די נעמען אויף די אַדרעסן. זי האָט זיך פאָרגענומען די זאַך אויסצופאָרשן, אַז מאָניקע זאָל דערפון גאָרנישט וויסן. יענע אָבער, ווי זי וואָלט געלייענט די מומעס געדאַנקען, האָט נישט מסכים געווען.

– ניין, ניין, מיר קאָנען נישט אָנטאָן לוסיענען אַזאַ חרפה, מיר זאָלן אים אין אַזאַ זאַך חושד זיין. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אין זיין גאַנץ בחורישן לעבן האָט ער נישט געהאַט קיין שום ערנסטע... האַלטן אים בלויז איין אויגנבליק פעיק אויף אַזאַ געמיינהייט, הייסט זיך אַליין דערנידעריקן... און וואָס אָנבעלאַנגט קלעאָן...

זי האָט געשמייכלט. צו דעם האָט איר דער טאַטע נישט דערציילט, אַז דאָס איז אַן אַלטע מעשה, אַן אַפּערע, וואָס איז נאָך פאַר אירע תנאים ערליידיקט געוואָרן...

ביי מיטאָג איז מען געווען זייער לוסטיק. די מומע סיל-וועסטרע האָט זיך כסדר געוויצלט און מאָניקע איז עפעס געוואָרן

אין אַ מין משוגע — פרייִלעכער שטימונג, אַזוי, אַז די פרוי לערביער האָט ממש באַוווּנדערט די דאָזיקע אומגעלופּערטע לוסטיקייט. די נערוועזקייט פון איר טאָכטער האָט איר דעם אָוונט אויסגעזען אַ סך שטאַרקער, ווי שטענדיק.

— מאָניקע, האָט געוואָרנט פרוי לערביער, אָנווייזנדיק אויפן שטוב-מיידל, וואָס איז געשטאַנען הינטער אירע פּלייצעס און האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון לאַכן. די כּלים אויפן טאַץ האָבן זיך געטרייסלט פון איר געלעכטער.

מאָניקע האָט זיך שוין אָבער נישט געקאָנט באַהערשן.

דו ווייסט, פּאָטער, וואָס פאַר אַ נאָמען פּאָנעטע האָט געגעבן לעאָנען, דער זאַלאָן-צוהאַלטער!

הער לערביער האָט אַ הויב געטאָן זיין קליינעם שטרויסקאָפּ.

— ס׳קאָן נישט זיין!

— מישעל האָט עס אַליין געהערט.

די מומע סילוועסטרע האָט זיך געפרעגט, ווער איז אַזוינס פּאָנעטע.

— די פרוי באַרדינאַט.

— און פאַרוואָס הייסט זי פּאָנעטע?

— דאָס איז איבערגעדרייט פון פּוילעטע...

— פּאָנעטע אָדער אַ קליינער פּאָני, ווייל ס׳איז לייכט אויף איר אַרויפצושטייגן.

פרוי לערביער האָט געהאַלטן פאַר אומבאַדינגט נויטיק, צוליב דער דינערשאַפט, פאַרן דאָזיקן באַוור מכּלומרשט בייז צו ווערן.

— דו האַלטסט זיך היינט פּשוט שרעקלעך.

— אין דעם ביסטו שולדיק, מומע, דו האָסט מיך געלערנט צו זאָגן שטענדיק דעם אמת.

— אַנטשולדיק, דיין מאַמע איז גערעכט!

אַפילו דעם אמת קאָן מען זאָגן אין דער פיינסטער פאָרם.

– פרוי לערביער האָט באַטאָנט :

– דוקא דעם אמת. וואָס הייסט אייגנטלעך אמת ?

– אמת איז דאָס, וואָס איך האַלט פאַר אמת, האָט געזאָגט מאַניקע קורץ און שאַרף.

– זי האָט אַלזאָ דעם מאָנאָפּאָל אויף זאָגן דעם אמת.: וואָס זאָגסטו דערצו פרייל שכל-מייסטערין ?

– ס'איז גיכער אַן ערקלערונג, ווי אַן אַנטשולדיקונג, האָט מאַניקע צוגעגעבן.

די גאַנצע סביבה עקלט מיר.

צום גליק איז לוסיען אַזוי ענלעך אויף די דאָזיקע פּאַיאַצן, ווי איך אויף יענע ליאַלקעס.

זי האָט געזוכט מיט אירע בליקן דער מומעס הסכם.

– דו מוזט אָבער מודה זיין, האָט געזאָגט פרוי לערביער, וועלכע האָט געוואָלט האָבן דאָס לעצטע וואָרט, אַז מיט דיין אַרט רעדן און האַנדלען וועסטו סוף-כל-סוף גילטן פאַר משוגע. דו ביסט אַ טעות פון דער נאַטור, האָסט געדאַרפט געבוירן ווערן אַ ייִנגל ! קוק זיך צו צו דיינע חברטעס ! אמתע יינגע דאַמען, קודם-כל מישעל !

מאַניקע האָט אַ שטעל געטאָן איר גלאָז. זי האָט זיך שיער נישט דערוואָרגן, אויסנוצנדיק די אָנוועזנהייט פון שטוב-מיידל האָט זי געזאָגט :

– זייערע מענער וועלן נישט זיין ביי זיי די ערשטע !

פרוי לערביער איז געוואָרן אַ צעקאָכטע. זי האָט נישט געוואָלט, אַז מאַניקע זאָל זיין אַן אומשולדיקע גאַנץ, אָבער דאָך האָט זי ביז צו דער חתונה נישט געדאַרפט וויסן פון אַזעלכע זאַכן, וואָס די מאַמע דאַרף עס בעסער פיר אויגן דער טאָכטער אויפקלערן...

אָבער אויפן יסוד פון וויסנשאַפטלעכער ערציונג האָט מאַניקע לגמרי פאַרלוירן די בושה, זי האָט זיך נישט געשעמט אָנצורופן

מיט זייערע ריכטיקע נעמען די פֿאַרבאָרגנסטע, אינטימסטע אָרגאַנען פֿון קערפּער...

ניין... זאָל זיך די מומע סילוועסטרע זאָגן, וואָס זי וויל, אָבער בנוגע געוויסע קאַפּיטלען פֿון דער נאַטור-געשיכטע דאַרפֿן זיך די ייִנגע מיידלעך באַנוגענען בלויז מיט דער באָטאַניק. וואָס אָנבאַלאַנגט די אַנאַטאָמישע באַצייכנונגען, האָט פֿרוי לערביער כּדי אויסצומיידן די דראָענדיקע סכּנה שטאַרק געהאַלטן פֿון צניעות, פֿון שלאָפֿענדיקן שאָטן. זי האָט עס גערופֿן „די שעמעוודיקייט פֿון מיסטעריום". און בעת זי פֿלעגט אַרויסרעדן דאָס דאָזיקע גרויסע וואָרט, האָט זי דערמיט געזאָגט אַלץ.

– דו מאַכסט מיר קרענקונג, האָט זי געמורמלט.

– דו מוזט זיך שוין דערצו צוגעוואוינען, מוטער.

פֿון קריג אָן זענען מיר אַלע מער אָדער ווייניקער געווען „בחורטעס". הער לערביער האָט זיך לגמרי נישט אַריינגעמישט. דאָס סעקסועלע און סענטימענטאַלע פּראָבלעם פֿון דער פֿאַמיליע האָט ער פֿון זיין זייט געלעזט דערמיט, וואָס ער איז זיך געגאַנגען זיין אייגענעם וועג. אויסערדעם האָט ביים ערפֿינדער אין דעם מאָמענט דער געדאַנק געאַרבעט בלויז אין איין ריכטונג: כּדי אויסצומיידן דעם זיכערן באַנקראָט איז דער איינציקער וועג, וואָס גיכער אייצואָרדנען מאָניקעס חתונה. סוף כּל סוף מוז ער דאָך מודיע זיין דער טאָכטער מכּחן אָפּמאַך פֿון וועלכן זי איז געווען דער אייגנטלעכער אָביעקט. ווי וועט זי אָבער אויף דעם רעאַגירן? מיטן צוגעזאָגטן נדן האָט זי געקלערט צו דעקן איר טייל פֿון דער הוצאה. אירע פּערזענלעכע אויסגאַבן און איינקויפֿן ווירטשאַפֿט. דער געדאַנק וועגן נדן האָט לערביערן געעגבערט אין מח... אַז מ'איז אָבער אַריין אין זאַל און ער האָט דערהערט פֿון זיין פֿרוי מכּח דשזאן אואמט'ס מילדקייט, איז אים ממש ליכטיק געוואָרן אין די אויגן... ער האָט געבעטן מ'זאָל אים איבערגעבן די פּרטים.

אויסגעצייכנט, האָט ער געזאָגט, איך שרייב גלייך דעם דאָזיקן מעצענאַס און וועל אים איינלאַדן ער זאָל קומען באַזוכן די ווערקשטאַטן. איבעריגנס קאָן מען אים אפשר גלייך דעמזעלבן טאָג אויך איינלאַדן צום פרישטיק.

זיין סוחרשע פאַנטאַזיע האָט אים שוין געשילדערט גאָלדענע פערספּעקטיוון. צי דען וועט ער נישט אַרויסקריגן ביי ווינ־יערעטן אַ גרעסערע סומע אויב ער וועט אים אַוועקשטעלן אומעטן אַלעס קאָנקורענט? און איפכא מסתברא — אפשר טאַקע פאַרקערט אויך... ס'איז אויך נישט אויסגעשלאָסן די מיטאַרבעט פון נאנסאן און פלאָמבינא... ער האָט זיך געריבן די הענט. ער האָט אָבער לגמרי פאַרגעסן, אַז מיטן אָנגעהויבענעם שפּיל שטעלט ער אין קאָן מאָניקעס ליבע. אָבער דאָס האָט אים ווייניק געאַרט. קוים האָט זיך געהאַנדלט מכּוח מסחר איז ער געווען אַן אַכזר.

— דעם צווייטן מיטוואָך. וואָס זאָגסטו דערצו מיין טייערע? מ'קאָן אויך איינלאַדן פלאָמבינען און נאַנסאָן אין דעם מינסטער פון לאַנד־ווירטשאַפט...

מאָניקע האָט אויסגעשריגן:

— און לוסיען? וואָס וועט זיין מיט אים? ס'האַנדלט זיך דאָך מכּוח דיין ערפינדונג, פאַרשטייט זיך, אַז אים אויך.

אויסנוצנדיק די געלעגנהייט, וואָס דער פאָטער האָט פאַררויכערט אַ ציגאַר און די דאַמען האָבן זיך געזעצט ביי אַ טישל שפּילן „בעזעק" האָט מאָניקע דאָך געוואָלט באַרירן דעם ענין וואָס האָט איר, קעגן איר ווילן, נישט געלאָזן רויק.

— יאָ, מכּוח לוסיען..! דו ווייסט פאָטער, אַז איך האָב היינט אין אָוונט באַקומען עפּעס אַ משונהדיקן בריוו... אַן אַנאָנימען בריוו...

פרוי לערביער האָט זיך אויסגעדרייט.

— דאָס איז אינטערעסאַנט. און וואָס דערציילט מען דיר.

מאַניקע האָט בקצור איבערגעגבן דעם אינהאַלט פון בריוו נישט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון פּאָטער. בעת זי האָט גערעדט האָט איר עפּעס ווי געשטיקט אין האַלדז.

הער לערביער האָט אויפגעהויבן ביידע הענט אין דער הויך און האָט נישט געענטפערט קיין וואָרט.

— אויב די דאָזיקע באַשולדיגונג איז ריכטיק, פּאָטער, אויב ס׳איז באמת פאַראַן אין גאַס דע קאַזשיראַרד אַ פרוי לוירא?

גאַנץ אויפריכטיק האָט ער דערקלערט:

— שטעל דיר פאָר, אַז איך האָב דערפון געוווּסט. מ׳גיט נישט אָפּ קיין טאָכטער, מ׳זאָל זיך נישט ערקונדיקן פריער, וואָס און ווער מען...

זי האָט פריירער אָפּגעעטעמט.

— אין דעם בין איך געווען זיכער. ס׳איז די זעלבע געשיכטע ווי מיט יענער קלעאָ, נישט אמת?

דאָ איז דעם הער לערביער געוואָרן אַביסל קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. ער האָט געשפּירט, אַז דער באָדן וואַקלט זיך אונטער זיינע פיס. ער האָט קאָמבינירט:

— דו דאַרפסט פאַרשטיין, אַז אַ יונגערמאַן פון פינף און דרייסיק יאָר האָט נישט געלעבט ווי קיין נזיר, איז קיין פּרוש נישט געווען... איך וועל דיר אויך נישט זאָגן, אַז דיין חתן האָט נישט ווי אַלע אַנדערע מענער איבערגעלעבט קיין קליינע צייט-ווייליקע ראָמאַנען... וואָס האָבן לגמרי קיין שום באַדייטונג נישט. אַלע די דאָזיקע מעשיות ענדיקן זיך אָבער צוזאַמען מיטן בחורישן לעבן, גיין נאָך דער חתונה איבער צו געשיכטע.

— נאָך אַ זאַך קוועלט מיך זייער. אין בריוו זאָגט זיך, אַז לוסיען מאַכט פון זיין חתונה האָבן אַ געשעפט... וואָס פאַר אַ געשעפט מאַכט ער דאָ?

הער לערביער האָט זיך געקראַצט אין קאָפּ. דער פיינלעכער אויגנבליק איז געקומען...

אַ געשעפט? דאָס נישט... איך קאָן דיר אויסדריקלעך פאַר־זיכערן, אַז אויף דעם פּונקט האָט לוסיען דווקא אַרויסגעוויזן די גרעסטע פיינקייט ווי אַן אמתער דזשענטעלמאַן.

הער צו, מיין קינד, אין איין זאַך מוז איך זיך פאַר דיר מודה זיין! און איך האָב טאַקע געהאַט בדעה די טעג, נאָכדעם ווי מיר זענען שוין אַלע דורכגעקומען פאַרן אונטערשרייבן דיין קאָנטראַקט, מיט דיר זיך צופאַרשטענדיקן... און אָט גיסטו מיר טאַקע איצט די געלעגנהייט דערצו... בקיצור. דו ווייסט, אַז לוסיען מוז איצט ווערן נישט בלויז מיין איידעם, נאָר אויך מיין שותף. פון דער צווייטער זייט אָבער קענסטו דעם ווערט פון מיין ערפינדונג. איך רעדט נישט וועגן דעם, וואָס איך האָב דערדאָזיקער זאַך מקריב געווען מיין לעבן. איך רעד אויך נישט מכוח די אומגעהויערע אָנשטרענגונגען, וואָס ס'פאָדערט דער גאַנצער ענין בכלל... אָנשטרענגונגען און ליידער אויך קרבנות...! איך האָב געמוזט, כדי צו דערגרייכן מיין ציל, אויסגעבן זייער גרויסע סומען געלט און אינוועסטירן דערין די גרעסטע העלפט פון מיין קאַפּיטאַל. און ווען איך זאָל איצט מוזן אַרויסנעמען פון געשעפט דיין נדן וואָלט עס מיר ביי מיין בעסטן ווילן געווען ממש אוממעגלעך.

— אָ, פאָטער, פאַרוואָס האָסטו עס מיר נישט געזאָגט?

— ס'וואָלט מיר צו פיל געקרענקט דיר דאָס צו זאָגן. — אַזוי ווי דיין חתן איז אָבער געווי באַקאַנט מיט מיין גאַנצן מצב, האָט ער מיר פּריוויליק פאָרגעשלאָגן — נישט געקוקט אויפן שטאַרקן פינאַנציעלן קריזיס, וואָס מיר מאַכן איצט בכלל דורך — אַז ער זאָגט זיך אָפּ צו פאָדערן איצט במזומנים די פינף הונדערט טויזנט פראַנק... פאַרשטייט זיך, מיט דיין הסכם.

— געוויס, פאָטער!

— און פון זיין זייט שטעלט ער צו מיין דיספּאָזיציע דּי גלייכע סומע געלט.

מאָניקע האָט אַ קוש געטאָן איר פּאָטער.

— דאָס איז זייער אָנשטענדיק... פאַרוואָס האָט מיר לוסיען וועגן דעם גאָרנישט געזאָגט?

— ער האָט פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל עס אַליין טאָן. דו פאַרשטייסט: דאָס האָט מיך אַרויסגעראַטעוועט און איצט קאָנען מיר אָננעמען די פאָרשלאַגן פון אואַמט, פלאָמבינא און נאנסאָן... דיין נדן איז געזיכערט. דו האָסט מיר בלויז געגעבן אַ גמילות־חסד אָבער נישט קיין חסד של אמת! איך זע פאָרויס אַ גלענצנדע צוקונפט! און אָט נאָך וואָס, קליינע: נאָכדעם ווי לוסיען האָט זיך אַנטשלאָסן דיר צו נעמען ווי דו שטייסט און גייסט, אָן אַ גראָשן געלט, האַנדעלט ער אַזוי ווי — דערין בין איך פעסט איבערצייגט — ווי דו וואָלסט אין דעם פאַל געהאַנדלט. אין בנוגע מיר באַגייט ער זיך ווי אַ געטרייער זון... וואָס אָנבעלאַנגט דיר, האָט קיין פּרוי נישט קיין גרעסערע רעכט צו זאָגן, אַז מ'האָט איר גענומען בלויז אויס ליבע ווי דו קאָנסט עס פאַר דער גאַנצער וועלט באַהויפּטן.

נאָכדעם, ווי מאָניקע האָט זיך אַ ביסל באַרויקט האָט זי אָנגעהויבן זיך אַריינצוטראַכטן אין דעם גאַנצן ענין. איר מאַטעריעלע אומאָפּהענגיקייט איז לגמרי פּאַראַליזירט דורך לוסיענס אָפּמאַך. איר איינגעבאָרענער שטאָלץ האָט שטאַרק געליטן ס'האָט איר זייער געקרענקט, וואָס זי קען אין איר פאַמיליען־לעבן נישט אַריין ברענגען מער ווי איר גוטן ווילן און די ליבע צו אַרבעט. זי איז אָבער געווען שטאַרק גערירט פון דער צערטלעכקייט און דיסקרעציע מיט וועלכע מ'האָט דורכגעמאַכט די דאָזיקע גאַנצע אַפערע...

— צי איז'ס נישט אַ פיינקייט פון זיין זייט, מוטער? די מומע סילוועסטרע, וואָס האָט זיך זייער אויפמערקזאַם צוגעהערט צום גאַנצן געשפּרעך, האָט אַ פרעג געטאָן:

— צי מעג איך אויך זאָגן אַ וואָרט? איך בין איבערצייגט,

אַז איר וועט אַלע אויף מיר אָנפֿאַלן – אָבער דאָס גייט מיך ווייניק אָן. איך זאָג, וואָס איך טראַכט. צי האָט הער וויניערט נישט געדאַרפֿט אַריינטראָגן אַ מיליאָן כּדי צו ווערן אַן אַקציאָנער?

הער לערביער האָט פֿאַרקנייטשט דעם שטערן.

— יאָ, איז וואָס?

— אָפּזאָגנדיק זיך פֿון די פֿינף הונדערט-טויזנט פֿראַנק, אויף וועלכע ער האָט אייגנטלעך קיין רעכט נישט (ווייל מאָניקע האָט אויף זיי אַן אַקט-אינטערציזיע און זיי געהערן איר) טראָגט ער פֿון זיין זייט די צווייטע העלפֿט אויך נישט אַריין במזומנים.

— קלאָר ווי דער טאָג.

— דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב געוואָלט וויסן.

— וואָס זאָל דאָס באַדייטן? האָט אַ פֿרעג געטון פּרוי לערביער.

גאָרנישט, לגמרי גאָרנישט, איך קאָנסטאַטיר נאָר, אַז די טראַנזאַקציע איז פֿאַרביידע צדדים נישט שלעכט – איבערהויפּט ביים יעצטיקן קריזיס.

ווי אַזוי? האָט מאָניקע געפֿרעגט.

— פֿאַר דיין טאַטן, ווייל דערמיט ראַטעוועט ער די סיטואַציע... פֿאַר דיין חתן, ווייל ער ווערט אַן אַקציאָנער פֿאַר אַ האַלבן פּרייז און דערצו איז ער נאָך אַ דזשענטעלמאַן אויף דיין רעכנונג! פֿאַר דיר סוף-כּל-סוף – וואָס דו מוזט ווי אַ געשאָרענע לעמעל ענטפֿערן אויף אַלצדינג אָמן?

מאָניקע האָט זיך צעלאַכט אויפֿן קול.

— די מומע איז טאַקע אַביסל גערעכט. אין גרונד-גענומען האָט איר זיך ביי אַלע אייערע קאָמבינאַציעס מיט מיר גערעכנט בלויז ווי מיט אַ נול. דאָס קרענקט מיך?

אָבער דאָך איז זי געווען גליקלעך, וואָס זי קאָן ברענגען אַ קרבן פֿאַר די וועלכע זי ליבט — אַ געלט-קרבן פֿאַר איינעם און איר אייגנליבע פֿאַרן צווייטן. די פֿרייד צו געבן האָט איר

נישט וויניקער באַפרידיקט ווי די שמחה צו נעמען. זי האָט זיך שוין נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף לוסיענען, כדי אים וואָס גיכער, אַביסל זיך רייצנדיק, פאַר אַלץ צו דאַנקען. ווי אויף להכעיס האָט ער זיך דוקא היינט פאַרשפּעטיקט.

דער זייגער האָט געשלאָגן צען.

זי איז געוואָרן אומרויק. אין זעלבן מאָמענט אָבער האָט זי אַ ציטער געטאָן פאַר פרייד.

— אָט איז ער דאָ!

איידער עמיצער האָט נאָך עפּעס געהערט האָט זי שוין מאַגנעטיש געשפּירט זיין אָנוועזנהייט... אין פאָדערצימער האָט זיך דערהערט אַ קלונג — ענדלעך!

— האַ, איך האָב געזאָגט!

זי איז אויפגעשפּרונגען כדי צו עפענען די טיר פון זאַל און דערלאַנגט איר חתן די האַנט.

— זייט אַזוי גוט, מיין הער, קומט אַריין, ס'איז זייער שען פון אייך וואָס איר זענט געקומען.

אַביסל באַאומרויקט האָט ער געוואָלט אָנהויבן שטעלן פראַגן.

— קיין שום אַנטשולדיגונגען! קודם כל האָט איר פאַרשפּעטיגט! צווייטנס ערלויבט זיך מיין מושל מיך צו טראַקטירן ווי עפּעס אַ מין פאַרלעגן שטיקל סחורה!... פאַרלוירן שוין פאַר אייך מיין גאַנצן ווערט... און אויב איך זאָל איצט וועלן האָבן מיין נדן?

פון די המצאות, מיט וועלכע זי האָט פאַרדעקט אירע פאַרוואורפן, האָט ער אַרויסגעשפּירט איר פולשטענדיקע הכנעה. זיין פּנים האָט געשטראַלט. אַלץ גייט בעסער ווי ער האָט זיך פאַר־געשטעלט... ס'בלייבט נאָך בלויז די פאַרפלוכטע [illegible]... די דאָ־זיקע האָכקייטן... ער האָט באַהאַלטן זיין אומרו[illegible]ט און האָט זיך געצווונגען צו דעמאָנסטראַטיווע צערטלעכקייטן.

מאָניקע איז ממש געווען פאַרשכורט פון גליק, פון ליבע

און התפעלות. אין אירע אויגן איז לוסיען געווען די פערזאָניפי־צירטע טוגענט, די פאַרקעפּערטע שיינקייט. זי האָט אים באַפּוצט מיטן גלאַנץ פון אירע חלומות. פול צוטרויען און אימפּולסיוו פון דער נאַטור, פלעגט זי פליען אין דער הויך. איבער אַלץ, וואָס ס'איז געוויינלעך — איבערכאַפּן די מאָס, און באַלד אָבער זיך אַראָפּלאָזן מיטן זעלביקן שטורם ווי זי האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן.

בעת לערביער האָט זיך, כלומרשט פאַראינטערעסירנדיק מיטן „באַזוך". — צוגעזעצט צו זיין פרוי און דער מומע סיל־וועסטרע, זענען מאָניקע און לוסיען ווי געוויינלעך אַריבער אינם קליינעם זאַל, וווּ זיי פלעגן יעדן אָוונט פאַרברענגען אונטער פיר אויגן.

איינער נעבן אַנדערן זענען זיי זיך געזעסן אויף דער גרויסער קאַנאַפּע, דער מקום קדוש פון זייערע אינטימע פּלוידע־רייען. דאָ זענען געפלויגן די מינוטן פון די ברענענדיקע קושן, דאָ האָבן זיך ענטגילטיק צונויפגעגאָסן זייערע נשמות.

מאָניקע האָט גענומען לוסיענס הענט און געקוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין.

— איך האָב צו איך אַ בקשה.

— באַוויליקט, נאָך איידער איך האָב זי אויסגעהערט.

— לאַכט נישט, ס'איז אַן ערנסטער ענין.

— ס'קאָן נישט זיין.

— איר וועט מיך קיינמאָל ני... אָפּנאַרן!

ער האָט דערשפּירט די געפאַר און פון אַ באַפאַלענעם געוואָרן דער אָנפאַלער.

— שטענדיק דיזעלבע נאַרישע אָנפאַלן! איר ווייסט, אַז עס איז אַ באַליידיקונג?

— פאַרצייעט מיר לוסיען, איך האָב ביז היינט געהאַט צו איך דעם גרעסטן צוטרוי. איך וואָלט צו־פיל געליטן ווען דאָס

דאָזיקע פּאַרטרויען זאָל מיך אָפּנאַרן. פאַר מיר איז פאַראַן נאָר איין זאַך, וואָס אַ מאַן און אַ פרוי, וועלכע האָבן זיך אמת ליב, קאָנען איינער דעם אַנדערן נישט מוחל זיין: ליגן און אָפּנאַרן!... פאַרשטייט נאָר גוט... מ'קאָן מוחל זיין אַ טעות, אַ פעלער, אָבער ליגן — דאָס קאָן מען נישט מוחל זיין. דער שקר איז נידער-טרעכטיק. ער פאַרדאַרבט און דערנידעריקט.

מיט אַ קאָפּ־שאָקל האָט ער דערויף מסכים געווען.

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, אָבער איך בין אַביסל נערוועז... קומענדיק היינט אין אָוונט אַהיים, האָב איך געפונען אַן אַנאָנימען בריוו, וועגן וועלכן איך קאָן אייך נאָר זאָגן אָט וואָס: איך האָב אים פאַרברענט און איך גלויב נישט אין קיין איין וואָרט פון זיין גאַנצן אינהאַלט.

ער האָט פאַרזשמורקעט די אויגן און געזאָגט גאַנץ רויק.

— איר האָט נישט ריכטיק געהאַנדלט, אַריינוואַרפנדיק דעם דאָזיקן שמוץ אין פייער אַריין. מ'האָט אפשר געקאָנט געפונען אינטערעסאַנטע שפּורן, כדי אויפצודעקן דעם אַנאָנימען מחבר. זי האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן.

— איר זענט אין דער מיינונג, אַז אַ מאַנספּערשוין האָט אים געשריבן? מיר איז עס לגמרי נישט איינגעפאַלן.

זי האָט זיך געמאַכט פאַרזאָרגט, וואָס זי האָט אויסשליס-לעך געזען אין בריוו די נקמה פון אַ פרוי. די סוגעסטיע, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון אים האָט איר, דער לייכטגלויביקער, תיכף איבערצייגט און זי האָט שוין מער מכח דעם נישט געוואָלט קלערן.

ער האָט באַמערקט: — וואָס אַזוינס מ'זאָל אויך אַ [illegible] בריוו נישט האָבן געשריבן, גלויב איך, אַז איך דאַרף אַ[illegible] דאַרויף נישט געבן קיין שבועה, אַז ס'איז אַלץ שקר וכזב.

זי האָט אים פאַרמאַכט דאָס מויל.

— קיין איין מאָמענט האָב איך אין דעם נישט [illegible]

ער האָט איר געקושט די ציטערנדיקע פינגער, איינעם נאָך דעם אַנדערן. אינערליך באַרויקט האָט ער איר געזאָגט:
איך האָב עס געוווּסט... ווייל איר האָט דאָך מיר געגעבן אייער וואָרט. דעם טאָג ווען איך האָב געבעטן אייער האַנט האָב איך אייך אָפּגעגעבן מיין טריי האַרץ.
מיט אַ שטילער שטים האָט ער צוגעגעבן.
— און פון איצט אָן, געליבטע...
ער האָט איר אָנגעקוקט מיט ברענענדיקע אויגן. זי איז רויט געוואָרן און האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זיינע אַקסלען. זי האָט זיך געטרייסלט בלויז דערמאָנענדיק אין דעם. ווי אין אַ מין עקסטאַז האָט זי אויפגעהויבן צו אים איר בליק. די תּאווה האָטביידן פאַרכאַפּט מיט איר גאַנצער קראַפט...
אָן שום געוויסנביסע און אָן אַ שפור פון חרטה האָט זיך לוסיען איינגעבויגן און אַ קוש געטאָן איר אין מויל, וועלכעס האָט זיך אויפגעעפנט ווי אַ בלום. אין זיין פאַלשע שבועה האָט ער פאַרזיגלט מיט אַ לאַנגן תּאוהדיקן קוש, אויף וועלכן מאָניקע האָט געענטפערט מיט געשלאָסענע אויגן...

IV

די מומע סילוועסטרע האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט צוגעווינען צום פּאַריזער טומל. מיט גרויס אומרויקייט פלעגט זי נאָכקוקן דער משונהדיקער געשווינדקייט פון די אויטאָס אין רעכטן מיטן געווימל פון די טראַמווייען, די משא-פורן אין די טאַקסיס. איז אַן אויטאָבוס פאַרבייגעפאָרן נאָענט נעבן זייער אויטאָמביל פלעגט זי אויסשרייען: — אַך, גאָט, אַ גאָט! און כּדי איר צו באַרויקן האָט איר מאָניקע בשעת מעשה געדרוקט די האַנט.
— האָסט זיך נישט וואָס צו שרעקן, מומע, מאַרילס פירט אויסגעצייכנט. נאָכן נעכטיקן אינטימען געשפּרעך מיט לוסיען האָט

מאָניקע איצט געהאַלטן כסדר אין איין שמייכלען. בעת לוסיען האָט פאַרבראַכט די נאַכט ביי זיין געליבטער, איז מאָניקע געשלאָפן מיט דער זאָרגלאָזיקייט פון אַן אומשולדיק קינד. דער גאַנצער פאַרמיטאָג איז איר אַריבער ווי אַ פרייליכער געזאַנג. זי האָט זיך שטאַרקר געפרייט דערמיט, וואָס זיי האָבן באַשלאָסן צו גיין מיט אַ וויזיט צום פּראָפעסאָר וויגנאָבאָס.

אויסגעצויגן אויף די ווייכע קישנס פון לוסיענס קאַרעטע–זיין וויניערעט! — איז מאָניקע געווען זייער צופרידן, וואָס זי האָט געקאָנט כאָטש מיט וואָס עס איז אָפּדינען דער גוטער, אַלטער מומע, וועלכע האָט איר ערצויגן. די גוטע מומע, וואָס די עלטער און דאָס מאָנאָטאָנע לעבן אין פּראָווינץ האָט איר כסדר דערנענטערט צום גבול פון דער עקזיסטענץ...

— דו געדענקסט נאָך אלישבע מעאיר?... שבען! האָט מאָניקע געפרעגט. מיט אַ חודש צוריק האָב איך איר געזען... זי הייסט איצט מאַדאַם שפּרינגפעלד, האָט צוויי שענע קינדער און אַ פּאָליטיקער פאַר אַ מאַן. אויסערדעם פאַרנעמט זי זיך מיט טעאָזאָפיע און ספּיריטיזם.

די מומע סילוועסטרע האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט.

— אַז מ'איז נאָנט מיט גאָט, דערווייטערט מען זיך פון מענטשן. איבעריקנס האָט זי זיי קיינמאָל שטאַרק נישט ליב געהאַט מאָניקע האָט געשמייכלט קלערנדיק בעת מעשה אָן אלישבע מעאירס מיסטיציזם און אָן דעם היפּך פון איר, אָן איר יונגן ברודער, דעם שיינעם סעסיל מעאיר, דעם „פילאַנטראָפּ,“ קונסט־מאַלער און דילעטאַנט.

— סעסיל... ! ער... ער האָט לגמרי אַנדערע נייגונגען!

די מומע סילוועסטרע איז געוואָרן אומגעדולדיק.

— א, דאָס איז אַ קרענק, אַ שגעון. צי בין איך שוין באמת אַזוי אַלט געוואָרן, אַז איך קאָן עס נישט פאַרשטיין? אָדער שטייט דאָ אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ? דיין פאַריז שרעקט מיך ממש.

איך וואָלט שוין וועלן זיין צוריק אין מיין שטילן ווינקעלע...
אָט איז שוין ענדלעך די מעדישצי-גאַס... 23...29.

מאַניקע האָט זיך געפרייט מיטן פּראָפעסאָר וויגנאבאָס
נישט ווייניקער פון איר מומע. ער איז געווען אַן אַלטער בחור,
אַ באַרימטער היסטאָריקער, דער שטערן פון „קאָלעדזש דע
פראנס". די באַשיידענע פּענסיאָנאַט-פאָרשטייערין האָט נאָך אונ-
טערגעהאַלטן מיט אים אירע אַלטע חברשע באַציונגען פון די
פאַרשווונדענע צייטן בעת זי האָט נאָך שטודירט אין לאַטייניש
קוואַרטאל. די פרײלין סילוועסטרע האָט זייער ליב געהאַט, קוים
פלעגט זי נאָר האָבן די געלעגנהייט, זיך אומצוקערן אין דער
דאָזיקער וועלט פון אידעאלאָגיע און פרייער דיסקוסיע. פריילעכע
זענען ביידע פרויען אַרויף אויפן פינפטן שטאָק, פונוואַנען די
פענסטער זענען אַרויסגעגאַנגען אין לוקסעמבורג-גאָרטן. די איינגע-
פאַלענע טרעפּ, די נידעריקע הויזטיר, דער פאָרצימער פול מיט היט
און מאַנטלען פון תּלמידים, אַלץ האָט עדות געזאָגט אויף
פּראָלעטאַרישע באַשיידנקייט.

מאַניקע האָט זיך איבערגעוואָרפן מיט איר מומען מיט
אַ פיל-זאָגנדיקן שמייכל. די דאָזיקע באשיידענע אָרעמקייט האָט
איר א סך מער אימפּאָנירט ווי דער גרויסער רייכטום פון פיל
אנדערע דירות.

— „אָ, מיין גוטע סילוועסטרע!" האָט אויסגעשריגן דער הער
וויגנאבאס, און פון גרויס איבערראשונג האָט ער גערוקט אהין
און צוריק דאָס היטל איבער זיין סאָקראַטוס-קאָפּ.

— א, ווי פריי איך זיך אייך ווידער צו זעען. און אויך אייך,
גנעדיקע פריילין... ערלויבט מיר אייך פאָרצושטעלן... הער רעזשי
בואסלאָ, ראָמאַנען-שרייבער... הער זשאָרזש בלאנשע, פּראָפעסאָר
פאר פילאָזאָפיע אין קאהאר, איינער פון מיינע תּלמידים...
מיט אן אייגנטימלעכן זשעסט האָט ער א גלעט געטון זיין באָרד,
ווי ער וואָלט וועלן צוריק געפונען דעם פאָדעם פון זיין

איבערגעריסענער רעדע, און האָט באמת ווידער אָנגעהויבן פון דאָרט ווו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— איך האָב נאָר וואָס געהאט בדעה צו דערוויזן, אז דאָס איצטיקע הייראטן, ווי ס'פּראקטיצירט זיך אין אונזער בורזשוּאזער געזעלשאפט, איז אן אומנאטירלעכער צושטאנד. פארצייעט מיר מיינע דאמען, די שולד פאלט נישט אויף מיר, מיינע דאמען, נאָר אויף הער בלאנשע, וועלכער האָט צו מיר אפּעלירט מכח זיין צוגעגרייטן טעזיס: דאָס „הייראטן און די פּאָליגאמיע", ער ווייסט, אז איך האלט איצט גראָד ביים לעצטן קאפּיטל פון מיין „זיטענגעשיכטע פאר 1914... די עוואָלוציע פון די פאמיליען-פּרינציפּן. מיר דיסקוטירן גראָד וועגן דעם דאָזיקן עטיוד...

ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ גאנצן שטאָס ביכער, און מאָניקע האָט זיך פאראינטערעסירט מיט זייערע אויפשריפטן: „די פרוי און די סעקסועלע פראגע", פון ד"ר טוילאז „די ליבע און די הייראט" פון עלען קיי א. אַ. וו. אין פעקל האָט זיך אויך געפונען אַ בוך מיט א געלן דעקל: „וועגן דער הייראט" פון לעאָ בלום.

— איך האָב עס געלייענט, האָט זי געזאָגט. ער זאָגט אַרויס זייער פיל אמתע און שאַרפזיניקע, זאָגאַר טיפע געדאַנקען, אָבער...

זי האָט געשפּירט אויף זיך די בליקן פון אַלע דריי מענער וויגנאַבאָס האָט געשמייכלט, די אויגן פון ראָמאַנען-שרייבער האָבן פיינטזעליק געפינקלט, דער דריטער גאַסט האָט געמאַכט אַן איראָנישע אָבער זייער העפלעכע מינע.

— רעדט ווייטער, מיר בעטן אייך, האָט געזאָגט הער וויגנאַבאָס מיט זיין מילדער גוטסקייט.

און, ווענדענדיק זיך צו זשאָרזש בלאַנשע, האָט ער מוסיף געווען: — אָט האָט איר אַן אומגעריכטן מאַטעריאַל! איר דאַרפט עס אויסנוצן, ליבער פריינט.

זי האָט גוט פאַרשטאַנען די לעכערלעכקייט פון איר פּאָזיציע אין געגנוואַרט פון די דאָזיקע געלערנטע, באַרימטע פּסיכאָלאָגן, וואָס האָבן איר נישט געקענט און וואָס האָבן זיך אינסטינקטיוו אָנגעוואָפּנט מיט זייער געלערנזאַמקייט קעגן איר דילעטאַנטישער פּלוידעריי. נישט געקוקט אויף דער אויפפאָדערונג פון ביידע פּראָפעסאָרן האָט זי אָבער געשוויגן. זשאָרזש בלאַנשע האָט באַמערקט איר פאַרלעגנהייט און האָט זיך פאַר איר זייער גאַלאַנט אָנגענומען.

– דאָס „אָבער" פון דער גנעדיקער פרײַלין שטרייכט אונטער די געפילן, וואָס מ'קאָן לייכט אַרויסנעמען פון איר צייגערן, ווען מ'זאָל דערבײַ אפילו נישט זיין קיין געלערטער. איך בין מסכים מיט לעאָ בלום, אַז די מענטשהייט בכלל איז געשטימט פּאָליגאַמיש. אונטער פּאָליגאַמיע פאַרשטיי איך – כדי לגמרי אויסצושעפּן די באַדייטונג פון וואָרט – דעם אינסטינקט, וואָס באַוועגט דעם מאַנספּערשוין צו זוכן גלייכצייטיק, אָדער איינע נאָך דער אַנדערער עטלעכע פרויען; אַזוי ווי די פרויי אייניקע מענער. אַלץ אָבער איידער זיי האָבן געפונען די פּערזאָן פון דעפיניטיווער וואַל, דעם אויסגעוויילטן פון זייער האַרצן.

מאָניקע האָט אויפגעהויבן אַ שטאַרקן פּראָטעסט. ער נעמט אַ ביישפּיל פון זיך און פון אַ סך אַזעלכע ווי ער... לוסיען געהערט נישט צו זייער לאַגער – וואָס פאַר אַ העזה האָט ער צו זאָגן, אַז די פרוי... זי האָט זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט, מ'זאָל איר האַלטן עפּעס פאַר אַ גינעט אָדער אַ מישעל. פאַרהאַרטעוועט דורכן ספּאָרט און דורך איר ריינעם אַרט דענקען, איז זי געווען צניעותדיק, ריכטיק אַזוי ווי אַ קינד... און אַ צנועה איז זי געבליבן ביז צום מאָמענט פון דער התקרבות, וואָס האָט איר פאַרוואַנדלט אין אַ פרוי נאָך איידער זי איז געוואָרן אַ ווייב. זשאָרש בלאַנשע האָט געשפּירט, אַז ער געפעלט איר נישט און האָט זייער ליבנסווירדיק געזאָגט

— איך וויל אָבער צוגעבן ליבע פריילין, אַז ס'רוב פרויען און יינגע מיידלעך, — אויב זיי זענען נאָר נישט פאַרדאָרבן, איידער זיי ווערן נאָך רייף, שטרעבן אויסשליסלעך צו מאָנאָגאַמיע, זיי פאַרלאַנגען נישט מער ווי צו זיין בלויז דאָס ווייב פון איין־איינציקן מאַן בתנאי אָבער, אַז מ'זאָל זיי אמת ליב האָבן.

מיט אַ קאָפּ־שאָקל איז זי דערצו מסכים געווען.

דורכן דורות־לאַנגן קאַמף צווישן דעם ווייבלעכן אידעאַל און די מענלעכע חיהשע אינסטינקטן, צוזאַמען מיט דעם סעקסועלער אַנאַרכיע, איז אַנטשטאַנען די נייגונג צו פּאָליגאַמיע — דייטלעכער גערעדט — צו פאליאנדרע, צו וואָס ס'איז גענייגט די פרוי... אַ שרעקלעכע אַנאַרכיע, וואָס איז ווערט צו באַדויערן. דאָס באַווייזן גאַנץ בולט אייערע קאָנקלוזיעס, מורי ורבי.

— איך האָב דערפאַר שטאַרק מורא, האָט וויגנאַבאָס געזיפצט, איבערהויפּט כל־זמן ס'וועט נישט געשאַפן ווערן קיין נייע ערציונגס־סיסטעם.

בואַסלאַ האָט מיט מאָניקעס ערלויבעניש, פאַררויכערט זיין קליינע הילצערנע לילקע און אַרויסלאָזנדיק פון מויל אַ גאַנצן וואָלקן רויך, האָט ער זיך געוויצלט:

— דאָס וועט העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס! ערציונג? ס'ווילט זיך מיר לאַכן... וועגן דעם האָט מען נאָך געקאָנט רעדן פאַרן קריג!

די שטימונג איז געוואָרן זייער אַ געדריקטע: מ'האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט אָן די שרעקלעכע הריגות, אָן חורבנות און אין אַלע זייערע קאָנסעקווענצן.

— וואָס קאָן מען אַלזאָ האָפן? האָט געפרעגט מאָניקע שטאַרק פאַרינטערעסירט מיטן עצם פון דער דאָזיקער דיסקוסיע. אויב דער מאַן, דער אומבאַשרענקטער הערשער, דער פּריווילעגירטער, געפינט, אַז אונזער וועלט איז שיין און פולקאָמען בתכלית השלמות, וואָס בלייבט נאָך צו טאָן דעם שילער?

בואַסלאַ האָט געהויבן די אַקסלען און האָט קיין חשק נישט געהאַט צו ענטפערן... ער האָט בעת-מעשה געטראַכט, אַז דער תּלמיד איז אַריבערגעוואַקסן דעם לערער. דעם אַלפן-דרוק פון פּראָנט און זיינע קאָנסעקווענצן שפּירט ער נאָך גאַנץ גוט אויף זיין אייגענעם קערפּער — בעת הינטן אויף די עטאַפּן, האָבן די קליינע מיידלעך געקלערט מכּוח פאַרברענגען, זיך אַמוזירן !... שפּיטעלער און טאַנץ-אָוונטן... ! מיט פאַרביסענע ליפּן האָט ער געצויגן זיין פּייקע.

בלאַנשע האָט זיך אומגעקערט צום איבערגעריסענעם געשפּרעך.

— די גנעדיקע פריילין האָט רעכט. פון שטאַנדפּונקט פון דער פרוי איז די פּאָליגאַמיע מער אַ רעפלעקס, ווי אַן אינסטיקט ; מער אַ סיבה ווי אַ מסובב. אַ צעשטערנדיקער רעפלעקס, אַ פאַרניכטענדיקע ווירקונג ; אין נאָמען פון שטרענגער גערעכטיקייט טאָרן מיר אָבער נישט באַקעמפן דאָס רעכט פון דער פרוי אויף די דאָזיקע פּריווילעגיעס פון מאַן, הגם בעת מיר מוזן אָנערקענען, אַז די הייראַט און די ליבע, — דאָס הייסט דער סעקסועלער אינסטינקט — זענען לחלוטין צוויי באַזונדערע זאַכן... אָבער איך ווייס נישט צי מעג איך...

— רעד ווייטער, הער פּראָפעסאָר, איך בעט אייך, אויב איך שרעק זיך פאַר געוויסע אידעען, האָב איך אָבער קיין מורא נישט פאַר ווערטער !

ער האָט זיך פאַרבויגט...

— פאַרבינדן די הייראַט מיט דער ליבע, הייסט פאַראייניקן פייער מיט וואַסער, אָדער דעם שטורעם מיט דער שטילקייט ! די ליבע און די הייראַט גייען אַמאָל צוזאַמען, ס׳טרעפט זיך, אָבער זייער זעלטן און אויף אַ קורצער צייט.

אַ גרויסן דאַנק אייך ! דאָס זאָגט איר מ י ר וואָס אין פערצן טעג אַרום גיי איך חתונה האָבן מיט דעם, וועמען איך ליב...

— איר, מײַן זײַער חשובע פרײַלײַן, וועט זײַן די אויסנאַם, וואָס באַשטעטיקט די אַלגעמײַנע רעגעל. וויפל דאַפנעס *) און כלאָעס האָבן זיך אין זײַער צוזאַמענלעבן פאַרוואַנדלט אין פילעמאַנען און באַוקידעס **) און דאָס ערשטע נאָך שווערע נסיונות.

— און וואָס שלאָגט איר פאָר?

— מײַן עצה איז, אַז מ׳זאָל אומבאַדינגט לאָזן די ייִנגע מײדלעך ביז צו דער חתונה פירן אַן אַזוי גערופענעם בחורשן לעבן, דאָס וואָלט זײ מאַכן פאַר בעסערע ווײַבער און אָפּגע־קלאַפּט אַביסל די פליגל.

מאָניקע האָט זיך צעלאַכט אויפן קול.

אַ נס איז מיר געשען, וואָס נישט אַלע מענער טראַכטן אַזוי ווי איר, ווען נישט, וואָלט איך נאָך חס ושלום אײַנגאַנצן אויסן געבליבן.

און דאָך איז עס דער אײנציקער וועג אויף אויסצובעסרן די געזעלשאַפט. אויסער דעם וואָלטן מיר אײן מאָל פאַר אַלעמאָל פּטור געוואָרן פון דעם געפערלעכן סם, פון דער אײפערזוכט. קוים באַפרײַט זיך די ליבע פון דער מאַניע, אַז מ׳מוז זיך קעגנזײַטיק אָנגעהערן, און זאָגט זיך אָפּ פון אוזורפּירטן אײגנטום־רעכט ביזן טויט אַרײַן, וועט זי סוף־כל־סוף ווערן אַ גליק! מ׳האָט חתונה ערשט דעמאָלט ווען מ׳וויל רויק לעבן און האָבן קינדער. דאָס איז אַ סך בעסער, ווי באַגײן פאַרשידענע נאַרישקײַטן.

---

*) דאַפנעס דער זון פון נערמעסן, דער געליבטער פון דער נימפע באַנדאַן. כלאָיאַ דער דינאַמין פון צערערן, דער געטן פון ערד־אַרבעט. (גריכישע מיטאָלאָגיע).

**) פילעמאַן און באַוקידאַ (אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע) — אַ מוסטער־האַפטע פאָרפאָלק, וואָס האָבן זיך אויסגעבעטן בײַ יופּיטערן, דערגרײכנדיק צו זקנה ושיבה, צו שטאַרבן אין אײן טאָג.

די איבערזעצער

בואַסלאַ האָט זיך געכעסט:

ליבע אָן אייפערזיכט? — ווי אַ גוף אָן אַ נשמה! דאָס זעלבע ווי אייער חתונה אָן ליבע... אַ קאָמבינאַציע פון צוויי גאַנץ זיך קעגנזייטיק צו דערשטיקן. דאָס וועט אײַער צוקונפט־געזעלשאַפט נישט אויסבעסערן. אַ גרויסער קונץ זיך צונויפצופאָרן ווען מען האָט שוין קיין פיס נישט צו אַנטלויפן.

מאָניקע האָט אים געגעבן גערעכט.

— דאָס חתונה האָבן לויטן רעצעפּט פון הער בלאַנשע איז אַ מושב־זקנים פאַר קאַליקעס.

— פּאַרצייט, ליבע פרײַלן, איז זיי דער פּראָפעסאָר לעבהאַפטיק אַרײַנגעפאַלן אין די רייד. איך בין להיפך, אין דער מיינונג, אַז עס קען נישט זײַן קיין שום אַנדער הייראַט, אָדער בעסערע פאַרייניקונג, ווי נאָר די, וואָס באַזירט אויף ליבע און דויערט אַזוי לאַנג כל זמן מ׳האָט זיך ליב. איך געפין אָבער אַז אַזאַ פאַרייניקונג האָט מער אויסזיכט אויף אריכת ימים, אויב דער מאַן און די פרוי פאַרשטייען זיך קעגנזייטיק און דעקן אויף איינער פאַרן אַנדערן זייער גאַנצן אינערלעכן מהות. און די פרייע פאַרבינדונג איז פאַר מיר לגמרי דאָס זעלבע ווי די לעגאַליזירטע (סאַנקציאָנירטע).

הער וויגנאַבאָס האָט אויפגעהויבן זיין שטים: די פרייע ליבע איז טעאָרעטיש גענומען באמת די שענסטע. בלאַנשע האָט אָבער רעכט רעדנדיק מכח די קינדער. דאָס הייראַטן גאַראַנטירט זיי לכל הפחות, די פרייע ליבע איז נאָך ביי היינטיקן טאָג אויך מקריב די קינדער.

בואסלאָ האָט אַרײַנגעוואָרפן:

— ענדערט אייערע געזעצן, אויב די באַדערפענישן פון יחיד שטייען אין קעגנזאַץ צו די מלוכה־רעכט. מיר מוזן אומבאַדינגט ברענגען אויף דער וועלט וואָס מער קינדער.

ער האָט געפינטלט מיט די אויגן.

— פאַרן קומענדיקן קריג ?

— איר ווייסט גאַנץ גוט, האָט געענטפערט בלאַנשע, אַז אין פראַנקרייך ענדערן זיך די געזעצן נאָר צוזאַמען מיט די זיטן.

— ביז יענער צייט וועלן מיר שוין אַלע זיין אויפן עולם האמת. פּראָפעסאָר וויגנאַבאָס האָט געגלעט זיין באָרד:

— און רענאַנס אַנדענקען, מיין טייערער ? די לעבעדיקע גיין פאָרווערטס אויפן בריק, וואָס די טויטע האָבן געלייגט. ס'האָט געהערשט אַ שטילקייט. די מומע סילוועסטרע האָט זי איבערגעריסן. דאָס סיסטעם פון הער בלאַנשע מוז מען באַקעמפן צוליב דעם וואָס ס'לעזט נישט, נאָר פאַרקערט, ס'קאָמפּליצירט דאָס פּראָבלעם פון קינד. סיידן די מלוכה וועט ענדערן די געזעצן. די פרייהייט פון די יינגע מיידלעך אָבער וועט, פאַרקערט. פירן צו קארופּציע...

— פאַרצייט, האָט איר וויגנאַבאָס איבערגעהאַקט, דוקא די היינטיקע מאָראַל, אָדער בעסער אונמאָראַל, פירט צו שוויינערייען... ווען מיר זאָלן נישט געוועסט דערשטיקן ביי דער פרוי אירע דורות לאַנג עקזיסטירענדיקע נייגונגען, וואָלטן מיר איצט אָן שום ספק געהאַט אַ סך אַ גרעסערן סעקסועלן גלייכגעוויכט.

— ס'וואָלט גאַנץ באַשטימט געווען אַ סך גרעסערע צאָל אומלעגיטימע געבורטן און ס'וואָלט זיך געשאַפן אַ מאַסע קאָמפּליצירטע סיטואַציעס. צי דען געפינט איר נישט, אַז די צאָל קינסטלעכע מפּלען איז אָן דעם אויך גענוג גרויס ? לכל הדעות האָבן מיר גענוג כשרע און נישט כשרע קינדער.

זשארזש בלאַנשע האָט געשמייכלט.

— געוויס, גנעדיקע פריילין, איר קאָנט זיכער זיין, אַז די... וואָרט נאָר, ווי זאָלן מיר יענע עמאַנציפּירטע אָנרופן... די... די בחורטע פון דער צוקונפט...

אָבער לאו דוקא ! האָט מאָניקע ערקלערט, איך גופא בין אויך אַ ביסל אַ בחורטע. און איך שווער הייליק, אַז איך בין

זייער ווייט פון די אַלע נייגונגען וועגן וועלכע איר האָט דאָ גערעדט.

— אָ, מיין פריילן, די „בחורטע" פון דער צוקונפט וועט ריכטיק זיין אַזוי ענלעך אויף דער פון איצט, ווי איר אויף אייערע שוועסטער פון צוואַנציק יאָר פריער. באַטראַכט נאָר די איבערקערעניש וואָס איז פאָרגעקומען אין אַלע קלאַסן און שיכטן אין משך פון איין דור...! די נייע „בחורטע" וועט גיין אויפן דרך פון ייִנגן בחור, וועט זיך נאך מער פון אים שטעלן אויפן באָדן פון מאַלטוסעס שולע — דאָס איז אַלץ, כאָטש קנאַפּ וואָס קאן זי זיך דאָ אויסלערנען! די צאָל געבורטן האַלטן אין איין פאַלן און ס'איז גאנץ נאַטירלעך, נאָר אידיאָטן וועלן נאך האָבן קינדער, דוקא ווייל זיי ווילן נישט און די פאַרפירער וועלן נישט האָבן וועמען צו פאַרפירן.

— אָבער ס'איז דאָך שוין אייגנטלעך דער אונטערגאַנג פון דער וועלט דאָס, וואָס איר שילדערט אונז דא! האָט די מומע סילווועסטרע אויסגעשריען מיט שרעק.

— ניין, נאָר דער סוף פון א געוויסער וועלט, דער סוף פון פאַרברעכן צוליב תאוות, דער סוף פון חניפה און פאַראור טיילן. דער אומקער צו דער נאַטור, וואס יעדע מאדערנע הייראַט מייד עס אויס, און איז אומצופרידן מיט זיינע געזעצן.

— איך גלויב, האָט זיך מאָניקע געוויצלט, אַז די דאָזיקע פילאָזאָפיע לערנט איר נישט מיט אייערע שילער?...

ווי פאַראַדאָקסאַל!

זי איז אויפגעשטאַנען. רעזשי בואַסלאַ האָט זיך דורכגעשמועסט מיטן פּראָפעסאָר וויגנאַבאָס מכח דעם עטיוד „דער סעקסועלער אינסטינקט" און האָט אים געפרעגט זיין מיינונג וועגן פרוידס „איינפירונג אין דער פסיכאָאַנאַליזע". מאָניקע, האָט זיך פאַראינטערעסירט מיטן דאָזיקן געשפרעך. דער אַלטער פּראָפעסאָר האָט געהאַלטן אין איין רוקן דאָס היטל אַהין און

צוריק איבערן קאָפּ. און נאָכדעם ווי ..ר האָט אָנגעהויבן רעדן האָט ער נאָך יעדער זאַץ ענערגיש געצופּט די באָרד. מאָניקע האָט זיך צוגעקוקט צו די דריי מענער, וועלכע זענען לגמרי געווען גאַנץ אַנדערע מענטשן ווי יענע מיט וועלכע זי פלעגט געוויינלעך פארקערן, נישט געקוקט אויף זיין קרומען רוקן, אויף די קליינע פיס און די צו קורצע נישט געפלעטע הויזן, אויף זיין קליינעם, ווי פון אַ קאַשטאַן אויסגעשניטענעם געזיכט, — איז וויגנאבאס געווען סימפּאַטישער פון אַלע דריי. אין זיינע ליכטיקע אויגן זענען געלעגן אַזוי פיל גוטסקייט און ווייכקייט, ארום זיינע ליפּן אזוי פיל גייסט און טאָלעראַנץ, אַז זיין גאַנץ וועזן האָט אויסגעזען ווי עפּעס אן איבערמענטשלעכעס. וואָס אָנבאַלאַנגט בואַסלאַן האָט זי זיך דערמאָנט, אז זי האָט געליינט זיינעם אַ מערקווירדיקן ראָמאַן, „די אויפריכטיקע הערצער״; — אַביסל הארט אָבער שפּאַנענד — ער האָט פּאַראדירט מיט גייסטרייכע באַמערקונגען מכּח דער אייפערזוכט אין דער ליבע און דער הייראַט. (זי האָט מיט די דאָזיקע אויסשפּרוכן סימפּאַטיזירט, ווייל זיי האָבן האַרמאָנירט מיט אירע אייגענע געפילן.) אָבער קיינמאָל אין לעבן וואָלט זי זיך נישט געקאָנט צוגעוואוינען צו אַזאַ מענטשן, וועלכן ס׳פעלט לגמרי די אויסערלעכע עלעגאַנץ. ער איז געווען אַ פּאַרקעפּערונג פון מוסקולן, הויך געוואַקסן, גראָבע הענט, אויפן ווילדן פּנים האָבן געבליצט א פּאָר משונהדיקע אויגן מיט געלע סקלעראָטישע קעצישע ווייסלען, די באָרד רויט און שטעכעדיק. רעזשי בואסלא האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פּרא אדם, וואָס האָט אַ ווייך האַרץ, אַ גוטמוטיקער יונג, אויף וועלכן מ׳האָט נישט געקאָנט זיין אין כּעס.

דער פּראַזיאָר בלאַנשעט איז געווען שלאַנק, קליין און אַרי־סטאָקראטיש, ער האָט געהאט א גלאטן געזיכט פון אַ יונגן בישאָף. זיין פּראָפעסאָרישער אויסזען, מיט זיין פּלומרשט סקעפּטישער

צופרידנהייט האָבן מאָניקען נישט באַצויבערט בלאַנשעט איז געווען אַ פֿלוישער. גרויסמוטיק אין דער טעאָריע, אין לעבן אָבער די פֿאַרקערפּערונג פֿין עגאָאיזם.

נישט געקוקט אויף די אידעען, מיט וועלכע ער האָט כסדר זשאָנגלירט און וואָס אַ סך פֿון זיי האָבן האַרמאָנירט מיט אירע אייגענע, האָט זי שטאַרק פֿאַראורטיילט זיין אַנזיכט אויף דער הייראַט בכלל און אויף אירער גופא בפרט. זי האָט עס געהאַלטן פֿאַר זייער אומאַנשטענדיק פֿון זיין זייט און פֿאַר אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג. זי האָט געגלויבט צו זיין אין דער היגזיכט אַן אויסנאַם און וואָס קען דאָס איר אָנגיין, וואָס דער דאָזיקער פּאַציענט קלערט וועגן דעם, איינס איז איר געווען קלאָר, אַז נישט קוקנדיק אויף זיין גרויסער רעדנער־קראַפֿט האָט ער איר אינערליכן מהות נישט באַגריפֿן מיטן שטאַרקן ווילן וועט זי איר גליק אויפֿבויען און פֿאַרטיידיקן.

זי האָט אַ ציטער געטאָן, אַז וויגנאַבאָס האָט אויפֿגעהערט רעדן.

– בכלל דאַרף איך נאָר איבערלייענען זשול־ראָמענס שטודיען, – האָט געזאָגט בואסלאַ, כדי זיך צו אינפֿאָרמירן איבער פֿרוידן.

– און איר וועט, אַזוי ווי איך, בעקומען אַ פֿאָרשטעלונג וועגן דער פּסיכאָ־אַנאַליזע, – האָט וויגנאַבאָס באַמערקט, אָדער כדי דייטלעכער זיך אויסצודריקן – ער האָט זיך געווענדט צו מאָניקען – וועגן דער אַנאַליזע פֿון פּסיכישן אינהאַלט און מענטשלעכן מהות. אָבער וואָס פֿאַר א ריח־ניחוח – מיינע פֿריינט, ממש דעם נאָז צו פֿאַרשטאָפּן. ווען מ׳זאָל אים ווייניקסטנס קאָנען גלויבן דעם הער פּראָפֿעסאָר פֿרויד. איבעריקנס האָט ער בכלל מיט זיין עסטרייכישער חכמה גאָרנישט מחדש געווען. פֿאַרגלייכט די ציוריכער שולע. אין דער וויסנשאַפֿט ווי אין דער ליטעראַטור ווערן מיר תמיד מער רעפּראָדוצירער ווי שעפֿער.

— איר בלייבט שטענדיק דער זעלבער — האָט זיך די מומע סילוועסטרע געוואונדערט — דער פשוטער עָנָו ווי אַלע אמתע חכמים.

— טאַ — טאַ — טאַ.

ס'רוב צעשפּליטערן זיך — האָט וויגנאַבאַס פאַרזיכערט — אויב זיי ספּעציאַליזירן זיך נישט אין איינער פון דער גרויסער מאַסע וויסנשאַפטן. דייטלעך קאָן מען זען נאָר דאָס, וואָס מ'אַנאַליזירט אונטערן מיקראָסקאָפּ. פלוידערן גלאַט אין דער וועלט אַריין — נעכטן מכח בערגסאָניזם און היינט וועגן איינשטייניזם — דאָס דאַרפן מיר איבערלאָזן פאַר די געזעלשאַפטלעכע דילעטאַנטן און דרייגראָשעדיקע קריטיקער... נישט קוקנדיק אויף דעם האָט ער זיך שטענדיק אינטערעסירט מיט די אַרבעטן פון אַנדערע, זיך געיאָגט נאָך יונגע טאַלענטן און געטאָן אַלעס מעגלעכע כדי זיי אַרויסצופירן.

— נו, וואָס פאַר אַנ'איינדרוק האָבן זיי דאָרט אויבן אויף דיר געמאַכט? — האָט געפרעגט די מומע סילוועסטרע, אַז מיר זענען אַראָפּ פון די טרעפּ.

— דער הער וויגנאַבאַס אַן אויסגעצייכנטן, אָבער די אי־בעריקע... !

— דו ביסט אַ גרויסע אויסקלייבערין. האָט די טאַנטע גע־זאָגט, פאַרגעסנדיק לגמרי, אַז אַ יינג מיידל אימפּאָנירט נישט דאָס וואָס ס'געפעלט אַן עלטערע פרוי, אַז מיט די יאָרן ענדערן זיך אויך די אַנזיכטן. זשאָרזש בלאַנשעט קאָן מען אויך נישט אַוועק מאַכן מיטן האַנט און בואסלאַ איז אַן אָריגינאַל. זיי זיך לכל־הפחות מודה, אַז מיר האָבן פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה אינטערעסאַנט. און ביי דעם אַלעם עקזיסטירט פאַר ס'רוב פרעמדע, און אַפילו פאַר די פאַריזער גופא בלויז דער מאָנמאַרטר.

— דאָס איז לײדער אַן אמת, דער מאָנמאַרטר פאַרשטעלט פון זיי דעם קאָלעזש דע פראַנס!

V

— דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נאָכן ערשטן אַקט פון „מענעלאַוס".

— ווונדערבאַר, האָט געזאָגט פרוי לערביער אויסדרייענדיק זיך צו איר טאָכטער.

— נישט אַזוי שרעקלעך!

— דו מוזט שטענדיק זאָגן פאַרקערט!

און זי האָט אויפגעהויבן די אַקסל־בענדער, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט פון אירע ווי אַלבאַסטער־ווייסע שולטערן. אַ אויסגעווײלטע געזעלשאַפט! האָט געזאָגט הער לערביער, לאָרגנעטירנדיק דעם זאַל. מ׳שפירט דעם יום־טוב. דער קאָסמאָס־טעאַטער האָט זיך ערשט נישט לאַנג געעפנט. מ׳האָט געשפילט אינטערנאַציאָנאַלע אָפּערעטעס. דער טעראַסנפאָרמיקער פאַרקעט און די מאַסע אָפענע לאָזשעס האָבן געשטראַלט פון טויזנטער ליכט. דעם סילוועסטער־אָוונט האָט מען געפייערט דורך דער פרעמיערע: „מענעלאַוס" מיט אַלעקס מאַרלי אין דער הויפּטראָל. די מענער האָבן געטראָגן פראַקן, די דאַמען דעקאָלטע. די פערל און דימענטן אויף די דעקאָלטירטע קערפער־טיילן האָבן געגלאַנצט ווי טויטראָפנס. די קערפער — ווי די ווייניקער אַנציענדיקע, אַזוי אויך יענע, וואָס האָבן זיך אָנגעבאָטן אין געטלעכער האַרמאָניע האָבן זיך פון קאָפּ ביז פיס געזען אין אויסשניט פון די דורכזיכטיקע קליידער. זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק ווי אויסגעשטעלטע אויף אַ שקלאַפן־מאַרק פאַר דער עקספערטיזע פון אַמאַטאָרס אָדער קונים. מיט בליקן פון מבינים האָבן די קויפער אָפּגעשאַצט די אַנטבלויזטע שולטערן, די נאַקעטע הענט, די צוציענדיקע ברוסטן. די מאָדערן־אויסגעקעמטע קעפּ פון טיפסטן בלוישוואַרץ ביזן העלסטן בלאָנד. די געפאַרבטע און געפודערטע געזיכטער, אַלץ אינאיינעם האָט געגעבן דערדאָזיקער אויסשטעלונג

פון שענהייטן אַן אויכזען פון באַמאָלטע מאַסקעס. אַלץ האָט זיך באַוועגט, געגלאַנצט און שעמערירט, און דער שטאַרקער ריח פון פּאַרפום און עסענצן האָט זיך צונויפגעמישט מיט די ריחות פון די מענטשלעכע קערפּערס — אַ ריח־ניחוח ווי אין אַ חיות־שטייג.

מ׳האָט זיך באַגריסט מיט קאָפּ־שאָקלען, מיט האַנט־באַוועגונגען. פרוי לערביער האָט דערקענט אונטן אין פּאַרקעט פלאָמבינאַס פּאַרוק, דער גענעראַלין מערלין און איר מאַן, וואָס אין ציוויל־קליידער האָט ער אויסגעזען ווי אַן אײַנפאַכער אַלטער בירזשע־בעאַמטער. שפּעטער פרוי הוטיער מיטן אַמאָליקן מיניסטער, דעם הער דע־לאָט מיט דער טאָכטער, וואָס זייער נאָמען האָט געדינט אַלס טעמע פאַר פּערמאַנענטע רכילות־טרייבערייַ... פרוי לערביער האָט אויך דערזען סעסיל מערין, דעם עלעגאַנטן גענעראַלסטעניקער, וועלכער האָט באַגריסט מאָניקען פון דערווייטנס.

— טו נאָר אַ קוק, — האָט געזאָגט פרוי לערביער — דאָרט אין לאָזשע הינטער דער קאָלאָניע... פרוי באַרדינאַט און פרוי זשאַקעט... מישעל גריסט דיך. ווער זיצט דאָרט בײַ זיי?

דער הער האָט זיך אויסגעדרייט. מאָניקע האָט אַ שמייכל געטאָן.

— מאַקס דע לאַם.

— אַנטיבוי! וואָס טוט ער דאָרט...? פלירטעוועט אפשר מיט מישעלן...!? זי גייט דאָך אָבער חתונה האָבן מיט ד׳אַנטרעגן. אָדער אפשר מיט איר מאַמען אויפן חשבון פון דער זשאָרזשאַנד פּרעמיע... ער באַקומט איר אָבער סיי ווי סיי... אַלזאָ פּאָנעטע! יאָ, שוין ריכטיק... ראַמסאָן איז אין לאָזשע בײַ אַבראַם ראָטשילד. אָבער ווו איז לעאָ...? אָדער קלערט טאַקע די דאָזיקע איבערנאַציאָנאַליסטישע קאָקאָטע צו כאַפּן אַ נײַעם העכט?

א בייזער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף אירע ליפּן. כאָטש לפנים איז זי מיט איר זייער גוט געווען, האָט זי איר דאָך נישט ליב געהאַט, דער דאָזיקער „גרויסער יודישקע". פּאָנעטע איז געווען צו אָנגענעמע ערשיינונג מיט אירע גאָזעלן־אויגן און

זייער העפלעכער האלטונג (אפשר אַ דאַנק איר געוואוינהייט פאַר יעדערן און ביי יעדער סיטואַציע צו בויגן דעם רוקן)
פרוי לערביער האָט שטאַרק מתרעם געווען אויף באַרדינאַט דערפאַר, וואָס זי האָט׳ס פארשטאַנען מיט אַלע כשרה און נישט כשרה מיטלען אַריינצוציען איר מאַן אין די הויכע ספערן. דערדאָזיקער, מיט א קורצער צייט צוריק קליינער באַאמטער אין פינאַנץ־מיניסטעריום, האָט זיך מיט אַ סקאַנדאַליעזער געשווינדקייט אריינגעכאַפּט אין מיניסטאָרן־קאַבינעט און באקומען דאָרט דעם פּאָסטן פון וויצע־דירעקטאָר.
באלד אין ער געוואָרן דעם מיניסטערס פערזענלעכער סעק־רעטאר, פערסאָנאַל־שעף און גענעראַל־אינספעקטאָר. איצט האָט מען געשמועסט, אַז ער אַנטזאַגט זיך פון רעגירונגס־פּאָסטן און דורך ראמסאנס פּראָטעקציע ווערט ער פּאָרזיצנדער פון אַ גרויסער באנק...
– ס׳איז ממש אומגלויבלעך, פרוי לערביער פלעגט זיך וויצלען, אז מ׳האָט צווישן זיך געפלעגט רעדן מכוח דער ליבער פאנעטע.
– אַזוי קונציק אויסצוטרעטן דעם מאַן אַ וועג, און קיין זאַך דערצו נישט טאָן ווי בלויז זיך וואַרפן אויף די קני. אָדער: זי האָט אין זיך אַזאַ כוח צו דערלאנגען די האַנט, אַז קיין שום מאַנספערשוין קאָן נישט ביישטיין.
אָבער באַרדינאַט האָט געהאַט ערפאָלג. און ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון די אַלע טענות.
— דו האָסט הנאה צו רעדן, מוטער! האָט מאָניקע געזאָגט... איך וויל צוגיין צו מישעלן.
– דערמאָן איר מוטער, אַז מאָרגן ערוואַרט איך איר און העלענע סיוז צו טיי ביי קלערידזש.
מאָניקע האָט געשווינד דורכגעשפּאַצירט די קוליאַרן גלייכ־גילטיק צו די בליקן, וואָס האָבן איר ממש אויסגעטאָן. זי האָט

כּבוט נישט געקאָנט אַריבערטראָגן די דאָזיקע מענטשן-מחנות, די אַזויגערופענע „עכט פּאַריזערישע" צוזאַמענקונפטן, וואָס זייער גלענצנדע אויבערפלעך האָט פּאַרדעקט דעם שרעקלעכן אינער-לעכן שמוץ... די קערפּער אויסגעשטעלט צום פּאַרקויפן, די נשמות צום אונטערקויפן דורך שוחד...

גאָט צו דאַנקען – ווי זשאָרזש בלאַנשעט האָט היינט געזאָגט – וואָס ס׳זענען פאַראַן אויסנאַמען! אָבער מ׳קאָן זיי אויס-ציילן אויף די פינגער: ווי למשל, זי גופא, לוסיען, וויגנאַבאָס אָדער איר מומע סילוועסטרע.

ביים געדאַנקען אָן דער מומע סילוועסטרע האָט מאָניקע אַ לאַך געטאָן, וואָס וואָלט זי געזאָגט ווען זי דערזעט אָט די דאָזיקע טאָפּעלע פאָרשטעלונג אויפן בינע און פון פּובליקום. גיט וואָס זי האָט ערשט ניט געפאָלגט איר שוועסטער, וואָס האָט איר דוקא געוואָלט מיטנעמען אויף „מענעלאַאוס"... די מומע האָט זייער גיט געטאָן, וואָס זי איז אַוועקגעפאָרן קיין בויקרעסאָן צו פרוי אָמבראַט, כדי דאָרט שטיל און רויק צו פייערן דעם ערשטן יום-טוב.

דאָס איז אויך געווען אירע אַן אַלטע חברטע אַזוי ווי פּראָפעסאָר וויגנאַבאָס, אַ פאָרקעמפערן פון דער פרויען-פראַגע. פרוי אַמבראָט, אַ לערערין אין ווערסאַילער ליציי, האָט אויך געפונען צייט אָנצופירן מיטן קינדערהיים, וואָס זי האָט אַליין געגרינדעט. און די אַרבעט האָט איר נישט געשטערט צו זיין פאַר איר מאַן, דעם אינזשיניער, אַ מערקווירדיק גוטע לעבענס-חברטע... מאָניקע האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי זיי זיצן איצט אַלע דריי פאַר אַ לאָמפּ און וואַרטן אויף חצות-הלילה, כדי אָנצוהויבן די יום-טוב סעודה. זי האָט זיי מקנא געווען זייער אַרבעטס-רייכן לעבן און זייערע אייגנפאַכע שמחות. ווי גערן וואָלט זי – ווען זי זאָל נישט וואַרטן אויף לוסיען – מיטגעפאָרן אַהין מיט דער מומע סילוועסטרע, כדי צו פאַרענדיקן מיט איר צוזאַמען

דעם טאָג, וואָס האָט זיך פאַר איר אַזוי שווער אָנגעהויבן.

זי האָט געמאַכט דעם סך-הכל: דער באַזוך אין מעדיצינס-גאַס, אָפּגענומען ביים קירזשנער דעם פעלצמאַנטל און דעם מאַרדער-קאַפּאָט, זיך געטראָפן מיט לוסיענען אויף בולוואַר סיושע, כדי צו באַקומען דאָס מעבל (דער שרייב-טיש איז אַ צאַצקע און דער ביכער-שאַנק פראַכטפול)... און דערנאָך דער טיי ביי ריטץ אונטער די לויכטענדע בליקן פון דער ליבער, גוטער אַלטער מומע.

אַז לוסיען איז אַוועק האָט ער נאָך אַמאָל שטאַרק באַדויערט, וואָס ער קאָן איר היינט נישט באַגלייטן אין טעאַטער און וועט מוזן עסן אַליין אָוונט-ברויט... ער האָט אָבער קיין שום מעגלעכקייט נישט ס'אַנדערש צו מאַכן. די בעלגיער האָבן אים כלומרשט היינט נאָך אַמאָל טעלעפאָנירט. זי פון איר זייט האָט אים צוגעזאָגט, אַז ווי באַלד זי וועט אים נישט באַמערקן ביז צום סוף פון דער אָפּערעטקע אין טעאַטער פאָרט זי דירעקט אַהיים. אויב אירע עלטערן וועלן דוקא וועלן עסן אווענדברויט מיט פרוי בארדינאט, און ווי זי קלערט מיט ראמסאן און פלאַמבינאַ, זי שטערט זיי נישט אָבער די באַנדע קאָן זיך גאַנץ גוט באַגיין אָן איר.

— מ׳קאָן אַרייַנגיין?

— געשווינט, האָט מישל אַ זאָג געטאָן, דערזענדיק מאָניקען.

מישעל, קליין און קיילעכדיק, מיטן בלאַס בלאָנדן, כמעט פארבלאָזן קאָפּ, איז געזעסן אין הינטערגרונט פון דער לאָזשע און האָט געהאַט בדעה אָנצוהויבן דערציילן מאַקס דע לאמן אַ פּיקאַנטע מעשה — דאָס האָט מען געזעען אין אירע ברענענדיקע אויגן.

— וואַרט אַ ביסל! האָט מאָניקע געזאָגט, קודם-כל וויל איך באַגריסן די אַלטע.

פרוי זשאקעט האָט לכבוד איר צוגענומען פון זיי אויגן די לאָרנעטע דורך וועלכער זי האָט, ווי אַ הערשערין אירע חילות,

באַטראַכט דאָס פּובליקום. גנעדיק האָט זי אַ נייג געטאָן מיט איר ווייסן פּאַרוק. פרוי באַרדינאַט האָט אויף אַ רגע זיך אָפּגעקערט פון די קאָמפּלימענטן, מיט וועלכע ראַמסאַן האָט איר ממש פאַרפלייצט. שוין יאָרן לאַנג פלעגט ער איר מאַכן זיין רעגולמעסיקן באַזוך, צו וועלכן זי איז שוין שטאַרק צוגעוווינט.

אויסער באַרדינאַטן איז ראַמסאַן געווען דער איינציקער מאַנספּערשוין, וואָס האָט זיך פּאַנעטן שוין אַזוי לאַנג נישט צוגעגעסן. געוויינלעך האָט זי געביטן אירע ליבהאָבער אַלע זעקס חדשים. איר קורצוויייליגע פלירטן האָבן געדויערט וואָכן, אָפּטמאָל בלויז טעג, אָפּהענגיק דערפון ווי לאַנג זי האָט פון זיי געקאָנט ציען נוצן.

– איך פרעג זיך נישט אויף הער באַרדינאַט. ווייל איך ווייס, אַז ער איז אויף דער קאָנפערענץ.

דורכן פּרעזידענט פון מלוכה־ראַט, (מיט וועלכן זי האָט אַדאַנק פלאַבינאַס פּראָטעקציע אָנגעקניפּט באַציונגען) איז פּאַנעטן געלונגען, אַז איר מאַן זאָל קאָנען אַלס פינאַנס־עקספּערט זיך באַטייליקן אין דער פּראָוויזישער דעלעגאַציע אויף דער זיבן און צוואָנציקסטער פאַרזאַמלונג פון אויבערשטן ראַט...

– האַלאָ! קינדער! האָט געזאָגט מאָניקע קומענדיק צוריק אין הינטערגרונט פון דער לאָזשע. ווי ס׳ווייזט אויס לאַנגווײַלט איר זיך נישט.

ס׳איז גענוג אָנצוקוקן די לאַמן.

– זייער ריכטיק, האָט זיך די לאַם מודה געווען, און האָט אָנגעוויזן אויף סעסיל מעער, וואָס האָט אונטן אין פּאַרקעט, אויסגעפּוצט אין אַ טונקל וויאָלעט פראַק, דעמאָנסטרירט זיין „ספּלין" מיט אַזאַ מינע, אַז ס׳האָט פּשוט געעקלט.

די לאַם האָט געזאָגט: איך שטאַרב פון לאַכן אָנקוקנדיק דעמדאָזיקן פּאַצעט מיט זיין טרויער־מינע.

מאָניקע האָט איינגעשטימט: ער איז באמת גישט איינגנצן ביי די געדאנקען.

אַלע האָבן זיך צעלאכט.

מישל האָט טריומפירט אָן שום ספק!

מאָניקע האָט עפּעס אַ פרעג געטאָן, און מישעל האָט זיך נישט געלאָזן לאנג בעטן און אָנגעהויבן א לאנגן באריכט.

— שטעל דיר פאָר, אַז איך בין היינט געווען אויף טיי ביי פריילײַן דע לאָט. מיר זענען געווען זאלבעפינפט אָדער זאלבעזעקסט... דערצו נאָך די יונגעלייט, וועלכע קומען געוויינ־לעך. אונזער גאנצע באנדע אויסער גינעטן, וואָס איז ווארשיינ־לעך מיט העלענא סיוז געווען געלאדן אויפן קאָנצערט ביי אניקא גאבראני. קאמער־מוזיק. איך שטעל מיר פאָר... מיר האָבן זיך אָפּגערעדט מיט סעסילן איינגערעדט אים, אז ער וועט זיך דאָ טרעפן מיט סאשא וואלאנט. דאָס איז זיין נייע ליבע... סעסיל איז נאטירלעך געקומען. כדי אים צו אמוזירן ער זאָל נישט אנטלויפן האָבן מיר ארגאנזשירט פארשידענע שפילן... אָ, איך שטארב אַוועק נאָך די דאָזיקע אומשולדיקע קליינע שפּילן!

— מיט רעספּעקט צו מעלדן — האָט ארייַנגעוואָרפן מאקס דע לאם.

— איר זעט אומעטום שמוץ. וואָס פאר א חטא איז עס למשל, אז מ׳זיצט אויף א בענקעלע מיט פארבונדענע אויגן, די הענט אויף הינטן...? און מ׳דארף טרעפן ווער ס׳האָט זיך דיר אַוועקגעזעצט אויף די קני און אַ קוש געטון. דאָס איז אַלץ. כל זמן מען טרעפט נישט מוז מען כסדר אָנהויבן פון אָנפאַנג.

— און דערנאָך?

— מ׳האָט זיך צונויפגערעדט צו האַלטן סעסילן די גאַנצע צייט אויפן בענקעלע פאַרבונדן אים די אויגן, האָבן מיר אַ ווינק־געטאָן די ייגנעלייט זיי זאָלן זיין שטיל. פון די מענער וואָלט סעסיל צו שטאַרק הנאה געהאַט, האָבן מיר מיידלעך זיך אַנעם

געטון און אָנגעהויבן אים קישן, איינע נאָך דער אַנדערער, וויפל מיר האָבן נאָר געקאָנט. סימאָנע האָט אונטערגעלייגט אונטערן נאָז פּאַקליע און געמאַכט זיך וואָנסען. אַז ער האָט צופעליק געטראָפן דעם אמתן נאָמען, האָבן מיר אַלע געשריגן: נישט אמת! און חוזר חלילה, ווידער פון אָנהויב... געקושט אים אין האַלדז אויף די ליפן... ענדלעך האָט ער נישט אויסגעהאַלטן... זיין צאָרן האָט געברענט. מ'האָט אים אָפּגעלאָזן און ווייסטו וואָס ער האָט געהאַט די העזה אונז צו זאָגן? : בהמות מיידלעך, רעד זיך נאָר נישט איין, אז איר האָט מיך מאנס געווען (באַצוווּנ־גען)... ! אָבער סימאָנע, די צווייטע אין דער רייע נאָך מיר, האָט אים אָרענטלעך באַצאָלט זיין אָנגעבלאָזענע צורה, זיינע בלייערנע אויגן האָבן געמאַכט אַ שרעקלעך קאָמישן איינדרוק. ער האָט אויסגעזעען ווי אַ גומענער חזירל, וואָס מ'בלאָזט אים אָן. און אַז ער פאַלט ווידער איין גיט ער אַרויס אַ מאָדנם טאָן: קוואיק!

דער אַנטראַקט האָט זיך געענדיקט.

— ס'עקלט מיר, האָט מאָניקע אַ זאָג געטאָן... אויף ווי־דערזעען!

זי איז אַנטלאָפן ווי אַן אָפּגעבריטע. אַ שיינע פאָרשטעלונג קאָן האָבן מאַקס דע לאם פון דאָזיקן אומשולדיקן שעפּסעלע און פון איר גופא: לכל הדעות האָט מען דאָך דאָ צו טאָן מיט אַ גייסטרייכן מענטשן. וואָס האָט מיטגעמאַכט דעם קריג, און וואָס אין זיין באַרוף אַלס קריטיקער, האָט ער גוט געקענט די זייטן פון זיינע צייטגענאָסן. מאָניקע איז געווען איבערצייגט, אַז ער קוקט איצט אויף איר מיט דערזעלבער פאַראַכטונג ווי אויף מישעלן.

זי האָט זיך נאָר אויסגעדרייט האָט זיך מישעל גלייך פאַר איר אַ נעם געטאָן.

ווי זי בלאָזט פון זיך; דוקא די וואָס מאַכן דעם אָנשטעל

צורעכט, אַז זיי זענען גרויסע צנועות, דוקא זיי זענען ערגער פון אַנדערע.

די גאַנצע גרויסקייט אירע איז, וואָס זי קלויבט זיך חתונה האָבן... ? אָבער וואָס איז דער מער מיט איר... איך האָב אויך חתונה ! האָט זי צוגעגעבן.

— איר ערלויבט מיר, מיינע טייערע, האָט ראַמסאַן געבעטן, דורכשטופנדיק זיין גרויסן בויך דורכן טיר. אויף ווידערזעען ביי רוניאַן !

— דאָס ווענדט זיך אין דער מאַמען !

און אַנשטאָט איר ליבן שמייכעלע, האָט זי אים תיכף הינטער זיינע פּלייצעס אַרויסגערוקט אַ צונג.

— איך גיי מיט... גאָט צו דאַנקען וואָס איר האָט אָנגענומען די איינלאַדונג ! האָט זי געזאָגט זיך ווענדנדיק מיט אַ מונטערן שמייכל צו איר קאַוואַליער, וועלכער האָט זיך געפּודערט מיטן טאַשן-טיכעלע... הייס איז דאָ דערשטיקט צו ווערן... ווייזט נאָר די פּראַכטפולע טאַשן טיכל...

אין טאַשן-טיכעלע איז געווען באַהאַלטן אַ קליינע פּוך-בערשטעלע. זי האָט זיך אָנגעפּודערט. געבנדיק אים צוריק דאָס טיכעלע האָט זי געשמייכלט :

— גאָט, ווי קאָקעט איר זענט !

לוצלינג האָט זי זיך אָבער איבערגעקלערט ; האַסטיק און חוצפּהדיק, אַז ער איז פּשוט נשתומם געוואָרן — האָט זי אים אַריינגערוקט די כלומרשטע גאָזטיכל טיף אין דער הויזן-קעשענע, אַזוי טיף, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אַ נעם געטאָן איר פאַרן האַנט.

— וואָס איז מיט אייך ? האָט זי אַ פרעג געטאָן מיט אַ כלומרשט נאַיווע מינע, וואָס האָט אָבער גאַנץ בולט אונטערגעשטרייכט איר אמתע כוונה.

— גאָרנישט, האָט ער געמורמלט, צורוקענדיק זיך נענטער צו איר.

דער פאַרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן. אַלעקס מאַרלי האָט געשפּילט אַ פּיקאַנטע סצענע מיט זיין האַלב-נאַקעטער העלענע, וועלכע, כדי זיך אונטערהנפּהנען צו אים — האָט זי זיך נאָך כסדר אויסגעטאָן. מאַקס דע לאַם האָט געוואָרפן אויגן אויף דער מוטער זשאַקעטס פעטן רוקן און אויפן נאָך מער תאוהדיקן פון פּאָנעטן.

אייגנטלעך איז ער אויסשליסלעך צוליב איר אַהער געקומען. דערנאָך האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז די משוגהדיקע מישעל, וואָס איז געזעסן נעבן אים רעכטס, האָט אַזוי הויך פאַרלייגט אירע פיס, אַז דורך די זיידענע זאָקן האָבן זיך געזען די איקרעס ביז צו די קני.

פאַרבאַריקאַדירנדיק מיט זיין שטול די עלטערע דאַמען — דער שטאָב — מוטער און פּאָנעטן — האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער הערט זיך איין מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט.

אויפן בימה האָט אַלעקס מאַרלי אונטערן נאָז געזונגען און דערצו געטאַנצט:

— איך בין מענעלאַאוס דער גוטער...

דע לאַם האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף מישעלס קני... דאָס האַרץ האָט אים שטאַרק געקלאַפּט... אָבער דאָס יינגע מיידל האָט נישט פּראָטעסטירט...

אַז העלענע, וואָס איז צום סוף געבליבן כמעט אינגאַנצן נאַקעט, (די איינציקע קליידער זענען געווען אַ שעם-גאַרטל און אַ דינער שלייער אויפן בויך און איין ברוסט) האָט אונטער די משוגה ווילדע הורא-געשרייען פון פּובליקום צוריק ערשבערט איר מענעלאאוס, האָט זיך מאַקס דע לאַם אַנטשלאָסן אַ קוק צו טאָן ווידער דער יינגער דאַמע אין די אויגן. זי אָבער האָט אים באַ-

האַנדלט מיט רויקער, פריינטלעכער ליבענסווירדיקייט, ווי ס׳וואָלט קיינמאָל גאָרנישט געשעען. ער, פון זיין זייט, איז געווען אויך אַזוי פיל טאַקטיש, אַז ווייטער איז ער נישט געגאַנגען און אין דער שטיל האָט ער זיך אַליין געפרעגט — מכוח ווען און וועגן וואָס האָט זי, צום טייוול, פריער געטראַכט...? אפשר וועגן ד׳אונטערעגן...? ער כאַפּט אַ מציאה..- זי וועט אים ווייזן, וואָס זי קאָן, די אויסגעלאַסענע קאַץ!

און אָן שום געוויסענס ביסן האָט ער זיך איינגעבויגן איבער פאָנעטעס נאַקן, און אירע שוואַרצע לאָקעלעך האָבן זיך באַוויגן אונטער זיין הייסן אָטעם.

— פאָנעטע האָט אַ ציטער געטאָן. צי דען איז ער נישט בעסער פון לעאָן.

זי האָט געהאַלטן אין איין זוכן דעם ריכטיקן, די גרויסע סענסאַציע, וואָס זאָל ווידער אַמאָל אויפוועקן אירע פאַרטעמפטע חושים.

— קומט, לאָמיר גיין, האָט זי געזאָגט נאָכן צווייטן אַקט; איך מוז פּטור ווערן פון אויפטו־אַג, וואָס ראַמסאַן האָט מיר איבערגעגעבן פאַר די לערביערס. פלאָמבינאַ אין ער האָבן דורכאויס געוואָלט, אַז זי זאָל מיט אונז צוזאַמען עסן אָוונט־ברויט... אַנטשולדיקט מיר, טייערע פריינדין...!

אַרום פרוי זשאַקעטס מויל, פון וועלכן ס׳האָבן אַרויסגעלויכטן די פּראַכטפולע קינסטלעכע ציין האָט געשפּילט אַ גראַציעזער שמייכל.

מישעל האָט דערזען אין פּאַרקעט פּאַשע וואַלנט און האָט צו אים פריינטלעך געוווּנקען. אין דרויסן האָט פרוי באַרדינאַט, וועלכע איז נישט געווען בכוח צו האַלטן פאַר זיך קיין שום סוד, איבערגעגעבן דעם שיינעם מאַקס אירע השערות:

— ווי ס׳ווייזט אויס קאָמבינירט מען אַ טראַנזאַקציע מיט זשאַן ווייט... ער זאָל אָפּקויפן לערביערס פּאַטענטן.

— און וויניערעט?

— ער איז פאַרשטייט זיך אויך אין מיטן! אפשר וואָלט איר זיך אויך באַטייליקט?

— צו דען האַלט איר מיך פאַר אַזאַ שטיינרייכן מאַן?

— זי האָט געשמייכלט... וואָס גייט ער דאָ זוכן?

— פאַר אונזערע גוטע פריינט געפינט זיך תמיד אַ שטיקל חלק...

מאַקס דע לאם איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער:

— פאַרצייט, איך באַדויער... נאָך אַזעלכע זאַכן יאָג איך זיך אָבער נישט... איך בין נישט לעאָ!

פאָנעטע האָט אַראָפּגעשלונגען דאָס שטאָך-וואָרט, זי האָט זיך אָבער גאָרנישט געקרענקט, פאַרקערט! זי איז ממש געווען אַנטציקט פון דער דאָזיקער פשוטער אָפנהערציקייט. מאַקס דע לאם האָט געלעבט פון זיין טאַלאַנט. דערמיט אַליין איז ער שוין געשטאַנען אַ סך העכער פון לעאָנען. און כאָטש ביידע האָבן געהאַט קריגס-מעדאַלן, האָט מען אָבער וועגן מאַקס דע לאם נישט געקאָנט זאָגן, אַז ער האָט געגנבעט...

פאַר לערביערס לאָזשע, בעת ער האָט געהאַט בדעה אויפצועפענען די טיר, האָט זי אים דערלאַנגט די האַנט:

— איר געפעלט מיר!

ער האָט נישט שטאַרק רעאַגירט אויפן דאָזיקן אָנגריף, ווייל ער איז דערצו געוווינט געווען. זיין ערשטער ערפאָלג ביי מישלען האָט אים פון דעסטוועגן נישט געשטערט צו אַקצעפּטירן די אַוואַנסן פון פרוי באַרדינאַט. ווי די מעשה זאָל נישט זיין איז זי לכל הדעות אַ פיקאַנטע פלגש. ס'איז געווען גאַנץ אינטערסאַנט צו מאַכן הערנער דעם מאַרקיז ד'אנגערעט כמעט אין זיין חופּה-נאַכט. און אונטערשטעלן אַ פיסל דעם חבר לעאָ איז אויך עפּעס ווערט.

ער האָט זיך נאָכגעפרעגט:

— און מערקער?

— וואָס גייט ער אייך אָן?

— איז ער נעלם געוואָרן? אָדער וואָס האָט איר בכלל מיט אים געמאַכט?

— מיר שיינט, אַז ער האָט מיך היינטיקן אָוונט געלאָזן שוויצן... צוליב העלענע סיוז... אָדער אפשר צוליב גינעטע מאַרין.

— און דאָס אַרט אייך גאָרנישט?

זי האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט אַ שאַרפן בליק אין וועלכן זי האָט אַריינגעלייגט איר גאַנצע צערטלעכקייט.

— שוטה איינער...! דאָס פרייט מיך דוקא!

ער האָט געענטפערט מיט אַ ווונק.

דער ענין איז געווען אָפגעמאַכט.

אין א שעה אַרום האָט זיך לערביערס אויטאָ אָבגעשטעלט פאַר ריגנאַנס רעסטאָראַן... מאָניקע האָט נישט קוקנדיק אויף איר פריהערדיקן ווידערשטאנד, נאָכגעגעבן דעם פאַרלאַנג פון אירע עלטערן און קודם כל מישעלס ביטע. פרוי זשאַקעט איז מסכים געווען אויף דער אָנוועזנהייט פון איר טאָכטער אויף דעם אָוונט-ברויט, וואָס בראמסאן האָט איינגעאָרדנט נאָר בתנאי, אַז מישעלס פריינדין זאָל זיך אויך און אים באַטייליקן. זי אַליין איז שוין כלומרשט צו אַלט פאַר אַזעלכע פאַרגעניגנס. פרוי לערביער האָט גענומען דאָס יונגע מיידל אונטער איר שוץ און האָט צוגעזאָגט איר אָפּצופירן אַ היים.

מאַקס דע לאַם און פרוי באַרדינאַט זענען געקומען צוזאַמען מיט בראמסאן און פלאמבינאן. זייער צוועלפצילינדערדיקע קאַרעטע האָט זיך שוין אָפּגערוקט מאַכנדיק פּלאַץ פאַר די ניי אָנגעקומענע.

— איך בין, באמת, אַהער געקומען נאָר צוליב דעם! האָט מאָניקע געזאָגט צו מישען.

זי האָט געהאַט קרענקונג דערפון, וואָס זי האָט נישט געהאַלטן וואָרט בנוגע לוסיענען. קיין מאָל אין לעבן וואָלט זי אזאַ זאַך נישט געטאָן, זי האָט אָבער נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין קרענקונג איר פאָטער, ווען דאָס איז פשוט געגאַנגען אום לעבן. זיינע ביטערע ווערטער האָבן איר נאָך כסדר געקלונגען אין די אויערן: איך בעט דיך טו עס פאַר מיר... דו ווילסט נישט...? טו גיי שלאָפן פון מיינעטוועגן. דו האָסט ווייניק פאַמיליען-חוש — ליידער! אומגליקלעכער פאָטער! צי זענען זיינע געלט זאָרגן באמת אַזעלכע צענטנערשווערע... מישל האָט גענומען איר חברטע אונטערן אָרעם.

— ווּעסט זען: מיר, וועלן זיך אויסגעצייכנט אמוזירן... איך וועל טאַנצן! זי האָט שוין מיטגעזונגען דעם טאַנגאָ, וואָס זיינע טענער האָבן זיך דורך די גלאָז-טירן געטראָגן ביז אַהער און באַגלייט איר געזאַנג מיט פאַרשידענע קערפּער-באַוועגונגען. מאָניקע האָט נאָך איידער זי איז אַריין, געוואָרפן פיינטלעכע בליקן אויפן מבול פון די אָנקומענדיקע געסט. נאָך איידער עס האָט זיך פאַרמאַכט די טיר פון זייער אויטאָ האָבן זיי שוין פאָזירט. די מענער מיט די אָוונט-היטן אויפן נאַקן און די זיידענע האַלזטיכער אויף די פעלצן... די פרויען איינגעוויקלט אין די פעלצמאַנטלען מיט דיאַדעמס, רערן, און גאָלדרייפן אויף די מאָדערנע פריזורן. מאָניקע האָט שוין בדעה געהאַט אַריינצוגיין, און פלוצלינג האָט זיך איר געדאַכט, אז זי דערקענט לוסיענס אויטאָ. אָבער אָנשטאָט זיך אָפּצושטעלן אויפן הויפּט-פלאַץ, האָט זיך דער אויטאָ אַ דריי געטאָן אין אַ ווינקל, אַן ערך אַ 20 מעטער ווייטער ביים אַריינגאַנג צו די „באַזונדערע קאַבינעטן". איין רגע, האָט זי געזאָגט צו מושלען, איך וויל נאָר עפּעס אַ קוק טאָן...

זי האָט געקלערט: ער האָט געוויס געבאָרגט זיין אויטאָ

איינעם פון זיינעם פריינס, ווי למשל מ״ר גופא נאָכמיסאָג...

פלוצלינג איז זי געבליבן שטיין ווי אַ פאַרשטיינערטע. לוסיען האָט געעפנט דאָס טירל איז אַרויסגעשטיגן און צוגעהאָלפן אַרויסגיין פון אויטאָ אַ יונגע דאַמע, וועלכע האָט געטראָגן פונקט אַזאַ פעלצפעלערינע ווי זי האָט היינט אָפּגענומען פון קירזשנער... געשווינט, ווי אַ גליקלעך פאַרליבט פּאָרל, וואָס וויל פון קיינעם נישט געזען ווערן, זענען זיי פאַרשוווּנדן געוואָרן אין טויער.

מאָניקע האָט זיך געוואָלט אַבסאָלוט איבערצייגן. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז פרישטיקנדיק אין דעם זעלבן רעסטאָראַן מיט אַ פּאָר טעג צוריק מיט לעדי שפּרינגפעלד האָט זי באַמערקט אַ טרעפּ, וואָס פירט פון דעם זאַל דירעקט אויפן ערשטן שטאָק...

זי האָט זיך געלאָזן אַניאָגן מישלען. פאַר זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען הער און פרוי לערביער, די קעלנער האָבן זיי העפלעך באַגריסט, און ביים גרויסן האַלבראָנדן טיש זענען געזעסן די באַנקירן און האָבן צו זיי פון דערווייטנס געווונקען.

מאַקס דע לאַם און פּאָנעטע, זיצענדיק איינער נעבן אַנדערן, האָבן געהאַלטן אין רעכטן ברען פון פלירט... ווי אין חלום האָט מאָניקע געהערט ראַמסאַנס הסברות: דאָ איז אַ סך אַנגענעמער ווי אין אָן אָפּגעשלאָסענעם זאַל; ס׳איז פרייליכער...! און דער מאַמעס פראַגע: —

— וואָס איז מיט דיר? פאַרוואָס נעמסטו נישט אַראָפּ דעם מאַנטל?

זי האָט געמורמלט: — תיכף, איך קום די רגע צוריק.

זי איז מאָמענטאַל נעלם געוואָרן. געשווינט איז זי אַרויף אויף די טרעפּ און איז גראָד אָנגעקומען אין מאָמענט, בעת אַ קעלנער האָט געעפנט לוסיען די טיר אין אַן אַפּאַרט זאַל. ער האָט אַראָפּגענומען פון זיין באַגלייטערין די פעלערינע, און מאָניקע האָט דערזען, אַז זי איז דעקאָלטירט ביז צו דער טאַליע. ברונעט, נישט קוקענדיק אויפן קאַצן-שמייכל אַ בייזער צוג אַרום

מויל... אָן שום ספק קלעָ. מיט אַלע קרעפטן האָט זיך מאָניקע געהאַלטן פאַר דער פאָרענשצע. די פיס האָבן זיך איר אונטער־געהאַקט.

צי איז עס אַ האַלוצינאַציע? ניין ס'איז געווען אַ גרויזאַמע ווירקלעכקייט, וואָס האָט איר אָנגעפילט מיט אַן אומגעהייער שרעק.

דער קעלנער, וואָס האָט צוגעשלאָסן די טיר, ווי ער זאָל וועלן פאַרציען אַ פאָרהאַנג איבער דער דאָזיקער שרעקלעכער וויזיע איז צוגעגאַנגען צו מאָניקען און העפלעך געפרעגט:

— די גנעדיקסטע ווינטשט...

— זי האָט געמורמלט:

— דעם הער פלאַמבינאַס טיש...

זי האָט געקלערט: דאָס איז אַלזאָ דער אַנאָנימער בריוו...

דערהערענדיק דעם דאָזיקן באַרימטן נאָמען האָט זיך דער קעלנער געבויגן אין דרייען.

— דער טיש איז אונטן, גנעדיקסטע. — — ערלויבט גנעדיקסטע פרוי, וועל איך אייך צופירן...

— ניין, איך דאַנק.

ווי אַ משוגענע האָט זי זיך אַ דריי געטאָן און איז מיט אַזאַ אימפעט, געטריבן פון איר שמערץ — אַראָפּ פון די טרעפּ, אויף וועלכע לוסיען איז נאָר וואָס אַרויף, אַז דער קעלנער האָט איר קוים נאָכגעשריגן:

— נישט דאָרטן... נישט דאָרטן.

מאָמענטאַל איז זי געווען אויפן גאַס און האָט געפונען די נאָנטע ריי אויטאָס. די שאָפערס האָבן געמיטלעך געפלוידערט. ענדלעך האָט זי געפונען דעם „וויניערעט". מאַריוס האָט איר דערקענט און איבערראַשט האָט ער מעכאַניש אַראָפּגענומען פאַר איר דעם הוט.

— דאָס גנעדיקע פריילין... !

ווי זי וואָלט נאָך דאַרפן דעם דאָזיקן לעצטן באַווייז, האָט זי איצט דערשפּירט איר גאַנצע עמפּערונג, איר גאַנצן שמערץ.

נאָך אַמאָל איז זי אונטערגעגאַנגען צו מאַריוסן, דאָס מאָל האָט ער זיך אָבער געכאַפּט און זיך כּלומרשט געמאַכט אַז, ער זעט איר נישט. ווידער איז זי אַרויף אויף די טרעפּ, וואָס פירט צו די באַזונדערע קאַבינעטן, און באַמערקענדיק, אַז דער קעלנער היטבט איר עפּעס אָן חושד צו זיין אין ווען אַרויסרופן אַ סקאַנדאַל, האָט זי זיך נישט פאַרלוירן און געזאָגט:

— איך האָב עפּעס פאַרגעסן אין אויטאָמאָביל.

— אויטאָמאַטיש איז זי אַראָפּ צוריק אין רעסטאָראַן, ווו דער גאַנצער עולם ביים טיש האָט איר מקבל פּנים געווען מיט גרויס ענטוזיאַם. פלאָמבינאַ האָט איר אָנגעבאָטן אַ פּלאַץ: נעבן מיר, אויב איך קאָן האָבן דעם כּבוד! זי האָט זיך אָבער נישט געזעצט, זיך איינגעבויגן צו דער מוטער און שטיל איר געזאָגט אויפן אויער:

— איך פיל זיך נישט גוט. איך פאָר אַהיים.

— ס'האָט איר געוואָרפן ווי אין אַ קדחת, און אויסגעזען האָט זי אַזוי שלעכט, אַז פרוי לערביער האָט זיך דערשראָקן.

— וואָס איז מיט דיר? איך וועל דיך באַגלייטן...

ניין, ניין, בלייב דאָ! האָט מאָניקע נערוועז געבעטן.

— דעם אויטאָ וועל איך צוריקשיקן. דו מוזט אָפּפירן מישלען. איך וויל גיין אַהיים שלאָפן. זי האָט נאָך צוגעגעבן:

— ס'איז גאָרנישט... לגמרי גאָרנישט, איך פאַרזיכער דיר. אַ פיבער־אָנפאַל. זייַ גאַנץ רויק!

און נישט רעדענדיק מער קיין וואָרט, ווי קיינער וואָלט דאָ נישט געווען, האָט זי צוגעשפּילעט דעם מאַנטל און אַוועק, טראָגענדיק הויך, דעם קאָפּ.

אַליין האָט זי זיך געלאָזן גיין איבער גאַסן. דער פראָסט איז שטאַרקער געוואָרן. די שטערן האָבן מאַט געלויכטן. די

שטאָט באַרזונקן אין אַ ים ליכטיקייט. די גאַסן העל באַלויכטן פון דער גרויסער מענגע לאַמטערנעס האָבן געוואָרפן אַרום זיך פינצטערע שאָטנס. אויף די בולוואַרן, פיל מיט מענטשן, ווי אין מיטן העלן טאָג, האָט זיך אַרומגעשלעפט אַן אויסגעלאַסענער עולם פון ביידע געשלעכטער. אַלץ האָט געשטראָמט פון די טעאַטערן אין די רעסטאָראַציעס אַריין, געשטופּט, געשטויסן איינער דעם אַנדערן... נישט זעענדיק און נישט הערענדיק קיין זאַך אַרום זיך איז מאָניקע געגאַנגען פאָרווערטס, שטעלענדיק אויטאָמאַטיש די פיס, פילענדיק זיך איינזאַם אין דעם דאָזיקן טרובעל, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער אין אַ מדבר. איר אויפרעגונג, איר פאַרצווייפלונג האָט איר אַזוי איבערוועלטיקט, אַז קיין זאַך האָט פאַר איר מער נישט עקזיסטירט. זי האָט זיך לגמרי פאַרלוירן, ממש נישט געוווּסט, וואָס מיט איר טוט זיך.

מאָמענטענווייז האָט זי זיך געפרווּט קומען צו זיך, זאַמלען די געדאַנקען, נעמען זיך אין די הענט. די וויזיע אָבער פון דעם נאָר וואָס איבערגעלעבטן האָט איר פשוט פאַרפאָלגט — נישט אָפּגעלאָזן אויף קיין רגע. דורכגעדרונגען פון אַ טיפן, שטומפּן שמערץ איז זי נישט געווען בכח זיך צו באַהערשן.— און איז געפאַלן אונטער דער לאַסט פון דעם אומבאַגרינדלעכן, אומערוואַרטעטן — וואָס איר איז צו-האַנט געקומען. אַלץ אין איר האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און צעשמעטערט געוואָרן. אונטער די חורבות פון איר צעשמעטערטער ליבע איז אויך באַגראָבן געוואָרן איר גלויבן. ווי אַ נאַכטוואַנדלערין האָט זי זיך געשלעפּט און איר שטומפּער פאַרשכורטקייט, נישט אָפּגעבנדיק זיך אפילו קיין דין וחשבון וועגן איר באַליידיקטן שטאָלץ. פון טויזנט ווונדן האָט איר האַרץ געבלוטיקט. ס'האָט זיך איר געוואָלט שרייען, וויינען אויף אַ הויכן קול.

פלוצלינג, קומענדיק אַביסל צום באַוווּסטזיין, האָט אין איר אויפגעוואַכט אַ געפיל פון פאַרביטערונג, ווי ביי אַ קינד, וואָס

מ'האָט אָן אַ שום גרונט שטאַרק געשלאָגן און ס'באַשליסט דע דיבער זיך נוקם צו זיין.

צי איז אַזוינס באמת מעגלעך געווען? פאַרוואָס? ווי אַזוי?..

אין אירע אויערן האָט נאָך געקלונגען לוסיענס שטים ביי ריטצן. ווי ער האָט אויסגעדרוקט זיין באַדויערן, געשאָלטן די בעלגיער, וואָס האָבן אים כלומרשט דוקא היינט אין דער פרי טעלעפאָניש באַשטעלט... אַז ער האָט זיך מיט איר געזעגנט, האָט ער צופרידן געשמייכלט מיטן רויקן באַוווסטזיין, וואָס זי האָט אים צוגעזאָגט תיכּף נאָכן טעאַטער אַהיימצופאָרן און אין ערגעץ אָן אים אויף קיין אָוונטברויט נישט צו גיין.

אין איר אומשולדיקייט האָט זי געיאָמערט: „פאַר וואָס האָט ער מיך ווידער פאַרלאָזן, נאָכדעם ווי איך האָב אים שוין אָנגעזאָגט — — — ? פאַר וואָס? — — דער דאָזיקער פאַרראַט האָט איר אויסגעזען אומפארשטענדלעך, דער שקר אומפאַרציילעך. שפּעטער אָבער, בעת ס'האָבן זיך איר אַביסל געעפנט די אויגן, האָט זי דערשפּירט אַן אומגעהייערן צאָרן. מער נאָך, ווי דער שמערץ פון איר צעבראָכענער ליבע האָט איר געפּייניגט די דאָזיקע פאַלשקייט און די אומדערהערטע באַליידיקונג האָט ממש צעריסן איר האַרץ אויף שטיקלעך.

איר נשמה, איר גאַנצער מהות איז צובראָכן געוואָרן. מיט אַלע כחות האָט זי געמוזט אַרויסרייסן פון איר האַרצן דאָס געפיל, וואָס זי האָט געוואָלט אויפן גאַנצן לעבן אָפּגעבן יענעם, דעם איינציקן אויסדערוויילטן.

און גרויזאַם זענען געווען אירע ליידען, ווייל די זיסע אָבער שמערצלעכע ערינערונג און איר אָפּגעבן זיך איז נאָך ווי לעבעדיק געשטאַנען פאַר אירע אויגן. אין איר שטאַרקע נייגונג צו אומאָפּהענגיקייט האָט זי זיך אָבער באַלד באַפרייט פון אירע ביז־איצטיקע לעבנס־פרינציפּן. זי האָט געמאַכט די אָפּעראַציע,

אַמפּוטירט אַ טייל פון איר נשמה. אירע אילוזיעס זענען צעריסן געוואָרן — איר פלייש אָפּגעשטאָרבן.

ליבט זי נאָך לוסיען? ניין, זי פאַראַכטעט, זי האַסט אים. איצט האָט זי געאורטיילט אָן כעס, אָבער אויך אָן שום מיטלייד. נעכטן, נאָך אַן אומבאַווירטע בתולה, האָט זי נישט געקענט די שכרות פון דער זינלעכער ליבע, וואָס פאַרפּעגטעט די געשלעכ־טער ווי אין אַ גאָרדישן קנויל פון דער תאווה... דער שכל, די לאָגיק האָט איצט געוווּנען ביי איר די אויבער־האַנט און האָט באַשטימט אירע באַשלוסן.

שוין כמעט אַ שעה איז זי געגאַנגען איבער די גאַסן נישט רעאַגירנדיק אויף די שטיל געפּליסטערטע אויפפאָדערונגען, אויף די גראָבע וויצן און אפילו אויף די חוצפהדיקע הענט־אַטאַקען.

ביסלעכווייז האָט זי זיך באַרויקט, און דער שמערצלעכער געפיל איז שוואַכער געוואָרן. זי האָט פאַרגעסן די געמיינהייט מיט וועלכער מ׳האָט באַליידיקט איר ליבע און איר רגש־הכבוד, פאַר אירע אויגן איז געשטאַנען לוסיען, וואָס האָט שוין אפשר פאַרלאָזן דעם רעסטאָראַן און צעגיסט זיך איצט אין צערטלעכקייטן פאַר זיין פריינדין אין בעט...

ובכן האָט ער איר אַלזאָ קיין מאָל נישט ליב געהאַט! ער האָט איר בלויז גענומען כלאחר־יד ווי אַ נקבה — ווי יענע נקבה! קלעאָ איז אים בעסער געפעלן...! פון דער דאָזיקער פאָרשטעלונג האָט זי געליטן אַ סך מער ווי פון איר דערנידע־רונג, ווי פון דער עמפּערונג, אַז ער האָט מיט איר בלויז גע־שפּילט. זי איז בכן געווען פאַר אים נישט מער ווי אַ שפּרונג־ברעט פאַר זיינע געשעפטן...! אין וואָס פאַר אַ שמוץ ער איז פאַרזונקען! ווי אַזוי האָט זי זיך געקאָנט לאָזן פון אים פאַר־בלענדן!

און מאָרגן דאַרף זי אים ווידער זען, אויפסניי אויסהערן זיינע שקרים? ווייל אָן שום ספק וועט ער דאָך ווייטער זאָגן

ליגן! די פאקטן וועט ער, נאַטירלעך, נישט קאָנען אָפּלייקענען, אָבער ער וועט שוין אויסגעפינען עפּעס אַ תּירוץ... אַזעלכע מעשים קאָן מען אָבער בשום-אופן נישט מוחל זיין. און אויב מ׳זאָל אויף אַזעלכע נידערטרעכטיקייטן — לויט דער מיינונג פון לוסיענען און אַזעלכע ווי ער — נישט רעאגירן — דאַן איז אויף דער וועלט נישטאָ נישט קיין ליבע און נישט קיין ערע! ס׳בלייבט אונז נישט מער ווי צו לעבן ווי חיות, אָן פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אומבאַשטראָפט פאַר אונזערע מעשים...

מאָרגן וועט זי נאָך מוזן אויסהערן די אומפאַרמיידלעכע ערקלערונגען, זיינע בייזע ליגנס, וואָס ער האָט בלי-ספק אויסגעקלערט, כדי זיך ריין צו וואַשן. אויפן בוזעם פון יענער נקבה און איבער וועלכע זיי האָבן זיך ביידע — פאַרן אָנהויבן זיינע שווינערייען — גאַנץ פיין אַמוזירט...

ביי דידאָזיקע געדאַנקען האָט זיך מאָניקע נערוועז צעלאַכט אויפן קול, אַזוי אַז אַ פּאָליציאַנט איז נייגעריק צו איר אונטערגעגאַנגען.

זי האָט זיך דערשראָקן און געשווינט צוגערופן אַ טאַקסי.

אין דעם מאָמענט ווי זי האָט אָן עפן געטאָן דאָס טירל האָט איר אַ נעם-געטאָן פאַר געלענק אַ האַנט אין אַ ווייסער הענטשקע.

— אָ, אַנטשולדיקט, גנעדיקע פרוי!

אַ עלעגאַנטער הער מיט אַ פיינעם געזיכט, וואָס זי האָט כמעט נישט באַמערקט זיין נערוועזן אויסדרוק, האָט איר איבערראַשט באַטראַכט פון קאָפּ ביז פוס...

„אַ גאַסן-מיידל? צי אַ פרוי פון דער געזעלשאַפט? לכל-הדעות אַ פיינע נקבה? וואָס טרייבט זי זיך אַרום אַליין אין אַזאַ טאָג און אין אַזאַ שפּעטער שעה!?“

אַ מאָמענט האָט זי זיך געוואַקלט איידער זי האָט אָנגעוויזן דעם שאָפער איר אַדרעס און איז איינגעשטיגן. דער הער האָט

באַמערקט איר צעטומלטקייט, און אים האָט אָנגעשמעקט דער פּיקאַנטער ביסן. נישט פאַרלירנדיק קיין סעקונדע איז ער איר נאָכגעשפּרונגען אין אויטאָ און זיך ברייט אַוועקגעזעצט נעבן איר.

זי האָט געשריגן: „איר זענט משוגע, די מינוט אַרויס, אָדער איך רוף נאָך הילף...״

מיטן אינסטינקט פון אַרויב-דורשטיקן יעגער האָט דער אומבאַקאַנטער און אירע ענערגישע ווערטער דערשפּירט די אומרויקייט און אויפרעגונג פון איר געמיט. ער האָט געענטפערט:

— דערלויבט מיר וויניקסטנס, גנעדיקע פרוי, צו פירן אייך צום טויער פון אייער הויז. מיר גייען אויפן זעלבן וועג... איך וואָלט זיך נישט קאָנען שענקען, שליסנדיק צופעליק אַזא רייצנדע באַקאַנטשאַפט, אין דעמזעלבן מאָמענט זי ווידער צו פאַרלירן...

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַנטקעגנדיקן ווינקל און האָט עקשנותדיק געשוויגן.

וואָס האָט איבריקנס, מיט איר געקאָנט פּאַסירן נאָך דעם אַלעס וואָס ס׳איז געשען? קיין שום זאַך וואָס זי זאָל וועלן.. ער האָט גערעדט אָנפאַנגס גאַנץ קאָרעקט, האָט זיך פאָרגעשטעלט איז געווען גאַלאַנט אָבער כּסדר צו דרינגלדרינגלער!... זי האָט זיך נישט צוגעהערט. די ווערטער האָבן געקלונגען ווי דער גערויש פון וועלן. האַלב-טויט, האָט זי זיך ווי געטראָגן איבער סודותפולע וואַסערן. ער האָט אַ נעם געטאָן איר האַנט, זי האָט נישט פּראָטעסטירט. אַז ער האָט איר געוואָלט אַ קוש-טאָן האָט זי אים געפּאַטשט.

— דאָס האָט נאָך געפעלט! — האָט ער אַ זאָג-געטאָן.

ער האָט איר אַ נעם-געטאָן פאַרן אָרעם, מיט געוואַלט אַ שלעפּ-געטאָן צו זיך און ברוטאַל געקושט אין די ליפּען. איר בעררעשונג איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זי איז נישט געווען בכּח זיך צו פאַרטיידיקן.

אונטער דער דאָזיקער געוואַלט-טאַט האָט זיך דער עקל,
וואָס זי האָט נאָר וואָס דערשפּירט, פאַרביטן עפּעס אין אַ מין
זיסע מאַטקייט: אין דער צעריסנקייט פון איר נשמה האָט אויפ-
געטויכט אַזוינס, וואָס איז געשטאַנען אין איינקלאַנג מיט איר
שטערבלעך פאַרוואונדעטן שטאָלץ. דער מאַן וועלכן זי האָט גע-
ליבט, האָט איר פאַראַטן. זי וועט זיך איצט אין אים נוקם זיין.
מיטן רעכט פון פרייהייט און זעלבסטבאַשטימונג, אַז זי וועט מאָרגן
זען לוסינען, וועט זי אים אַלץ אָפּזאָגן אין די אויגן, דעם
גאַנצן אמת. איר האָט זיך אויך געוואָלט אָפּטון אַזאַ מין זאַך,
וואָס זאָל אַוועקשטעלן צווישן זיי אַ כינעזישע וואַנט. און ער וועט
נישט קאָנען, פאַקטיש נישט קאָנען פּראָטעסטירן. צי דען האָט ער
איר נישט פולשטענדיק באַפרייט אין דעם מאָמענט וואָס ער
האָט אָן איר בוגד געווען?

דאָס איבעריקע איז געשען פּראָגראַממעסיק ווי אין קינאָ.
דעם שאָפער האָט מען אָנגעוויזן אַ נייעם אַדרעס, אין אַ מאַנ-
מאַרטער שענק געטרונקען אַ פלאַש שאַמפּאַניער, און אַוועק צו
אים אין האָטעל...

זי האָט נישט געשפּירט נישט קיין חרפה, נישט קיין
חרטה-געפיל. זי האָט אָפּגעטון אַ גערעכטע און אַ לאָגישע עובדה
און דער צופעליקער חבר האָט נישט אַרויסגערופן ביי איר נישט
קיין עקל און נישט קיין אַנטציקונג. ער האָט איר קיין זאַך נישט
צוגעזאָגט און לכל הפחות קיין ליגן נישט געזאָגט... פאָרגעשטעלט
האָט ער זיך איר אַלס דורכרייזנדער, אַלס אָפיצער אויף אורלויב...
אַ צופעליקע ערשיינונג. ס'איז איר אַפילו נישט איינגעפאַלן נאָכצו-
פרעגן ווער און וואָס ער איז, כאָטש זי האָט געקאָנט איבער-
לייענען דעם אַדרעס-צעטל אויף זיין קופער. זי האָט זיך געלאָזן
אויסטון נישט ענטפערנדיק קיין איין וואָרט אויף די אַלע פראַגן
מיט וועלכע ער האָט איר באַשאָטן.

צוקוקנדיק זיך צו איר צערודערטן געזיכט, וואָס האָט

גלייכצייטיק אויסגעדריקט אי אַפּאַטיע אי שטאַרקן ווילן, האָט ער באַשלאָסן אַז דאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ לעבנס-דראַמע. אָדער איז עס אפשר גאָר ראַפינירטע זינלעכקייט? אָבער וואָס גייט עס אים אייגנטלעך אָן? וואָס קאָן עס אים אַרן צי איז עס די נקמה פון אַן אָפּגענאַרטער פרוי, אָדער די פאַרדאָרבנקייט פון אַ נייגיריקער? זי איז געקומען, האָט זיך נישט געלאָזן לאַנג בעטן, און ער וואָלט זיין דער גרעסטער שוטה, ער זאָל נישט אויסנוצן אַזאַ גינסטיקע געלעגנהייט.

פאַרליבט דורך דער שיינקייט פון איר קערפּער האָט ער איר באַשטראָפט מיט אַ פארשכורטער פרייד. ווער איז זי די דאָזיקע אומבאַקאַנטע מיט איר גראַציעזן קערפּער פול פרישקייט און טייוולאָנישער ווייבלעכקייט, וואָס ער ווייסט אַפילו נישט איר נאָמען, קען נישט איר לעבן, אירע געדאַנקען.

מיט פאַרמאַכטע אויגן, צונויפגעקראַמפּטע פויסטן און פאַרביסן די ציין האָט מאָניקע זיך איינגאַנצן געטרייסלט פון אַ נערוועזן שוידער. דער נקמה געפיל איז ביי איר אָבער געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט לגמרי פאַרטויבט אין איר נשמה דעם געפיל פון בושה...

— —

ער איז געשטאַנען ביים בעט, אַ צעטראָגענער, נישט אין גאַנצן באַפרידיקטער. מאָניקע האָט זיך א הויב געטון, אין אירע אויגן איז געלעגן עפּעס אַ מין ווילדער שרעק, וואָס האָט ביי אים אָפּגענומען דעם לשון.

האַסטיק, אויטאָנאָמיש האָט זי זיך אָנגעטון. אין צימער האָט געהערשט אַ פיינלעכע שטילקייט. ער האָט געפּרוווט אָנהויבן רעדן, פאָרגעלייגט איר באַגלייטן. זי איז געבליבן שטום. פּלוצלינג ווי אַ שלאַגס-רעגן בעת אַ געוויטער — האָט זי אויפגעפלאַצט מיט אַ קאָנוולסיוון געוויין. טייכן טרערן האָבן זיך געגאָסן איבער איר שטומען געזיכט, און אָן אויפהער, אַפילו דאַן

ווען זי איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. דער מאַן איז געווען געריִרט. שטאַרק צערודערט האָט ער איר געוואָלט באַגלייטן. זי האָט אים אָבער אָפּגעהאַקט: „לאָזט מיך אָפּ!" „בלייבט געזונט!" זי איז אַרויס פון צימער מיט אַזאַ אייזקאַלטער מינע, אַז ער האָט ניט געוואַגט איר נאָכצוגיין.

פאַרדראָסיק האָט ער געהויבן מיט די פּלייצעס.

„נו, מילא... !"

אַז מאָניקע איז אַהיים געקומען איז נאָך אין פּאָרצימער געווען ליכטיק. איר מוטער איז נאָר וואָס אַריין אין שטוב און האָט זיך זייער באַאומרויקט, וואָס די טאָכטער איז נאָך ניטאָ. דערהערנדיק אַ גערויש איז זי האַסטיק אַרויסגעלאָפן.

— אַזוי? דאָס ביסטו! פון וואַנען קומסטו? איך האָב געמיינט, אַז דו שלאָפסט שוין לאַנג!... איך בין געווען אין איין שרעק!... נאָר וואָס האָב איך אָפּגעפירט מישעלן. דיין טאַטן האָב איך געלאָזן אין רעסטאָראַן מיט די הערן. אַלץ וועגן די געשעפטן... אָבער, גאָט מיינער, וואָס איז מיט דיר... דו וואַרפסט אויף מיר אָן אַ שרעק מיט דיינע משונהדיקע בליקן!...

פרוי לערביער האָט אַ כאַפּ געטאָן מאָניקען פאַר די הענט. זי איז באמת געווען דערשראָקן.

— פון וואַנען קומסטו? ס'ברענט דאָך אויף דיר די הויט!. וואָס האָט די קליינע געקאָנט אַזוינס אָפּטאָן אין משך פון צוויי שעה!

— לאָמיך ענדלעך הערן פון דיר אַ וואָרט, דערציייל שוין, וואָס אַזוינס איז געשען!

מיט האַלבע ווערטער האָט איר מאָניקע איבערגעגעבן וועגן איר באַגעגעניש ביים אַריינגאַנג פון ריניאַן...

—איך בין זיכער, אַז דיר האָט זיך געדאַכט, דיין רייכע פאַנטאַזיע, דאָס איז אונמעגלעך...

דאַן האָט שוין מאָניקע איבערגעגעבן גענוי, מיט אַלע

פרטים... דער אויטא... לוסיען, ווי ער נעמט אַראָפּ די פּאָלערינע פון דער פרוי, דיזעלבע מאַרדער-פּאָלערינע, וואָס ער האָט איר געהייסן באַשטעלן...

ענדלעך מאַריוסעס, דעם שאָפערס, צוטומלטער גרוס...

איצט פאַרשטיי איך! מיין אָרעם קינד...

זי האָט זיך פאָרגעשטעלט מאָניקען, א פאַרצווייפלטע שלעפנדיק איבער די פּאַריזער גאַסן, איר גערעכטע עמפּערונג... וואָס פאַר אַ נאַרישער צופאַל...

ס'אַראַ בהמות די מענער זענען אַלע, סוף כל סוף!

בהמות און שלימזלניקער

זי האט איר ארומגענומען אין געגלעט:

שפּאַר אן דיין קאָפּ אויף מיינע אַקסלען... דו האָסט נעבעך קרענקונג...

זי האָט איר געוואָלט טרייסטן, האָט אָבער ניט געקאָנט געפינען די פּאַסיקע ווערטער. אויף איר צוקונפטיקן איידעם איז זי געווען שטאַרק צעקאָכט, און דאָך איז איר געגאַנגען אין לעבן צו מאַכן צווישן זיי שלום. און וואָס טויג עס באמת צו מאַכן דערפון אַ טראַגעדיע, וואָס פאַר אַ נוצן אַ וועט עס דען ברענגען? מ'מוז דעם גאַנצן ענין באַגאַטעליזירן. און דעריבער האָט זי צוגעגעבן:

– דיין קרענקונג, דיין עמפּערונג זענען גאַנץ פאַרשטענד-לעך, זייער נאַטירלעך... אָבער, אפשר איז'ס דאָך נישט מער ווי אַ מיספאַרשטענדעניש... איך ווייס נישט... וואַרט אויף אַנ'ער-קלערונג, אפשר איז די גאַנצע מעשה אַביסל איבערטריבן, נישט אַזוי ווי דו שטעלסט עס פאַר... איך, אויף דיין אָרט, וואָלט זיך גאָר נישט אַזוי געקרענקט!

אַנ'אויפגערעקטע, אַ צעקאָכטע האָט מאָניקע אַ קוק געטאָן אויף איר מאַמען.

לכתחלה האָט זי געוואָלט שרייען, שרייען אויפן קול וועגן

דעם, וואָס זי האָט געזען און — געטאָן! איר פּאַרצווייפלונג, איר עקל האָב געוואָלט געפינען פארשטענדעניש אין דער מוטערס האַרץ... זי האָט געהאָפט, אַז די מאַמע וועט איר פאַרשטיין, מיטפילן און באַקלאָגן...

אָבער דאָס באַנאַלע מיטלייד, וואָס זי האָט געלייענט אין דער מאַמעס אויגן, וועלכע זענען איר דאָך געווען ליב און טייער, — דער נאָכגיביקער טאָן פון איר שטים, אין וועלכער זי האָט געוואָלט הערן עמפּערונג און פאַראַכטונג, — פון דער מוטערס גאַנצער האַלטונג האָט זיך איר דאָס האַרץ אַזוי צוזאַמענגעפּרעסט, פונקט ווי אין מאָמענט בעת זי איז אַרויס פון האָטעל-צימער...

איר געפיל פון איינזאַמקייט און נידערגעשלאָגנקייט האָט זיך נאָך פאַרדאָפּלט, פאַרשטאַרקט דורך אַ נייע, שמערץ. זי האָט זיך דערשפּירט פרעמד, מיילנווייט פון דערדאָזיקער זיס-שמייכלענדיקער פרוי, וואָס איז געווען איר מוטער, אין וועלכער זי האָט געהאָפט צו געפינען אַ פאַרטרויטע, אַ טרייסטערין...

די ערשטוינט פון דער טאָכטערס שווייגן, האָט פרוי לערביער ענדלעך ווידער אָנגעהויבן: אמת, לוסיענס האַנדלונג איז נידעריקער פון יעדער קריטיק... פשוט, אָן אַ שום זין. אַרומפירן זיך מיט זיין פלגש ערב דער חתונה, כמעט דער כלה אויף די אויגן, דאָס איז נאַריש, נישט אָנשטענדיק — און אַלץ וואָס דו ווילסט... אָבער זיך נעמען דאָס אַזוי צום האַרצן ווי דו, איבער-פירן דאָס געזונט — ווער טוט עס?

און וואָס נוצט עס. נעם זיך אין די הענט, זיי אַ מענטש... ביי מיר איז קיין שום ספק ניט, אַז דער בחור האָט דיך שטאַרק ליב; דערדאָזיקער אָוונט איז אָן צווייפל דער אָנהויב פון סוף, דאָס איבעררייסן מיטן עבר, דו פאַרשטייסט, דער דעפיניטיווער סוף! זיין לעצטער אָוונט מיט יענער. קוים וועט איר חתונה האָבן... וועט ער זיין דער געטרייסטער מאַן — נאַטירלעך אויב

דו ווייסט פאַרשטיין ווי אים צו האַלטן אין די הענט...
מאַניקע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.
— ניין, דער ענין איז געענדיקט! אויס!
— טאָ! טאָ! טאָ! זיך עקזאַלטירן פאַר דער חתונה, וויפל דיין האַרץ גלוסט... שפּעטער מוז יעדערער גיין אויף קאָמפּראָמיסן. לעבן צוזאַמען און איינער דעם אַנדערן ניט מאַכן קיין קרענקונג, דאָס איז נישט פון די לייכטע זאַכן. דאָס איז די הויפּט־אויפגאַבע אין לעבן... און דורכגעפירט קאָן זי ווערן נאָר אַ דאַנק געמיינ־זאַמע קאָמפּראָמיסן...
ווי שפּיזן האָבן דער מאַמעס ווערטער געשטאָכן מאַניקעס פאַרווונדעטע האַרץ...
אַ טיפער אָפּגרונד, אַ תהום האָט זיך געשאַפן צווישן זייערע נשמות. באַהאַלטן ביז איצט הינטער די קליינלעכע טאָג־טעגלעכע אויסדרוקן פון כלומרשט וואַרעמע געפילן, האָט זיך איצט דער־דאָזיקער אָפּגרונד פּלוצלינג אַנטפּלעקט... דערשפּירנדיק דאָס פרעמדקייט האָט זיך מאַניקע נאָך מער איינגעשלאָסן אין זיך, און געזוכט דעריין דעם איינציקן מקום־מקלט. זי האָט אָנגע־שטעלט דעם שטערן, די מאַמע זאָל איר אַ קוש טאָן:
— מיר ווילן זיך מאָרגן דורכריידן. איצט קאָן איך נישט מער.
— באַמי זיך איינצושלאָפן!
מאַניקע איז גלייך אַריין אין וואַנע־צימער און איז אַזוי לאַנג געלעגן אין כמעט הייסן וואַסער, ביז זי האָט דערשפּירט אַ שוואַכקייט אין אַלע גלידער. דער קאַלטער דוש נאָכדעם האָט אָבער לגמרי באַרויקט אירע צושרויפטע נערוון. אָן דער מינדסטער שפּור פון חרטה האָט זי געקלערט מכח איר באַגאַנגע־נער טאַט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס פיזיש האָט זי זיך נאָך געשפּירט צעבראָכן. דער ערשטער געפיל פון פאַר־

שמוצטקייט איז אָבער אויך באַלד פאַרשוווּנדן אונטער דער ווירקונג פונם קריסטאַל-קלאָרן וואַסער. זי האָט בלויז געשפּירט אַ שרעקלעכן ווידערווילן קעגן דער ווילדקייט פון די מענער און אַ שטאַרקן האַס קעגן די מענטשן, קעגן זייערע געזעצן און זיטן; בכלל — קעגן אַלץ, וואָס פאַרשאַפט אַזוי פיל ביטערע ליידן. — לוסיען — איר ליבע, איר צוקונפט — דאָס אַלץ איז שוין געווען נישט מער ווי אַ פּרט.

עפּעס אַ מין משונהדיקער מאָראַלישער איבערברוך האָט איר געשליידערט פון אויבן אַראָפּ. ענדלעך איז זי דאָך איינגעשלאָפן...

אויפכאַפּנדיק זיך האָט זי דערשפּירט ווי אַלץ מישט זיך איר אין קאָפּ... זי האָט געטראַכט אויפן קול: אָ, ווען איר מומע, איר ליבע מומע זאָל דאָ וויינקסטנס זיין, — פאַר איר וואָלט זי דאָך געקאָנט אויסריידן דאָס גאַנצע האַרץ, זי, מיט איר צערטלעכקייט, מיט איר מיטגעפיל, זי וואָלט איר גוט פאַרשטאַנען. — דעם סוף פון דער מעשה האָט זי נאָך נעכטן אין אָוונט באַשלאָסן צו דערציילן דער מוטער ערשט נאָך דעם, ווי זי וועט זיך דורכריידן מיט לוסיענען...

— ער איז זייער געקרענקט, ער קומט באַלד, — דאָס זענען געווען די ערשטע ווערטער מיט וועלכע פרוי לערביע האָט באַגעגנט איר טאָכטער, אַריינקומענדיק צו איר אין צימער, און געבנדיק איר אַ קוש.

גאַנץ פרי האָט זי שוין טעלעפאָנירט דעם הער וויניערע און אים איבערגעגעבן מכח די פאָלגן פון זיין פיינער עובדה, פון זיין העלדן-טאַט... זי האָט אויך צוויסן געגעבן איר מאַן אויפ'ן פאַבריק, ווו ער האָט געהאַט אַ צימער זיך איבערצוטאָן, און פלעגט פאָרן אַהין נעכטיקן נאָכן אָוונטברויט.

הער לערביע האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט און האָט אויפגעהויבן אַ ויצעקו: דער עיקר זאָל נאָר מאָניקע, חלילה, נישט ריידן מיט לוסיענען איידער ער וועט אַהיים קומען, קודם כל

מוז ער, דער פֿאָטער, איר דעם ענין אויפֿקלערן! זאָל זי אים נאָר נישט דורכיאָגן. פֿרוי לערביע האָט אַ סך מער געקלערט מכּח דער צוקונפֿטיקער מאַטעריעלער לאַגע, ווי וועגן די ליידן פֿון איר טאָכטער.

— ווי דו קוועלסט זיך נעבעך, קליינע! ער איז אומגערעכט, אמת! מיר שיינט אָבער, אַז יענע פֿרוי האָט אַן׳הינטישן כאַראַקטער. זי האָט געפֿאָדערט אַן׳אומגעהייער גרויסע סומע לאַ־יחרץ־געלט פֿאַרן שווייגן, אַן׳אמתער שאַנטאַזש. און דערפֿון שטאַמט יענער אָוונטברויט. אַזוי ווייניקסטנס האָט מיר לוסיען איבערגעגעבן אין געציילטע ווערטער דורכן טעלעפֿאָן. ער האָט דאָך געמוזט געפֿינען אַן׳עצה ווי איר צו איבערצייגן...

מאָניקע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ניין, ער האָט געדאַרפֿט האָבן דעם מוט מיר אָפֿנ־האַרציק זיך מודה צו זיין, איידער...

מאָניקע האָט נישט געענדיקט... צו וואָס זאָל זי, אייגנטלעך, אויפֿדעקן איר גאַנצן אומגליק!... צי דען וועט איר מוטער פֿאַרשטיין צוליב וועלכע רירנדיקע מאָטיוון זי האָט זיך אָפּגעגעבן לוסיענען פֿאַר זייער פֿאָרמעלער פֿאַראייניקונג?... געוויס, אַנאומ־פֿאָרזיכטיקייט, — דער קרבן אָבער איז זי בלויז אַליין און טראָגט דערפֿאַר די גאַנצע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט.

— מיין נאָר נישט, איך בעט דיך, אַז דאָס רעדט אין מיר די אייפֿערזוכט. איך בין נישט אייפֿערזיכטיק, ווייל איך בין נישט פֿאַרליבט.

— אויב אַזוי האָסטו אים בכלל קיינמאָל נישט ליב געהאַט.

פֿרוי לערביע האָט אַ קוק געטאָן אויף איר טאָכטער מיט אַ בליק פֿון אַ שטאַרקן מבין אויף אַזעלכע ענינים, און ווידער האָט ביי איר אויפֿגעלעבט די האָפֿנונג, אַז ס׳איז נאָך נישט אַלץ פֿאַרלוירן. אויב נישט די ליבע איז דאָ דער גרונט מאָטיוו, צורייסט מען דאָך נישט צוליב אַ קליינלעכן עגאָאיזם קיין אָפֿיציעלע תּנאָים.

נאָר אַ מענטש, וואָס האָט קיין מאָל נישט געליבט, קאָן צוגעבן, אַז אַ געפיל פאַרשיינט אין לעשט זיך אויס ביי דער ערשטער אַנטוישונג ווי אַנ'אָנגעצינדענע שוועבעלע.

— דו האָסט אַ טעות, מוטער: איך לייד דוקא דערפאר, ווייל איך האָב אָבגעגעבן לוסיענן אַזאַ אויפריכטיגע און גרויסע ליבע, וועגן וועלכער דו האָסט אפילו קיין אַהנונג נישט.

אויך אַזוי, האָף איך, אז קוים וועט זיך דאָס מיספאַר־שטענדעניש אויפקלערן...

— ניין, מוטער, מאַך זיך נישט קיין שום האָפנונג — ס'איז אויס, אַלץ איז געענדיגט — אוממעגליך, צו פאַרבעסערן, ניטא קיין שום פתח חרטה!

— פאַרוואָס? דערפאר וואס דיין חתן האט געזאָגט א ליגן? אויב ער האט עס אבער געטאן כדי דיר צו פאַרשפּאָרען איבעריגע עגמת־נפש? ווען נישט דער אומגליקליכער צופאַל וואָלסטו דאָך בכלל פון קיין שום קריינקונג נישט געוווסט. דו מאַכסט אים פאָרוואור־פען פאַר אנ'עובדה וואָס איז פון זיין זייט געוועזן אנ'אויסדרוק פון דער צערטליכסטער אויפמערקזאַמקייט... דידאָזיקע האַנדלונג באַווייזט קלאָר און דייטלעך, אַז דיין רויקייט איז אים אַ סך טייערער ווי זיין אייגענע...

—דו פאַרשטייסט נישט—האָט מאָניקע אָפּגעזיפצט מיט אַ ביטערן שמייכל, — פאַר דיר איז לוסיענס ליגן זאָגן — אַ נול, גאָר נישט, נאָך דיר נאָך איז'ס אַ שיינע, כמעט אַנ'איידעלע האַנדלונג, פאַר מיר אָבער איז'ס אַנ'אומפאַרצייַלעכער, אַ מיאוסער שקר... די גרעסטע נבלה, אַנידערטרעכטיקייט...

אַ מאָרד! אַ מאָרד איבער מיין ליבע, דער צוזאַמענברוך פון אַלץ וואָס מיר איז געוועזן הייליג, פון אַלעם דעם אין וואָס איך האָב אַריינגעלייגט די גאנצע קראַפט פון מיין נשמה. דו ביסט איבעראַשט ערשטוינט? יאָ?...

דאָס שטאַמט דערפון ווייל צווישן דיין אויפפאַסונג אין

מײנע בעגריפן שטײט אַ כינעזישע וואַנט. מיר האָבן געלעבט צוזאַמען, אין אײן שטוב, אײנע לעבן דער אַנדערער און איצט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט ווײט פון אײך אויף אַ שטח פון גאַנצע טויזענט וויאָרסט... דו דאַרפסט אָבער אײן פּאַר אַלע מאָל וויסן, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן דײן לעבן נאָר וועגן מײנעם.

– דו לײדסט און ס'איז פאַרשטענדלעך וואָס דו ביזט אַ ביסל מגזם, דו איבערטרײבסט...

– איך האָב דיר נאָך לאַנג נישט געזאָגט אַלץ וואָס איך טראַכט.

פרוי לערביע האָט געקוועטשט מיט די זײטן, ווי די מעשה זאָל נישט זײן קוקסטו אַלץ אויף לוסיען'ס האַנדלונג דורך אַ פאַרגרעסער גלאָז – גלויב מיר – ווען אַלע פרויען זאָלן זיך בעציען צום הײראַטן מיט אַזאַ פּעדאַנטיזם, וואָלטן קײן מאָל קײן שדוכים נישט געשלאָסן געוואָרן, קײן פּאַפּיער וואָלט נישט גענוג געווען אויף גטן צו שרײבן... דאָס חתונה האָבן וואָלט אין גאַנצן אינטערגעגאַנגען...

– מ'מוז זיך באַציען צו די אַלע זאַכן ניכטערער רעאַלער, כאָטש וויפיל נישט איז געזונטערי פאַרשטאַנד! – דאָס איז ראָמאַנטיזם, פּונקט ווי אין מיוסע'ס *) קאָמעדיע „וועגן וואס ס'פאַנטאַזירן די ייִנגע מײדלעך".

– און דו ווילסט מיר אײנרעדן אז דו כאַפּסט זיך אויף צו אַ נײעם לעבן... אויב אַזוי עפן טאַקע די אויגן – קוק זיך צו צו דעם וואָס ס'טוט זיך אַרום דיר, זײ מאָדערן...

– איך בין ווײט פון גינעטעס און מישעל'ס פאַנטאַזיעס און חלומות. –

– חתונה האָבן – וועגן דעם חלומען אַלע ייִנגע מײדלעך. דאָס איז אַ בונד וואָס פאַרפליכטעט לגמרי נישט צו קײן ליבע...

חתונה האָבן איז דאָס וואָס עס איז. אָדער קלערסטו אפשר

*) אלפרעד מיוסע: א בערימטער פראנצויזישער דיכטער ראמאנטיקער (1810—57).

בכלל מיט איין קלאַפּ צו רעפאָרמירן די גאַנצע געזעלשאַפט ?

— לגמרי נישט ! אָבער דו קענסט דאָך נישט האָבן צו מיר קיין פּרעטענציעס אויב איך זעע אין הייראַטן נישט קיין אַנדער זאַך ווי דאָס שטרעבן צו אַבסאָלוטער נאָנטקייט, דאָס פולשטענדיגע, אומבאַגרענעצטע צוזאַמענגיסן.

פאַר מיר איז דאָס חתונה האָבן אָן ליבע — נישט מער ווי אַ מין פּראָסטיטוציע איך האָב לוסיענן מער נישט ליב און וועל דאַריבער פאַר אים קיין מאָל נישט חתונה האָבן.

פרוי לערביע האָט אויסגעגלאָצט א פּאָר אויגן :

— אזוי זאָגסטו ?...

— יאָ, דאָס הייראַטן ווערט אַ מין שאַכערמאַכער, אַ האַנדל, קוים מישט זיך דאָ אַריין עפּעס אַ שטיקל אויסרעכנונג.

דאָס איז פּראָסטיטוציע. פּשוטע, איינפאַכע פּראָסטיטוציע !

פלוצלינג האָט זיך מאָניקע דערמאַנט אָן יענעם אומבאַקאַנטן. ווידער איז פאַר אירע אויגן געשטאַנען דאָס צימער אין האָטעל, די שעה פון פאַרגעסן זיך...

און זי האָט זיך אָבגעגאָסן מיט אַ רויטקייט ביז צו די פינגערשפּיצן. מיט אַ שטאָלצן באַוווסטזיין האָט זי אָבער תיכף אָבגעטריבן יעדע אַנאַלאָגיע צווישן איר האַנדלונג מיט דעם וואָס זי האָט איצט געטאַדעלט אַלס אומערהערטע נבלה, אַלס נידערטרעכטיקייט און... אַ שטאַרק אויפגערעגטע האָט זי ווייטער גערעדט:

— אַלע ברכות פון נונציוס אין פון פּויבסט גופא וועלן נישט שטערן דעם מאַרקיז דלאַנטרעג, חתונה האָבנדיג מיט מישעלס מיליאָנען, צו זיין דאָס וואָס פאָנעטע האָט געזאָגט וועגן מערקערן, און וואָס מיר אַלע קלערן מכּח באַרדינאַן... און גינעטע אַליין מיט איר גאַנצער בְּרֵישקייט צו כאַפּן אַ מאַן איז ביי מיר נישט מער ווי די לעצטע פישערקע וואָס יאָגט זיך נאָך פיש אין מוטנע וואַסער.

פון דידאָזיגע דונערשלאָגן האָט דער מאַדאַם לערביע

פאַרכאַפּט דער אָטעם. זי האָט זיך אָבער באַלד געפּאַסט און כלומרשת רויק באַמערקט:

— אַ מערקווירדיגע זאַך! אַנ׳אויסגעגאָסענע מומע, אַלע אירע נאַרישע פאַנטאַזיעס האָט זי דיר אַריינגעהאַקט אין קאָפּ.

— און ווען דו וואָלסט מיך אַליין דערצייגען?

— איך האָב שטענדיק באַדויערט וואָס איך האָב עס נישט געטאָן... אָבער דיין געזונטצושטאַנד...

— אָדער דיינע בעקוועמלעכקייטן?

— אָט האָסטו דיר דעם דאַנק!... אַ מיידל מיט רעוואָלוציאָנערע פּרינציפּן וואָס פּאַסן אין אַ משוגעים-הויז! צי דען פאַרשטייסטו נישט אַז דאָס הייסט טרעטן מיט די פיס אַלע סאָציאַלע יסודות!... מיט דיין אמת — ווייל קיין שום אַנדערן ווילסטו נישט אַנערקענען — איז נישט נאָר דאָס הייראַטן — נאָר דאָס לעבן גופא אוממעגלעך!

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו דער ווירקלעכקייט! אַ קליין ביסל טאָלעראַנץ, עטוואָס ברייטערע אַנזיכטן.

מאָניקע האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מוטער און האָט דערשפּירט ווי זי פאַרלירט דעם באָדן פון אונטער די פיס, ווי זי זינקט אין אַ טיפן אָפּגרונט. מיט אַלע קרעפטן האָט זי זיך באַמיט צו האַלטן אויף דער אויבערפלאַך, קלערנדיק וועגן איר ערציערן אין יער, וועלכע זי האָט ליב געהאַט מיט איר גאַנצער נשמה נישט קוקנדיק אויף די צופעליגע מיספאַרשטענדנישן... און זי האָט אויסגעשריגן ווי רופנדיק נאָך הילף:

— אָבער דו, מאַמע, דו האָסט דאָך ליב געהאַט דעם טאַטן... איר האָט דאָך חתונה געהאַט אָרעם. ערשט שפּעטער, נאָך די ערפינדונגען איז דאָס געשעפט געוואָרן דאָס וואָס ס׳איז איצט. דו קענסט דאָך נישט טראַכטן אַנדערש ווי איך... דו פאַראַכטעסט דאָך פּאָנעטן, מאַכסט דאָך פון איר חוזק! דו כאַפּסט נישט קיין התפעלות פון דער זקנה זשאַקע, נישט קוקנדיק אויף איר עשירות

און איר בערימטן סאַלאָן — די לייגסט נישט קיין כבוד אויף עלענע סיוז וועלכע האָט זיך אָבגעגעבֿן איר געוועזענעם מאַן, דעמדאָזיקן אַלטן, שמוציקן באַנדיט, נאָר צוליבֿ דעם כּדי ביים גט צו האָבֿן דעם טוטל מאַדאַם און נישט פֿריילייַן. דאָס האָבֿ איך נאָר אָנגערופֿן עטלעכע, צופֿעליק... זיי זיינען דאָך אין די הונדערטער. די פֿאַרטיידיקסט זיי דאָך נישט. די האָסט דאָך נישט געהאַנדלט אַזוי ווי זיי...

פֿרוי לערביע האָט געענטפֿערט מיט אַנ׳האַלבֿן מויל:

— די פֿאַלסט תּמיד אַריין פֿון איין עקסטרעם אין צווייטן. — פֿאַרשטייט זיך אַז איך שטעל דיר נישט אַלס ביישפּיל אונזערע באַקאַנטע, זיי זיינען ווייט פֿון הייליקע וואָס זאָל מען אָבער טאָן? אַז מ׳לעבט אויף דער וועלט — און מיר לעבֿן נישט בלויז אויף איר נאָר אויך פֿון איר — מוז מען זיך ווילנדיק נישט ווילנדיק צו איר צו פּאַסן... מיט מאַכן, נישט די פֿאַרברעכן חלילה, אָבער געוויסע מנהגים, זיטן, געוווינהייטן...

— יאָ, אַזוי איז עס... און נישט איך מיט דיר וועלן עס איבער־מאַכן, איבער אַנדערשן...

אָ, ווען די זאָלסט האָבֿן מיין לעבֿענסערפֿאַרונג — וואָלסטו דאַן אַליין איינגעזען, אַז אַסך זאַכן וואָס זיינען פֿאַר דיר איצט אומפֿאַרשטענדלעך און רופֿן ביי דיר אַרויס עמפּערונג, פֿאַרביטע־רונג — האָבֿן באמת זייער עקסיסטענץ — באַרעכטיגונג, קאָנען לייכט פֿאַרענטפֿערט ווערן און זיינען אפשר גאָר נויטווענדיק לאָמיר זאָגן אַלס פּאַטאַלע און פֿאַרמיידלעכקייט...

מאָניקע האָט געמאַכט אַנאומגעדולדיגע באַוועגונג.

— נו, נו, אַלץ קאָן זיך נאָך מיט לוסיענען איינאָרדנען.

— מיט דערדאָזיקער האָפֿנונג זאָלסטו זיך נישט טרייסטן. ס׳זיינען פֿאַראַן זאַכן, אויף וועלכע איך וועל קיין מאָל אין לעבֿן נישט מסכּים זיין — דאָס איז דער שקר צווישן מענטשן וואָס האָבֿן זיך ליב.

איך האָב לוסיענען קיין מאָל נישט אָבגענאַרט, נישט געזאָגט קיין ליגן און האָב געהאַט רעכט צו פאָדערן פון אים דאס־זעלבע.

פרוי לערביע האָט אַ שמייכל געטאָן מיט אַ מינע פון באַהאַוונטן למדן:

– רעכט? פרויען־רעכט? דאָס אַלטע לידל פון דער מומע סילוועסטרע און פרוי אמברא... אָבער – קינד מיין – עס זיינען פאַראַן פאַלן, ווען דאָס ליגן זאָגן ווערט אַ פליכט. קוק נישט אויף מיר מיט אַזעלכע אויגן! דו דערשרעקסט מיך ווידער – ווידער דיזעלבע אויגן וואָס נעכטן...

– שקר – אַ פליכט?

– אָבער באַרויק זיך!

– ניין, ניין מוטער! אַ פליכט איז צו זאָגן דעם אמת. און אַזוי ווי איך האָב בדעה, אַז לוסיען וועט קומען, אים צו זאָגן דעם גאַנצן אמת, טו הער אים דו אויך אויס. אין טאַקע באַלד, תיכף. ס׳קאָן מער נישט גוט ווערן, פאַרפאַלן! ווייל נעכטן ביי נאַכט בעת איך האָב זיך מיט דיר צו שיידט האָב איך זיך אָבגעגבן – פאַרשטייסט, זיך אָבגעגעבן אַ מאַנספאַרשוין!

– אָ!...

ווי אַ דונער וואָלט איר איינגעשלאָגן.

אַ פאַרציטערטע האָט פרוי לערביע געקוקט אויף דער טאָכטער און האָט זיך אין גאַנצן געוואָרפן... פלוצינג, אַרויס־גייענדיק פון די כלים, האָט זי מיט רוגזה אויסגעשריגן:

– דו האָסט עס געטאָן? דו...

– יאָ, איך האָב עס געטאָן און וועל׳ס איבערחזרן אויב ס׳וועט זיין נויטיג.

– אידיאָטקע! דאָס איז שוין צו נאַריש! מיט וועמען זשע? מ׳קאָן וויסן?

– ניין!

— פאַר וואָס?

— ווייל איך אַליין ווייס עס אויך נישט.

— דו ווייסט נישט? דו מאַכסט פון מיר חוזק ענטפער... איינער פון אונזערע בעקאַנטע?

— ניין? אַלוואָ אַ פרעמדער? דער ערשטער בעסטער?

— יאָ.

— דו זאָגסט ליגען, אָדער דו ביסט פון זינען אַראָפּ.

אין גאַנצן אַ צובראָכענע איז פרוי לערביע אַנטשוויגן געוואָרן. אַ קאַטאַסטראָפּע... זי איז געוואָרן רויט ווי פייער. מער פון כעס ווי פון קריינקונג... פון גרויס אויפרעגונג האָט זי נישט געקאָנט ריידן און האָט בלויז געמורמעלט:

— אום... אומגליקליכע און אַז דו וועסט האָבן אַ קינד.

מאַניקע איז בלייך געוואָרן!

— אַ קינד? פון וועמען זשע? אַ, אויב ס'איז שוין באַשערט, איז שוין בעסער אַזוי איידער פון דעם טויגעניכץ פון לוסיענן...

און אויפן קול האָט זי געזאָגט:

נו איז וואָס? איך וועל עס האָדעווען, און שוין.

— דיין נאַאיוויטעט גרענעצט זיך מיט נאַרישקייט... דו ביסט פשוט אַ שוטה!...

דו...

פרוי לערביער האָט מיט איין מאָל אָבגעהאַקט.

פלוצלינג האָט זי דערזען אַנ'אויסוועג פון דער לאַגע וואָס איז ביז יעצט געווען קאַטאַסטראָפאַל: אייגענטליך זיינען נישטאָ קיין שום באַווייזן... קיין שום מאָטיוון אויף וועלכן נישט איז חשד... מאַניקען זאָל זיך נאָר נישט פאַרגלוסטן בראַווירען מיט איר פיינער המצאה און וועט אַלץ וועט בלייבן ווי ס'וואָלט קיין מאָל קיין זאַך נישט געווען.

מיט אַזאַ נאַטור, ווי מאַניקעס וועט מען מיט רעפּרעסיעס

בכלל גאָר נישט מאַכן. פרוי לערביע האָט דעריבער באַשלאָסן איבערצוביִיטן דעם טאָן און האָט אָנגעהויבן מיט אַנ'איבערצייגעני־דיקער שטים:

— איך וויל דיר נישט זאָגן קיין מוסר, ווייל דו וועסט דאָך תיכף ענטפערן, אז דאָס איז דיין פּאַרזענליכע אָנגעלעגנהייט... דאָס אומגליק איז געשען און מ'מוז עס פאַריכטן.

דו געפינסט, אַז דו האָסט געהאַנדעלט ריכטיג... זאָל זיין אַזוי... דו אורטיילסט לויט דיין מאָראַל, לויט דיינע פּרינציפּן, אפשר ביסטו גערעכט. איך האָף אָבער, אַז דו וועסט ערלויבן דיין אַלטער, דיך ליבענדער מוטער צו געבן דיר אַ קלוגע עצה. באַהאַלט ביי זיך דעם סוד פון דיין לעצטער עובדה.

בעת איך האָב דיר געזאָגט, אַז ס'זענען פאַרהאַן פאַלן, ווען דער שקר ווערט אַ פליכט, האָב איך לגמרי נישט געמיינט, אַז דו אַליין זאָלסט טאַקי באַלד אינטערשטרייכן די ריכטיקייט פון מיינע דאָזיקע ווערטער.

דו דאַרפסט וויסן, אַז אויב דו וועסט דערציילן וועגן דיין אומ־גליק דער גאַנצער וועלט וועסטו פאַר דער געזעלשאַפט אַ „גע־פאַלענע"! און בעשמוצט זיך צוזאַמען מיט אונז, שוין נישט רעדנדיק וועגן דער נאַרישער לאַגע בכלל. פאַרקערט אָבער, אויב דו וועסט שוויי־גען, איז גאַנץ לייכט אויסצובעסערן דאָס אומגליק וואָס קיינער ווייסט דערפון נישט און קיין מענשט האָט עס נאָך זאָגאַר נישט באַמערקט.

— אָ, מוטער!...

— וואָס? געוויסענספּיסע בנוגע לוסיענן? אין בעצוג צו דעם וואָס האָט דיך דער ערשטער אָבגענאַרט?... האָסט זיך שוין גוט נוקם געווען אָן אים... צי דען ביסטו נישט באַפרידיגט?... נו באַקלער זיך, קינד מיין, באַקלער זיך גוט, געדיינק מיין טייערע, אַז פאַר דער וועלט, ווי אין לעבן איז תמיד וועניגער וויכטיג דאָס וואָס מ'טוט, ווי דאָס וואָס מ'רעדט — ... דער עיקר איז טאַקע אייגענטלעך נאָר דאָס וואָס מ'רעדט...

— אָ, מאַמע, מאַמע !...

— אונזער לעבענסוועג פֿאַרמערט זיך שטענדיק לויט אונזער רעפּוטאַציע !... דו האָסט געטאָן אַ נאַרישקייט, דאָס איז דיין זאַך... אָבער קוים וועט קומען דער טאָג, וואָס נישט בלויז מיר וועלן דאָס וויסן, דאַן איז קאַפּוט אי דיין, אי אונזער גוטער נאָמען, דאַן זענען מיר אַלע קאָמפּראָמיטירט... צו דען ווילסטו דאָס ? איך מיין אז זיכער נישט. דעריבער בערו:ק, איך בעט דיך, דיין ראַפֿינירטן געוויסן, אויב מ׳זאָל אין דער הייראַט אויף יעדער קלאַפּ אַזוי רעאַגירן וואָלטן מאַן און ווייב געווען שטענדיק אויף מעסערס — אַלע, אָן אויסנאַם. וואָס ביסטו בלינד צו אַלדי רוחות — האָסט קיין אויגן נישט ? צי דען מיינסטו אַז איך מיט דיין טאַטן וואָלטן געלעבט בשלום ושלוה, אויב מיר זאָלן וועגן יעדער מיספֿאַרשטענדניש מאַכן געוואַלדן פֿאַר דער גאַנצער וועלט ? איך בין אויך נישט איין מאָל געווען אָבגענאַרט. איך בין געווען אָבגענאַרט אַזוי, אָפֿן, אַז דו ביסט וואַרשיינלעך דו איינציקע וואָס ווייסט נישט, אַז די קליינע ראַנעטע, פֿון טעאַטער „דעקאָפּוציין״ איז דיין טאַטנס פּלגש. איך האָב דיך געטרייסט ווי איך האָב געקאָנט... לכל הדעות האָט קיינער נישט, געזען נישט מיינע ליידן, נישט מיין אַנטוישונג...

— דו מאַמע, דו ?

פרוי לערביע האָט געשפּירט, אַז זי האָט זיך אַביסל פֿאָרגאַלאַפּירט, צו ווייט פֿאַרקראָכן, און כּדי אויסצעווייכן מאָניקעס ערשיטערטן בליק האָט זי צוגעגעבן :

— אָבער דאָס זענען אַלץ אַלגעמיינע טענות. איך קום צוריק דערצו וואָס אָנבאַלאַנגט דיר. מער ווי ווען ס׳איז דאַרפֿסטו שווייגן אין... וואָס גיכער חתונה האָבן מיט לוסיענען.

— אַפּילו, מיט בריינגנדיק אים אַ פרעמד קינד ?

— קודם כּל — איז עס נישט מער ווי אַנ׳השערה... אין אויב אפילו... אויב ס׳איז טאַקע אַזוי, וועט ער עס קיין מאָל נישט דערגיין, דאַריבער...

„שוויג! איך בעט דיך — דאָס איז נידערטרעכטיק...

— איצט ווילסטו מיך לערנען? מיך משפטן? דו? קוק מיר אין די אויגן אַריין — ענטוועדער דו שווייגסט אָדער דו האָסט וואָס גיכער חתונה מיט לוסיענען...

— בשום אופן נישט!

דאַן דאַרציי איך אַלץ דעם פֿאָטער און ער וועט דיך אַרויסיאָגן.

— זאָל ער!

— הער מאָניקע, דו...

אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין מוט צו ענדיקן. די טאָכטער איז געשטאַנען פֿאַר איר ווי אַ ווילד פֿרעמדע. איר ליידענד געזיכט איז געווען באַדעקט מיט אַ טויטער בלייכקייט. דער אַראָבגעלאָזטער בליק האָט אויסגעדריקט אַ שרעקלעכע גייסטיגע איבערלעבעניש. פֿרוי לערביע האָט זיך געוואָלט צודריקן איר צו זיך, צו איר מוטערליך האַרץ:

— מאָניקע! האָט זי געזאָגט צום צווייטן מאָל.

— לאָז מיך צו רו!

— אָבגעשטויסן פֿון דער טאָכטער, נישט וויסענדיק וואָס צו טאָן, האָט פֿרוי לערביע באַשלאָסן זיך צו פֿאַרדראַפּירן אין אַ פּאָזע פֿון גרויסקייט."

— נו דו וועסט זיך נאָך אָנקלערן! האָט זי אַ זאָג געטאָן און איז מיט ווירדע אַרויס פֿון צימער.

דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזן אויף די הענד האָט מאָניקע נישט באַמערקט ווי די מוטער איז אַרויסגעגאַנגען.

שוין צום צווייטען מאָל איז אַלץ אַרום איר איינגעפֿאַלן. איר קינדישע ליבע און די אַכטונג צו דער פֿאַמיליע האָבן זיך געוואַלגערט צווישן די שערבלאַך פֿון דער פֿאַרגאַנגנהייט.

VI

– דער הער לערביע האָט געבעטן אייך איבערגעבן, פֿריילן, אַז ער וואַרט אויף אייך אין סאַלאָן.

– איך קום גלייך.

בלייבנדיק אַליין, האָט מאָניקע כּלאַחר־יד אַ קוק געטאָן אין שפּיגל.

– איך זע שרעקלעך אויס!

זי האָט זיך צוגעפּודערט, נאָך אַ מאָל אַ קוק געטאָן אויף זיך אין שפּיגל און טיף אָפּגעזיפצט.

אויף איר האָט געקוקט אַן׳אַנדער מאָניקע, לחלוטין נישט ענלעך אויף דער נעכטיקער...

יאָ! אַ נייע מאָניקע. וועגן יענער, דער פריערדיקער, דער אַזוי נאָענטער און ווייטער, האָט זי געקלערט ווי וועגן אַ געשטאָרבענער.

– נו, מ׳דאַרף גיין! האָט זי אַ זאָג געטאָן. פרישטיק האָט זי געגעסן ביי זיך, כּדי זיך נישט צו ווייזן אויף די אויגן דער מוטער און נישט צו דינען אַלס אָביעקט פון נייגיריקייט פאַר דער באַדינטער.

– הער לערביע האָט טעלעפאָנירט, אַז ער וועט זיך פאַרשפעטיקן: – כּסדר געשעפטן! ער וועט קומען אַ ביסל שפעטער...

אַריינקומענדיק, האָט מאָניקע פון שוועל געוואָלט אויפכאַפּן דעם פאָטערס בליק, זי האָט אָבער בלויז געזען זיין רוקן, וואָס האָט זיך פאַרדאַגהט באַוועגט הין און צוריק איבערן צימער, וואַרטנדיק אויף איר.

– זעץ דיך, האָט ער געזאָגט, אָנווייזנדיק איר אויפן שטול קעגנאיבער אים.

זי האָט אַ טראַכט געטאָן: — אַ באַשולדיקונגס באַנק!

ער האָט זיך אוועקגעזעצט, געגלעט די האָר און שטרענג געזאָגט:

— דיין מוטער האָט מיר אַלץ געזאָגט.

ווי זי, אַזוי וויל איך זיך אויך נישט אַריינלאָזן אין דעם דיר אויפצווייזן די גאַנצע נאַרישקייט און נידערטרעכטיקייט פון דיין עובדה. איך ווייס, אַז מיר האָבן דאָ צוטאָן מיט אַ פעסטן און עקשנותדיקן כאַראַקטער. לאָמיר לאָזן אָן אַ זייט אַלע קאָמענ־טאַריעס... אין פאַרגלייך מיט „דיין האַנדלונג איז לוסיענס פעלער אַ זעראָ...

— אויב איך בין פאַראורטיילט, פאָטער, טאָ צו וואָס דאַרף מען די גאַנצע וכּוחים?

ער האָט טרוקן באַמערקט:

— איך פאַרנעם זיך איצט ניט מיט קיין שום וכּוחים.

וואָס שייך דיין אורטייל — איז ער נאָך נישט אַרויסגעטראָגן. — כאָטש — זיי ווייסן, אַז איך, און נאָר איך, בין דיין שטרענגסטער ריכטער.

די צוקונפט הענגט אָפּ פון דיר, פון דיין שכל און פון דיין האַרצן... איך ווענד זיך דעריבער צו דיין געזונטן פאַר־שטאַנד, צו אַלעם, וואָס ס'איז נאָך געבליבן אין דיר נאָרמאַל. דו ביסט אימפולסיוו, אָבער נישט שלעכט... און דאָס האָסטו מיר באַוויזן נעכטן ביי דער פראַגע מכּח דיין נדן...

— דאָס געלט איז דיין, פאָטער, און קיין זאַך פאַרפליכטעט דיר נישט עס אָפּצוגעבן מיר.

— ס'פאַרשטייט זיך. איך האָב דיך דאָך אָבער ליב. און אויסערדעם מוז איך דיר זאָגן גאַנץ ערלעך, — ביי מיין קאָמער־ציעלער לאַגע — נישט געבן דיר קיין נדן — איז פשוט אַנ'אומעגלעכע זאַך, פאַר אַ גרויס — אינדוסטריעלער איז דער טאָכטערס חתונה — אין יעדער הינזיכט בלויז אַנ„אינוועסטיציע" פון קאַפּיטאַל. זי מוז שטיין אין איינקלאַנג מיטן בילאַנס און שטאַרקן דעם קרעדיט. דער נדן איז אין אונזער געזעלשאַפט נישט בלויז אַ טראַדיציע, נאָר אויך אַ קריטעריום פון אונזער מאַטעריעלער לאַגע.

איינשטימענדיק צוזאַמען מיט לוסיענען אויף אַ פיקטיוון נדן, האָסטו פאַר מיר געטאָן פיל מער ווי דו שטעלסט זיך פאָר... נאָך אַ מאָל דאַנק איך דיר דערפאַר.

זי איז געזעסן ווי פאַרשטיינערט. דאָס וואַרעמע געפיל, וואָס איז גרייט געווען זיך אַדורכצורייסן — איז פאַרלאָשן געוואָרן. זיין אָרט האָט פאַרנומען אַ געפיל פון פאַראַכטונג צו דעם אָפּמאַך, ווו זי איז בלויז געווען דער אָביעקט פון האַנדל. איר האָט מען איבערגעגעבן פון האַנט צו האַנט נישט אַלס פּערזענלעכקייט, נאָר פּשוט אַלס אַ גאַנגבאַרע שטיקל סחורה.

— היינט האָב איך געגעסן מיט לוסיענען פרישטיק. איך האָב געוואָלט ביי אים דערגיין... זיך דערוויסן, וואָס איז'ס געווען פאַר אַ מעשה אין דער ניי-יאָר נאַכט... גוט, גוט, לאָמיר וועגן דעם נישט רעדן, כאָטש דו מוזט אומבאַדינגט וויסן: — יענע פּרוי...

די מאַמע האָט מיר שוין געזאָגט.

אַ שאַנטאַזש אויב נישט קיין סקאַנדאַל א. אַ. וו...

רעד נישט מער וועגן דעם — ס'וועט נישט העלפן.

— ער וועט דאָך אָבער קומען אַהער!... און דיין מאַמע האָט מיר נאָר וואָס דערציילט וועגן דיין עובֿדה, און איך וויים נישט, ווי אַזוי מ'כאַפּט אים דורכן טעלעפאָן...

— איך וואַרט אויף אים.

— הער צו! אויב דו ביסט נאָך ביים געזונטן פאַרשטאַנד — דאַן, נאַטירלעך, מאַכט נישט אויס איר זאָלט זיך טרעפן, פאַרקערט, ס'איז אפילו נויטיק.

אויב דו האַלטסט זיך אָבער ביי דאָס דייניקע — דאַן וועסטו אים מער נישט זען. איך וועל אַליך איינאָרדנען אַליין, ווי איך וועל פאַרשטיין, ווי איך וועל קאָנען. דו מוזט באַשליסן.

— איך וועל אים זען.

לערביע איז פריילעכער געוואָרן:

— איך בין געווען דערין איבערצייגט. אין דער טיפעניש פון מיין הארצן האָב איך אין דיר נישט געצווייפלט. צו גרויסע גאווה איז נישט קיין מעלה — גיכער אַ געפערלעכער חסרון. דו האָסט זיך איבערלייקט און טוסט זייער גוט. ס׳איז דאָ איין איינציקע רעאַלע זאַך, וואָס שטייט איבער אַלע אומגליקן און קליינלעכקייטן אין לעבן, און דאָס איז — די ליבע, די צערטלעכקייט, די פאמיליע!

ער האָט אָפּגעהאַקט, ווייל זיינע פּראַזן האָבן באַגעגנט אַן איראָנישן שטילשווייגן, און ער גופא איז אויך געווען אויפגערעקט פון זיין פלוצלונגער רעדנערקראַפט. פאַרטיידיגנדיק אויסשליסלעך זיינע אייגענע אינטערעסן, האָט ער אויפריכטיג געגלויבט, אַז ער איז אויסן בלויז מאָניקעס טובה...

ענדלעך האָט זיך מאָניקע אָפּגערופן...—די פאַמיליע. ניין, פאָטער, האָף נישט, אַז לוסיען וויניערע וועט אין איר אַריין. קיין מאָל נישט.

— פאַרזיכטיק. ווי איך זע, באַמיסטו זיך אַליין מ׳זאָל דיר פון דער פאַמיליע אויסשליסן...

— דו וועסט מיר נישט דאַרפן ארויסטרייבן פון שטוב...

— ווייל דו וועסט אַליין אוועקגיין?

זייערע פיינדלעכע בליקן האָבן זיך באַגעגנט

— יאָ.

לערביע האָט אויסגעשריגן:

— דאָס איז שגעון, ווילדע משוגעת!

אַ טויט-איבערגעשראָקענער פון דער מעגלעכקייט צו פאַרלירן וויניערען אלס קאמפּאַניאָן, אַנ׳אויפגערעגטער ביים געדאַנק, אז פון גאַנצן עסק קאָן זיך אויסלאָזן אַ זייפנבלאָז; זעענדיק שוין פאַר די אויגן זיין באַנקראָט אויפן פאַבריק און די רוחים פון די שפעקולאַנטן אויפן חשבון פון זיין פאַטענט, — האָט לערביע אַזוי אויפריכטיק אַ זיפץ געטאָן, אַז אַפילו מאָניקען האָט עס גערירט:

— הער צו, דו קענסט מיין אינטענסיווע, עקשנותדיקע אַרבעט, מיין לעבן, וואָס איך האָב אין גאַנצן אָפּגעגעבן דער דאָזיקער ערפינדונג, וואָס איז אַזוי נאָנט פאַרווירקליכט צו ווערן. פאַרשטיי, אַז מיין ערפינדונג וועט רייך מאַכן נישט בלויז אונז פערזענלעך, נאָר זי שאַפט גלייכצייטיק דעם וווילשטאַנד פון גאַנצן לאַנד... אַ דאַנק מיינע אַזאָט-אמעליאראַציעס קאָן פראַנקרייכס באָדן געבן אַ צענפאכיקן תבואה-שניט. צוויי אַזעלכע שניט און דער פראַנק איז סטאַביליזירט, — פאַרהיילט אַלע קריגס-וווּנדן. פאַר אונזער פאָלק, איז עס אַ גרויסער שריט פאָרויס... אָבער — ווי איך האָב דיר שוין אייערנעכטן געזאָגט — זיינען מיינע רעסורסן אויסגעשעפּט. אויב איך שווים מאָרגן נישט צוריק אַרויף אויף דער אויבערפלאַך, דערטרינק איך זיך ביים סאַמע ברעג.

— אָ, פּאָטער! צוליב געלט וועט דער געשעפט נישט בטל ווערן: אואייט, ראַנסאַם, פלאָמבינא...

— דאָ שטעקט טאַקע די גאַנצע געפאַר... דידאָזיקע אַקולעס וואָלטן מיר שוין לאַנג אויפגעפרעסן ווען איך זאָל אין דער פערזאָן פון וויניערען נישט האָבן געפונען אַ שותף, וואָס האָט צו מיר דעם פולסטן צוטרוי. זיי וועלן מיר איינשלינגען גלייך מאָרגן, אויב דו וועסט זיך אָפּזאָגן חתונה צו האָבן מיט לוסיענען, און ער וועט מיך זיכער לאָזן לויפן...

— איינס פון די צוויי, פּאָטער! איז דיין ערפינדונג עפּעס ווערט, — וועט זיך לוסיען פאַר קיין פאַל נישט אָפּזאָגן, אויב זי האָט באמת קיין ווערט נישט, דאַן...

ער האָט געקוועטשט מיט די באַרקעס:

— מיין ערפינדונג איז ווערט נישט איין פאַרמעגן, נאָר גאַנצע צען, צוואַנציק...

— קענסטו, הייסט עס, זיין רויק, האָט מאָניקע געזאָגט.

— דער טאָכטערס איראָניע איז, לויט זיין מיינונג, נישט געווען אויפן אָרט. פאַרשטייט זיך, אַז ס'האָט אַ געוויסן זין

צו לאָזן וויניערען, אויב נישט אַלס איידעם, טאָ וויניגסטנס אַלס שותף. ער האָט אפילו צוגעגעבן, אַז אויב די משוגענע זאָל זיך לחלוטין אָפּזאָגן, וועט דער גאַנצער ענין אָננעמען אַנ׳אַנדער ווענדונג... יאָ! און ער האָט שוין אַ קלער געטאָן מכּח אַ צופעליקער פראַגע, וואָס ער האָט נעכטן בעת דער קאָלאַציע געהערט פון שכורלעכן פלאמבינא...

אָ, ווען מאָניקע זאָל נאָר מסכּים זיין, — וואָלט מעגלעך געווען אויך דידאָזיקע קאָמבינאַציע — דעמאָלט איז נישט בלויז געראַטעוועט די לאַגע, נאָר די גאַנצע אָנגעלעגנהייט וואָלט אָנגענומען אַנ׳אַנדער פאַרנעם...

מיט ווירדע האָט ער זיך ווידער אומגעקערט צו דער ראָל פון אַ באַשולדיקער און געפּרוווט שפּילן אויף מאָניקעס מיטליידס-געפילן.

— איך ווייס באמת נישט, ווו ליגט די סבה פון דיין אויפירונג— אין דיין אומדאַנקבאַרקייט, אָדער אינם נישט פאַרשטיין. דו זאָגסט דיך לגמרי אָפּ חתונה צו האָבן מיט לוסיענען? גוט. לאָמיר זאָגן... לאָמיר זאָגן, אַז מיר וועט געלינגען, — פאַרשטייט זיך מיט זייער גרויסע שוועריקייטן — ווי ס׳איז איינצואָרדנען מיינע און דיינע אָנגעלעגנהייטן. און וואָס איז ווייטער? דו בלייבסט דאָך אָבער קאָמפּראָמיטירט, באַשמוצט...

מאָניקע האָט בלויז געקוועטשט מיט די באַרקעס.

— יאָ, באַשמוצט! האָט לערביע פּלוצלונג אויסגעשריגן. — און צוזאַמען מיט זיך שלעפּסטו אַריין אין שמוץ אויך אונז... אונז, וואָס אויסער גוטס האָסטו פון אונז קיין זאַך נישט געזען; — דאָס איז שרעקלעך! רעכן זיך, רעכן זיך כאָטש וויפיל נישט איז מיט דיין אַלטן טאַטן, מיט דיין מאַמען, וואָס נישט קוקנדיק אויף אַלץ, האָט זי דיך דאָך אַזוי ליב... מאָניקע, קינד מיינס, קלער נישט בלויז וועגן זיך, קלער אויך וועגן איר...!

איך ווייס, דיין געדאַנקען-גאַנג איז אַנ׳אַנדערער, ווי אונ-

ווערער... יאָ, מיר האָבן אַ גאַנץ אַנדער וועלט אָנשויאונג, — אָבער צי דען האָבן מיר ווען נישט איז געמאַכט אויף דיר אַ דרוק ?... געזאָגט דיר אַ דעה ? און איצט, בעת דו האָסט אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען זיך אַליין און גליקלעך מאַכן אונז, ווילסטו דוקא זיך איינגאַנצן איבערפירן און אונז מיטשלעפּן מיט זיך אין אָפּגרונד אַריין.

ווען דו זאָלסט וועלן, וואָלט מען נאָך אייגנטלעך געקאָנט געפינען אַנ'אויסוועג...

זי האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. מיילנווייט זענען איר געוואָרן דער פאָטער און די מוטער, און נישטיק די מאָטיוון פון זייער קרענקונג. קליינינקע, עלנדע מענטשן !

אפשר וועט זי פאָרט קאָנען ווי ס'איז פאַרקלענערן זייערע ליידן. אָבער ווי אַזוי ? און מאָניקע האָט זיך פאַראינטערעסירט :

— אַנ'אויסוועג ? וועלכער ?

— הער, אָט וואָס... איך בין גרייט נאָכצוגעבן : — לאָמיר מער נישט רעדן וועגן לוסיענען... לכל הדעות מוז עס בלייבן צווישן אונז — די גאַנצע געשיכטע, מיט אַלע מעגלעכע פאָלגן בלייבט אַ שטרענגער סוד... צו האָסטו זיך פאַרטראַכט וועגן דער ריזיקע פון אַזאַ אַרט שוואַנגערשאַפט ? וועגן דער געפאַר, וועלכער דו וואַרפסט אונז אונטער ? ווייל ביי אַזאַ פאַל, וואָס דו זאָלסט דאָרט נישט זאָגן, ביי אַזאַ פאַל, איז די פאַמיליע סאָלידאַר, איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די קאָנסעקווענצן. ווייל דאָ האַנדלט זיך נישט בלויז וועגן די פאַמיליען אינטערעסן, נאָר וועגן איר ערע... ביי דעם וואָרט האָט ער געמאַכט אַ ברייטן זשעסט אין צימער-שטח.

— ערע ? האָט מאָניקע געמורמלט.

— נו, פאַרשטייט זיך ! מיר זענען פאַרלאָרן אויב דו וועסט זיך נישט אָנכאַפּן אָן דעם אויסוועג, וואָס איך שלאָג דיר פאָר. אַנ'אומגעווינלעך גליקליכער צופאַל, איבער אַלע דערוואַרטונגען.

אַנ'אויסגעצייכנטע מעגלעכקייט מיר זאָלן זיך אַלע אַרויסדרייען פון דער שרעקלעכער לאַגע...

— זאָג, לאָמיר הערן!...

לערביע האָט זיך אַביסל געקוויינקלט.

— המ... דער באַראָן פלאָמבינא האָט פון תמיד אָן אַרויסגעוויזן צו דיר אַ שטאַרקע צערטלעכקייט. בעת ער האָט מיר וועגן דעם געזאָגט ביסטו שוין געווען לוסיענס כלה. אָבער נעכטן האָט ער ווידער אַמאָל באַרירט די דאָזיקע פראַגע:

— „אויב דערדאָזיקער בחור וועט אייער טאָכטער נישט גליקלעך מאַכן, באַהאַלט איך פאַר מיר דעם פלאַן... דעם ערשטן נומער..." און דאָס איז געזאָגט געוואָרן מיט אַ זייער ערנסטן טאָן... נו, וואָס זאָגסטו?..

— צי האָסטו געענדיקט?

מאָניקען האָט זיך פאָרגעשטעלט פלאָמבינאס לויערנדע צורה מיטן מויל פון אַנ'היפּאָפּאָטאַם און זי האָט דערשפּירט אַ מאָראַלישע און פיזישע ניטגוטקייט. איר האָט זיך געדוכט, אַז אָט, אָט לאָזט זיך אויף איר אַראָפּ אַ שווערע, שמוציקע לאַפּע.

— ניין, האָט הער לערביע געזאָגט, — איך מוז דיר נאָך דערמאָנען, אַז אויב דער באַראָן איז אין געוויסע הינזיכטן נישט קיין אידעאַל פון אַ מאַן... קאָנסטו שוין אָבער אויך נישט פאַרייסן אַזוי דעם נאָז... דו פאַרשטייסט — האָסט שוין דערויף קיין רעכט נישט! — חתונה האָבן, ווערן אַ באַראָנעסע און באַקומען העכער אַ מיליאָן יערלעכע הכנסה — איז לכל הדעות אַסך בעסער ווי בלייבן אַ מיידל — אַמאַמע, אָדער מאַכן אַ מפּיל... דאָ איז אַלץ — צוזאַמען — אי באַקוועמלעכקייט אי מאָראַל.

מאָניקע איז ווי פאַרשטיינערט געוואָרן — און דאָס איז איר פאָטער — דערדאָזיקער האַרצלאָזער הענדלער?... ער איז זיכער, אַז ער איז גערעכט און וואַרט נאָכגיביק אויף איר ענטפער...

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן אין שטול, אָבער קוקנדיק דעם פאָטער גלייך אין די אויגן אַריין, האָט זי געזאָגט:

— דו רופסט ביי מיר אַרויס עקל!

ער איז אויפגעשפרונגען און האָט זיך אַוואָרף געטאָן אויף איר:

— ס'אַרא חוצפה! דו...

— געזונג! אָט אַזוי זעט אויס אייער חתונה האָבן און אייער מאָראַל! מיר רעדן אויף פאַרשידענע שפּראַכן.

— דו ביסט אַן'אויסוווּרף! איך זאָג זיך אָפּ פון דיר! דו ביסט נישט מער מיין טאָכטער!

— אויב אַזוי, טאָ לאָז מיר אַוועקגיין.

לערביע האָט איר אנגעכאַפּט פאַר די הענט אין אנגעהויבן ברוטאַל טרייסלען...

ער איז נאָך געווען דער מושל — אַ מאַנס-פּאַרשוין און אַ פאָטער, — דער קאָפּ פון דער פאַמיליע.

— דו מוזט זיך אָבער פאָלגן. דו ביסט נאָך מינדעריאָריק. דו מוזט זיך אונטערוואַרפן.

— לאָז מיך אָפּ — האָט מאָניקע געשריגן. — דו ביסט אַ ווילדע חיה. איך וועל אַוועקפאָרן מיט דער מומע סילוועסטרע... דא בין איך פאַר מיין מאַמען בלויז אַ ליאַלקע, מיט וועלכער מ'שפּילט זיך אָן און דערנאָך צוברעכט מען איר... און פאַר דיר... פאַר דיר בין איך נאָך ווייניקער: אַ בהמה, וואָס דו ווילסט איר פאַרקויפן... אַ שיינע משפחה, נישטאָ וואָס צו רעדן! איך דאַרף קיינעם נישט האָבן, נישט אייך נישט וועמען ס'איז. איך וועל אַרבעטן און פאַרדינען מיין ברויט.

אב'אויפגעקאָכטער האָט זיך לערביע צולאָכט אויפן קול.

— פון דיינע בלומען אפשר? אָדער זיך וואַרפן אימיצן אויפן האַלדז? דאָס קענסטו דאָך...

פאַרוואָס נישט? אַ גוטן טאָג! צו מיטאָג זאָל איך דיר מער אין מיין שטוב נישט זען.

— זיי רויק!

ס׳האָט זיך דערהערט אַקלונג. זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן.

— דאָס איז לוסיען, האָט מאָניקע געזאָגט.

הער לערביע איז צוגעלאָפן צום טיר, מאָניקע איז אָבער פריער פאַרלאָפן און איר פאַנאַדערגעעפנט איידער אים איז געלונגען איר נישט צו לאָזן.

— צום טייוול, האָט לערביע אַ זאָג געטאָן מיט כּעס — איך ערלויב דיר נישט...

אָבער לוסיען איז שוין אַריין אין צימער, מיט אַנ׳הכנעה־דיקער מינע אויפן געזיכט.

לערביע, אַ צוטראָגענער, האָט געקוקט דאָ אויף אים, דאָ אויף דער טאָכטער און זעענדיק, אַז אַלץ איז פאַרלאָרן, האָט ער אויסגעשריען:

— זי איז פון זינען אַראָפּ, מיין טייערער, זי איז משוגע. גלויבט נישט קיין איין וואָרט, וואָס זי רעדט..

קומט אַריין דערנאָך צו מיר אין קאַבינעט.

מיר וועלן זיך דורכשמועסן...

מאָניקע האָט אַ נעם געטאָן לוסיענען אונטערן אָרעם, האָט אָבער תּיכּף אַרויסגעלאָזן זיין האַנט, ווי נאָר דער פאָטער איז אַרויס פון צימער.

איר אויפרעקונג איז שוואַכער געוואָרן. דאָס שווערסטע האָט זי שוין איבערגעלעבט. יעצט איז בלויז געבליבן די אומאָנגענעמע ערקלערונג. מידקייט און פאַרצווייפלונג האָבן זיך צונויפגע־מישט מיט אַ שטומפער באַפרידיקונג. זי האָט אָנגעהויבן דעם געשפּרעך, אויסערלעך פולשטענדיק רויק:

— הערט מיך אויס...

אָבער לוסיען, נאָך נישט קאָנענדיק זיך צושיידן מיט זיינע פּראָיעקטן, וועלכע ער האָט צונויפגעבונדן מיטן חתונה האָבן, האָט געשווינט אָנגעהויבן זיך פאַרטיידיקן און האָט איר איבערגעהאַקט:

— מאָניקע, איר מוזט מיר מוחל זיין. איך בין נישט שולדיק, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אַלץ רעדט קעגן מיר — אַפילו די מיטלען, וואָס איך האָב אָנגענומען, כדי אייך צו פאַרהיטן פון יעדן חשד. אַלץ, וואָס איך האָב געטאָן, האָב איך געטאָן צוליב דעם, כדי אייך נישט צו פאַרשאַפן קיין אומזיסטע קרענקונג. יעצט איז געענדיקט! מער וועט איר וועגן דאָזיקן מיידל נישט הערן. איר מוזט פאַרשטיין איין זאַך: אונז האָט געדראָט אַ שרעקלעכער סקאַנדאַל, רעוואָלווער-שאָסן א. אַ. וו...

מאָניקע האָט געשפּירט דעם גאַנצן שקר, וועלכן ער האָט צוגעטראַכט אין הסכּם מיט זיין פּלגש, זי האָט אויסגעהערט לוסיענען מיט אַנ׳איראָניע אויף די ליפּן און האָט נישט איבערגעהאַקט זיין געשפּרעך. באמת איז לוסיענען נישט שווער אָנגעקומען קלעאָ׳ן איינצורעדן:

— אַ פּערל-שנור, אַ מאָנאַטלעכע רענטע און אָפּטע באַגעגענישן... אָבער מאָניקעס געזיכט, מיט זיין ליידענדן און צוגלייך אַרויסרופנדיקן אויסדרוק, האָט אים פּראַפּירט. צוקוקנדיק זיך צו איר אויפמערקזאַמער, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן.

מאָניקע האָט צוזאַמענגענומען אירע גאַנצע קרעפטן:

— איך גלויב אין דער אויפריכטיקייט פון אייערע אָבזיכטן, איך בין אפילו גרייט צו אַנערקענען די אויפריכטיקייט פון אייער ליבע...

לוסיען האָט פּראָטעסטירט:

— אָ, מאָניקע! איך, וואָס...

זי האָט אים איבערגעהאַקט:

— וואָס? אייער אונאייגענוציקייט? מיין נדן? דאָס מיינט איר? ... יאָ, נעכטן האָב איך געהאַלטן אייער אָפּזאָגן זיך פון אים פאַר אַ באַווייז פון אייער ליבע צו מיר אַליין, אָבער היינט... און ביי איר האָט זיך אַרויסגעריסן אַ זשעסט פון מידיקייט.

— צו קאָנט איר צווייפלען, אַז...
— איך צווייפל איצט אין אַלץ.
ער האָט גאַנץ אויפריכטיק אויסגעשריגן:
— אויסער אין מיר, מאָניקע, און אין זיך.

דער געדאַנק, אַז ער קאָן איר פאַרלירן, און מיט איר צוזאַמען די פאַרווירקלעכונג פון דעם כמעט פאַרענדיקטן זייער גוטן געשעפט, האָט לוסיענען שטאַרק אויפגערעגט.

דער מאַטעריעלער נוצן האָט פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ. מאָניקע האָט אים גאַנץ אויפמערקזאַם באַטראַכט. דידאָזיקע שטים האָט מער נישט גערירט איר נשמה — דיזעלבע שטים, וואָס נאָך נעכטן האָט זי איר אין גאַנצן פאַרכאַפּט.

זיך באַהערשנדיק האָט לוסיען ווייטער גערעדט:

— איך שווער אייך, אַז איך בין אויסן געווען בלויז איין זאַך — אַז אין פופצן טעג אַרום זאָלן מיר חתונה האָבן. מיר וועלן פאָרן קיין קאַן. דאָס וועט זיין אַ וואָך פון גראַנדיעזער לופטפליערײַ... אָדער, אפשר ווילט איר בעסער אַ באַקוועמע נעסט ערגעץ ווײַ נישט ווייט פון יער — דאָרט זענען זיי דאָ גענוג. די בערג זענען ווי געשאַפן פאַר אָנגענעמע אויספלוגן אין אויטאָ־מאָבילן... דערנאָך אַ פריילעך און פרידלעך לעבן אין אונזער פריינדלעכער וואָנונג אויף די עליסיי — פעלדער...

פיער דע סיוזע האָט מיר היינט ביי מאַקסימען — ווײַ מיר האָבן געפרישטיקט צוזאַמען מיט אייער פאָטער — אָנגעוויזן אויף אַ פּרעכטיקן טישל פאַר אונזער שלאָפצימער, אין סטיל פון לידוויק דעם פופצנטן. מיר וועלן אים אַוועקשטעלן נעבן אונזער אַפּריון, נעבן דעם רו־בעט ווו ס'איז אַזוי גוט...

לוסיען האָט זעלבסטצופרידן געשמייכלט ביים געדאַנק וועגן דערדאָזיקער נאָנטקייט, — מאָניקע האָט אין גאַנצן געציטערט, אַרומגעכאַפּט פון אַ געפיל פון שרעקלעכן עקל... אַלץ האָט ער צוטרעטן מיט די פיס, אויסגעמישט מיט שמוץ:

איר עקסטאַז, איר גלויבן, אירע בעסטע האָפנונגען... זי האָט אָבער באַלד באַהערשט דאָסדאָזיקע געפיל. פאַר דער נייער מאָניקע איז געשטאַנען אַ נייער לוסיען מיט אויסגעלערנטע, איינגעחזרטע פראַזן אין מויל. זי איז געווען איבערצייגט, אַז ער זאָגט ליגן...

זיי האָבן דאָך אַלע געזאָגט ליגן, אַלע, אַלע... מער האָט זי זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן. זי האָט דערשפירט אַ שטאַרקע פאַרביטערונג און זי האָט אים האַסטיק איבערגעהאַקט:

— אונזער ליבע?... וועגן איר זאָלט איר מער נישט רעדן.

— אויפריכטיק גערעדט...

מאָניקע האָט זיך צעלאַכט:

אויפריכטיק? אָבער צי דען ווייסט איר, וואָס ס'באַדייט דאָסדאָזיקע וואָרט?...

איז אָט וואָס!... „אויפריכטיק" גערעדט איז צווישן אונז [illegible]ין געענדיקט...

ניין, שלאָגט מיך נישט איבער, — ס'וועט צו קיין זאַך נישט פירן. מיינט נישט, אַז איך בין אַ יונג פערדל מיט קאַפריזן, וואָס מיט גוטע רייד קאָן מען'ס צוימען. ניין. — איך וועל קיין מאָל נישט חתונה האָבן, נישט מיט אייך און נישט מיט קיין [illegible]דערן. יענע מאָניקע, וואָס איך בין געווען, איז געשטאָרבן אויף אייערע הענט נעכטן, בעת איך בין אַרויס פון רעסטאָראַן... זייט מתפלל פאַר איר נשמה. איצט רעדט שוין נישט מיט אייך קיין מיידל, נאָר אַ פרוי.

איר פאַרשטייט צי נישט? אַ פרוי?!...

לוסיען האָט איר אָנגעקוקט, נישט פאַרשטייענדיק קיין וואָרט. דעמאָלט האָט זי אויסגעשריגן:

— איך האָב זיך אָפגעגעבן אַנ'אַנדערן.

יאָ, אָפגעגעבן זיך, איידער איך בין אַהער געקומען צו דער מאַמען...

— מאָניקע ? ! ...

— רייסט מיך נישט איבער, ווען נישט גיי איך אוועק.

צוליב וואָס האָב איך׳ס געטאָן ? ווייל צווישן אונז איז נישטאָ מער קיין שום געמיינזאַמעס. צו וואָס זאָג איך׳ס אייך ? כּדי צווישן אונז זאָל זיך אַוועקשטעלן אַנ׳אומבאַזיגבאַרע שטערונג, אַ כינעזישע וואַנט.

ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, אָבער זי האָט ווייטער גערעדט:

— דאָס פאַרגאַנגענע — איר האָט׳ס גאַנגרעניזירט, ווי אַלדאָס איבעריקע ! וואָס איך האָב זיך אייך אָפּגעגעבן מיט אַ קינדישן צוטרוי ? דאָס גייט קיינעם נישט אָן. איר האָט מיר קיין מאָל נישט ליב געהאַט...

און איך ? איך האָב אייך אַפילו נישט פיינט, אָבער ווען איר זאָלט וויסן, ווי איך פאַראַכט אייך... ניין, לאָזט מיך ענדיקן...

אייך באַאומרויקט דאָס, וואָס מ׳וועט רעדן—

נישט אמת ? די פאָלגן ? איך שפּיי אויף זיי.—די געזעלשאַפט ? איך אַנערקען זי נישט. איך אַנטלויף פון איר, כּדי צו לעבן אומאָפּהענגיק און אין הסכּם מיט מיין געוויסן ! כּדי איך — אַ פרוי, זאָל קאָנען לעבן ווי... שווייגט... ווי אַנ׳ערלעכער מענטש ! (וואָס איר וועט׳ס קיין מאָל נישט זיין) אַדיע !

מאָניקע האָט זיך אויסגעדרייט צום טיר, — ער האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג:

— איך וויל נישט מיר זאָלן זיך אַזוי פאַנאַנדערגיין. איך בין אייך איבערגעגעבן און בין גרייט צו קעמפן פאַר אייך קעגן אייך גופא. אין אייער אויפרעקונג איז פאַראַן עפּעס אומגאָרמאַלעס... אַ צופעליקע עקספּלאָזיע, איך האָף ! ...

— ס׳איז נישט קיין צופעליגער אויסברוך, ניין !

— אויב אַזוי — טאָ ערלויבט מיר צוויי פראַגן...

— פרעגט !

— שווערט מיר, אַז איר האָט נעכטן באמת געטאָן דאָס וואָס איר האָט מיר געזאָגט.

— איך שווער !

אָבער באַמערקנדיק אין זיין בליק אומצוטרוי, האָט זי צוגעגעבן :

— איך שווער מיטן קאָפּ פון מיין מומע סילוועסטרע, — איר ווייסט דאָך ווי איך האָב זי ליב.

ער איז אַרויס פון די כּלים.

— צי קאָן מען וויסן דעם נאָמען פון אייער מיטשולדיקן.

אייפערזוכט און באַליידיקטע אייגנליבע האָבן אים איצט געקוועלט נישט ווייניקער ווי דער היזק פון דער צושטערטער קאָמערציעלער אונטערנעמונג.

— פון מיין מיטשולדיקן ? דאָס איז טאַקע דאָסדאָזיקע סאַמע בירגערלעכע וואָרט, וואָס איר האָט איצט געדאַרפט זאָגן...

דער מיטשולדיקער אין מיין „פאַרברעכן״, נישט אמת ? אַ דועל קילט אָפּ אייער פייער. קודם כּל בין איך איצט פאַר אייך אַ פרעמדע און געהער בלויז זיך אַליין. — און צווייטנס : ווייס איך נישט ווער ער איז...

— איר ווייסט נישט ווער ער איז ?

ווען איר אייגענע אויפרעקונג זאָל נישט געוועסט שטערן מאָניקען זען, וואָלט זי זיך פאַנאַנדערגעלאַכט — אַזוי קאָמיש האָט אויסגעזען לוסיענס איבעראַשט געזיכט. לוסיען האָט געקוועטשט מיט די באַרקעס : ניין, די גאַנצע מעשה איז אַנ׳אויסגעטראַכטע פון אָנהויב ביז׳ן סוף !...

דאַן האָט זי אים אומברחמנותדיק עפּעס מיט אַ מין ווילדער רויִקייט, דערציילט די געשיכטע מיט אַלע פּרטים. זי האָט הנאה געהאַט זעענדיק, ווי לוסיען, פון זיין זייט, ווערט בלייך און בייט זיך אין געזיכט. לוסיען, וואָס פון אים האָט זי געוואַרט דאָס גליק

אויף איר גאַנץ לעבן, און וואָס אין איין מאָמענט האָט ער איר אַוועקגעוואָרפן און געלאָזן לויפן...

לוסיען וויניערע האָט געליטן, נישט פאַרשטייענדיק אפילו זיינעליידן... זיין כאַראַקטער, זיין ערציִונג, זיין גאַנצע פסיכאָלאָגיע, אַלץ האָט אים געשטערט צו פאַרדייען און צו באַגרייפן דעם געשעענעם פאַקט. ער האָט איר געהאַסט און גלייכצייטיק באַדויערט.

אַ מאָמענט האָט ער זאָגאַר אַ קלער געטאָן, צי זאָל ער איר נישט פאָרשלאָגן, — דערשטיקנדיק אין זיך די באַליידיקונג — צו פארווירקלעכן זייערע פלענער אין אַנ'אַנדער פאָרם: חתונה האָבן מיטן בעדינג פון אַ פולער קעגנזייטיקער פרייהייט. אָבער מיט אַזאַ פרוי !... ניין, בעסער שוין פשוט זיך באַנוגענען מיט געשעפטלעכע באַציִונגען מיט איר פאָטער אויף וועלכע נישט איז אַנדערע יסודות. אפשר איז אים גאָר טאַקע אַ גליק געשען. אָבער דאָס אומאָנגענעמע געפיל איז דאָך נישט שוואַכער געוואָרן. פאַרלירנדיק איר אין גאַנצן, האָט ער איר דאָך געוואָלט האָבן. אַנדערש, אמת, ווי פריער, אָבער אפשר נאָך שטאַרקער.

זי האָט דאָס באַמערקט און דערשפירנדיק אַ ווידערווילן צום ווילדן גלאַנץ פון זיינע אויגן, האָט זי געוואָלט דערפירן דעם נקמה-אַקט ביז'ן סוף.

— קוקט מיך אָן ! אָ, אָבער קלערט נישט, אַז מיך אינטערעסירט אייער מיינונג וועגן מיר ! איך וויל בלויז איר זאָלט דערפון לערנען אַ מוסר-השכל...

איך וואָלט אייך געקאָנט מוחל זיין אייער פעלער, אָבער בשום אופן נישט אייער וועלט-אַנשויונג, אייערע באַגריפן וועגן מענער און פרויען, אייערע אידעען און געדאַנקען !... די פאַראַכטונג צו מיר, וועלכע איך שפיר פון זיי אַרויס... אייער נישט פאַרשטיין דאָס לעבן פון שכל און האַרצן, אָט מיט וואָס איך קאָן נישט מסכים זיין. אָט וואָס ס'מאַכט אונז אַזוי פרעמד, דערוויי-

טערס אונז איינעם פון אַנדערן, פּונקט ווי מיר זאָלן זיין מענטשן פון פאַרשידענע ראַסן. און ס'איז גוט, גלויבט מיר, וואָס דאָס האָט זיך אויפגעקלערט איצט. איין טאָג ליידן וועלן אונז פאַר־היטן פון אַ גאַנצן לעבן צרות.

— אָבער, וואָס האָב איך געזאָלט טאָן?

— זיך מודה זיין מיר אין אַלץ... לכתּחלה!

— אָבער איר וואָלט דאָך דערויף בשום אופן נישט מסכּים געווען...

— ווער ווייס, ווען איר וואָלט מיר געווען ערקלערט?... איך האָב אייך ליב געהאַט, איך וואָלט זיך באַמיט אייך צו פאַר־שטיין פון דער טיפעניש פון זיין פאַרדאָרבנקייט האָט ער געזען ווי ס'ברעכט זיך אַלץ, וואָס זיי האָט פאַראייניקט. און דאָך האָט ער נישט אויפגעהערט זיך צו פאַרטיידיקן:

— ס'קאָן זייער זיין!... איך האָב געדאַרפט שפּירן, אַז איר זענט נישט ענלעך אויף אַלע אַנדערע, אַז איר זענט אַן אויסנאַם.

— אַך! האָט קיין טעות נישט. מיר דורשטן אַלע נאָך אויפריכטיקייט און ריינקייט.

אָבער ער האָט זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניקע.

— און דאָך זענען פאַראַן פאַלן, ווי ביי מיר — למשל — ווען דער שקר איז אַ קאָנסעקווענץ פון די בעסטע אָבזיכטן... אַנדערע ווידער טוען עס צוליב אומבאַדינגטער פאָרזיכטי־קייט.

— אין שייכות צו פּרויען? האָט מאָניקע גיפטיק באַמערקט.

— אויך בנוגע מענער, האָט ער צוגעגעבן.

— באמת? איר וועט דאָך, למשל, נישט זאָגן קיין ליגן איינעם פון אייערע שותּפים אין געשעפט?

— נו, דאָס איז לגמרי אַן אַנדער זאַך.

מאָניקע האָט פאַרגעסן אָן אירע אייגענע ליידן און האָט זיך דערהויבן ביז אַ קריינקלעכן פאַרשטיין די גרויסע דורות־

לאַנגע דראַמע, ווו די פאַרשקלאַפונג פון איינע גייט האַנט בײַ האַנט מיטן דעספּאָטיזם פון די אַנדערע.

אין גאַנצן האָט זי זיך אָנגעצונדן מיט דער פאַרביטערונג פון דער באַליידיקטער פרויען-ווירדע.

— אָט אַזוי זעט זי אויס... אייער דאָפּלטע מאָראַל: איינע פאַר די הערשער, די צווייטע פאַר די שקלאַפינס...

ס׳איז פאַראַן אַנ׳אונטערשיד...

— דער אונטערשיד, וואָס פאַר אונז איז דאָס חתונה האָבן אין די ליבע וויכטיגער ווי פאַר אייך די גרעסטע קאָמערציעלע אונטערנעמונג. אין זיי ליגן אַלע אייערע חושים, אייער גאַנץ לעבן.

— ס׳איז פאַראַן אַנ׳אונטערשיד אין דער שטופּע פון די גײַסטיקע פעיִקייטן, אויב פאַר אייך איז וויכטיקער... וואָס דער ווייבערשער שכל? אונזער קליינלעכקייט. און ווען דאָס זאָל אפילו זיין אַזוי? צו דען איז׳ס נישט אייער שולד? אָבער ניין, ס׳קומען אָן אַנדערע צייטן... בלויז איר זענט פאַרגלי־ווערט געוואָרן אין די אָפּגעלעבטע טראַדיציעס פון עבר און באַמערקט נישט, אַז אַלץ אַרום אייך אַנטוויקלט זיך און באַקומט אַנדערע פאָרמען.

— דער פּראָגרעס? האָט ער איראָניש אַ זאָג געטאָן.

— פּראָסט פּשוט, די עקסיסטענץ-באַדינגונגען, וואָס צווינגען אונז זיך צו אַנטוויקלען... גלייכבאַרעכטיקונג, הייסט׳ס. בלויז פּוסטע פּראַזן!

מאָניקע האָט איבערגעחזרט מיט אַ טאָן פון טיפער איבער־צייגונג:

— יאָ, גלייכע רעכט... גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס מיר וואָלטן איר אפשר נישט וועלן, ווען איר זאָלט אונז דערצו נישט צווינגען.

אָבער איצט איז זי אונז אַזוי נויטווענדיק. פּונקט ווי דאָס ברויט, ווי די זון!... איר פאַרשטייט, צי נישט?

זיי זענען געשטאַנען איינער קעגן צווייטן שטאַרק אויפגע־רעקטע.

שווייגנדיק האָט ער געקוקט אויף מאָניקען, אויפגערעקט קעגן זיין ווילן. קיין מאָל איז זי נאָך אַזוי שיין נישט געווען... ער האָט געשפּירט, ווי זיין כּעס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַזאַ שטאַרקע בענקעניש, אַז אים ווילט זיך וויינען... באַלד האָט ער זיך באַהערשט, אָבער זיין צושטאַנד איז געווען ענלעך אויף דער פאַרצווייפלונג פון אַ קינד, וואָס דערזעט פּלוצלונג זיין צובראָכענע שפּילצייג, און אויף עפּעס אַזוינס, ווי דער פּחד פון אַ קאַטאָליק ווען ער דערשפּירט, אַז ס'כאַפּן זיך אַריין אין זיין מח פּלוצלונגע ספקות... אין דערדאָזיקער אויפטרייסלונג איז חרוב געוואָרן אַלץ, וואָס אים האָט געגעבן די ערציונג.

דאָס דאָזיקע טראַגישע אויפוואַכן פון אַ נשמה, וואָס איז געווען פאַרזונקען אין יאוש, פאַראורטיילט אויף אַנאַרכיע דורך אים, דורך דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, וואָס ער האָט טאָלע־רירט — האָט אים געצוואונגען זיך צו פאַרטיפן אין זיך אַליין. ס'האָט אים אָנגעהויבן קלאָר ווערן, ווי געפערלעך און אומגערעכט ס'זענען די פּריווילעגיעס, וועלכע אַנטוויקלען, ביים מאַנספערשוין פון קינדווייז אָן די אינסטינקטן פון אַ הערשער. אָבער זיין באַליידיקטער שטאָלץ, זיין באַשפּיגענע ליבע, זיין געקרענקטער עגאָאיזם האָבן מאָמענטאַל פאַרטונקלט דעמדאָזיקן שוואַכן ליכט־שטראַל פון אויפגעוואַכטן באַוווסטזיין.

ער האָט אַ נעם געטאָן זיין הוט, וואָס איז געלעגן אויפן שפּיגל.

— איך פאַרשטיי, אַז לגמרי נישט ווילנדיק האָב איך אומגליקלעך געמאַכט זיך און אייך. דידאָזיקע לעקציע וועל איך נישט פאַרגעסן. אַדיע, מאָניקע.

— אַדיע.

און נישט אומדרייענדיק זיך, איז ער, אַ צובראָכענער, אַרויס פון זאַל.

מאָניקע איז נאָך אַ לאַנגע צייט געזעסן אַליין. זי האָט געשפּירט אַ ווייטאָק אין גאַנצן קערפּער. איר האָט זיך פאָרגע־שטעלט אין דער פאַנטאַזיע, אַז זי איז געוואָרן אַ קליינע מיידעלע און אָט איז זי אַראָפּגעפאַלן פון דער הויך פון אַ גרויסן פעלזען־שפּיץ נישט ווייט פון פענסיאָנאַט, וווּ זי האָט צום ערשטן מאָל דערזען די וועלט, און זי ליגט צופוסנס פון פעלזנבאַרג, אָן וועלכן ס'שלאָגן זיך אָפּ די צעווילדעוועטע וועלן; איבערן קאָפּ אַ שוואַרצער הימל. מיט אַ שוואַכער שטים רופט זי: „מומע סילוועסטרא"...

ווי לאַנג האָט זי אַזוי פאַנטאַזירט? דאָס ווייסט זי נישט. פּלוצלונג האָט זי איבערגעריסן אירע ערינערונגען און איז אויפגעשפּרונגען. אין קאָרידאָר האָבן זיך געהערט טריט פון אַ סך מענטשן און מוראדיקע קולות...

— מאָניקע — האָט די מוטער געשריגן — מאָניקע! וואָס פאַר אַ שרעקלעכער אומגליק!

געשווינט, געשווינט! און דוקא איצט האָט דיין טאַטע געדאַרפט אַוועק פון שטוב מיט וויניערען...

עפּעס אַן אומבאַקאַנטע זקנה, וואָס שפּעטער האָט זי איר שוין בשום אופן נישט געקאָנט פאַרגעסן, מיט אַ פּנים פון אַן איבערגעשראָקענעם פאַלישינעל, אין אַ הוט מיט פעדערן, האָט אָן אַן אָטעם דערציילט פרוי ליערביע:

— אַז איך האָב דערהערט דאָסדאָזיקע געשריי — איז מיר דאָס בלוט פאַרגליווערט געוואָרן אין די אָדערן... איך האָב איר געזען, ווי איך זע אייך. איך בין געשטאַנען אויפן טראָטואַר, פאַר'ן אַפּטייק, אויפן ראָג האַוור־פּלאַץ, ביים וואָקזאַל סען־לאַזאַר. אָרעמע פרוי! זי איז איבערגעגאַנגען די גאַס פאַר אַן'אויטאָבוס, האָט זיך אויסגעגליטשט און אָט... דער שאָפער האָט געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט, אָפּצושטעלן... אָבער זי איז שוין געלעגן אונטער די רעדער... אין בייטעלע, — אָט איז זי,

קיין זאַך איז נישט פאַרלאָרן געגאַנגען, -האָט מען געפונען אַ קאָנ־
ווערט מיט איר נאָמען און אייער אַדרעס. זי האָט נאָך געאָטעמט,
בעת מ'האָט איר געבראַכט אין אַפּטייק. זי האָט געבעטן מ'זאָל
איר אָפּפירן אַהער. די קאַרעטקע פון דער גיכער הילף שטייט
דאָ אונטן. איך האָב באַשלאָסן איר צו באַגלייטן, כּדי אייך
אָנצוזאָגן...

דערהערנדיק די לעצטע ווערטער, האָט זיך מאָניקע
אַלאָז געטאָן פון די טרעפּ. די טראַגע איז געשטאַנען אונטן אין
קאָרידאָר בײַ די טרעפּ.

מיט אַ ציטער אין גאַנצן קערפּער האָט זי אַ הויב געטאָן
דעם שלייער פון געזיכט, מאָניקע האָט געשפּירט ווי זי גייט
אַראָפּ פון זינען. דער טויט, צורייסנדיק דעם בויך און די
פוס, האָט נישט אָנגערירט דאָס טייערע געזיכט. זי האָט אויסגע־
זען ווי לעבעדיק, בלויז אַ שלאָפעדיקע.

— מומע, טייערע מומע — האָט מאָניקע געוויינט אויפן
קול — מומע!

אַן'אומערטרעגלעכער שמערץ האָט פאַרכאַפּט איר נשמה.
אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט איר שטערן. זי האָט געשפּירט,
ווי צוזאַמען מיט דער מומע איז אויך געשטאָרבן איר יוגנט.

אַרומכאַפּנדיק מיט די אָרעמס דעם טויטן קערפּער, איז זי
געפאַלן אין חלשות.

סוף פון ערשטן טייל

צווייטער טייל.

I

מאָניקע לערביע – צו מאַדאַם אמבראָ. אָקאַציען-אַלעע אין
וואָקרעסאָן 14. שאַפּטאַל-גאַס, פּאַריז דעם 1-שטן מערץ.

איך דאַנק אייך, מאַדאַם, פאַר אייער פריינטלעכע איינלאַדונג. ליידער קאָן איך איצט נישט אָננעמען דעם אָנגעבאָטענעם פּאָסטן אַלס אייער סעקרעטאַרין. — איך בין איצט בלויז אַ קערפּער אָן אַ נשמה. מיר דוכט, אַז איך וועל שוין קיין מאָל אין לעבן נישט זיין אימשטאַנד צו לאַכן. דאָס אַוועקגיין פון עלטערן-הויז, דער מומעס טויט — אַלץ צוזאַמען האָט מיר לגמרי צעבראָכן. איך וואָלט וועלן שטאַרבן איצט, נאָך דעם ווי אַלץ איז פאַר מיר פאַרלאָרן. אַרויסגייענדיק היינט פון נאָטאַריוס, נאָכ'ן עפענען דער מומעס צוואה, האָב איך געקלערט, זיצנדיק אין אַ קאַפע-הויז, וועגן מיין אָרעמער, טייערער מומע, און בין איר מקנא געווען...

ביים טיש נעבן מיר איז געזעסן אַן'אַלטע פרוי, מיט צוויי קינדער אין טרויער — אַ מיידעלע פון 14 יאָר — שוין אַ קליינינקע פרויען-צימער, און איר ברודער — אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר זעקס.

איך האָב אַ קלער געטאָן, קוקנדיק אויף זיי — אַז איך וועל קיין מאָל נישט זיין קיין מאַמע, אַז איך וועל שטענדיק בלייבן

אנ׳אומנוצלעכע באַשעפעניש... איך וועל אַלט ווערן אין איינזאַמקייט, ווי די מומע סילוועסטרע... פון יענער צייט אָן בין איך איצט שטענדיק איינזאַם, אַליין! אַליין ביי זיך אין דערהייט, זיין אין מיין האַרצן... אָן אַן אָרט אין דער געזעלשאַפט, אָן אַ היים. נאָך אַמאָל דאַנק איך אייך פאַר אייער גוטן ווילן צו נעמען מיך אונטער אייער שוץ... איך פיל אָבער, אַז אַ לאַנגע צייט וועל איך נאָך נישט זיין בכח זיך צו געפינען אין אַ סביבה פון קינדער. איך בין צו ערנסט פאַר זייער קליינעם שכל, זיי זענען צו לעבנסלוסטיק פאַר מיר...
איך גריס און קוש אייך
מאָניקע.

מאָניקע לערביע צו מאַדאַם אמברא. פּאַריז, ד. 15-טן יולי.

מיין טייערע!

שוין אַ לאַנגע צייט האָב איך אייך נישט געשריבן וועגן זיך. איך שעם זיך באמת, וואָס איך האָב אייך נישט געענטפערט אויף אייער ליבן בריוו... היינט איז מיר בעסער, און איך קאָן אייך שרייבן.

מיר שיינט, אַז מיינעליידן האָבן זיך שוין אַביסל פאַרטעמפּט. איך קוק אויף אַלץ זאָן פרייד און אָן טרויער. איך זע די בלייכע זון, דעם געדיכטן גאָרטן אונטער מיינע פענצטער, פאַרבייגייענדיקע גלחים. איך לעב נישט, איך וועגעטיר. איך האָב אייך, דוכט זיך, געשריבן, אז נאָכן ליקווידירן די ירושה־אָנגעלעגנהייטן פון דער אומגליקלעכער מומע, האָב איך פאַרלאָזן די פינצטערע שאפטאל־גאַס.

איצט וווין איך אויפן לינקן ברעג פון דער סענא — אויף דער וואַנאָ־גאַס. מיינע דריי פענצטער גייען אַרויס אין פּאַרק פון די אויסוווערטיקע מיסיעס. איך בין נאָך אָבער אַלץ נישט ביים גאַנצן געזונט. די קלענסטע קלייניקייט וואַרפט אויף מיר אָן אַ מרה שחורה, אַ יאוש... אָך, ווען מ׳זאָל קאָנען אין גאַנצן

אויפהערן טראַכטן... מ'זאָגט, אַז מ'קאָן זיך טרייסטן, אָדער ריכ־טיקער, זיך צוגעוווינען צו אַלע ליידן. נאָך זיין אַמאָל גליקלעך? צו קאָן עס דען זיין? איך שטעל זיך דאָס גאָר נישט פאָר, שווער צו גלויבן.

אייער גוטווינשנדע
מאָניקע.

מאָניקע לערביע – צו פרוי אמברא. דעם 22 נאָוועמבער.

טייערע מאַדאַם! איר פרעגט, וואָס איז מיט מיר? איך בין אנ'עלנטע, שוואַכע באַשעפעניש, אוסגעזעצט דעם ווילן פון גורל. אַ דאַנק אייך פאַר אַייערע גוטע ווערטער. אָבער, אַך! איך וועל זיך קיין מאָל נישט טרייסטן... איך האָב אויפגעהויבן מיין אידעאַל אויף אַזאַ הויכקייט, אַז, נישט האָבנדיק די מעגלעכ־קייט אים צו דערגרייכן, בלייבט מיר נישט מער, ווי זיך אַראָפּצו־לאָזן אַזוי נידעריק, אַז איך זאָל אים שוין מער קיין מאָל נישט בעמערקן. מעגלעך, אַז אויף דעם אופן וועל איך זיך צוגעוווינען מער וועגן אים נישט צו קלערן. דערווייל לעב איך ווי אַ קראַנקע, וועלכע מוז זיך אומבאַדינגט היטן, אָן אַ שום פאַרלאַנג עפּעס צו אונטערנעמען און אָן האָפנונגען...

און דאָך ווייס איך זייער גוט, אַז נאָר אין דער אַרבעט, אין דער אַרבעט אַליין וועל איך געפינען אַ טרייסט פאַר מיין שווער, ביטער לעבן, אפשר וועל איך זיך פרוון אומקערן צו מיין פריערדיקער באַשעפטיקונג. אפשר געדענקט איר נאָך יענע קליינע קאָמפּאָזיציעס, וואָס האָבן מיר געדינט אַלס צייטפאַרטרייב בעת איך האָב נישט געהאַט וואָס צו טאָן? איך האָב זיך ווידער גענומען פאַר מיין שטיפט און פענזל... איך צייכן מעבל־דעקאָראַטיווער קונסט אַלס פאַך, וואָס איז נאָך נישט באַנאַל. אַ דאַנק דער מומעס ירושה וועל איך, אפשר, קענען קויפן אַ געשעפט

פון פּלטע קונסט-געגנשטאַנדן... אפשר וועל איך דאַרין געפינען גלייכצייטיק מיין אויסקומען, באַשעפטיקונג און בעפרידיקונג — ווער ווייס?... אָדער איך וועל אַראָפּ פון זינען פון שטענדיקן אַנאַליזירן און גריבלען זיך אין מיינע איבערלעבענישן.

איך האָף אין די ערשטע פרילונגס-טעג אויסצונוצן אייער פריינדלעכע איינלאַדונג און אין אַ זונטיק קומען צו אייך צום פרישטיק.

מאָניקע.

II

דער דאַנסינג האָט געהילכט פון די ווילדע קולות פון דזשאַס-באַנד. די פּאָרלאַך האָבן זיך געוויגט אין דער בלולעכער באַלייכטונג.

מישעל דאַנטרעג האָט געשטורכעט מיטן עלנבויגן עלענע סיוז, וואָס האָט מיט קליינע שלונגען געצויגן דורך אַ שטרייעלע איר אייז-קרעם-ליקער.

— אָ, זע נאָר!

— וואָס איז געשען?

אַריבערבויגנדיק זיך איבערן ראַנד פון דער לאָזשע, האָט מישל אָנגעוויזן:

— דאָרט, נעבן דעם פּראָפעסאָר און דער קליינער ענגלענדערין... יענע צווײ דאַמען... אָט גייען זיי פאַרבײַ אונטערן קרוינלייכטער.

— ווען נישט די געשוירענע געלע האָר, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָס איז מאָניקע.

— דאָס איז זי טאַקע! נישט אמת מאַקס?

דער קריטיקער, אָנשטעלנדיק דעם מאָנאקל, האָט געפּ-מאָלדן:

— פאַרשטייט זיך, זי! אָבער ווי פאַרענדערט דורך דער נייער פריזור! דאָס איז איצט געוואָרן דער סימבאָל, די פאַרקערפּערונג פון ווייבערשער אומאָפּהענגיקייט — אויב נישט פון זייער קראַפט. אין אַלטערטום האָט דלילה, אַראָפּנעמענדיק שמשונען די האָר, אָפּגענומען בײַ אים זיין קראַפט. איצט אָבער, כּדי צו ווערן מענלעך, שערן זיך די פרויען אָפּ די האָר.

— זי זעט אויס מיט צען יאָר עלטער — האָט גרויסמוטיק באַמערקט עלענע סיוז.

— לאָמיר זאָגן מיט פינף! און אַזוי ווי זי האָט אויסגעזען ווי אַ ניינצניאָריקע בעת איר איז געווען איין און צוואַנציק, זיינען עס ערשט אירע אמתע יאָרן; ס'איז שוין צוויי יאָר נאָכן סקאַנדאַל.

— צוויי און צוואַנציק יאָר? און אויסזען זעט זי אויס ווי פון דרייסיק.

— איך ווייס וואָס איר רעדט דאָרט! זי איז נאָך קיין מאָל אַזוי שיין נישט געווען. די זעלבע פרישקייט, נאָר צונויפגעגאָסן עפּעס מיט אַ מין סודותפולער מעלאַנכאָליע! לויט מיין מיינונג איז זי אַנטציקנד... אָ יאָ! ער האָט זיך אויסגעדרייט צו מישעלען און מיט כּעס איר געדראָט:

— אויב דו וועסט ווידער אָנהויבן דיינע שטיק...

אָבער מיט אַ מינע פון אַ צערטלעכער קאַץ האָט זי געזאָגט:

— איך האָב'ס זייער ליב!

נאָכן „מענעלאָאוס” אָוונט האָט זי צוגעבונדן מאַקסן צו זיך און דוקא פאַר אירע פּערזענלעכע עקסטרע שליחותן. באַלד נאָך דעם האָט אים פאָנעטע אַוועק-געוואָרפן און האָט זיך פּלוצלונג פאַרליבט אין סאַשע וואָלאַן נאָך זיין טריומף אויפן פערד-געיעג אין איזערע. מאַקס פון זיין זייט האָט הנאה געהאַט פון זיין שותפות מיט ד'אַנטרעגן. שטאַרק פאַרנומען מיט זיין פערד-שטאַל און מיטן טרענירן די זשאָקעען, האָט זיך דער מאַרקיז געפרייט

מיס'ן נדן און מאַקס מיט זיין פרוי. באַלד נאָך דער זשאָרזש-זאַנד פּרעמיע, האָט אים מאַדאַם זשאַקע אַדאָפּטירט און אויף אירע „דאַנערשטיקן" האָט זי כסדר מאַנעווּרירט ווי אַזוי צו באַקומען פאַר אים די גרויסע „ראָמאַן-פּרעמיע" (די אַקאַדעמיע האָט באַשטימט דערויף 30.000 פראַנק, אַ רעפּליק אויף דער קאָנקורענץ פאַר דער גרויסער באַלזאַק-פּרעמיע (20.000 פראַנק. דער גרינדער ז. מאַקאַראָוו.

איבערן זאַל האָבן זיך געטראָגן די לעצטע שימי-טענער. די פּאָרלאַך האָבן זיך אָנגעהויבן פונאַנדערגיין. מישעל האָט אָנגעשטעלט איר לאָרנעט:

– ס'איז אָבער פּאָרט אמת! מאָניקע האָט אַ מערקווירדיקן כאַראַקטער... און איר פאַרטנערין! וואָס איז דאָס פאַר אַ טיפּ?

מאַקס דע לאָם האָט איר דערקלערט:

– דאָס איז דאָך ניקעטאַ! ווי פאַרענדערט זי איז דורך די געפאַרבטע האָר.

– זיינען זיי, הייסט'ס, די גאַנצע צייט צוזאַמען, האָט העלענא סיוז אַ זאָג געטאָן אַ פאַרוווּנדערטע, בייגעריק האָבן זיי זיך צוגעקוקט צו מאָניקע לערביע, דער דעקאָראַטאָרין, און צו איר חברטע, דער באַרימטער ניקעטאַ, דער שטערן פון „דער מוזיק-האָל" שוין אַ קימאַ-לן פון דרייסיק יאָר. פּאַריז איז געווען משוגע אויף איר הילכיקע שטים, אויף אירע געטאָקטע פיס און געשליפענעם צונג, מיט וועלכן זי האָט כסדר געלעקט אירע גראָבע ליפּן.

ווען נישט די גרויסע שיינע אויגן, וואָלט זי, מיט איר פּאַריסענעם נאָז, געווען אַן אמתע מיאוסקייט.

– נישטאָ וואָס צו ריידן, אַ פּיקאַנטע פּאָר – האָט מאַקס קאָנסטאַטירט.

ניקעטאַ און מאָניקע האָבן זיך אומגעקערט צו זייער טיש.

ייי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פאַרליבט פּאָרל. ניקעטא האָט צערטלעך אַרויפגעוואָרפן אויף מאָניקעס אַקסלען איר פוטערנעם שאַל.

— ווי רירנד! האָט איראָניזירט העלענא סיוז.

— דענערוויר זיך נישט, סיוזיק! האָט געזאָגט מישעל. — דער פּלאַץ איז שוין באַזעצט. העלענא סיוז, באַוווסט מיט אירע לעסבישע אינסטינקטן — האָט געקוועטשט מיט די באַרקעס. זי האָט נישט געקאָנט מוחל זיין מאָניקען די עובדה, וואָס זי האָט אָפּגעוואָרפן איר פאָרשלאַג, וועלכן זי האָט איר געמאַכט דורך זשינעטע מארען, איידער יענע איז געוואָרן די וויצע-פּרעזידענטין „פון די אינוואלידן-אויסאַרבעטונגען" און דערנאָך די פרוי פון אַ מינוסטראַן פערטו'ס קאַבינעט. זשינעטא!... העלענא סיוז האָט זיך דערמאַנט אָן איר זיסן גרוכען בעת מ'פּלעגט איר קושן. דאָס איז געווען אויף די אָוונטן ביי מאָניקע גאבראני. לכל הפּחות האָט זי נישט געמאַכט קיין מינע פון קיין צנועה ווי מאָניקע די צדיקת...

העלענע סיוז האָט געהערט צו יענע, וואָס גלויבן הייליק אַלע פּליאָטקעס: וויניערע האָט געכאַפּט זיין כלה אין אַ האָטעל-צימער מיט אַ רומעניש סוחר, פון וועלכן זי איז מעוברת געוואָרן, די עלטערן האָבן איר אַרויסגעטריבן. די מומע האָט פון קרענקונק זיך גענומען דאָס לעבן.

דערזעענדיק איצט ווידער זייער געוועזענע פריינדין אין פולן גלאנץ, אין ווירבל פון פּאַריזער לעבן, האָבן מאַקס דע לאָם און מישעל ד'אנטרעג לגמרי פארגעסן זייער פריערדיקע פאַראַכטונג, און פריינטלעך צו איר געשמייכלט. העלענא סיוז איז בעגאַנגען נאָך ווייטער, זי האָט זאָגאַר צוגעגעבן.

— סוף כל סוף איז זי אַ פרייער מענטש און מעג טאָן וואָס זי וויל. האָבנדיק טאַלענט און געלט קאָן מען זיך איבערהויפּט אַלץ ערלויבן... פון אַלעמען פאַרלאָזן, האָט זיך מאָניקע — נאָך איר פאַרשווינדן אויף אַ קאַלעכדיק יאָר — צוריק באַוויזן דער

פאריזער געזעלשאַפט. זי האָט געעפנט אויף באַטיע-שטראָס אַ מאַגאַזין פון אַנטיקן און מאָדערנע קונסט-אויסאַרבעטונגען.
פיער דע סיוזע, באַגעגענענדיק איר אַ קורצע צייט פאַר דעם, איידער זי האָט רעאַליזירט דער מומעס קליינעם פאַרמעגן (150,000 פראַנק אָפּגעשפּאָרטע און די זעלבע סומע פאַר איר פּענסיאָנאַט, וואָס זי האָט פאַרקויפט) האָט איר גלייך אָנגעוויזן אויף דער פּראָפעסיע, וואָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו מאַכן אַ לעבן.
אין פעריאָד פון איר גרויסן יאוש און אומעט האָט זי געפונען אין אים גלייכצייטיק אי אַן'איבערגעגעבענעם, אומאײגעניציגן געהילף, אי אַ פירער. דורך עלעגאַנטע קאַרטן האָט מען געמאָלדן דעם גאַנצן קרייז פריערדיקע באַקאַנטע וועגן דעם נייגעעפנטן מאַגאַזין פון מאָניקע לערביע אונטערן נאָמען: „דער בלויער דאָרן".
אָבער די גאַנצע געזעלשאַפט האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף איר קרום און נישט געוואָלט מיט איר זיך חברן. מאָניקע, — וואָס אויסער מאַדאַם אַמבראַ — האָט זי קיינעם נישט געזען, און איר אויך נאָר זונטיק — האָט איבערגעלעבט פינצטערע טעג. איר נערוואָזיטעט האָט זיך כסדר פאַרשטאַרקט אַ דאַנק דעם פלוצלונגן געשעפטס-קריזיס. גאַנצע וואָכן האָט זי געוואַרט אויף קונים, אָבער אומזיסט. זייער זעלטן פלעגט עמיצער צופעליק אַריינפאַלן, לאַנג זיך דינגען, אָבער וועניק קויפן. איר קאַפּיטאַל, וואָס איז כמעט אין גאַנצן אַוועק אויף איינאָרדנען דאָס געשעפט, איז יעדן טאָג וועניקער געוואָרן און איר פאַרצווייפלונג איז געוואַקסן, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דער אויטאָריטעט פון פיער דע סיוזע — אַלס אַנטיקוואַר און דעקאָראַטאָר — איז געווען זייער גרויס. דערזעענדיק, אַז דער עסק איז נישט גלענצנד, האָט ער אין איין שיינעם טאָג איינגעלאַדן ניקעטען, און תּיכּף איז די באַטיע-שטראָס פול געוואָרן מיט אַרטיסטן און קאָסמאָפּאָליטן: —

פריילן מאָניקעס מאַגאַזין איז געוואָרן מאָדערן.

אין מאָניקען האָט אויפגעוואַכט אַ נײַ לעבן און זי האָט אָנגעהויבן פאַרגעסן איר פריערדיקע „פרישות". די ברויזנדע וועלן פון די נײַע אינטערעסן האָבן לחלוטין פאַרטרונקען דעם קרייז פון די אַלטע רכילות-טרײַבער.

ניקעטאַ האָט געשפּירט העלענא סיוז בליקן אויף מאָניקען און אויף זיך ווי אַ פליגן-ביס.

— וואָס קוקט זי אונז אַזוי אָן? דו קענסט איר?

זע נאָר, זע, דאָרט אין לאָזשע, לינקס.

מאָניקע האָט אַ קוק געטאָן און מיט פאַראַכטונג געזאָגט:

„אַן׳אַלטע באַקאַנטע."

זי האָט איר אָנגערופן בײַם נאָמען. אין דערזעלבער צײַט האָט איר העלענא סיוז באַגריסט מיט אַ פריידיקער איבעראַשונג. מאָניקע האָט איר געענטפערט מיט אַ קאַלטן קאָפּשאָקל. מיט אַ פולשטענדיקער גלײַכגילטיקייט האָט זי פאַרפאָלגט אין אירע געדאַנקען דעם גאַנצן וועג, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט אין דער פאַרגאַנגנהייט. צום ערשטן מאָל האָט זי זיך איצט אָנגעשטויסן אָן אירע געשפּענסטער. די עדות פון איר לעבן האָבן איר אַזוי פיל אינטערעסירט, פונקט ווי זי וואָלט זיך ערשט נעכטן מיט זיי געזעגנט.

איצט האָט זי פאַרשטאַנען, אַז די ווונד הויבט אָן זיך צו פאַרהיילן...

מיט אַ מאַנאַט צוריק האָט זי באַגעגנט אויף אַ גענעראַל רעפּעטיציע קלעאָ, איר געוועזענע ריוואַלין — און אויסער געוויינ-לעכע נײַגעריקייט האָט זי מער קיין זאַך בײַ דערדאָזיקער באַגעגעניש נישט געשפּירט.

די איינציקע מענטשן, וועלכע וואָלטן איר פאַרשאַפט ליידן, ווען זי זאָל זיך מיט זיי באַגעגענען — פונקט ווי די ערינערונגען אָן יענע שרעקלעכע טעג-זענען געווען אירע עלטערן און וויניערע.

אים האָט זי נאָך אויף איר וועג קיין איינציקן מאָל נישט באַגעגנט. און מיט אירע אייגענע האָט זי זיך עקשנותדיק געהאַלטן אין גאַנצן פון דער ווייטנס, נישט געקוקט אויף די איינלאַדונגען דורך פאַרשידענע אויסריידן פון דער מאַדאַם לערביע. ווערנדיק באַרימט, האָט מאָניקע ביסלעכווייז אָנגעהויבן אָפּצושאַצן איר אייגענעם ווערט...

דער אָרקעסטער האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ „סקאָטיש עספּאַניאָל", אין נעקיטא איז מאָמענטאַל געוואָרן גוט געשטימט. אַרומכאַפּנדיק איר פּאַרטנערין, וועלכע פלעגט זיך איר אונטער־וואַרפן ווי אַ נאַכט וואַנדלערין — האָט זי בעתן טאַנצן אָן אַנ'אויפהער געפּלאַפּלט;

— העלענאַ סיוז?... איך דערמאַן זיך! איך האָב געהערט וועגן איר פון אַ טיפּ, וואָס האָט געדרויכערט ביי אַניקן... געווען איז עס, שיינט מיר, אין דער נאַכט פון ניי־יאָר מיט צוויי יאָר צוריק, זיי האָבן באַוויזן אַזעלכע קונצשטיק ביי איר אין אַ טאַליע... יאָ, דיין סיוז — אַ מיידל, וואָס קיין פינגער אין מויל דאַרף מען איר נישט אַריינלייגן: פאַר דער צייט איז איר שוין שיר נישט געלונגען צו כאַפּן אַ מיניסטער... אָבער דעמאָלט האָבן זיך געווילט בלויז דאַמען!

יאָ, איך געדענק — בלויז איין זשורנאַליסט איז דערביי געווען און האָט אַלץ געזען...

וואַרט! דו קענסט אים דאָך! דער וואָס האָט איינגעאָרדנט האַנטאַרבעט־שולן... אַ בלאָנדער — אַ מויל ווי אַנ'הערצעלע...

— מערקער?

— יאָ, יאָ. איך געדענק, אַז אין זיין פאַמיליען־נאָמען איז געווען דאָס וואָרט קער (האַרץ), אויב מ'קאָן זיך אַזוי אויס־דריקן... אַ נעטע געזעלשאַפט!

— און אונזערע?

— האָבנדיק חטאים, באַהאַלט זי זיי, לכל הפּחות, נישט! דאָס

פאַרפוילטע פון אויסן, דאָס געזונטע—אינעווייניק... דאָס איז ערלע־כ..ר... אָבער יענע, — יענע זיינען צבועים. נישט אויפהערנדיק פלאַפּלען, האָט זי אין גאַנצן באַהערשט מאָניקעס עלאַסטישן און נאָכגעביקן קערפּער. ווי אין אַ מין הינערפלעט האָט זיך מאָניקע אָפּגעגעבן דעם פאַרשכורנדיקן ריטם פון ניקעטעס באַוועגונגען.

אַנ'אומפאַרלעשבאַרער פייער האָט געברענט אין די אָדערן פון דערדאָזיקער פופציק־יריקער פרוי, וועלכע האָט זיך אַזוי גוט געהאַלטן אַ דאַנק דער גימנאַסטיק און גידראָטעראַפּיע *). דערצו איז זי געווען אַזוי קונציק געשמינקט, אַז אויפן סצענע ווי אין לעבן האָט זי אויסגעזען נישט מער ווי פון פינף און דרייסיק.

מענער און פרויען, אַלע האָבן געדייצט אירע ווילדע תאוה־עפילן, איר פייערדיקן טעמפעראַמענט. נישט געקוקט אויף דעם האָט זי אין פאַרלויף פון גאַנצע פופצן יאָר געלעבט מיט איין אַרטיסט פון לייכטן זשאַנר, און ערשט מיט אַ ...קס מאָנאַט צוריק האָט זי אים פאַרביטן אויף מאָניקען. דערדאָזיקער אָפּיציעלער בונד האָט איר פון דעסטוועגן נישט געשטערט צייטענווייז צו זינדיקן מיטן צווייטן געשלעכט און זיך צו פאַרנעמען מיט אירע געשע..ן.

נישט רעכענענדיק זיך מיט דער עפנט...ער מיינונג, האָט זיך מאָניקע אין גאַנצן אונטערגעוואָרפן איר הערשער־האַנט... גוט, שלעכט? פוסטע פראַזן. פאַר איר זענען זיי נישט געווען מער ווי דער קלאַנג פון נאַרישע גלעקלעך. זי איז מיט נעקיטען דערפאַר, ווייל עס האָבן איר דערצו געבראַכט איר אַרבעט, דער צופאַל און איר אומעמפינדלעכע נשמה האָט זיך דערצו צוגע־פאַסט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי איז אַ סך געזינטער געוואָרן האָט זי זיך נאָך אַלץ געשפירט ווי ... קראַנקע, אַ כלאָראָ־פאָרמירטע אויפן אָפּעראַציע־טיש, מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן

*) וואַסער־קור.

האָט זיך מאָניקע שטילשווייגנדיק אָפּגעגעבן דער שכּרות פֿון טאַנץ.

נעקיטעס ערשטע צערטלעכקייטן האָבן אויפֿגעוועקט איר זינלעכקייט, וואָס איז דערשטיקט געוואָרן אין סאַמע מאָמענט פֿון געבאָרן ווערן, האָט אָבער איבערגעלאָזן די סענטימענטאַליטעט פֿון דער פֿריערדיקער צייט לגמרי אומגעריִרט אין דער טיפֿעניש פֿון איר האַרצן. זי האָט עס געהאַלטן אין גאַנצן פֿאַר טויט. צוליב דערדאָזיקער אַנאַלאָגיע, האָט זי ליב געהאַט די פּערזן פֿונם עלנטן, טיפֿן דיכטער סיירא, וואָס איז געפֿאַלן אין קריג. זי האָט שטאַרק געאַכט זיין צערטלעכע נשמה...

... „בלייערנע האַרץ — שטאַרבן איז דערין דער שטאָלץ און די ליבע.

אונטער די האַרטע תּכריכים פֿון עבנהאָלץ...‟ זי האָט נאָך זיבער געהאַט אין זיך צו פֿיל געזונטע לעבנס-קרעפֿטן, וועלכע, נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט זיך אויסצוגיסן, זיינען זיי אַרויסגעשווומען אין אַ צווייטער פֿאָרם. אויף דעם אופֿן האָבן די פֿאַרשידנאַרטיקע פֿאַרווילונגען ביסלעכוויז אָנגעהויבן וועקן ביי איר די תּאווה. קורצע מאָמענטן, וואָס האָבן איר אייגנטלעך אפֿילו נישט באַפֿרידיקט, און דאָך האָט זי זיך נישט אַנקעגן געשטעלט דידאָזיקע קושן, אין וועלכע די רחמנותדיקע צערטלעכקייט האָט זיך צונויפֿגעמישט מיטן צויבער פֿון פֿייערדיקערע לאַסקעס...

מאָניקע איז געווען דאַנקבאַר נעקיטען דערפֿאַר, וואָס אונטערן שלייער פֿון צערטלעכער פֿריינדשאַפֿט, האָט זי נישט פֿאַר אַ מאָל, נאָר ביסלעכוויז אַנטפּלעקט פֿאַר איר דעם גאַנצן פֿייער פֿון איר תּאוהדיקער נאַטור.

מאָניקע האָט זיך געדרייט מיט אַ פֿאַרנעפּלטן בליק. זי האָט זיך אַזוי פֿעסט צוגעדריקט צו איר פּאַרטנערין, אַז, אַרומכאַפּנדיק מיט אירע פֿיס ניקעטע׳ס קני, האָט זי דערשפּירט ווי דורך אים דרינגט איר אַדורך דער גאַנצער ריטם פֿון טאַנץ. עפּעס אַנ׳אַר־גענטינער, פֿאַרביילויפֿנדיק נעבן זיי, האָט איראָניש אַ זאָג געטאָן:

„אַט אַזוי״... ניקעטע האָט זיך צעלאַכט:

— ווי איר זעט, קאָנען מיר זיך גאַנץ גוט באַגיין אָן אייך!

מאָניקע האָט מיט אַ קאָפּשאָקל מסכים געווען דערצו.

און דאָך האָט איר דער פּערמאַנענטער גענוס פון זייער נאָנטקייט לגמרי נישט געשטערט צו פאַנטאַזירן מכח אַנ׳אַנדערער, ווייניקער באַשריינקטער וועלט פון געפילן. מענער! נאָכן ערשטן אויסברוך פון עקל און פאַראַכטונג, האָט זי אָנגעהויבן טראַכטן וועגן זיי אויפ׳ס ניי. זי האָט אָבער געקוקט אויף זיי ווי אַ יונגער מענטש אויף געפאַלענע פרויען: אָן וועלכער נישט איז גייסטיקער אויפּרעקונג, אָבער מיט נייגעריקייט. מיט אַ נייגעריקייט, אין וועלכער זי האָט זיך נאָך נישט מודה געווען, ווייל זי איז געווען אין גאַנצן פאַרכאַפּט פון אַ מין זעלישער באַוווסטלאָזיקייט. אָבער דאָך האָט זי זיך נישט באַמיט דידאָזיקע נייגעריקייט צו דערשטיקן, און קוים איז איר אונטערגעקומען ווער, וואָס איז איר „אַ פּריאַרי״ נישט געווען אומאַנגענעם, דאַן... !

— אָ האָ! האָט ניקעטא אַ זאָג געטאָן, אַ קוק טוענדיק אויפ׳ן בראַסלעט-זייגער, בעת זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט. — דער זייגער איז שוין צען און מיין אַרויסטריט איז באַשטימט אויף עלף... קום, לאָמיר גיין!

— דו האָסט נאָך גענוג צייט, שענסטע, האָט מאָניקע געזאָגט.

די קאַזינא איז געווען אין דערבייאיקן הויז לעם דאַנסינג.

איך האָב נאָך פּונקט גענוג צייט אויף זיך איבערצוטאָן... דו גייסט?

מאָניקע האָט אָבער קיין חשק נישט געהאַט אָפּצוזיצן דעם היינטיקן אָוונט, ווי תמיד, אין דער פאַרשטיקטער לאָזשע-לופט, לעם דער גאַרדעראָבע (שאַטניע). אפילו ניקעטעס פּאַרפּומע זייַנען נישט געווען אימשטאַנד צו פאַרטויבן דעם ריח פון די שכנישע „קאַבינעטן״.

— איך וועל קומען צו דיר שפּעטער.

— וואָס איז עס פאַר אַ נייעס? דו האָסט אַפּנים בדעה מיר צו מאַכן הערנער?...

מיט אַ דראָענדיקן בליק האָט ניקעטא אָנגעהויבן זוכן העלענא סיוזס לאָזשע. זי איז שוין אָבער געווען פּוסט. אַ קאָמבינאַציע — בדי זיך צו טרעפן אויף אַנ׳אַנדער אָרט?

— אַ ראַנדעווו, וואָס? — האָט זי פאַרדעכטיק אַ פרעג געטאָן.

דידאָזיקע השערה האָט אַרויסגערופן ביי מאָניקען אַ שמייכל. און זי האָט אויסגעשריגן:

— איך וועל דיר שפּעטער דערציילן!

— געדענק! איך וועל דיר כאַפּן! אַ, בריסקאָ, גוטן אָוונט!

— גוטן אָוונט, מיין מלכה.

ניקעטאַ האָט געדריקט די האַנט פון באַרימטן קאָמיקער. זיי האָבן זיך געקענט שוין יאָרן לאַנג. אויף דערזעלבער בינע איז שטופנווייז געשטיגן און אויסגעוואַקסן זייער ביידנס גלאַנץ און פרסום. מאָניקע האָט ליב געהאַט בריסקאָ׳ס טאַלענט און זיין גוטמוטיקן הומאָר, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַ שטרענגער אויסערלעכקייט.

— דו שפּילסט, הייסטעס, היינט נישט? האָט ניקעטא געפרעגט.— און די רעצענזיע?

— אַ רעפּעטיציע פון די ליכט-עפעקטן.

— אויב אַזוי טאַ גיב אַכטונג אויפן מיידל. איר ווילט זיך נאָך טאַנצן. אין נאָך מיין אַרויסטריט וועט איר ביידע קומען נאָך מיר אין קאַזינא. גוט?

אין שפּעטער וועלן מיר גיין צוזאַמען עסן אָוונטברויט.

בריסקא האָט מיליטעריש געגריסט, און ניקעטא איז אַוועק אין גאַנצן אַ באַרויִקטע.

בריסקא האָט פאַרנומען ניקעטאַ׳ס שטול און באַשטעלט פאַר זיך „איריש אין סאדע״.

— איר ווייסט, האָט ער געזאָגט, פינטלענדיק מיט די אויגן,

פאַרבייגייענדיק אויף באָטעטע-גאַס האָב איך געזען אייער דעקאָ־ראַציע פאַר אַ שטודיע – בלוי און אראנזש — אַ מעלאָדישער צוזאַמענשטעל פון די פארבן!

— באמת? פאַרוואָס זענט איר נישט אַריינגעקומען?

— פאַרנומען געווען... איך בין נאָכגעגאַנגען אַן אַמעריקאַנערין... פון אייער זשאנר! אַ רויזינקע, שווארץ ווי קויל... אין אַ פערל־שנור, אַ פערל־שנור ביז די קני.

— און איר זענט אויך געפאַלן צו די קני?

ער האָט אָפּגעשאַצט איר פּיקאַנטע באַמערקונג.

— שטיפערין! ניקעטא, ווייזט אויס, לאַנגווײַלט זיך נישט מיט אייך.

— און איר?

— איך אויך נישט. מ'דאַרף זיין אַן אידיאָט, אַז מ'זאָל זיך אויף דער וועלט לאַנגווײַלן. קורץ און שאַרף און צווייזדייטיק האָט ער צוגעגעבן:

— איך בין גרייט אייך צו דינען.

— אַ דאַנק אייך, איך וועל עס נישט אויסניצן. באַהאַלט זי פאַר אייער אַמעריקאַנערין.

— נו, דאָס איז שוין אַן אַלטע מעשה — אפשר גאָר פאַר אַן אַנדערער!

— גאָר אַזוי! פון ערשטן קוק?

ער האָט זיך מודה געווען:

— ניין, זי קען מיר שוין פון גאַנץ לאַנג!

— אויב אַזוי איז שוין אַלץ רעכט.

מאָניקע האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס די וויצלינגער, די אַזויגערופענע „לצים", אפילו די גרעסטע העסלעכקייטן, האָבן אַזאַ דערפאָלג. וואָס פאַר אַ געפיל באַוועגט יענע פרויען, וואָס שטעלן זיך אָפּ אויף זיי? זי האָט זיך אויפ־מערקזאַם צוגעקוקט צו בריסקאַן און זיך געוווּנדערט, וואָס ער

דערוועקט נישט ביי איר קיין עקל.

ער האָט געהאַט אַ געזונטן אויסזען פון אַ דאָרפישן פויער, הינטער די האַלבפאַרמאַכטע אויגנלידער האָט זיך באַהאַלטן אַ גלאַנץ פון אַ גוטמוטיק-צערטלעכער בייזקייט.

ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— אָט איז עס! איר מאַכט פון מיר חוזק... און איך האָב אייך נאָר וואָס געוואָלט זאָגן עפּעס זייער אָנגענעמס. באַקוקנדיק אייער וועלנפאַרביקע דעקאָראַציע, איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק... מיין פריינט עדגאר לער...

— דער קאָמיקער?

— יאָ, ער וועט שפּילן אין איינער פון פערפויל׳ס פּיעסן... מ׳דאַרף צוויי דעקאָראַציעס. ווען איר זאָלט וועלן אויסמעבלירן די צוויי אינטעריערס, וואָלט איך מיט אים גערעדט.

— באמת?

נו, זיכער, אויב איר ווילט וועט עס זיין געמאַכט.

— איך דאַנק אייך.

— נו, אַ גרויסע מעשה — צווישן חברים...

ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן און צום צווייטן מאָל באַשטעלנדיק „איריש אין סאדא״ האָט ער געזאָגט:

— ס׳איז דאָך פּאָרט אמת, אַז איר זענט נישט ענלעך צו אַנדערע. ראשית זענט איר אַפּעטיטנער פון זיי, עס לוינט צו פלירטעווען! און דערצו אייער אַרט ריידן און האַנדלען... ריין און גראַדליניק, כאָטש איר טוט נאָר דאָס, וואָס עס פאַלט אייך אַריין אין קאָפּ, אַ?... אָבער מיט אייך איז לגמרי נישט דאָס, וואָס מיט דער אַמעריקאַנערין... עס קומט אויס צו בלייבן חברים,...

איבערן זאַל האָבן זיך געטראָגן די ערשטע טענער פון טאַנגא. ער האָט זיך אַ הויב געטאָן:

— קומט. זאָל ניקעטא גרין ווערן פון כעס.

— נו, בריסקא, און אויב דאָס וועט מיר דערפירן נאָכצוטאָן דער אַמעריקאַנערין? נו, נו, נאָר אָן די הענט! איך האָב דאָך נישט געזאָגט: מיט אייך! אָבער פאַרוואָס זאָל ניקעטא דערפון נישט וויסן? קודם כּל זענען מיר נישט געשטאַנען מיט איר אונטער דער חופּה, און ווען אפילו חתונה געהאַטע, איז טאַקע די אָפנהאַרציקייט ערשט רעכט נויטווענדיק.

מעכאַניש האָט זי אַריינגעלייגט איין האַנט אין זיינע און די צווייטע אויפן שולטער.

ער האָט פאַרזיכטיק אַרומגענומען איר שלאַנקע טאַליע. הכנעהדיק האָט זי געפאָלגט דעם פאַרשכּורנדיקן ריטם. בריסקא האָט געשפּירט די צערטלעכע פרישקייט פון איר קערפּער.

פאַר דער צייט פון איר בונד מיט ניקעטען האָט מאָניקע נישט איין מאָל געטאַנצט מיט מענער. אויסער די סאַמע איבערגעגעבענע פריינדינען, — זענען דאָס געווען די איינציקע דערלויבטע פאַרטנערן. — מאָניקע האָט הנאה געהאַט פון ניקעטא׳ס אייפערזוכט, ווייל זי האָט געזען דערין אַ באַווייז פון איר אמתן ליבע-געפיל און דעריבער האָט איר נישט באַליידיקט די שטענדיקע אויפזיכט, וואָס דערנידעריקט ניט ביי געמיינזאַמער ליבע. ניקעטא האָט בלויז נישט פאַרויסגעזען איין עווענטואַליטעט, אַז ביי דעם שטענדיקן קאָנטאַקט מיט מענער, קאָן זיך ביי מאָניקען ווען ניט איז פלוצלונג אָנצינדן אַנ׳עלעקטרישער טאָק. הונדערטער מאָל האָט זיך מאָניקע געדרייט אין די אָרעמס פון אמת שיינע מענער און מער ווי אַנ׳אומשולדיקע פרייד פון אַ שפּרינגנדיקן קינד האָבן זיי אין איר נישט געוועקט... סוף כּל סוף האָט אָבער געמוזט קומען דידאָזיקע שעה, ווען אין ווירבל פון די באַוועגונגען, פון מוזיק און ליכט, זאָל זיך דער פאַרשכּורטער קערפּער אין דערדאָזיקער שאַרפער, איבערגעהיצטער אַטמאָספער, פלוצלונג אינסטינקטיוו אַ ציי טאָן, צו אַ פולשטענדיקן צוזאַמענגיסן.

און אָט האָט בריסקא, וועלכער האָט לכתחלה נישט צוגעגעבן

קיין שום באַדייטונג זיינע דאָזיקע שטיק, נישט ווילנדיק געשטערט דעם גאַנג פון די געשעענישן. – ער האָט געטאַנצט אויסגעצייכנט. און אין די ריטמישע באַוועגונגען פון זייערע כמעט צונויפגעגאָסענע קערפּערס, אין דעם הוידען זיך, וואָס זענען אַזוי ענלעך אויף ליבעס-צערטלעכקייטן, – האָט מאָניקע דערשפּירט מיטן גאַנצן קערפּער, אָנפאַנגס אַ לייכטע און וואָס ווייטער אַלץ אַ שטאַרקערע אויפרעקונג, וואָס האָט זיך אויך איבערגעגעבן איר פּאַרטנער. די הענט זענען איר געוואָרן שוואַך און האָבן זיך ענדלעך אין גאַנצן אַראָפּגעלאָזן. די מוזיק האָט זיך איבערגעריסן...

מיט פאַרוווּנדערונג האָבן זיי געקוקט איינער אויפן אַנדערן, פּונקט ווי זיי זאָלן זיך איצט באַגעגענען נאָך אַ לאַנגער רייזע, אָדער זיך אומקערן צום לעבן פון אַ שווערער לעטארגיע... און אין גאַנצן האָבן זיי זיך דאָך ערשט מיט אייניקע מאָמענטן צוריק צונויפגעגאָסן... אין די אָרעמס, ברוסט צו ברוסט, שפּירנדיק אונטער די לייכטע קליידער דאָס קיצלדיקע וואַרעמקייט פון קערפּער... איז עס געוועזן אָדער נישט געוועזן ?...

בריסקא דער אַרטיסט, וואָס איז געוואָלט געוועזן צו שילדערן איבערלעבונגען, וועלכע ער האָט אַליין נישט דורכגעמאַכט, האָט געשפּירט, אַז דאָס מאָל איז דאָס שפּיל נישט ערגער פון דערווירקלעכקייט. ער איז אָבער געווען גענוג קלוג נישט צו באַטאָנען דעם מאָמענט פון פאַרגעסן זיך. ניקעטא „האָט זיך טועה געווען״ ; ביים דאָזיקן געדאַנק האָט זיך אין זיינע אויגן אָפּגעשפּיגלט אַ פרייליכער גלאַנץ.

מאָניקע האָט פשוט געזאָגט :

– איר טאַנצט זייער גוט ! – קומט נאָך אַ מאָל !...

מיט פייערדיקע באַקן, מיט גלאַנצנדיקע אויגן האָט זיך מאָניקע איבערגעגעבן דעם גענוס, נישט שפּירנדיק קיין שום בושה. – „וואָס איז עס דען ? – האָט זי געטראַכט, – סוף כל סוף איז עס דאָך נישט מער ווי אַ גימנאַסטישע איבונג

און... אפילו אַנ׳אָנגעגנעמע... אָט – האָב איך עס לגמרי נישט געוווסט.

אויפן אַנדערן טאָג, בעת מאָניקע האָט בײַ זיך אין „גרינעם דאָרן" לעם די טערקישע און כינעזישע צייכענונגען איינגעאָרדנט פון בירקנהאָלץ אַ מין דאָרפישן בודואַר, האָט זי גלייכגילטיק אויסגעהערט עדגאַר לערן, וועלכן בריסקאַ האָט געבראַכט צו-פירן. קלער, – מאָניקעס ערשטע פּאַרקויפערין – איז געווען שטאַרק פאַרוווּנדערט, וואָס לער האָט מיט אַ גאַנץ אַנטשידענעם טאָן געגעבן זעלבשטענדיקע אָנווייזונגען.

קלער – אָדער פריילין טשערבאַליעוו – איז געווען אַ יונג מיידל פון אַנ׳אַריסטאָקראַטישער רוסישער פאַמיליע, וואָס דער רעוואָלוציאָנערער שטראָם האָט איר פאַרוואָרפן אין אַ פרעמד לאַנד.

פריער האָט זי געשפּילט אין קינאָ׳ס און קוים פאַרדינט איר שטיקל ברויט. אַרבעטנדיק איצט בײַ מאָניקען האָט זי זיך ממש געשעצט גליקלעך.

– אָט ווי אַזוי – האָט געזאָגט דער אַרטיסט, – דעם ערשטן אַקט, בעת די ליבע דערוואַכט קוים, שטעל איך מיר פאָר אין גאַנצן פאַרדראַפּירט אין שטאָפן פון אַ קאָליר פון צוקערעטשטע ושוקעס. ברייטע פאַלדן... און נישט מער. די פאָרהויז צום גן עדן... דאָס גאַנצע מעבל: אַ קושעטקע רעקאַמיע און אַ טיש פון שוואַרצן לאַק. און קישנס, קישנס, קישנס... ניקעטען איז שטאַרק נעפעלן דער מאָדערנער סטיל, אָבער בריסקאַ האָט זיך גאַנץ ווייניק אינטערעסירט מיט דידאַזיקע פראַגן און האָט גלייכגילטיק געקלאַפּט אין מאַרשטאַקט – מיט זיין שפּאַצירשטעקל – אויפן בויך פון אַ בראָנזענעם הינדוס.

– אָך... הער אויף! האָט זיך לער געכעסט, דו מאַכסט מיר נערוועז!...

פון זיין געשריי האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן די שויבן. ער

האָט אַראָפּגעכאַפּט פון קאָפּ און אַ וואָרף געטאָן אויף אַ שטול זיין ברייטראַנדיקן הוט. — איבער זיין געקנייטשטן שטערן פון אַ בולדאָג, מיטן פּלאַטשיקן נאָז און אַראָפּגעהאָנגענע ליפּן האָט געגלאַנצט אַ גרויסע פליכעוואַטע פּאַטעלניצע. מיט אַ קליינער, גרינער ויידענער טיכל האָט ער געווישט זיין געניאַלן שטערן.

— ער איז אַ גוטער משוגענער, דערדאָזיקער שרייער, — האָט מאָניקע אַ טראַכט געטאָן, — אָבער דער אַרטיסט האָט שוין ווידער גערעדט גאַנץ רויק:

— אין צווייטן אַקט, — די ליבע ברענט שוין... תּאווה... רויט, רויט אין גאָלד! בלוט! בלוט! — אַלץ רויט. אַלע שאַטירונגען אין רויט! די שטאַרקסטע... עס מוז שרייען! אָט איז עס... ! מאָניקע האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פון געלעכטער: די אָנווייזונגען זענען אויסגעצייכנט... איך שטעל מיר עס שוין פאָר... און מעבל?

— קיין שום מעבל! נאָר דיוואַנעס און קישנס, קישנס, קישנס...

קלער, פּאַרצייכנדיק מיט אַ בלייפעדער די אָנווייזונגען, האָט אויסגעשריגן:

— פּראַכטפול!

עדגאַר לער האָט זיך העפלאַך פאַרנייקט און, זיך ווענדנדיק צו מאָניקען, האָט ער געזאָגט:

— איר האָט פאַרשטאַנען? די סקיצן מוזן זיין אין דריי טעג אַרום...

— איך וועל מאַכן אַלץ וואָס איך וועל קאָנען.

ער האָט באַטראַכט די וואָנונג און אַ צופרידענער געזאָגט:

— איר האָט טאַלאַנט, און אַז איר וועט אַ ביסל אונטעראַרבעטן מיט מיר...

און מיט אַ ברייטן זשעסט, האָט ער ווי געשילדערט די גלענצנדע צוקונפט, וואָס עס וואַרט אויף איר אין דעם פאַל. דערנאָך — האָט ער אָנגעטאָן דעם הוט מיט אַ מינע פון אַ שפּאַנישן

גראַנד און, זיך ווענדנדיק צו בריסקאָן, האָט ער געזאָגט:

— קום אַלטער! מיינע דאַמען...! און מאַיעסטעטיש איז ער אַרויס פון צימער.

מאָניקע האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און ניקעטאַ האָט אויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער:

— אַ כוואַט אַ יונג!

— יאָ, אינטערעסאַנט!

— וואָס פאַר אַ פּאַרסע!... וואַרט, איך וועל באַלד פאָרשטעלן:

— מיינע הערן, — דער קייסער! — ער גייט אַריין. בינדט אויף זיין קאַשנע — פּונקט ווי ער וואָלט אַראָפּגענומען אַנ׳אָרדן. ער גייט אַרויף אויפן בינע... בום, אַלע אַרטיסטן פאַלן אים צו די פיס... ווייל אין פאַרגלייך מיט אים זענען גיטרי און אַנטואן זשעמיע ניט מער ווי סטאַטיסטן... האַ, האַ, ברילט ער ווי אַ לייב — די דעקאָראַציעס ציטערן, דער אויטאָר פאַלט אין חלשות!... מיט אים וואָלט זיין אינטערעסאַנט אַרויסצוטרעטן אין מוזיק־האָל... אָבער צו בריסקאַן קומט ער נישט...

— בריסקא איז אַ זשענטלמאַן! — האָט מאָניקע אַ זאָג געטאָן.

זי איז אים זייער דאַנקבאַר געווען פאַר זיין פאַרמיטלונג. פּערפּיילס פּיעסע, גוט אויסגעפירט, וועט זיין אַ נוצלעכע רעקלאַמע. די אַרבעט איז לכל הדעות גאַנץ אינטערעסאַנט. זי האָט שוין פאַנטאַזירט, און דערביי שטאַרק הנאה געהאַט — זיך פאָרשטעלנדיק די קאָלאַציע נאָך דעם ביי פּרוערן מיט שאַמפּאַניער און אויסטערן.

קיין מאָל האָט נאָך דער רעסטאָראַן נישט געזען אַזאַ ענטוזיאַזם. אויפן פאַרלאַנג פון פּובליקום האָבן זיך די צוויי באַרימטע שוישפּילער אַ לאָז געטאָן איבערן זאַל אין אַ וואַלצער. די אויסלענדער זענען אַרויפגעשפּרונגען אויף די שטולן און הייבן אומאויפהערלעך אַפּלאָדירט די פּאַריזער „שטערנס״...

מאָניקע האָט לאַכנדיק איבערגעגעבן ניקיטען וועגן איר

פּגידה מיט בריסקאַן – ניקעטאַ האָט דערבײַ שטאַרק געלאַכט. אײַנטינקנדיק אַ פינגער אין בריסקאַ׳ס גלאָז האָט זי זיי באַנעצט אונטער די אויערן מיט עטליכע טראָפּן ווײַן און האָט זיי ביידע געבענשט, דערבײַ האָט זי אָבער צוגעגעבן:

– אויב דו וועסט זיך אָבער צונויפקומען מיט דײַן מאַדאַם סיוז, וועל איך דיר דערשטיקן!

–האָב קיין מורא נישט! נישט מיט עלענען אין נישט מיט בריסקאַן.

מאָניקע איז געווען רויִק ווי תמיד... פאָרשטעלנדיק זיך איצט נעכטיקע עמפּינדונגען אין עמאָציעס אין שכרות פון טאַנץ, האָט זי געזען פאַר זיך פרייליכערע פּערספּעקטיוון. די רויִקייט פון אַלטעקלעכן לעבן אָן שום געדאַנקען ווי פאַרשכורת. און גלײַכצײַטיק דאָס ערוואַכן פון עפּעס גאָר נײַע געפילן... זי האָט געוואָרפן אַ בליק אויף ניקעטאַן וועלכע האָט געקוקט אין אַקליינעם האַנטשפּיגעלע...

דאָס איז געווען אַן׳אַלט פּערסישער אַנטיק, אַ פלאַכער דרייעק מיט אַ רוקטירעלע פון פײַנסטער מאַזאַאי און פּאַלירטן מעטאַל, מיט זײַן זילבערנער גלאַטקייט איז ער געווען ענלעך אויף אַ טיף שטייענדיק וואַסער.–מאָניקען האָבן זיך פאָרגעשטעלט יענע ווײַטע בילדער, די אויגן וואָס האָבן זיך מיט יאָרן צוריק דערין געשפּיגלט און זי האָט אַ טראַכט געטאָן: אפשר וועט באַלד קומען די צייט, און ניקעטאַ׳ס בילד וועט פאַרשווינדן פון מײַן זכרון אַזוי ווי יענע וואָס האָבן זיך אַ מאָלגעשפּיגלט אין דעם דאָזיקן אַנטיק. – אינטימער, נענטער ווי זיי ביידע האָט מען שוין נישט געקאָנט זײַן, אָבער מאָניקע האָט פּלוצלינג דערשפּירט ווי די אַרטיסטן ווערט איר אַזוי פרעמד ווי יענע וואָס זײַרע אויגן האָבן זיך אַ מאָל געווענט מיט פראַגן, צו דעמדאָזיקן שפּיגעלע.

– אַך! האָט געזאָגט ניקעטא, מעלאַנכאָליש פאַרמאַכנדיק דאָס רוקטירעלע. — וויפיל דו זאָלסט זיך נישט שפּיגלען – שענער וועסטו נישט ווערן!... נו איך טראָג זיך אָפּ... ביזן אָוונט, ווו?

– ווי נעכטן אין דאַנסינג, אויב דו ווילסט? – האָט מאָניקע געענטפערט.

III

אין פאַרלויף פון גאַנצן סעזאָן, האָט מאָניקע נאָך דער טעגליכער אַרבעט, כסדר פאַרבראַכט די אָוונטן און אַ טייל פון דער נאַכט אין דאַנסינג. צוזאַמען מיט אירע נייע חברטעס וואָס זי האָט זיך ערוואָרבן, אַ דאַנק איר בערוף, אין דער טעאַטער – ספערע, האָט זי אָפּגעזוכט אַ פינף זעקס ערטער ווו זי פלעגט זיך אין באַשטימטע שעהן אין גאַנצן אָפּגעבן, דעם פאַרשכורנדיקן דרייען זיך איבערן זאַל.

זי איז געוואָרן איינע פון יענע טויזנטער אומנאָרמאַלע פאַרשוינען, וואָס אינטער די קלאַנגען פון אָרקעסטער אין דעם שיין פון די אימיטירטע דאַנסינגס — זונען – פאַרגעסן זיי לגמרי ווו זיי האַלטן. זי איז געוואָרען איינע פון יענע עלנדע מענטשלעכע באַשעפענישן, וועלכע הוידן זיך איינער אויפן צווייטן, געטריבן פון אַנ׳אומבאַזיגבאַרן אינסטינקט, — איינע פון יענע נישטיקע וועלן-טראָפּנס פון אומגעהייער גרויסן ים, אין וועלכן דאָס שטייגן און פאַלן פון וואַסער באַוועקט זיך דורכן ריטם פון נישט אנאַרקענטער ליבע. אין דערדאָזיקער פערמאַנענטער אימיטאַציע פון געשלעכטלעכע באַציונגען, צו וועלכער די אַלגעמיינע קאָרופּציע האָט געהאַלטן אין איין אײנציען אַלץ גרעסערע און גרעסערע מחנות אין די מוזיק — האַלן, דאַנסינגען, רעסטאָראַציעס און סתם סאַלאָנען, אפילו פריוואַטע, אויף דידאָזיקע טאָגטעגלעכע טיי-אָוונטן, איז מאָניקע אויך אַרונטערגעפאַלן אונטערן איינדרוק פון אַלגעמיינעם פסיכאָז. און משך פון אַ חדש צייט איז כסדר שוואַכער געוואָרן ניקעטאַ׳ס תאוה און אויך מאָניקעס הכנעה.

זיי זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, אָבער געבליבן גוטע

פריינט. זיך באַגעגנענדיק האָבן זיי זיך אַלע געווונדערט אויף זייער פריערדיקער ליבע באַזירענדיק בלויז אויף פיזישער תאוה — איז דידאָזיקע ליבע שפורלאָז פאַרשווונדן. — אינטערן אַש פון עבר איז געבליבן נישט מער ווי אַ ביסל צערטלכע וואַרמקייט. טרעפנדיק איר פריערדיקע „ליבע" מיט נייע חברטעס, האָט זיך מאָניקע, ביי דער טיפקייט פון איר גלייכגילטיקייט — לייכט איבערצייקט, אז פון זייער ליבע איז קיין זכר נישט געבליבן.

נאָך דעם ווי בריסקא האָט צוריק אויפגעוועקט אין איר די שטאַרקע תאוה-געפילן, האָבן אין איר גלייכגילטיקן זכרון אָנגעהויבן אויפלאַקערן אין שפורלאָז פאַרשווונדן פאַרבייגייענדיקע פייערן, וועלכע פלעגן צייטנווייז אָנצינדן אין איר אַ פערלאַנג.

די איינפאַכקייט און געשווינטקייט מיט וועלכער מאָניקע פלעגט אָפט אין רעכטן מיטן טאַנץ איבעררייסן דעם שכרות-צושטאַנד, האָבן בריסקאָן ממש ארויסגעפירט פון געדולד. איבערגעזעטיקט מיטן לעבן אויפן העכסטן גראַד איז ער קיין מאָל נישט נתפעל געוואָרן פון דער ווייבערשער לייכטזיניקייט, דאָס ערשטע מאָל איז ער אָבער איצט געבליבן דער נאַר אין האָט געשפירט ווי מ'לאָזט אים לויפן. באַגעגנענדיק מאָניקען אויפן צווייטן טאָג אין דאַנסינג געארעמט מיט אַ'ן אַמעריקאַנער, האָט ער ממש נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויגן. אין דער ריטמישער באַוועגונג פון טאַנגאָ, צווישן דער אומענדליכער-קייט פון די פאַרשכורתע פאָרלעך, האָב זיך דערנענטערט צו בריסקאָן זייער ענג צונויפגעפלאָכטענע קערפּערס.

מאָניקע האָט אויפגעהויבן די אויגן און באַגעגנענדיק בריסקאַ'ס פארווונדערטן בליק, האָט זי אים פריינדלעך באַגריסט מיט אַקאָפּשאָקל. דער טאַנץ האָט זיך געענדיקט און פאַרביי-גייענדיק אין דער ריכטונג צודער לאָזשע פון פּיער דע סיוז, מיט וועמען זי איז אַהער געקומען, האָט זי בריסקאָן חבריש דערלאַנגט די האַנט.

— איך ווינטש אייך גליק! — האָט יענער מיט ביפּט אַ זאָג

געטאָן –. אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויפן אַמעריקאַנער וואָס האָט זיך באַלד פערלאָרן אין דער מחנה, – ווי עס שיינט לאַנגווײַלט איר זיך נישט!

– לגמרי נישט! האָט מאָניקא רויִק געענטפערט, – און לאַכענדיק – אונטער זיין אירָאָנישן און שטייפן בליק – האָט זי צוגעגעבן:

– הערט, בריסקא, – פּאַרוואָס ווערט מען אזוי נתפּעל אז אַ פרוי ערלויבט זיך בנוגע דער ליבע... (זי האָט זיך אָפּגעשטעלט זוכנדיק די פּאַסענדע ווערטער) צו טראַכטן און האַנדלען ווי אַ מאַנספּאַרשוין?

עס איז שוין באמת צייט זיך צו צוגעוואָנען צום דאָזיקן געדאַנק און האַלטן מיך פאַר דאָס וואָס איך בין – אַ בחור.

– אַ גאַסנמויד, – איז אים געלעגן אויפן שפּיץ צונג, אָבער ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן אין געפונען אַן׳אַנדער ענדונג צום ערשטען וואָרט:

– אַ בחורטע, נו רעכט, זאָל זיין אַזוי.

אָבער, שטאַרק באַליידיקט, האָט ער דאָך באַשלאָסן צו פּרווון זיין גליק:

– מיר וועלן זיך טרעפן גלייך ביים אַרויסגאַנג?

– ניין! עס טוט מיר זייער לייד, אָבער עס איז אוממעגלעך, מיין באַגלייטער דאַרף מיר גלייך באַקענען מיט לאסיענא מאַרניע, זי האָט מיר בעשטימט אַ זעונג.

– אַ! אַ!...

זי האָט געקוועטשט מיט די באַרקעס קוקנדיק אויף זיין איראָנישן שמייכל.

– איר האָט דאָך מיר אַליין בעקאַנט מיט עדגאַר לער צו ליב פערפּיילס פּיעסע.

און פון דעסטוועגן האָב איך זיך מיט אים נישט אָפּגעגעבן. לוסיענא מאַרניע!... איר קענט איר?

— אַ שיינע פראַגע! ווער קען עס נישט דעמדאָזיקן אָריגינאַל! שיין און רייך, באַלעבאַטעוועט מיט די מילאָנען פון איר פּאַטראָן — אַ בעלגישן באַנקיר און שטעלט זיך אין פּאַסאָן מיט איר ליבע צו קונסט...

— זי האָט זיך געוואָלט דורכריידן מיט מיר וועגן דעקאָראַציעס פאַר אַ אינדישן יום-טוב וואָס זי אָרדענט איין לכבוד איר לעצטער „ערפינדונג".

— פּעער רוס, אַ נאַקעטער טענצער...

בריסקא האָט איר איבערגעהאַקט.

— ווי געבאָרען ספּעציעל פאַר טאַנגאָ! איך ווינש אייך פיל פאַרגעניגן!!...

מאָניקע האָט זיך שטאַרק אַמוזירט מיט דידאָזיקע אויסברוכען פון באַליידיקטער מענליכער אייגנליבע און די דריי, פיר פּרוּוון וואָס זי האָט געמאַכט פאַר דער לעצטער צייט. זי האָט זיי, אמת, נישט געזוכט, זי האָט זיך אָבער נישט געשראָקן צו דערפירן זיי ביזן קולמינאַציאָנס — פּונקט קוים האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט. מאָניקע האָט שוין פערזיכט דעם טעם פון נאָרמאַלע, געזונטע סעקסועלע באַציונגען — קוים האָט זיך איר געטראָפן אַ פּאַסנדער פּאַרטנער — און איר איז שוין נישט פרעמד געווען דער גענוס וואָס בריסקא האָט איר מיט אַזאַ פאַרביטערונג געוווּנשן.

אין דידאָזיקע אַלע ליבעס — באַציונגען האָט זי קודם כל געזוכט די אייגענע באַפרידיקונג, נישט קלערנדיק לחלוטין וועגן צווייטן צד. קוים האָט זיך איר אַ מאָל פאַרוואָלט פּאַרציען די שפּיל, איז פאַר איר געווען גענוג צו באַמערקן דאָס אָנקומען פון געפערליכן מאָמענט, כדי מיט אַ געשיקטער באַוועגונג זיך אַרויסצודרייען פון דער אומאַרמונג. דאָס איז אפשר געווען די קאָנסעקווענץ פון יענעם אינסטינקט, וואָס האָט איר באַוויזן דאָרט אין יענעם האָטעל-צימער, אָפּגעבנדיק זיך אַ ווילד פרעמדן,

זיך אַרויסצורייסן נישט באַפרידיגנדיק זיין תאוה. זי האָט נישט געוואָלט ווערן אַ מוטער צופעליק. דער פאָטער פון איר קינד וועט זיין דער וועמען זי וועט אַליין אויסוויילן.

ביסלאַכוויַיז האָבן איר דידאָזיקע באַציונגען, — וואָס די געפאַר האָט זיי צוגעגעבן אַ געוויסע שאַרפקייט — אָנגעהויבן צו דערעסן — געבליבן איז נישט מער ווי גלייכגילטיקייט און אפילו אַ מין חוזק צו די, וועלכע זי האָט אויסגעקליבן אַלס אירע אָביעקטן און וואָס מיט זייער פאַרזענליכקייט האָט זי זיך לגמרי נישט גערעכנט. זי פלעגט בלויז שמייכלען איבער זייער פאַרווונדערונג און פון זייער זויערער מינע בעת זיי פלעגן בעקומען דעמיסיע. דאָס האָט געהייסן אין פילסטן זין פאַרביטן די יוצרות זיך געטוישט מיט די ראָלען און די געוווינהייטן, ווייל מאָניקע האָט נישט איבערגעלאָזן די מענער קיין שום ספק מכח דער צווייטראַנגיקייט פון זייער באַדייטונג. זיי האָבן געמוזט זיך אַנערקענען פאַר באַזיגטע דורך דער עקשנות פון אַנטלויפענדן געגנער און באַדויערן דאָס פאַרלאָרענע גליק, אָנפאַנגס האָט דערדאָזיקער קליינער נקמה-אַקט מאָניקן שטאַרק אַמוזירט.

מאָניקע האָט ענערגיש איינגעטיילט איר עקזיסטענץ אויף צוויי טיילן: — פאַרווייַלונג — דער קורצערער און אַמוייַנוגסטען אינטערעסאַנטער די אַרבייט — איר אמתער לעבן. פריער צו שפעטער, נאָר אַהיים אויף באָעטי-גאס פלעגט זי שטענדיק קומען אַליין. דעם שוועל פון איר פריוואַטער וואָנונג האָט נישט אַריבער געטרעטן קיינער, אויסער אירע אמתע גוטע פריינט, ווי פרוי אַמברא, אָדער פראָפעסאָר וויניאָבאָס, וועלכע זי פלעגט פון צייט צו צייט איינלאַדן. צו זיך. יעדן מאָרגן, אפילו ווען זי פלעגט אַ מאָל כמעט נישט נעכטיקן אין דער היים, איז זי פונקט צען אַ זייגער אַראָפּ פון איר אנטרעסאַלי אין מאַגאַזין, ווו פריילײן קלער האָט שוין צו יענער צייט געהאַט אַלץ איינגעאָרדנט און צוגעגרייט צום טעגליכן פאַרקויף.

נאָכן גלענצנדן דערפאָלג פון פערפיילס פיעסע איז דער „בלויער דאָרן" אַריין אין דער מאָדע: הונדערט פופציק פאָרשטעלונגען און די רעקלאַמעס אויף די פּראָגראַמקעס האָבן שטאַרק פאַרגרעסערט מאָניקעס פּרסום אַדאַנק די דעקאָראַציעס וועלכע זי האָט געשאַפן לויט לער'ס אָנווייזונגען. — איר רעפּוטאַציע אַלס קינסטלערין איז פעסטגעשטעלט געוואָרן מיט איין קלאַפּ.

„מאָניקע לערביע" איז געווען די אויפשריפט אויף אַ גרינעם מאַרמאָר-שילד איבער די גרויסע שויפענצטער, אַנשטאָט די פריערדיקע קליינע שילדעל מיט דינענקע גאָלד-אותיות. איר נאָמען איז שוין יעצט געווען באַוווּסט אין גאַנץ פּאַריז. נאָך די ערשטע שווערע מאָנאַטן, בעת דער קאַפּיטאַל האָט זיך כּסדר פאַרקלענערט, קיין קליענט האָט מען פאַר די אויגן נישט געזען — האָט זיך איצט — נאָך כּמעט קיין יאָר נישט — אַ דאַנק דעם צופאַל אָנגעהויבן. מאָניקעס גליק.

היינט — דאָס איז שוין געווען דער דריטער פרילינג זינט זי איז אַוועק פון די עלטערן-הויז אויף אַ וועניו — מאַרטן, היינט האָט אויסגעזען צו זיין אַ פּראַכטפולער טאָג.

אַ מונטערע, אָבגעפרישט דורכן אייזקאַלטן דוש, וואָס זי פלעגט נעמען זומער און ווינטער, — האָט זיך מאָניקע געשפירט יונג און שטאַרק.

צוזאַמען מיט פריילן קלער, איר טיכטיקער, טרייער געהילפן, האָט זי פונאַנדערגעוויקלט די גאָלד — און זילבער געשטיקטע שטאָפן, און דער מאָרגען-גלאַנץ האָט געשפילט אין זייערע פאַלדען... לוסיענאַן מארניע האָט זיך אין לעצטן מאָמענט פאַרגלוסט איבערבייטן דעם הינטערשטן פאָרהאַנג פון דער סצענע, אויף וועלכע פיער רוס האָט היינט געדאַרפט טאַנצן אין זיין גאַנצער סקולפטוראלער נאַקעטקייט. אַנשטאָט דעם גלאַטן, גרוי-בלויען סאַמעט וואָס, נישט קוקנדיק אויפן קאָראַלרויטן גאָלד-געשטיקטן ראַנד,

האָט ער דאָך אויסגעזען אַ ביסל געשמאַקלאַז, האָט זי אויסגעקליבן אַ שטאָף אַ פעסטערן, אַנ׳אָנזעעוודיקן, כדי צו באַפּוצן דאָס דאָזיקע לעבעדיקע צירונג-שטיק.

— ניין, נישט רויז און נישט רויט! האָט מאָניקע ערקלערט. מיר וועלן שוין עפּעס צופּאַסן... דאָס?...

זי האָט פונאַנדערגעוואָרפן העל-בלויען שטאָף אין זילבער-שטרייפן... נישט שלעכט! דערנאָך אַ שטיק גרינע געבלומטע אַמפיר און האָט ענטשלאָסן אַ זאָג געטאָן:

— דאָס פּאַסט אויסגעצייכנט. ווייזט אַ הער!

פרייליין קלער האָט צעוויקעלט דעם וווּנדערשיינעם שטאָף, וואָס האָט גלייכצייטיק אויסגעזען אי טונקעל, אי העל, פאַרמאַכענדיק די אויגען, האָט מאָניקע זיך פאַרגעשטעלט די ווייסקייט פון שיינעם קערפּער אויפן דאָזיקן פאָן... פון איינער פון די לעצטע רעפּעטיציער איז זי אַהיים געקומען ממש ענציקט.

— אויסגעצייכנט! האָט זי באַשלאָסן.

אין קליינעם זאַל ביים עלעקטרישען ליכט האָט זי ווידער אַמאָל צוגעלייגט ביידע שטאָפן צום קאַראַלען — רויטן ראָהם.

— די גרינע איז וווּנדערשיין! — האָט קלער אויסגעשריגען, — מאַדאַם מאַרנוע וועט זיין צופרידען!

— נעמט אַנ׳אוטא און פאָרט אַליין צו מאַרנוע צוזאַמען מיט אַנזשיבאָן און ווייזט איר ביידע שטאָפן. זאָל זי אויסקלויבן. מיר האָבען געענוג פון ביידע. אַזוי! דערנאָך וועט איר עס תיכף אָבגעבן מארען, אַז ביז זעקס אַ זייגער זאָל׳ס זיין פאַרטיק.

קלער און אַנזשיבא (דער טרייער שיק — יונגעל) האָבען ניט געמאַכט קיין שהיות און זיינען באַלד אַוועק.

אין „בלויען דאָרן” האָט געהערשט אַ פרייליכע אָבער פעסטע דיסציפּלין. די באַפעהלען האָט מען קיין צוויי מאָל נישט געדאַרפט איבערחזרען. אַכט בעאַמטע, דער פּערסאָנאַל פון געשעפט, פלעגען אַרויסריידען דאָס וואָרט „פרייליין” מיטן גרעסטן יראת-

הכבוד, ווייל נישט קוקנדיק אויף איר שטרענגקייט, איז זי געווען צו זיי זעהר גוט.

אויסגעדרייט מיטן רוקען צום טיר, האָט מאָניקע באַטראַכט די פאַיאַנס־אַנטיקען און אַנ׳אַלטע קאָלירטע שויב, וואָס זי האָט געקויפט אויף אַנ׳אויסשטעלונג פון מאַנעסטיע׳ס קאָלעקציע. אַנ׳אייל־לאָמפּ אויף דריי פיסלאַך, מיט אַ משונהדיגן העלזעל, האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקער טירקיס – שטיין...

וואָס פאַר אַ ווונדערבאַרער לאָמפּל! זי האָט שוין צוגעטראַכט צו אים אַנ׳אבאזשור פון אַפריקאַזענפאַרביקן אין העלבלויען מושלין – ווי זי איז פּלוצלינג אויפגעציטערט געוואָרן פון עפּעס אַ גראָבער שטים הינטער זיך.

—מיין ליעב קינד!

זי האָט זיך אויסגעדרייט: – פּלאָמבינא! ער האָט זיך געבויגען ביז צו דער ערד מיט זיין געדיכטן אָבער שוין גרוי געוואָרענעם פאַריק און די ברייטע שולטערן. און אויפהויבענדיק זיין פאַרשעמט פנים האָט ער געזאָגט:

– יאָ, דאָס בין איך. עס פרייט מיך אייך צו זעען.

זי האָט אים איראָניש אָנגעקוקט.

איר האָט זיך שטאַרק געעלטערט פאַר די פיר יאָר! באַהאַלטנדיק אינטער אַ שמייכל זיין אומצופרידנע מינע, האָט ער געענטפערט:

—וועגן אייער שיינקייט קאָן מען דאָס נישט זאָגן.

—איך שטעל מיר פון דעסטוועגן נישט פאָר אַז איר זענט געקומען צו מיר אַ וויזיט נאָר כדי מיר צו מאַכן דעמדאָזיקן קאָמפּלומענט...

—אפשר טאַקע צוליב דעם... אָבער דער עיקר... מיין העפלעכקייט, קענענדיק אייער שטאָלץ, האָב איך זיך ביז איצט אָפּגעהאַלטן אייך צו באַזוכן... אין די שעהן... פון ליידן, וואָס איר האָט איבערגעלעבט. איך וואָלט נישט וועלן, איר זאָלט מיר חושד

זיין, אַז איך האָב דערביי עפּעס אַ זייטיקן מאָטיוו... אַנ׳אינטע־רעס... אַז איך בין צודרינגלעך.

ער האָט אומפאַרשעמט געזאָגט ליגן. און זי האָט עס אויסגע־צייכנט געוווּסט שוין פון ערשטן טאָג אָן ווי זי איז נאָר אַוועק פון אַנרי – מאַרטען־גאַס, האָט ער איר גלייך אָנגעבאָטן געלט. פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט שאַרף און קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן דידאָזיקע פאָרשלאַגן. אָן שום ספק האָבן אים זייער וויכטיקע מאָטיוון באַוואויגן, נאָך אַזאַ לאַנגן פאַרשווינדן, צו ריזיקירן און קומען צו איר פּערזענלעך. — ער האָט אָנגענומען איר שוויגן פאַר אַנ׳איינלאַדונג און האָט ממשיך געווען אין זייער אַנ׳אויפ־ריכטיקן טאָן:

— איצט – ווען איר נויטיקט זיך נישט מער אין קיינעם – איז מיר אַסך לייכטער אייך צו איבערצייגן, אַז מיין אַכטונג צו אייך האָט זיך נישט געענדערט. און מיין אַנטציקן איז אַפילו פילפאַך געוואַקסן.

אין די אויגען פון דעמדאָזיקן מאַרינירטן היפּאָפּאָטאַם האָט זי געלעזן יענע ציניש אָפנהאַרציקייט, וואָס ער האָט אַרויס־געוויזן דעמאָלט, בעת זי איז נאָך געווען אַ כלה. וואָס פאַר אַ נייעס האָט ער איצט געבראַכט, אָדער וואָס פאַר אַ מין אָפּמאַך האָט ער בדעה איר פאָר צו שלאָגן?

– לאָמיר ריידן צו דער זאַך, באַראָן, וואָס פאַרלאַנגט איר? האָט זי געפרעגט העפלעך און קאַלט.

זעענדיק איר ווידער, האָט פלאָמבינא געשפּירט, אַז די תאווה באַהערשט אים אויפסניי. — דער אופן אויף וועלכן זי האָט אים דאַן משלח געווען, זיינע גראַנדיעזע קאמערציעלע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן פאַרכאַפּט נישט בלויז אייראָפּע, נאָר אויך אַמעריקע, זיין לאַנגדויערנדיקע אָפּוועזנהייט, האָבן אים קעגן זיין ווילן אָפּגעריסן פון דעם ציל, וואָס ער האָט פאַרפאָלגט. מאָניקע, וועלכער ער האָט אומגעריכט דער זען אויף אַ יובליי־פייערונג–

האָט, — לגמרי דער פון נישט וויסנדיק — ווידער געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פונם אַלט־ווערנדיקן מיליאָנער. — זען מאָניקען און איר געווינען — פאַר יעדן פרייז — איז געוואָרן זיין אידעע פיקס.

ער האָט אָנגעהויבן מיט חניפה:

— נו, גוט! — איר ווייסט דאָך געוויס, אַז מיט אייער פאָטער זיינען מיר די בעסטע גוטע פריינט פון יענער צייט אָן, וואָס...

ער האָט זיך געקווענקלט, אין דער האָפענונג, אַז זי וועט אים קומען צו הילף, אָבער מאָניקע האָט אים אָנגעקוקט שאַרף און איראָניש: יאָ, זי האָט'ס געוווּסט!... דער אָפמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן — ווי ס'וואָלט קיין זאַך נישט געשען — צווישן איר פאָטער מיט וויניערע... דער פאַרגרעסערטער קאַפּיטאַל, וואָס האָט פאַרוואַנדלט די קליינע, פּרימיטיווע אונטערנעמונג אין אַ גראַנדיעזע אַלוועלטלעכע אַקציען־געזעלשאַפט טאַקע אַ דאַנק די מיליאָנען פון דעמזעלבן פלאמבינא, ווי אויך פון ראָנסאָמען און אואיט'ן... זי האָט אפילו געוווּסט, אַז אין איין שיינעם טאָג וועט זי ווערן אַ רייכע יורשטע און אַז זי גיט אָפּ איר גאַנץ פאַרמעגן פאַרן פינדל־הויז (פּריוט) פון די אומגעזעצלעכע קינדער. דידאָזיקע סומע איבערשטייגט פרוי אַמבראַ'ס באַשיידענע דער־וואַרטונגען. דאָס געלד, וואָס ס'איז דערוואָרבן געוואָרן אויף אַנ'אומערלעכן אופן מוז פאַרווענדעט ווערן אויף אַ נוצלעכע זאַך.

— ווייטער! האָט זי געזאָגט. לאָמיר ריידן פון אַנדערע זאַכן, פלאמבינא האָט געמאַכט אַ צושטימענדיקע באַוועגונג. צו וואָס, באמת, אויפוועקן די אומאַנגענעמענע זכרונות.

— איר זענט גערעכט. לאָמיר וועגן דעם נישט ריידן. אָבער, הערט וואָס איך מוז אייך זאָגן: — אייער מאַמעס געזונט־צושטאַנד האָט זיך אין משך פון לעצטן ווינטער שטאַרק פאַרערגערט און

רופט אַרויס אַ געוויסע אומרויקייט... אפשר גאָר אַ סכנה. דאָס האַרץ !... לערביע האָט מיר נעכטן געזאָגט, אַז זי וואָלט אייך זייער וועלן זען און אַז זיי וואָלטןביידע געווען איבער גליקלעך, ווען איר זאָלט מסכים זיין קומען צו זיי אויף מיטאָג אין איינעם פון די נאָנטסטע טעג. – וואָס הייסט איר זיי איבער־געבן ?

מאָניקע האָט זיך אויפגערעקט און איז בלייך געוואָרן. ווידער זענען געשטאַנען פאַר אירע אויגן די שרעקענס־בילדער אין וועסטיבול אין יענע טראַגישע געשעעניש... דער מומע סילוועסטרעס קערפּער, אויסגעצויגן אויף דער טראַגע... דאָס געזיכט פון דער קראַנקער מוטער האָט זיך צונויפגעגאָסן אין דער פאָרשטעלונג מיטן פּנים פון דער מערקווירדיקער זקנה. זי האָט זיך באַמיט צו פאַריאָגן דידאָזיקע געשפּענסט... ניין, קיין מאָל אין לעבן וועט זי זיך נישט אומקערן אויף אַנרי־מאַרטען־גאַס ! – אָבער נישט קוקנדיק אויף איר באַשלוס האָט זי זיך דאָך אַ ביסל געוואַקלט, ווייל זי האָט זיך פּלוצלינג דערמאַנט אָן דער צערטלעכער ליבע פון די צוויי שוועסטער, בעת זי איז נאָך געווען אַ קליין קינד... און וואָס, אויב פלאָמבינאַ׳ס באַזוך – ווי זי האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן – איז נישט געווען בלויז צוליב׳ן שלום וועגן ?... און אויב דער מוטערס צושטאַנד איז באמת... און אויף להכעיס דעם פאַמיליען־סקאַנדאַל, וואָס האָט פאַרוואַנדעלט די אייגענע אין ווילד־פרעמדע, האָט זי צום ערשטן מאָל דערשפּירט אַ געוויסע אויפרעקונג, אַנשטאָט דעם שטענדיקן אומצוטרוי.

– איך וועל זיך איבערלייגן ! האָט זי ענדלעך אַ זאָג געטאָן. מאָניקע האָט געקוקט אויף פלאָמבינען און האָט אים אָבער נישט געזען. אירע געדאַנקען האָבן זיך געטראָגן אַרום דעם גאָרטן אין יער אויף דער זומער וווינונג אין טרובעל... אין איר פאַרנעפּלטן זכרון האָבן די פאַרגאַנגענע שווערע טעג גע־

וועבט זייער טראַגישן שפּינוועבס... פלאָמבינאַ אָבער איז אָנגע־קוואָלן אונטער איר שטומפּן בליק און איז געווען איבער־גליקלעך. ענדלעך האָט ער זיך אַנטשלאָסן העפלעך צו דער־מאָנען:

— איר וועט זיי מאַכן דאָסדאָזיקע פאַרגעניגן?

— די מוטער ליגט צו בעט?

— שוין אַ וואָך צוויי ווי זי האָט זיך אויפגעהויבן און גייט אפילו צייטנווייז שפּאַצירן...

— נו, — האָט זי אַ זאָג געטאָן זיך וואַקלנדיק, אָבער שוין אַ ביסל באַרויקט, — זאָגט איר זי זאָל מיר אָנטעלעפאָנירן! — מירן זען! פלאָמבינאַ האָט געשווינט אַ כאַפּ געטאָן אירע הענט און, נאָך איידער איר איז געלונגען זיי אַרויסצורייסן האָט ער זיי שוין, מיט אַ מין יראת־הכבוד, געקושט מיט זיינע גראָבע ליפּן. זי האָט געמאַכט אַ שאַרפע באַוועגונג, אָבער דער אַלטער איז דערפון נישט נתפעל געוואָרן, ער איז געווען שטאַרק צע־קאָכט דורך דער נאָענטקייט פון איר קערפּער. ער האָט געמורמלט:

— איך דאַנק אייך, מיין ליב קינד!... און דערלויבט מיר צו ווינשן אייך גליק: וואָס פאַר אַ שיינע זאַכן איר האָט דאָ!

ער האָט זיך אויסגעדרייט און שווער אָטעמדיק, האָט ער באַטראַכט די פיינע ליניעס פון אַ געבויגענעם לאַקירטן שטול:

— לערביע'ס סטיל! — איר מוזט מיר אומבאַדינגט צו ליב טאָן: — אויסמעקלערן פריש דעם פאַרטער פון מיין וויללע אין פּאַרק מאָנסאַ. מיר געפעלט זייער דער מאָדערנער סטיל.

ער איז צו איר צוגעשטאַנען, אָבער זי האָט זיך אָפּגעזאָגט מיט'ן תירוץ, אַז זי האָט אַ דרינגענדע אַרבעט און האָט פריי אָפּגעטעטמט ערשט דאַן, ווען זי האָט מער נישט געזען נישט דעם אויטאָ און נישט פלאָמבינאַ'ן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין גריסן דורכ'ן פענצטער. אַרבעטן פאַר'ן דאָזיקן גראָבהויטיקן? נאָך דאָס פעלט מיר!... זי האָט פאַרדראָסלעך געהויבן די

באַרקעס. פלאָמבינאַ האָט איר פאַרדאָרבן דעם גאַנצן טאָג אין דערזועלבער צייט האָט זיך די זון באַדעקט מיט אַ וואָלקן... און אין איר גופא און אַרום איר איז עפּעס אַלץ פלוצלינג פינצטער געוואָרן. אירע געדאַנקען האָבן זיך נאָך נישט אומגעקערט פון די מעלאַנכאָלישע וואַנדערונגען אין בונד פון איר ווייטן טרויריקן עבר, ווען נאָך אַ שעה צייט, וואָס זי האָט פאַרבראַכט אַליין ביי אַ גלאָז טיי, האָט דער זייגער אויסגעשלאָגן ניין. דאָס קלינגען פון זייגער האָט איר אומגעקערט צו דערווירקלעכקייט.
דער אָוונט ביי לוסיענע מאָרגנוע און נאָך האַלבע נאַכט פיער רוס אַרויסטריט. צייט איז געבליבן ווייניק. זי האָט זיך גענומען אָפּשוואַכן איר מידקייט. און נעוואַסטעניע מיט'ן שטענדיקן מיטל. דאָס קאַלטע וואַסער פלעגט אויף איר ווירקן ווי אַ שטאַרקער קלאַפּ... אַ הוילע פלעגט זי זיך אויסציען נאָך די קאַלטע אָפּרייבונגען אויפן זאָפע אין באַדע-צימער פון ווייסע קאַכל און שפּיגל-גלאָז.
זי האָט דערשפּירט, אַז ס'ווערט איר לייכטער. דער אָנפאַל פון ווילדן אומעט האָט אָפּגעטרעטן דעם פּלאַץ פאַר דער נויטווענדיקייט זיך צו פאַרגעסן. ווי תמיד האָבן די פאַנטאַזיעס געבראַכט מיט זיך אַ צופלוס פון אַרבעטזאַמקייט. דידאָזיקע אומעט-אָנפאַלן זענען אָבער כּסדר געוואָרן זעלטענער, כאָטש די ווונד, וועלכע זי האָט געהאַלטן פאַר אויסגעהיילט, פלעגט זיך יעדעס מאָל ווידער עפענען ביז איר טיפסטער טיפעניש.
מיט איר אויסזען אין שפּיגל איז זי געבליבן שטאַרק צופרידן... צו וואָס בכלל זיך קוועלן? אין מאָמענטן פון שוואַכקייט פלעגט זי זיך כּעס'ן און זוכן זיך אַליין צו איבערצייגן, אַז דאָס געשעענע איז אוממעגלעך צו ענדערן. מ'דאַרף נאָר דרייסט לערנען פון דערדאָזיקער לעקציע וואָס צו טאָן ווייטער אין דער צוקונפט!
מאָניקע האָט געקוקט אין שפּיגל און, באַוווּנדערנדיק איר

שיינעם קערפּער, האָט זי געגלעט אירע שטייפע בריסטן מיט די קאַרמינרויטע וואָרצלען. דער שטאַרקער טאַרס, די געשניצטע פיס, די גאַנצע פיגור – נאָר צום מאָלן...

דידאָזיקע געדאַנקען האָבן אַרויסגערופן ביי איר די פאָרשטעלונג וועגן די וווּנדערבאַרע קערפּער-ליניען, פונם נאַקעטן טענצער. צי דען האָט זי נישט אַזאַ עלאַסטישן און שטאַרקן קערפּער, ווי די שיינקייט איז געבאָרן געוואָרן דורך אַ נאַטירלעכן ריטם פון די באַוועגונגען? פּונקט ווי ער, האָט זי אויך נישט אַנערקענט די קאָמפּליקאַציעס פון פאַלשער שעמעוודיקייט, די אייגנטלעכע מאַסקעס פון העסלעכקייט און צביעות.

זי איז אָבער געווען העכער און בעסער פון אים, ווייל אין איר קערפּער פון אַ שיינער חיה האָט געלעבט אַ נשמה, וואָס ער האָט׳ס נישט פאַרמאָגט.

זי האָט געשפּירט אַ שטאָלצע פרייד ביים געדאַנקען וועגן איר דאָפּלטקייט... די מענער! פאַראַכטונגספול האָט זי זיך צעלאַכט. זי קאָן זיך מיט זיי פאַרגלייכן – אי פיזיש, אי מאָראַליש. אין יעדן מאָמענט, זי דאַרף׳ס נאָר וועלן; אָבער – דאָס האָט איר נישט באַפרידיקט זי האָט זיך נישט געוואָלט דערין מודה זיין, אפילו פאַר זיך אַליין, אַז עפּעס האָט איר גענאָגט אַ מין טיפער אומעט... די איינזאַמקייט, אָדער קינדערלאָזיקייט?...

זי האָט זיך נאָך אַליין דערין נישט אָריענטירט, נישט געקאָנט זיך אָפּגעבן קיין דין־וחשבון. דער אומזיכטבאַרער וואָרעם האָט שוין אָבער צופרעסן די שיינע פרוכט.

לאַנגזאַם און זאָרגפעלטיק האָט זי געמאַכט איר טואַלעט אין עלף אַ זייגער איז זי שוין געווען אין גאַנצן פאַרטיק – אָנגעטאָן אין אַ שיין זילבערגעשטיקט קלייד מיט קורצע אַרבל און אַ היפּשן דעקאָלטע.

פיער סיוזע׳ס אויטאָ האָט זיך שוין געלאָזט הערן אונטער אירע פענצטער.

זייער ערשיינען האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. ער — לאַנג און שמאָל אין אַ ברוינעם פראַק, דאָס געזיכט אָנגעפּאַרבט. זי — אַרומגערינגעלט פון אַ גאַנצער סוויטע... לוסיען מאַרנוע איז צוגעגאַנגען צו זיי מיט דער מינע פון אַ קעניגן. אירע גאָלד־בלאָנדע האָר, האָבן געלויכטן. אַ טורבאַן פון דימענטן און פּערל — דער סימבאָל פון אינדישן יום־טוב — אויף דער ווענעציאַנער פריזור — האָט פאַראייניקט דעם גלאַנץ פון אַזיע מיט דער פּראַכט פון ווענעציע. ליבנסווירדיק האָט זי איינגעלאַדן מאַניקן אַנטייל צו נעמען אין איר טריומף.

— די זאַלן זענען געווען איבערפולט. פריילן האָט איינגעלאַדן אויפן יום־טוב בלויז אירע נאָנטע באַקאַנטע, זי האָט זיי אָבער געהאַט אומעטום, אָנהויבנדיק פון די בעלגישע באַנקירן ביז דעם ערב־רב פון דער פּאַריזער הויכער געזעלשאַפט און די אונטערנאַציאָנאַלע „שטערן'ס" פון ליטעראַטור און קונסט. מאַניקע, אַרומגערינגלט פון אירע פאַרערער, האָט זיך קוים דורכגעשטופּט דורך דערדאָזיקער רוישנדער מענטשן מאַסע. אַמייסטן האָבן זיך געפרייט מיט איר אירע פריערדיקע פריינט. זיי האָבן זיך ווי־געאיילט צו באַנייען זייערע פריערדיקע באַציונגען, קוים איז זיי געלונגען זיך צונויפצוזאַמלען. גינעטע הוטיע און מישעל ד'אַנטרעג האָבן כלומרשט נישט אויפגעהערט אויף קיין מינוט איר ליב צו האָבן. אַלע אין איין קול האָבן געכאַפּט התפעלות פון איר טאַלאַנט, איר גראַציע און דערפאָלג...

— און אַזוי ווייטער... האָט זי געזאָגט, דריקנדיק קאַלט די האַנט פון דער גענעראַלן מערלען, וועלכע איז איר אַנקעגן געלאָפן.

און פּלוצלינג האָבן זיך אויסגעלאָשן די לאָמפּן ווי דורך אַ צויבערוואָרט איז נאָך אַנאַלגעמיינעם, דויערנדן „אַך" מיט־אַמאָל שטיל געוואָרן פון ווייטנס, צום סוף פון דער אַמפילאַדע, האָט זיך געזען דער אַלטאַר, וואָס איז געווען באַלויכטן. לאַנגזאַם האָט זיך אויפגעהויבן דער קאַראַלן־רויטער, גאָלדגעשטיקטער

פאָרהאַנג, הינטער אים אַ גרינעם פעלד, באַוואַקסן מיט גאָלד-פאַלמען, אַ גרויסער שוואַרצסאַמעטענער דיוואַן האָט באַדעקט די גאַנצע סצענע.

ס'האָט זיך דערהערט אַנ'אייגנטימלעכע, פרעמדע מוזיק. דער אומזיכטבאַרער אָרקעסטער האָט געבענקט און געוויינט נאָך זיין ווייטער הימלאַנד. ס'האָט זיך געשפירט דער אָטעם פון מיסטישן אָריענט. דערנאָך האָט זיך דער פאָרהאַנג אַראָפגעלאָזן און די מוזיק איז שטיל געוואָרן... צוזאַמען מיטן לעצטן זיפץ פון די צאַרטע פלייטן האָט ער זיך פלוצלינג ווידער אויפגעהויבן אונטערן טיפן, געשפאַנטן שוויגן פון די צושויער.

אויף די קני דער קערפער אומבאַוועגלעך, מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס, מיט'ן שטערן אויפן שוואַרצן סאַמעט-באָדן, איז געלעגן אויסגעצויגן דער נאַקעטער טענצער. זיין ווייסקייט האָט זיך בולט אָפגעשלאָגן אויפן פאַנטאַסטישן פאָן. פלוצלינג האָט דער מאַרמאָר אונטער די טענער פון דער אַרפעזשיאַ ווידער אויפגעלעבט: די שיינע פיגור האָט זיך אויסגעגלייכט דורך האַרמאָנישע באַוועגונגען. אַנאומבאַשרייבלעכער עקסטאַז האָט אים ווי אויפגעהויבן אין די הויכע הימלען, צו וועלכע פיער רוס האָט זיך פייערלעך געווענט, אַליין באַצויבערנד שיין, ווי אַ יינגער גאָט. ער איז געווען אַזוי שיין, אַז ער האָט אויסגעזען צניעותדיק ריין.

דער אָרקעסטער האָט פונאַנדערגעוויקלט דאָס אייביק יינגע ליבע-ליד: דאָס שטילע פליסטערן פונם ערשטן פאַרלאַנג ביז די ווילדע געשרייען פון דער פלאַמפייערדיקער ליידנשאַפט, דורכן מדבר-זאַמד, דורך וואַלד און פעלד, דורך פייער און וואַסער, דורך שמערץ און ליידן האָט זיך דער מאָטיוו פון דורות-לאַנגן טאַנץ, אונטער די מאָנאָטאָנע קלאַנגען פון קלאַרנעטן און האַרפן געטראָגן צו די בלויע הימלען פון פרימאָרגן ביז שפעט אין דערנאַכט אַריין.

מאָניקע האָט זיך ווי צונויפגעגאָסן מיט די באַוועגונגען פון טענצער און האָט צוזאַמען מיט אים איבערגעלעבט די שיינקייט פון אינדישן באַקכוס-טאַנץ און די פראַכט פון די אוראַלטע, פרימיטיווע פראָצעסיעס. זי איז ווי פאַרשכורט געוואָרן פון אַ מין הייליקן עקסטאַז. ס׳איז געווען אַ מאָמענט, בעת פּיער — דער איינציקער טענצער, האָט פאַרקערפּערט מיט זיך די גאַנצע ווילדע לעבנס-אָרגיע... פאַרמאַטערט, איז ער מאַכטלאָז אַנידערגעפאַלן אונטער אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן, אונטערן ווילדן געשריי פון אויפגערעגטע צורייצטע מענטשן, ביי וועלכע ס׳האָבן זיך צושפּילט די הייסטע לײַדנשאַפטן, און דער פאָרהאַנג האָט זיך ווידער אויפגעהויבן, און אויפן רוף איז אַרויס דער טריומפאַטאָר. מיט אַ שמייכל האָט ער געגריסט, אין גאַנצן זיך באַהערשנדיק פונקט ווי ניט ער, נאָר אַנ׳אַנדערער זאָל דאָ האָבן נאָר וואָס געטאַנצט.

מאָניקע האָט זיך געשעמט מיט איר ענטוזיאַזם, ווייל צווישן די ווילדע אַפּלאָדיסמענטן האָט זיך געהערט, ווי די פרויען האָבן געשריגן „נאָך! נאָך!" דער בײַפאַל האָט שוין נישט געהערט דעם אַרטיסט, דעם קינסטלער, נאָר דעם גימנאַסט, דעם מאַנספערשוין-אַטלעט, פון וועלכן זיי האָבן געכאַפּט התפּעלות. אָבער פּיער רוס האָט זיך באַשיידן אויסבאַהאַלטן פון דידאָזיקע אָוואַציעס. ווי אַזוי האָט זי זיך מיט דריי שעה שפּעטער געפונען אין אָניקע גאַבריאַני׳ס אַטעליע ביים אָוונטברויט צווישן פּיער רוס און גינעטע הוטיע און זיי געגנאיבער דער טראַנספּאָרט-מיניסטער, אַרומגערינגלט פון העלענאַ סיוז און מישעל ד׳אַנטרעג? מאַקס דע לאָם, פּיער דע סיוזע און סעסיל מעער האָבן משלים געווען דעמדאָזיקן קאָמפּלעט.

מאָניקע האָט וועגן דעם לגמרי נישט געקלערט. זי האָט זיך אמת געוויילט, געפינענדיק אין איר שכן, דעם קאָרעקטן, עלעגאַנטן אַרגענטינער, אַ פריילעכן חבר מיט דער איינפאַכקייט און אָפנהאַרציקייט פון אַ קינד.

בעת הער הוטיע האָט גאַנץ רויק מיט דער ערנסטקייט פון אַ מעטר׳ ד׳ האָטעל, אויפגעעפנט די ניינטע פלאַש שאַמפּאַניער, האָט זיך מאָניקע אַ הויב געטאָן אויסגעלאָשן דעם גרויסן קרוינלייכטער און אָנגעהויבן שפּילן אויפן קלאַוויר אַ טשעכישן מאַרש. מיט די געשאָרענע האָר, דעם מאַטן ליידנשאַפטלעכן געזיכט און דעם מאָגערן האַלדז, האָט זי אין איר רויטער סאַמעטענער קלייד אויסגעזען ווי עפּעס אַ מין בייזער גייסט.

העלענאַ סיוז און מישעל ד׳אַנטרעג האָבן געפּאָדערט „שימי״ און האָבן זיך גלייך אַ לאָז געטאָן טאַנצען פיער דע סיוזע און סעסיל מעער האָבן געפאָלגט זייער ביישפּיל און זיך אויך אָנגעהויבן דרייען. מאַקס דע לאַם האָט אַריינגערעדט גינעטן אין אויער אַזעלכע מאוסע דבורים, אַז זי האָט זיך געקייכט פון געלעכטער און זיין מאַיעסטעט, דער מיניסטער, מיט וועלכן קיינער האָט זיך איצט ניט אינטערעסירט האָט געהאַלטן אין איין גיסן אין זיך, אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז. הער הוטיע האָט שטאַרק הנאה געהאַט זיך צוקוקנדיק, וואָס פאַר אַ פיינע פּאָר ס׳שטעלן מיט זיך פאָר אנטינאָי און זיין ווייב און האָט געשמייכלט, זיך דערמאַנענדיק אָן נעכטיקן אוונט ביי אירענען... ריטער און שטריק-בייטשן – מער נישט.

מאָניקע, אָנגעלענט אויפן שטול, האָט זיך מיט פאַרגניגן צוגעהערט צו די קאָמפּלימענטן פון שכורלעכן פיער רוס. דער קאָפּ איז איר געווען שווער און זי האָט נאָר געהערט דעם מעטאַלענעם קלאַנג פון זיין שטים, זיך נישט אינטערעסירנדיק לגמרי מיטן זין פון זיינע ווערטער. זי האָט נישט געפּאָדערט פון אים קיין גייסט און איר איז אפילו בעסער געפעלן, אַז פאַר אירע צילן זאָל ער בלייבן דאָס, וואָס ער איז געווען – אַ שיינע תאוה-מאַשין.

ער האָט זי אַרומגענומען. דער אומבאַוווסטזיניקער גייסטיקער פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען ביי איר אין מח אין משך

פון די לעצטע טעג, האָט מיט איין מאָל אָנגענומען קאָנקרעט פאָרמען און האָט זיך אויסגעגאָסן אין אַ באַשטימטן פּלאַן.

די מוזיק האָט אויפגעהערט. אין אַ פינצטערן ווינקל פון אַטעליע האָבן זיך צו לייגט אויף אַ באַרג קישענס העלענאַ סיוז, מישעל און אָניקא גאַבראַני אַ טערקישער לאָמפּ האָט מיט אַרויטן פייער שוואַך באַלויכטן זייערע צונויפגעפלאָכטענע קערפּערס...
מאָניקע האָט גאַנץ גלייכגילטיק קאָנסטאַטירט, אַז סעסי מעער און פיער דע סיוזע זייענען פאַרשוווּנדן געוואָרן און אַז גינעטע און מאַקס דע לאַם האָבן זיך אויפגעהויבן פון טיש און נאָך זיי איז נאָכגעגאַנגען הער הוטיע. זי האָט באַמערקט ווי ער פאַרשווינדט אין אַ טיפן ענגלישן פאָטעל נישט ווייט פון דער זאָפע וווּ זיין פרוי האָט זיך אויסגעצויגן שלעפנדיק צו זיך איר קאַוואַלער...

נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מאָניקע האָט גוט געקענט די אויסגעלאַסענקייט פון דערדאָזיקער סביבה, פון וועלכער זי איז אַרויס גאַנץ, ווי די סאַלאַמאַנדראַ פון פייער האָט זיך איר פונדעסטוועגן געדוכט, אַז אירע באַקאַנטע זענען צו ווייט פאַר־קראָכן. פּעער רוס מיטן פּראָפיל פון אַנ'אַנטיקן מעדאַל, האָט איר, דעריבער אַ דאַנק דעם קאָנטראַסט, אויסגעזען אַ סך פרישער און פּיקאַנטער. אויף זיין בעטן האָט זי געענטפערט מיט אַ לאַנגן האַנט־דרוק...

און פאַרוואָס טאַקע נאָר האַלב געניסן פון דעם קורצן מאָמענט? צו וואָס דידאַזיקע נאַרישע מורא, בעת זי איז פון קיינעם נישט אָפּהענגיק און דאַרף פאַר קיינעם קיין רעכנשאַפט נישט אָפּגעבן?... און פאַר וואָס טאַקע נישט האָבן קיין קינד? אַ קינד וואָס זאָל נעמען פון איר און פון איר דערציונג צוזאַמען מיט אַ געזונטן קערפּער אויך אַ נשמה, וואָס פאַרמירט די עקסיס־טענץ... אַ קינד, וואָס זאָל ירשענען פון פאָטער, וועלכן זי וועט אויפן אַנדערן טאָג פאַרגעסן, די בעסטע אייגנשאַפטן: געזונט און קראַפט.

— ליבע? — אין איר האָט זי נישט געגלויבט. קונסט אין דער פאָרם, ווי זי ווערט אויסגעאייבט דורך איר... וואָס איז עס אַזוינס? אַ צייטפאַרטרייב, יאָ... אַ צושטרייאונג... די אילוזיע, אַז מ'איז נישט קיין פולשטענדיקער ליידיג גייער... אָבער אַ קינד..: שאַפן די באַוועגונג, דעם געדאַנק, דאָס לעבן גופא. שטאָלץ האָט זי באַגריסט דעם שיין פון מאָרגנשטערן, דעמדאָזיקן פאַרפירערישן געדאַנק. אַ קינד! אַ חבר, אַ פריינט, אַ לעבנס-אינהאַלט, דאָס ציל פון איר לעבן אין יעדן מאָמענט.

מאָניקע האָט געוואָרפן איר לעצטן בליק אויפן גערוימען צימער, ווו דער גרויער שיין פון אָנקומענדיקן קאַלטן טאָג האָט זיך צונויפגעמישט מיט דער פאַרשלייערטער ליכט פון די נאַכט-לאָמפן. אַ גרויער שאָטן האָט באַדעקט די אומבאַוועגלעכקייט פון די האַלבנאַקעטע מענטשן-גרופן, פון וואַנען עס האָט זיך צייטנווייז בלויז געטראָגן אַ שוואַכער זיפץ.

מיט אַנ'אימפעט האָט זי זיך אַ הויב געטאָן, מיטציענדיק מיט זיך איר חבר.

— קום!

IV

דאָס זענען געווען וואָכן פון אומגעשטערטן גליק. מאָניקע האָט שטאָלצירט מיט דער פולשטענדיגער פרייהייט, וואָס איר איז סוף כל סוף געלונגען. דער אומבאַגרענעצטער גענוס האָט פולשטענדיק באַפרידיקט איר אויפגעוואַכטן תאוה-דורשט און האָט איר נישט איבערזעטיקט. ביז אַהער האָט זי אין די אָרעמס פון די מענער, וועלכע האָבן געגלויבט איר צו באַזיצן, תמיד בעשפּירט אַ מין דערנידערונג, וואָס האָט לגמרי פאַרדאָרבן אירע עמאָציעס ווי ראַפינירט זיי זאָלן נישט זיין.

אפילו אין מאָמענט פון העכסטן עקסטאַז האָט זי זיך נישט

געקאָנט באַפרייען פון דאָזיקן געפיל פון אונטערטעניקייט, אומאָפּהענגיק דערפון צי האָט זי געשטרעבט צו דער דאָזיקער התקרבות אָדער זי האָט איר נאָר אַריבערגעטראָגן; ווייל פון זיי, און נישט פון איר איז געווען אָפּהענגיק די שאַפונגס-מעגלעכקייט פאַר וועלכער זי האָט זיך נאָך געשראָקן. דער אומאויפהערלעכער געדאַנק זיך אַרויסצורייסן צו דער געהעריקער צייט האָט נישט בלויז אָפּגענומען דעם גענוס פון דידאָזיקע קורצע מאָמענטן, נאָר האָט אפילו אַריינגעטראָגן אַמין פאַרביטערונג... אַ פארביטערונג און עמפּערונג אַז פון דידאָזיקע צופעליקע באַגעגענישן, פון די הערשער אויף אַ מאָמענט, הענגט אָפּ איר עקסיסטענץ, איר גאַנצע צוקונפט... און נישט נאָר איבער איר פּערזאָן וועלן דידאָזיקע צופעליקע הערן געוועלטיקן... אין פערלויף פון גאַנצע ניין חדשים דאַרף זי דערנערן מיט אירע לעבנס-זאַפטן, באַלעבן מיט איר אָטעם אַ נייע באַשעפעניש, —די פאַרלענגערונג, פון איר לעבן, דעם המשך פון איר גופא!... צי דען איז דידאָזיקע ריזיקע נישט די ערגסטע די שענדלעכסטע פאָרם פון דער פרויען פאַרשקלאפונג... די מוטערשאַפט האָט אַ זין אַנ׳עקסיסטענץ-באַרעכטיקונג און איז אַפילו גרויס, ערשט דאַן, אויב מ׳גייט אויף איר לכתחלה און מיט אייגענעם ווילן.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז אויב זי וואָלט געקאָנט אָפּנאַרן די נאַטור דורך פאַרשידענע קונסטלעכע מיטעלן, ווי עס טוען אַ סך אַנדערע, — די מאַלטוס-טעאָריע — ווי ס׳האָט איר אַמאָל געזאָגט דער אומסימפּאַטישער זשאָרזש בלאַנשע — איז צוטריטלעך פאַר אַלע... פריער וואָלט זי זיך פון אַזאַ געדאַנק עמפּערט, אָבער איצט האָט זי בלויז צוגעשמייכלט. צופעליק האָט זי זיך דערמאָנט, אַז מישעל, איידער זי איז געוואָרן מאַרקיזין ד׳אנטרעג, פלעגט אַרומטראָגן אין האַנטבייטל צוזאַמען מיט די פּודער אין שמינקע פאַרשיידענע פּרעזערוואַטיוון...

— ניין, עס עקלט איר דערפון!...

די פרייע וואַל פון פּעער רוס אויף מיט צווווירקן ביי דעם

נרויסן שאַפונגס פּראָצעס אין וועלכן זי איז געבליבן דער הויסט־פאַקטאָר, אָן דער מינצטער שפּור פון אָפּהענגיקייט האָט געגצלעך פאַרטריבן די אַלע קליינלעכע זאָרגן און די דערנידערנדיקע געדאַנקען. אַ פרייליכע האָט זי זיך אומגעקערט צו די נאָרמאַלע נאַטיר־געזעצן. האָט זיך אומגעקערט אַ פרייע, אַ גלייכגעשטעלטע.

דאָס גליק זיך אָפּצוגעבן מיטן גאַנצן ברען דעם פיזישן גענוס האָט זיך פאַראייניגט מיטן שטאָלץ־געפיל פון באַפרידיגטער אייגענליבע. — דאָס ערשטע מאָל האָט איצט מאָניקע אַנטפּלעקט איר גאַנצע פּערזענלעכקייט: — אויסוויילן פון צווישן אַלע, דעם שענסטען מאַן פאַר די פיזישע באַציונגען איבערלעבן אַליין דעם הויכן גענוס פון שאַפונגס־פּראָצעס, באַגייסטערנדיק אויך אים מיט דערדאָזיקער פרייד — דאָס אַלץ האָט דערהויבן איר שטאָלץ ביז צו אַ געטלעכער עקזאַלטאַציע.

די דאַנקבאַרקייט פאַרן איבערגעלעבטן פאַרגעניגן, וואָס מאַכט פון ס׳רוב פרויען שטומע שקלאַפינס, איז ביי מאָניקען אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך די עמאָציעס פון אַ שטופּערישן יינגל, וועלכער שפּירט, אַז ער שטייט העכער פון אַנדערע. — דאָסדאָזיקע געפיל ביי איר איז געווען אַזוי שטאַרק אַז כאָטש זי איז לגמרי נישט געווען גאוהדיק, פלעגט ער זיך קעגן איר ווילען גאַנץ אָפט אַרויסווייזן. פּעער רוס, פאַרצערטלט און צולאָזן דורך זיינע גרויסע דערפאָלגן ביי די ווייבער, איז באַלד מיד געוואָרן פון זיין אונטערגעאָרדנטער ראָל — וועלכע ער האָט געהאַלטן אַלס גאַנץ נאַטירלעך פאַר די פרויען — און האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן זיין אומצופרידנקייט.

דאָס סאַראַצענער־בלוט, צונויפגעמישט מיטן בלוט פון אַלע אייראָפּעישע ראַסן, האָט אויף אַזויפיל געהערשט אין די אָדערן פון אַרגענטינער, אַז זיינע איינגעבאָרענע אינסטינקטן האָבן זיך עמפּערט קעגן אַזאַ פלגש ווי מאָניקע. אונטערן סקאַנדינאַווישן פּסעוודאָנים, וואָס האָט פאַרדעקט זיין לאַטיינישע אָפּשטאַמונג, איז

פּעטער רוס, דער איטאַליענער, דאָך געווען נישט מער ווי אַ שפּאַנישער מאָר. אין פאַרלויף פון אַ מאָנאַט האָט פּעטער — איבער־זעצונג פון פּיעטראַ — באמת שוין געהאַט גענוג. דער נאַקעטער טענצער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז ס׳קאָן זיין אַן׳אַנדער לעבנס־חברטע ווי אַ פאַרשלייערטע שקלאַפין. מאָניקע, אָן פּרעטענזיעס, וואָלט פאַר אים געווען אַן׳אויסגעצייכנטע חברטע. — אָבער פאַרשכורט פון פאַרלאַנג צו האָבן פון אים אַ קינד, האָט זי אים מיט איר הערשערנאַטור אַראָפּגעפירט צו דער נידעריקער ראָל פון אַ צוכט־פערד און איז אים דעריבער מאוס געוואָרן. אַ זון?... ער האָט שוין נישט איינעם, און אָן אַ זעלכע קונצן!...

באַלד זענען אָנגעקומען די לעצטע פופצן טעג פון זייער אויפ׳ס ניי אויפגעפלאַקערטער ליידנשאַפט. פסח איז אויסגעפאַלן סוף אַפּריל, אין פּעטער רוס האָט אָנגעהויבן זיין נייעם אָנגאַזשעמאַן אין מיטן מאַי, ווען ער האָט געדאַרפט אַוועקפאָרן קיין לאָנדאָן. די אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען האָבן אים איינגעלאַדן אַהין מיטן באַדינג, ניט אין גאַנצן נאַקעט... מאָניקע האָט זיך אויך נאָכן ווינטער פון שווערער אַרבעט געגוויטיקט אין רו און איינזאַמקייט. ער האָט איינגעוויליקט צו פאָרן אויף דרום... אַהין צו דער זון!... זיי האָבן זיך געלאָזן אין וועג... קיין קלערוואַלאָן׳

פריינטלעך האָט זיי באַגעגנט דער פּראַכטפולער פּראַוואַנס־פּרילינג. זיי האָבן ליב געקריגן דעם שיינעם רויקן פּאַלאַץ־האָטעל אויפן ברעג פון ים־אויסגוס. די פּיניען־בוימער האָבן געבאָדן זייערע שירמפאָרמיגע שפּיצן אין העלן הימל־בלוי. די בלאַס־בלויע ראָזמאַרין־קנאָספּן האָבן אָנגעפילט די שטאַרקע לופט מיט זייערע שמעקעדיקע ריחות. דער ים. האָט געגלאַנצט מיט זיין שטילער גלאַטקייט און האָט אויסגעזען ווי אַן׳איינציקער זאַפיר איינגעפאַסט אין אַ ראַם פון שמאַראַגד־גרינע בערגלעך; און אין צענטר האָט דער סען־טראָפּעז זיי ווי צונויפגעבינדן מיט זיינע אַלטע ווענט, לויכטנדיק, ווי אַ קליאַמרע פון רויטן גאָלד.

דער פּלאַם פון זייער ליידנשאַפט, וואָס האָט שוין קוים, קוים געטליעט האָט נאָך אויפגעפלאַקערט צום לעצטן מאָל. מאָניקע האָט זיך שוין געשראָקן, אַז פון אירע פאַנטאַזיעס וועט גאָר, נישט ווערן. דער ליידנשאַפטלעכער פאַרלאַנג צו ווערן אַ מוטער, – האָט איר אינסטינקטיוו געטריבן ווידער צו געפינען דעם סוד פון געפעלן, און אָנצוצינדן אין אים דעם פריערדיקן פייער.

די שעלמישע צערטלעכקייטן פון דער געליבטער, דאָס שטענדיקע לאַסטשען זיך צו „איר פּיעטרא„ האָט ווידער אויפגעוועקט אין אים תּאוה, די לוסט צו דער אומאַרמונג וואָס ער האָט שוין לעצטנס אויסגעפירט בלויז אַלס פונקציע, אַלס פליכט.

די אילוזיע, אַז מ׳האָט אים ליב טאַקע נאָר צוליב דעם, ווייל ער איז ער, האָט ווידער אויפגעוועקט זיינע פרימיטיווע, נאַאיווע געפילן. זיי האָבן געלעבט, געאָטעמט מיט דער געזאַלצענער ים־לופט און וועגן קיין זאַך נישט געקלערט. יוגנט־פרייד האָט זיי צייטנווייז פאַרוואַנדלט אין ווילדע חיות, אָדער אין דרעמלענדיקע געוויקסן. זיי האָבן זיך געוויילט מיט יעדער נאַרישקייט: מיט די קלענסטע קלייניקייטן פון אַלטעגלעכן לעבן און זייערע קאָמישע זייטן. זייערע נעכט זענען געווען אַ פערמאַנענטער גענוס נאָך אים אַ זיסער שלאָף און אַ לייכטער דערוואַכן אויפן אַנדערן מאָרגן.

מאָניקע האָט געשפּירט אַנ׳אומאויפהערלעכן דורשט נאָך צערטלעכקייטן, איר „פּיעטראָ׳ס קושן האָבן אויפגעוועקט איר גאַנצע זינלעכקייט. אינגאַנצן, ווי אַ רויז, האָט זי זיך געצויגן צו דער זון, וואָס האָט איר געצערטלט אָפּטמאָל פלעגט זי זיך גאָר פלוצלינג, געטריבן עפּעס דורך אַ מין ווילדן אימפּעט, וואַרפן אין פּיעטראָ׳ס שטאַרקע אָרעמס, אַלץ איז געוואָרן דאָס געלעגער פון זייער קאַפּריזנער תּאוה: — אַ שיפל, אין וועלכער זיי האָבן זיך זאַלבע צווייט געטראָגן איבערן ים־שפיגל, דאָס טרוקענע, הייסע זאַמד און די שמעקעדיקע גראָז אויף די בערג־סטעזשקעס...

זי האָט געקרעכצט, אין גאַנצן אַ צוטומלטע בעת ער פּלעגט זיך ווילד אַ וואָרף טאָן אויף איר אַ תאוה-פֿאַרשכורטער מיט פֿאַרשטשימעטע ציין, אָדער גרוכנדיק ווי אַ גליקלעכע טויב. זי האָט געמיינט, אַז ער האָט איר ליב און נאָך שטאַרקער געוואַרט אַז אין איינעם פֿון די מאָמענטן פֿון פֿולשטענדיקער צונויפֿגיסונג פֿון די עמאַציעס וועט סוף כּל סוף אויפֿבליען אַ ניי לעבן. איין מאָל האָט ער איר גענומען פֿלוצלינג, אומגעריכט, צווישן די ווילדעבערג און איר האָט זיך געדוכט, אַז איר פֿאַנ־טאַזיע ווערט פֿאַרווירקלעכט. זי האָט זיך איינגעבויגן, קלויבנדיק אינטער די פּיניען-ביימער די שמעקעדיקע, טונקל-לילען — לאַווענדל-בלומען. און פֿלוצלינג האָט זי דערשפּירט — — — —
— —

אונטערן טונקל בלויען הימל האָבן זיי ביידע ווי פֿאַרקערפּערט מיט זיך די בלינדע, אייביק שאַפֿנדיקע נאַטור-קראַפֿט די גאַנצע ענערגיע. מיט וועלכע זי שטרעבט אינסטינקטיוו אויסלאַכנדיק זיך פֿון דער צבועישער צניעות — לקיום-המין, צו קאָנטינואירן די עקסיסטענץ פֿון אַלץ, וואָס ס׳לעבט.

אַ לאַנגע צייט נאָך דעם האָט זי מיט אַ צערטלעכן אומעט געקלערט וועגן יענער שעה בעת, ווי איר האָט זיך געדוכט זי איז געקומען אין באַרירונג מיט דער גרויסער נשמה פֿון דער ערד...

— מיינע בלומען! — האָט זי זיך געכאַפּט אויפֿן וועג אַ היים.

זי האָט אַרומגעכאַפּט פּיעטראָ׳ס ברוינעם האַלדז און אויפֿגעקליבן די צעשוטענע בלומען. ער, אַ באַפֿרידיקטער, האָט זיך אַנטציקט מיט דער ווינדערשיינער לאַנדשאַפֿט, מאָניקע איז בייז געוואָרן. ער דאַרף טראַכטן בלויז וועגן איר. זי האָט אים אינטערגעטראָגן צום נאָז דאָס בינטל לעוואַנדל-בלומען:

— טו אַ שמעק!

ער האָט אָנגעהויבן ניסן פֿון די קיצלדיקע בלומען. זי האָט זיך צעלאַכט אויפֿן קול:

– די בלומען וועל איך באַהאַלטן קיין מאָל וועלן די אין מיין זכרון נישט שטאַרבן...

אין צוויי מאָנאַט אַרום, אין פּאַריז, האָבן דידאָזיקע פּאַרטריקנטע שטענגלאַך אויסגעזען אין מאָניקעס אויגן זייער לעכערלעך. צופעליק האָט זי זיי געפונען אין סאַמענס לידער-בוך, וואָס זי האָט מיטגענומען מיט זיך קיין קלער וואַלאָן. פּאָרלייענדיק איר באַגלייטער די ערשטע צוויי זייטן, האָט זי שוין מער דאָס בוך אין האַנט נישט גענומען.

דער סוף פון גן-עדן אין קלערוואַלאָן זענען געווען – ביטערע אַנטוישונגען. די טעגלעכע צוזאַמענשטויסן האָבן איר דייטלעך באַוויזן, אַז זי האָט נישט מער פון איר פּאַרטנער, וואָס צו דערוואַרטן, אויסער דעם פּשוטן פאַרגעניגן, וואָס ס'קאָן איר געבן יעדער געזונטער גימנאַסטיקער.

דעמאָלט האָט זי דערזען פּעער רוס'ן אין זיין ווירקלעכער נאַקעטקייט: ער איז געווען נאַריש, אומוויסנד און פּוסט-גאווהדיק. איר שטאָלץ, מיט וועלכן זי האָט זיך מיט אים אַרומגעפירט, ווי מיט אַ שענער געלערנטער הויז-חיה, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שרעקלעכער פערמאַנענטער אויפרעגונג פאַר די אויגן פון אַלע האָטעל-געסט וועלכע האָבן נאָך נישט אויפגעהערט זיי צו באַוווּנדערן. אויפן טעראַסע, אין רעסטאָראַן, אין די קאָרידאָרן, אָדער אויף די בערג-שטעגעלאַך, אומעטום זענען די פרויען נאָכגעגאַנגען נאָכן „נאַקעטן טענצער" און געוואָרפן אויף אים פילזאָגנדיקע אָדער שעמעוודיקע בליקן.

און ער איז אַרומגעגאַנגען, געבלאָזן פון זיך, אַרויסכאַפּנדיק יעדער מינוט פון אַ קליינעם נעסעסער אַ שפּיגעלע, אַ קעמעלע, פּודער און געהאַלטן אין איין מאַכן זיין טואַלעט. אַז מאָניקע פלעגט מיט פאַראַכטונג קוועטשן מיט די באַרקעס, האָט ער, אַ באַליידיקטער, געזוכט ווי אַזוי אַרויסצורופן אַ שטרייט. נישט ווייניק האָט אויך צוגעהאָלפן דערצו די בריוועלעך פון זיינע

פֿאַרנעריעס, וואָס האָבן אים ממש פֿאַרפּאָלגט. —

אָנפֿאַנגס האָט זיך מאָניקע מיט דידאָזיקע בריוו אינטערסירט נישט אַזוי פֿון אייפֿערזוכט, ווי פּשוט פֿון ווייבערשער נייגיריקייט.

צוזאַמען פֿלעגן זיי עפֿענען די בריוו, זיך ווײַלנדיק ביים פֿרישטיק מיטן לייענען און מיט די פֿאַרשידענע קאָמענטאַרן. די לעצטע טעג אָבער איז עס מאָניקען מאוס געוואָרן, ערב זייער אָפּפֿאָרן האָט זי געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי איז שטאַרק פֿאַרטיפֿט אין לייענען „די ניצער איבערזיכט״ — און פּעער, אַ צורגזנטער, האָט דעמאָנסטראַטיוו געהוסט און אַ וואָרף געטאָן אויפֿן טיש אַ שמעקעדיגן בריוו.

מאָניקע איז געזעסן, ווי נישט איר מיינט מען דאָס, און האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט.

אַ צוקאָכטער האָט ער אויסגעשריגן:

— איך ווייס, באמת, נישט, וואָס האָב איך דאָ צו זיצן, אַז איר אינטערעסירט זיך מיט מיר ווי מיט פּאָר אַיאָרידקן שניי. איר איגנאָרירט מיר, אָבער צום גליק פֿאַרגעסן מיר אַנדערע נישט...

— נו, מיין ליבער, איך אויך נישט! איר זענט דער שענסטער פֿון אַלע טענצער, — דאָס קאָן מען נישט אָפּלייקענען!

— און דער גרעסטער שוטה פֿון אַלע מענער, נישט אמת? אַזוי ווי איר זענט די קליגסטע פֿון אַלע פֿרויען.

— דאָס מיינט איר אַזוי...

פּעער האָט זיך אַ הויב געטאָן בלייך ווי קאַלך...

— לכל הדעות איז פֿון אונז ביידן נאַרישער דער, וואָס איז ווייניקער נוצלעך. איך קאָן כאָטש מאַכן קינדער... איך...

און ער האָט אַ ווייז געטאָן אויף די בריוו:

— אָט קוקט, וויפֿל איך זאָל נאָר וועלן! איך דאַרף נישט זוכן קיין צופֿעליקע!

מאָניקע האָט אים אָפּגעמאָסטן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס מיט

אַ פֿאַראַכטנדיקן בליק. זיין חוזק מאַכן האָט אָבער געטראָפֿן אויפֿן קראַנקן אָרט. אַנ'אומנוצלעכע! יאָ... אַנ'עקרה!... און מיט איין מאָל האָט איר אַרומגעכאַפּט אַ געפֿיל פֿון טיפֿער איינזאַמקייט. אַ געקריינקטע האָט זי געענטפֿערט:

— דענערווירט זיך נישט! איך האַלט אייך נישט אויף!

דערנאָך, זיך באַקלערנדיק, האָט זי מיט אַ טרויעריקן שמייכל, צוגעגעבן:

— דו ביזט נישט גערעכט. צו וואָס זאָלן מיר זיך קריגן. מיר זענען זיך צונויפֿגעקומען אַלעס פֿריינט און לאָמיר זיך אַלס פֿריינט פֿונאַנדערגיין!

פּעער רוס!... ער איז איצט אין רוים... מאָניקע האָט געקלערט וועגן אים פֿריינטשאַפֿטלעך, נישט קוקנדיק אויף אַלע זיינע פֿעלערן. גאַנץ דייטלעך האָט זי זיי אַלע געזען פֿון אָנהויב אָן, אָבער נישט פֿאַר זיין אינטעלעצט, אָדער פֿאַר זיין הויכן גייסט האָט זי אים דאָך ליב געהאַט... צי דען האָט מען אים געקאָנט באַשולדיקן, וואָס אירע האָפֿנונגען האָבן זיך נישט פֿאַרווירקלעכט?... אמת, זי האָט עקשנותדיק צוגעשריבן אים די גאַנצע שולד, ווייל בשום אופֿן האָט זי זיך נישט געקאָנט צושיידן מיט אירע אילוזיעס. מ'מוז אָבער זיין ערלעך: זי האָט דאָך פֿאָרט איבערגעלעבט מיט אים גוטע, שפּעטער טאַקע וווּנדערבאַרע און דערנאָך ווייניקער אָנגענעמע מאָמענטן. וואָס פֿאַר אַ רעכט האָט זי באמת צו מאַכן אים וועלכע נישט איז פֿאָרוואורפֿן?

מאָניקע האָט נאָך ניט געקאָנט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז זי איז שולדיק אין דעם גאַנצן מיסערפֿאָלג. זי האָט זיך נישט געשטעלט די פֿראַגע פֿאַרוואָס זענען איר אַזוי גיך מאוס געוואָרן די אַלע מענערשע מעלות פֿון וועלכע זי האָט פֿריער געכאַפּט התפּעלות? מאָניקע איז געווען איבערצייגט, אז מאָראַליש שטייט זי העכער פֿון אַלע מענער, וואָס רינגלען איר אַרום, אָבער אין דער טיפֿעניש פֿון איר נאָך נישט פֿאַרהיילטען וווּנד האָט זי

געשפירט אַן׳עקל צו דער ליבע, ווי ס׳האָבן איר פאַרשטאַנען אַלע אַנדערע, און אַ מורא פאַר דער ביטערקייט פון דער אַנטוישונג. ווען עס זאָל איר אויסקומען נאָך אַ מאָל דאָס איבער־צולעבן. פּעטער רוס האָט זיך אומגעקערט אויף דער אַרענע — און מאָניקע איז זיך ווייטער געגאַנגען איר אייגענעם וועג. דאָס, וואָס ער האָט נישט געקאָנט דערווייזן, וועט מאַכן אַן׳אַנדערער אַנאויסדערוויילטער, אַז זי וועט עס נאָר וועלן.

פריער איז עס געווען אַ דעפּוטאַט פון דרום־דעפּאַרטאַמענט, וואָס איז איר שטאַרק געפעלן צוליב זיין ענלעכקייט אויף מיסטראַלן. זיך באַגעגענענדיק מיט אים אויף אַ גרויסאַרטיקן מיטאָק ביי הוטיע, האָט זי באַמערקט זיין פיינעם, שטאָלצן פּראָפיל און געהערט זיין קלינגנדיקע שטום. דער זינגנדיקער דעפּוטאַט, וואָס האָט זיך אין איר שטאַרק פאַרליבט, האָט אָבער געהאַט אין זיך גאַנץ ווייניק פון שאַנטעקלערן. זיין זעלבסט־צופרידענקייט און זיין יאָגן זיך נאָך כבוד האָבן איר באַלד דערעסן.

נאָך אים איז געווען אַן׳אינזשעניער מיט ברייטע פּלייצעס און אַ געזיכט פון אַ רוימער, — אַ באַרימטער בויער פון פּאָרטן און אייזן־באַנען — ער האָט איר געגומען מיט זיין אויפריכטיקייט, מיט זיין פאַרשטאַנד, מיט זיין ברייטער וועלטאַנשויאונג, וואָס ער האָט דערוואָרבן אויף זיינע לאַנגיאָריקע רייזעס. צום סוף פון דריטן מאָנאַט זענען צערונען געוואָרן די האָפנונגען, וואָס זי האָט געלייגט אויף זיין געזונטן אויסזען. דער אינזשעניער איז נישט געווען פּרוכטבאַרער פון אַן אָקס.

איצט האָט שוין מאָניקע אָנגעהויבן ווערן אומרויק. און אויב די סבה ליגט באמת אין איר גופא? זי האָט באַשלאָסן זיך ווענדן צו אַ דאָקטאָר, האָט עס אָבער אָפּגעלייגט פון וואָך צו וואָך. די צייט איז געפלויגן גיך ווייל איר געשעפט האָט זיך בסדר פאַרגרעסערט און האָט געפאָדערט אַן׳אינטענסיווע,

אָבגעשטרענגטע אַרבעט. זי האָט געמוזט דינגען די דערבייאיקע געוועלבער און שליסן נייע קאָנטראַקטן, איבער מאַכן דעם גרינעם מאַרמאָרשולד, און צושטעלן צו דער אויפשריפט מיט די גאָלד־אותיות „דעקאָראַציעס אין אַנטיקן" די אַלע באַקומענע מעדאַלן און אויסצייכנונגען.

אָן אַ שום באַדויערן האָט מאָניקע געמאַכט אַ סוף צו אַלע אירע אָוונט פאַרווײַלונגען. מ׳האָט איר מער נישט געזען נישט אויף קיין דאַנסינגס, נישט אין קיין מוזיק-האָלן. שטענדיק ביי דער אַרבעט פון צען אַזייגער אין דער פרי, ביז שפעט אין דער נאַכט, פלעגט זי אַליין מאַכן אַלע סקיצן און צייכנונגען, קוים האָט זי נאָר צופעליק נישט געמיטאָקט אין רעסטאָראַן מיטן נייעם חבר, פון וועלכן זי האָט, נאָכן דעפוטאַט און דעם אינזשינער, כּסדר געהאָפט אויף אַ קינד, אָבער שוין נישט מיט אַזאַ ברען ווי פריער.

דורך איר נצחון איבער דער געזעלשאַפט, וועלכער זי האָט זיך געבראַכט אַלס קרבן, האָט זי בלויז דערוואָרבן די מאַטעריעלע אומאָפּהענגיקייט. אַלץ, פאַר וואָס די וועלט וואָלט פאַראורטיילט אַן׳אָרעמער און אומבאַוווסטער, האָט זי גערן מוחל געווען דער באַרימטער און רייכער מאָניקע לערביע.

די דאָזיקע נאָכגיביקייט און חנופה, מיט וועלכער די געזעלשאַפט האָט זיך באַצויגן צו איר דערפאָלג, האָבן איר געגעבן די פולשטענדיקע מעגלעכקייט צו ברייגען אויף דער וועלט אַ קינד, אַן אַנ׳עטיקעט פון אַ פאַראַנטוואָרט לעבען פאַרטנער, און דערציען עס צו פאַראַכטן דידאָזיקע געזעצן און מנהגים, פון וועלכע זי אַליין האָט אַזוי שרעקלעך געליטן.

אַנ׳אומגעזעצלעך קינד! איז וואָס? — ער וועט טראָגן דעם נאָמען פון זיין מוטער מיט אַנ׳הויך אויפגעהויבענעם קאָפּ. שוין פון זיינע ערשטע טריט וועט זי אים באַפרייען פון דער סאָציאַלער פאַרשקלאַפונג, זי וועט אים לערנען ליב צו האָבן אָן שום צביעות

אַלץ וואָס פאַרדינט ליבע, און אָפּצוואָרפן אַלץ, וואָס איז איר נישט ווערט. צוזאַמען מיט די איבערפליסיקע ווערטער וועט זי אים אויך איינשפּאָרן איבעריקע צרות.

יאָ, דער איינציקער זין פון לעבן איז אַ קינד! אַ קינד, מיט וועלכן זי וועט שטאָלצירן, ווייל ער געהערט נאָר איר, ווייל ער איז איר לעבנס-אינהאַלט, די פרייד פון אירע איינזאַמע, פרייע שעהן ווייל די אַרבעט און דער גענוס איבערזעטיקן סוף כל סוף דעם פאַרשטאַנד און די נשמה, נישט אָנפילנדיק און גאַנצן דאָס לעבן. — דער אומגעשטילטער דורשט נאָך ליבע אין צערטלעכקייטן, דער אומעט פון דער איינזאַמקייט, און די אינטימסטע מינוטן, — אַלץ האָט איר געצויגן צו יענעם איינציקן ציל...

— אַ קינד! מאַניקע האָט געלעכצט נאָך דער שוואַנגערשאַפט מיט אַ סענטימענטאַלן פאַרלאַנג פון מסירת-נפש, מיט דערזעלבער ליידנשאַפטלעכקייט מיט וועלכער עס זוכן אַ טרייסט אין דער מוטערשאַפט די אומגליקלעכסטע פאַרהייראַטע פרויען.

עס איז געווען אַ מאָמענט ווען זי האָט דערשפּירט דעם פולשטענדיקן באַנקראָט, די צו שטערונג פון אַלע אירע האָפנונגען — נאָכן פערטן און לעצטן פרווו זי האָט אים איבערגעריסן פלוצלינג, אומגעריכט, נישט רעכענענדיק זיך מיט דער פאַרצווייפלונג פון איר פאַרטנער. געווען איז ער אַ קינסטלער, מיט איר אין איין עלטער גייסטרייך און לעבנס לוסטיק וועלכער האָט געצייכנט רונדע לאַנדשאַפטן און געמאָלט קוביק-פאָרמיקע בילדער און גראַנאַט-רויטן טאָן מיט ווייסע פונקטן... נישט די געזונטע לאָגיק האָט אים דיקטירט אַזוי אויפצופאַסן דאָס אַרומיקע, נאָר דער געשמאַק פון רעוואָלוציאָנענער פלאַכקייט מיט וועלכער די יוגנט צייכנט זיך תמיד אויס... איבעריקנס האָבן זיי קיין מאָל צווישן זיך נישט באַרירט קיין עסטעטישע פראַגן.

צום גליק האָבן זיך אינטערגערוקט די פעריען. כדי פטור צו ווערן פון אומערטרעגלעכן פאַרטנער, האט אים מאַניקע פאַרן אַוועקפאָרן

אָנגעגעבן אַ פֿאַלשן אַדרעס. בעת ער האָט איר ארומגעזוכט אין דער שווייץ, האָט זי זיך גאָר פֿאַרקליבן קיין ראָזמענידעק, אַקליין ברעטאַניש ווינקעל, צווישן הויכע פֿעלזן ווו די בוימער האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן ביז צום סאַמע ים... אַנ'אָרעמער פֿישער-דאָרף, אַ פֿינף-זעקס קליינע ווילעס און אַ שמוציקער האָטעל. אַ גאַנצן חודש האָט מאָניקע אָפּגעלעבט אין פֿולשטענדיקער איינזאַמקייט, אויסמיידנדיק יעדע באַקאַנטשאַפֿט. גאַנצע טעג איז זי אַרומגעגאַנגען מיטן סקיצן-בוך און דער בלייפֿעדער אין האַנט; קומען אין האָטעל צו מיטאָק, געשווינט עפּעס וואָס אָפּעסן און ווייטער זיך אַרומשלעפּן צווישן די פֿעלזן ביז דער צייט פֿון באָדן זיך, שפּעט אין אָוונט פֿלעגט זי נאָך ליגן אויף דער פּליאַזשע און פֿאַנטאַזירן, אָדער אַרומשפּאַצירן איבער די פֿעלדער. אַנפֿאַנגס האָט דאָסדאָזיגע געזונטע לעבן אויף איר זייער גוט געווירקט. זי איז ווידער געוואָרן פֿריש און מונטער, באַלד האָט איר אָבער די גלייכגילטיקייט פֿון דער נאַטור און פֿון אירע האָטעל-שכנים – וואָס די באַקאַנטשאַפֿט מיט זיי האָט זיך אייגנטלעך אויסגעדריקט בלויז אין גרוסן זיך – אָנגעפֿילט מיט אַ שרעקלעכן אומעט. דאָ האָט זי אים געשפּירט פֿיל שטאַרקער, ווי אין פּאַריז ביים פֿיבערהאַפֿטן טומל. אונטער די מחנות מענטשן, ביי דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט.

צווישן די גלענצנדע שיינקייטן פֿון דער נאַטור האָט זיך נאָך בולטער אַרויסגעוויזן די נישטיקייט און קלײנלעכקייט פֿון די מענטשן. פֿון איר האַרצן האָט זיך געריסן דער אומעט ווי אַ געפֿאַנגענער פֿויגל, וואָס רייסט זיך אומזיסט צו דער אומענדלעכער הימל-הויכקייט. איר האָט זיך געוואָלט וויינען, שרייען אויפֿן קול אין איר אָנמאַכט קעגן דערדאָזיקער אומענדלעכקייט פֿון דער וועלט, וואָס זי האָט נאָך ערשט נעכטן באַגייסטערט מיט איר גלויבן, וואָס האָט איר אָבער ערשט דערדריקט מיט זיין רויקער גלייכגילטיקייט. ערשט איצט, דאָס ערשטע מאָל נאָך איר אַנטלויפֿן פֿון דער היים, האָט איר אומרויקער גייסט אויפֿגעפּאַסט די ווירק-

לעכקייט: לעת-עתה האָט זי מיט איר פרייהייט גאָר נישט אויסגעפירט די אַרבעט? זי האָט אָבער אייגנטלעך בלויז געשפּייזט איר פאַרצווייפלונג. די אַלע פאַרגעניגנס זענען דאָך נישט מער ווי אַ פאַראָדיע, אַ גראָבע אומיטאַציע פון דער ליבע. וואָס'זשע בלייבט איר אַלזאָ אויב זי קען נישט האָבן קיין קינד? עס לוינט לגמרי נישט זיך לענגער אָפּצונאַרן: דער סך-הכל פון די אָפּגעלעבטע יאָרן איז קלאָר ווי דער טאָג: פון די אַלטע חורבות קאָן מען קיין זאַך נישט ראַטעווען, אפילו נישט יענעם כלומרשטן קאָנטאַקט, וואָס האָט איר אַ מאָל, אין די פריערדיקע צייטן אין שעהן פון צער און לײדן, צוגעבונדן צום פאַמילען-ווינקל...

די מוטער?... נאָך פלאַמבינאַ'ס באַזוך האָט זי זיך מיט איר אַ פּאָר מאָל געזען. דער פאָטער? זי איז אפילו מסכּים געווען ער זאָל קומען צו איר אויף באַעטי-גאַס. עפּעס האָט זי אפילו נאָך די ערשטע מינוטן פון פאַרלעגנהייט — געשפּירט אַ מין זיסע אויפרעקונג... עס האָט זיך, אפילו געדוכט, אַז די קייט פון די ערינערונגען, כאָטש זי איז שוואַכער געוואָרן, האָט זי זיך דאָך אין גאַנצן נישט איבערגעריסן... עס איז געווען אַ מאָמענט, ווען זי האָט דערשפּירט אַ קינדישע פרייד... באַלד האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז די דאָזיקע מענטשן זענען איר לגמרי פרעמד, און אַז הינטער זייער נאָכגיביקן שמייכל באַהאַלט זיך אַ ביטערער פאָרוואורף. זי האָט בשום אופן נישט געקאָנט געפינען קיין טעמע מיט זיי זיך צו אינטערהאַלטן, ווייל קוים זענען עס נישט געווען קיין באַנאַליטעטן, האָט זיך גלייך געשאַפן צווישן זיי אַכינעזישע וואַנט. באַלד האָבן זיי אַלע דריי איינער דעם אַנדערן דערעסן: — זיי — צו אַלט איר צו פאַרשטיין — זי ווידער צו אויפריכטיק צו שפּילן אַ קאָמעדיע, אירע עלטערן האָבן זיך נאָך אַזוי שטאַרק געקלאַמערט אָן זייערע אַלטע טראַדיציעס און געוווינהייטן, אַז נישט קוקנדיק אויף זייער טיפן עלטער, איז זי זיך — אמת מיט אַ ווייטאָק אין האַרצן — מיט זיי ענטגילטיק

פונאַנדערגעגאַנגען. קיין שום געמיינזאַמעס האָבן זיי נישט געקאָנט האָבן – אפילו נישט קיין געמיינזאַמע ליידן, – אַזוי פאַרשידנאַרטיק האָבן זיי עס אויפגעפאַסט אין אַריבערגעטראָגן.

מאָניקע איז געזעסן אויפן שטראַנד אנגעשפאַרט מיטן רוקן אַן אָלפּעלון; אויטאָמאַטיש האָט זי אַ נעם געטאָן אַ הויפן זאַמד און דורכגעלאָזן דורך אירע פינגער דעם פיינעם גאָלדענעם זאַמד-רעגן. ווי דער זאַמד-רעגן זענען געפלויגן די לעבנס-שעהן, זיך געטראָגן אַן אַנ׳אויפהער... אין דער נירוואַנא... אין דעם ליידיקן שטח פון דעם, וואָס עס איז אַ מאָל געווען!...

זי האָט זיך צוגעקוקט צו די ווייסע מעוועס, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבער די רוישנדיקע ים-וועלן זייער ווייסע בייכעלאַך האָבן דאָ באַרירט דאָס וואַסער, דאָ – אַ קלאַפּ מיט די פליגל – און ווי אַ פייל פון בויגן זיך אַ טראָג געטאָן צום הימל די אונטערגעענדיקע זון האָט אויפגעשטעלט פון דער ווייטנס גאַנצע פייערדיקע וואָלקן-פּאַלאַצן און לאַנגזאַם האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזן אין ים אַריין. – „אָט איז די צוקונפט האָט זי געזאָגט צו זיך אַליין אַראָפּלאָזנדיק אָנמעכטיק די הענט... די איינזאַמקייט אין איר גופא און אַרום איר, און דער נאָך די עלטער...

עפּעס אַ שיפער האָט פון דער ווייטנס צונויפגעקליבן זיינע נעצן... עס האָט זיך דערהערט אַ ליד און זיין אומעטיקער מעלאָדיע האָט געקלונגען אַ געבעט, אַנ׳הכנעהדיקע תּפילה אַנ׳אונטערוואַרפן זיך דעם גורל!... אין לוד איז געווען די העלדישקייט און אָרעמקייט פון מאַטראָסן לעבן, די נויט און דער קאַמף מיט די עלעמענטן . . . דאָס גאַנצע לעבן פון ים-מענטשן... מאָניקע איז פאַרציטערט געוואָרן פון שאַנד!

– איך בין פון זינען אַראָפּ! האָט זי אַ טראַכט געטאָן, אויפשטייענדיק פון אָרט. – זיין פאַרנומען נאָר מיט זיך, – דערצו דאַרף מען זיין לגמרי בלינד! קודם כל בין איך נאָך נישט זיכער, אַז איך וועל נישט זיין קיין מוטער. און אויב אפילו נישט?...

האָט גיט דאָך אָפּ פרוי אַמבראַ איר גאַנץ לעבן פרעמדע קינדער!...

אויפן צווייטן טאָג איז זי שוין געווען צוריק אין פּאַריז. דער מאָנאַט סעפּטעמבער און די צוגרייטונגען צום ווינטער-סעזאָן האָבן אויף אַזוי פיל אָפּגענומען ביי איר די צייט, אַז ערשט שפּעט אין הערבסט — האָט זי זיך אויסגעקליבן גיין צו אַ דאָקטאָר. פריילן טשערבאַליעף. וואָס אירע אַ קרובה האָט פּאָריקן יאָר געליטן אויף אַ פרויען-קראַנקהייט, האָט איר רעקאָמענדירט דעם דאָקטאָר הילבורג.

מאָניקע איז אַוועק צו אים מיטן פעסטן גלויבן אין דער מאַכט און אויטאָריטעט פון דער וויסנשאַפט אין אירע טרעגער. אָבער אָנשטאָט אַ באַיאָרטן הער מיט אַ גרויסן פּלוך אין ברילן — האָט זי גאָר דערזען פאַר זיך אַ יונגן מאַן מיט אַ מאָדערנער בערדל און שמייכלענדיקע אויגן... ווי זי איז נישט געווען צוגעגרייט צום דאָזיקן וויזיט מיט אַלע פּרטים פון דער אונטערזוכינג, האָט זי זיך דאָך שטאַרק פאַרלאָרן אַריינקומענדיק אין ווייס-לאַקירטן צימער מיטן בעטפאַרמיקן-שטול, אויף וועלכן דער דאָקטאָר האָט איר איינגעבן דאָ זיך אַוועק צו לייגן... איין מאָל פאַר אַלע מאָל האָט מען דאָך געמוזט דערגיין דעם אמת...

זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און האָט זיי אויפגעעפנט ערשט דאַן, ווען עס האָט זיך דערהערט דעם דאָקטאָר'ס קלינגנדיקע שטום:

— איך דאַנק אייך!

— נו, וואָס, הער דאָקטאָר? האָט זי אומרויק אַ פרעג געטאָן, בריינגענדיק אין אָרדנונג איר טואַלעט.

ער האָט אָנגעהויבן לאַכן:

— יאָ, פריילן... אָט וואָס... איבעריקנס וועט זיין בעסער, אַז איך וועל אייך דערקלערן שוואַרץ אויף ווייס... דורך אילוסטראַציעס... ער האָט איר אָנגעוויזן אויף אַ שוואַרצן טאָפּל און גענומען אין האַנט אַ שטיקל קרייט.

— דאָס איז איבעריק, אַנאַטאָמיע איז מיר נישט פרעמד.
דער דאָקטאָר האָט אויף איר אַ קוק געטאָן אַ שטאַרק פאַרוואונדערטער און מיט אַ ווייכער שטים ווייטער גערעט:
זייער שיין... עס איז אָט וואָס: איר דאַרפט האָבן אַ געוויסע אָפּעראַציע, איך קאָן אייך פאַרזיכערן, אַז נישט קיין געפערלעכע, אפשר בלויז אַ ביסל אַ שמערצלעכע... איר מוזט מיר פאַרשטיין: ביי אייך איז אַ געוויסע אומנאָרמאַליטעט וואָס טרעפט זיך גאַנץ זעלטן. אין דעם צו שטאַנד דראָט אייך חלילה קיין שום געפאַר נישט, אָבער קיין קינד קאָנט איר נישט האָבן...
— וואָס פאַר אַ מיטל איז אַלזאָ דאָ דערצו?
ער האָט איר אָנגעוויזן אויף אַ קליין גלעזערנעם טישעלע לעם שפיגל, מיט וועלכן ער האָט זיך נאָר וואָס באַנוצט, אַ גאַנצן אַרסענאַל אינסטרומענטן: צוואַנגען, קלעשצעס א. אַ. וו.
— אַן אָפּעראַציע איז אומבאַדינקט נויטיק... עס זענען פאַראַן, באַטירלעך, ווייניקער ראַדיקאַלע מיטלען... עס הענגט אין גאַנצן אָפּ פון אייער ווילן.
זי האָט גלייך מסכּים געווען:
— לאָמיר פרווון אייער מעטאָד. איך טרוי אייך... ווען וועלן מיר אָנהויבן?
— ווען איר ווילט... כאָטש באַלד, אויב איר האָט צייט.
— איך האָב גענוג צייט. לאָמיר אָנהויבן. נישט לאַנג קלערענדיק, נישט וואַרטנדיק אויף דער איינלאַדונג האָט זיך מאָניקע ווידער אַוועקגעלייגט אויפן שטול אין דער געהעריקער פּאָזע. — פאָרזיכטיק, און מיט אַ געוויסער דיסקרעציע, פאַר וועלכער זי איז אים אין האַרצן געווען זייער דאַנקבאַר, איז ער צוגעטרעטן צו די ערשטע מאַניפּולאַציעס. כאָטש הילבורג האָט באמת נישט געהערט צו יענעם מין דאָקטוירים וואָס בלייבן לגמרי גלייכגילטיק צו זייערע פּאַציענטקעס, האָט ער אָבער געהאַלטן פון פּרינציפּ זיי נישט אָפּצושרעקן ביז אַ צייט. די סיורפּריזן האָט ער געלאָזן

אויף שפּעטער, פאַר די וויזיטן בײַ זיי אין דער היים.

מוטיק האָט מאָניקע דורכגעמאַכט די אָפּעראַציע און די ווייטערדיקע קוראַציע נישט קוקנדיק אויף די שטאַרקע שמערצן. אָן שום ספק וואָלט זי איר דערפירט ביזן סוף, ווען דער דאָקטאָר זאָל זיך נישט האָבן שטאַרק פאַר אינטערעסירט מיט איר שיינקייט שוין טאַקע גלייך בײַם דריטן סעאַנס. — אַריינגעפירט אין אַ טעות דורך איר איינפאַכקייט און גלייכגילטיקייט. וואָס ער האָט אָנגענומען פאַר אויסגעלאַסנקייט, האָט ער זיך פּלוצלינג דערלויבט אַזאַ זשעסט, וואָס האָט דייטלעך פאַראַטן זיינע מאוסע כוחות. מיט אַנ׳אויסבּרוך פון טיפער פאַראַכטונג האָט מאָניקע דעם שאַרלאַטאַן געוויזן די טיר.

— אַ שיינער טיפּ, — איז ער, אייער דאָקטאָר הילבורג — האָט זי אין עטלעכע טעג אַרום געזאָגט דער פריילן קלער. — עס זענען איבריק דאָ אַזעלכע, וועמען ער געפעלט.

זי איז געווען עמפּערט פון דער צודרינגלעכער, גראָבער אויסגעלאַסנקייט בײַ ס׳רוב מענער, אפילו בײַ חיות איז דער תאווה-צושטאַנד נישט פּערמאַנענט נאָר פּעריאָדיש... וואָס פאַר אַ ווילדע, בידעריקע פאָרשטעלונג האָט אַלזאָ דערדאָזיקער הער געהאַט וועגן פרויען בכלל און וועגן איר בפרט? סוף כל סוף איז זי דאָך נישט קיין חיה!... דעם פאַל מיטן דאָקטאָר האָט זי געהאַלטן פאַר דער ערגסטער, שרעקלעכסטער באַליידיקונג.

צו דער ביטערקייט פון איר אומפרוכטבאַרקייט איז בלויז צוגעקומען נאָך איינע, אַ נייע אַנטוישונג. אין די אויגן פון דאָזיקן מענטש-חיה האָט זי בלויז פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ מין גענוס-אָביעקט, און דער מיט איז ער געווען ענלעך אויף אַלע, וואָס האָבן איר פאַר-פּאָלגט מיט זייערע ליבע-אויסדרוקען. מיטן בעסערן, העכערן טייל פון איר וועזן: מיט אירע געדאַנקען און געפילן מיט איר נשמה—האָט זיך לחלוטין קיינער נישט אינטערעסירט.—וואָס פאַר אַ ווערט האָט דעריבער דאָס לעבן אַן וועלכער נישט איז ערנסטער וואַרעמער צוגעבונדקייט? צו

וועמען. צו וואָס האָט זי זיך געקאָנט צובונדן, נישט האָבנדיק קיין זון אָדער קיין טאָכטער – דידאַזיקע קליינע ריינע נשמה-לאַך, דעם שאַפונגס – מאַטעריאַל וועלכן זי וואָלט אויספאָרמירט לויט אירע באַגריפן און אַנשויאונגען? וואָס פאַר אַ מאַנספאַרשוין פאַרדינט דען איר אויפמערקזאַמקייט?... מיט וואָס אויספילן די – פוסטקייט פון לעבן?... דער פשוטער געדאַנק, אַז נישט אַלע דאָקטוירים זענען אַזוי ווי הילבורג, אַז גראָד פאַרקערט, ער האָט געקאָנט זיין אַנ׳אויסנאַם, וואָס באַשטעטיקט דעם אַלגעמיינעם כּלל פון פּראָפעסיאָנעלער עטיק, — דאָס איז איר לגמרי נישט איינגעפאַלן, ווייל אין איר שווערער, געדריקטער שטימונג האָבן ביי איר אַלע דאָקטוירים אַרויסגערופן אַנ׳עקל.

אַנ׳אָפּעראַציע!... צו וואָס דאַרף זי איר, אויב זי האָט קיינעם נישט ליב און קיינער איר נישט?...

פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך מאָניקע דערשפּירט מאַכטלאָז און באַשלאָסן לאָזן גיין אַלץ ווי עס גייט... זי האָט פאַרשטאַנען, אַז מיטן רעזיגנירן אויף אירע שטרעבונגען פאַר-גרעסערט זי בלויז איר אָנמאַכט, און דאָך האָט זי זיך מיט פאַרמאַכטע אויגן געלאָזן אויף פאַטאַליזם, אויף גאָטס באַראַט...

יעדער געוויינלעכער צופאַל, וואָס אין אַנ׳אַנדער צייט וואָלט זי אים לגמרי נישט באַמערקט, האָט איר איצט אויפגערעקט און פאַרשאַרפט איר מיזאַנטראָפּיע.

פלאָמבינאָ, וואָס נישט קוקנדיק אויף זיין ערשטער מפּלה, האָט ער נישט אויפגעהערט מאָניקען צו פאַרפאָלגן, האָט זיך צופעליק געפונען לעם איר ביים טיש אויפן פייערלעכן מיטאָק, וואָס מאַדאַם באַרדינאַ האָט איינגעאָרדנט כּלומרשט לכּבוד דער נאָמינירונג פון איר מאַן אַלס פּרעזעס פון דער פאַראייניקטער נאַפט-באַנק. באמת איז זי אָבער אויסן געווען דערמיט בלויז צו געבן פלאָמבינאָן די מעגלעכקייט צו אַנ׳אינטימען געשפּרעך מיט מאָניקען, פון וועלכן ער האָט ערוואַרט גינסטיקע רעזולטאַטן.

זיין פייערדיקע ליבע, וועלכע מאַניקע האָט אַזוי עקשנותדיק אָפּגעוואָרפן — האָט זיך ממש פאַרוואַנדלט ביי אים אין אַן׳אידעע-פיקס. ער האָט שוין קיין כח נישט געהאַט צו וואַרטן ביזן סוף פון מיטאָק. ביים דעסערט האָט שוין פלאָמבינא נישט אויסגעהאַלטן און, ווערנדיק רויט ווי אַ בוראַק, האָט ער זיך חוצפהדיק צוגעדריקט מיטן קני צו מאַניקעס פוס.

מיט אַ חוזק-אויסדרוק האָט זי זיך אויסגעדרייט צום הופּאַפּאַטאַם.

איר זענט קראַנק ?

ער האָט געסאָפּעט ווי אַ גאַנדז, און אָנשטעלנדיק זיינע בליקן אויף איר דעקאָלטע, האָט ער ממש געגעסן מיט די אויגן אירע רונדע שולטערן, איר ביוסט, איר פּלייצע און די הענט פון דער אַנטיקער סטאַטוע... די געסט זענען אויפגעשטאַנען פון טיש און ווילנדיק נישט ווילנדיק האָט זי זיך געמוזט אָנשפּאַרן אויף זיין אומגעלומפּערט אויסגעשטרעקטן אָרעם. שווער אָטעמדיק און שטאַרק אויפגערעקט, האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ ווייכער צערטלעכער שטים :

— הערט מיך אויס !... איך האָב אייך ליב... איר האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דעקאָרירן מיין ווילע אין מאָנסאָ-פּאַרק ! אָבער פאַר וואָס ?... איך וואָלט פאַרן דאָזיקן כבוד געוועסט באַצאָלט צוויי טויזנט פראַנק האָנאַראַר און געעפנט אַ קרעדיט אויף אַ מיליאָן... און נאָך מער, ווען איר זאָלט נאָר וועלן... איך וואָלט אָפּגעבן אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג... אַלץ אַבי אייך צו געפעלן !...

מאַניקע האָט זיך איראָניש צולאַכט :

— איך האָב זיך אַלזאָ טועה געווען ! איר זענט נישט קראַנק, — איר זענט פראָסט-פשוט פון זינען אַראָפּ !

זיי זענען אַריין אין זאַל. מאַניקע האָט אים גערן געוואָלט איבערלאָזן, ער האָט איר אָבער פעסט געהאַלטן פאַרן האַנט

און אַריינגעצויגן אין אַ ווינקל אונטער אַ פּאַלמען־שירעם:
— איך ווייס, אַז געלט האָט ביי אייך קיין שום ווערט ניש... איר זענט רייך, און באַלד וועט איר נישט וויסן וווּ דאָס געלט אַהין צו טון...
— אָבער באַזינט אייך! אין פראַנקרייך זענען דאָ גענוג אָרימע לייט, און אין רוסלאַנד שטאַרבן מיליאָנען מענטשן פון הונגער. גיט זיי פריער אַוועק דאָס, וואָס איר שלאָגט פאָר מיר, און דאַן וועל איך זען, אפשר וועל איך אייך אָנטאָן דעם כבוד און אַרבעטן פאַר אייך!
מאַניקע האָט גערעט זייער אויפריכטיק. דער הונגער אין וואָלגאַ־ראַיאָן האָט באמת אָנגענומען אַ זעלכע דימענזיאָנען, אַז גאַנצע בערג טויטע קינדער האָבן זיך געוואַלגערט ביי די טויערן פון די בית־עולמס. דער בירגער־קריג, וואָס האָט זיך געצויגן גאַנצע צוויי יאָר נאָכאַנאַנד, האָט אַריינגעוואָרפן דאָס אומגליקלעכע לאַנד אין אַזאַ אָרעמקייט, אַז זי איז דערגאַנגען צו מענטשן־פרעסעריי. — די געדאַנקען וועגן רוסלאַנד האָבן אָנגעוואָרפן אויף מאַניקען אַ שרעק און אַ יאוש. אַראָפּלאָזנדיק די אויגן האָט זי זיך פאָרגעשטעלט די מלכים, וואָס פאַר זיי ווערן איינגעאָרדענט פייערלעכקייטן אין פאַריז, און די רעפּובליק פּרעזידענטן און די קייזערלעכע הויפן... דיזעלבע פּלאָמבינאַס, ראַנסאַמס און באַרדינעס האָבן טאַקע אַרויסגעשלעפּט די מיליאָנען פון די פּויערשע הויזן־קעשענעס און פון די קליינבירגערלעכע קופערס; דאָס דאָזיקע געלט איז פאַרשווונדן געוואָרן אין תהום פון קריג און פון דער רעוואָלוציע, אָדער צוגנבעט געוואָרן דורך די אינדוסטריע־רוצחים, וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט ווי אַ גאַנגרענע און צו פרעסן די סאָלידאַריטעט פון די פעלקער...
די אַלע קאַטאַסטראָפעס האָבן געדריקט ווי אַ קאָשמאַר אויף מאַניקעס מח. דאָס איז מענטשלעכקייט? דאָס הייסט לעבן!... אומעטום הערשט דער שקר און די אונטערדריקונג! און זיי האָבן

אַ עצה צו ריידן וועגן פּרינציפּן... וועגן אָרדנונג, געזעצלעכקייט און גערעכטיקייט!... וואָס דאַרפן זיי דען: מער ווי פרעסן, זויפן און הולטייען!

פלאָמבינאַ האָט פלוצלינג פערזאָניפיצירט אין אירע אויגן די דאָזיקע גאַנצע באַנדע. ער האָט רעפּרעזענטירט מיט זיך יענע אינטערנאַציאָנאַלע ראַסע הענדלער, וואָס פּאַשען זיך אויפן חשבון פון די אָרימע, עלנטע פאָלקס-מאַסן. קוקנדיק אויף זיין גראָבן בויך — מיט וועלכן ער האָט, לויט איר מיינונג, זייער שטאָלצירט — האָט מאָניקע באַוווּנדערט די געדולד פון די ליידנדע, אויסגעהונגערטע אַרבעטער-מאַסן וואָס וואַלגערן זיך, ווי די בהמות אין פינצטערע קאָנורעס, אין די נעסטן פון אומפליייט און אָנשטעקנדע קראַנקהייטן.

נאָר אַ דאַנק די פאַרעלטערטע, אָפּגעלעבטע וואל-געזעצן האָט זיך געקאָנט האַלטן אַזאַ לאַגע!...

אין דעם מאָמענט האָט זי כמעט פאַרשטאַנען דעם זין פון דער אַנאַרכיסטישער באָמבע — אַלס דעם העכסטן אויסדרוק פון פאָלקס-צאָרן. — זי האָט געוואָלט דעם גאַנצן ענין לאָגיש אויפפאַסן: — „צי דען וועלן די באָמבעס זעענדיק מאַכן די בלינדע? דאָס איז אַן'אומנוצלעכער און אפשר גאָר אַ שעדלעכער רעש. רעפּרעסיעס קעגן רעפּרעסיעס? נישטאָ אויף וואָס צו וואַרטן, כל זמן די קוילנוואַרפערס זענען נאָך אין די הענט פון די זאַטע און האָבן נאָך נישט איבערגעביטן זייערע בעלי-בתים".

שוין נישט איין מאָל האָט זי געזען שוועבן פאַר אירע אויגן דאָס געשפּענסט פון דער רעוואָלוציע, בעת זי פלעגט זיך צוקוקן אין די נאַכט-רעסטאָראַנען צו די אויסגעדרעקסלטע פּאַציענטן מיט זייערע מאַריאָנעטקעס אין גאָלד און בריליאַנטן, וועלכע פאַרשווענדן אַזעלכע סומען, וואָס וואָלטן גענוג געווען אויף אויסצוהאַלטן אַ גרויסע צאָל הונגערליידנדע אין משך פון אַ גאַנצן מאָנאַט. הייַנטיקן אָוונט האָט איר דאָסדאָזיקע געשפּענסט בסדר

פאַרפאָלגט נאָר זי האָט אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אויף באַרדינאַס גרויסאַרטיקן זאַלאָק. — דאָ איז געווען דער פינאַנץ־מיניסטער, דער דעלעגירטער פון נאַציאָנאַל־בלאָק אונטער דער רעפּובליקאַנישער פאַרב אין דינסט ביי די גרויסע אונטערנאַציאָנאַלע בענק. באַרימטע פינאַנסיסטן אין שוואַרצע פראַקן מיט פנימער פון רויב־פויגל אָדער פון אָנגעפרעסענע חזירים פּאָליטיקער, וואָס שפּייען אויף אַלץ און אויף אַלע, און פרויען אויסגעטאָן ווי אין בעט — און ענדלעך — קעגן איר, פנים אל פנים, איז געשטאַנען פלאָמבינא מיט זיין אָפּשטויסנדיקער צורה און פייערדיקן בליק.

— אָפּגעמאַכט — איר זאָגט מיר צו. — האָט ער געשטאַמלט. — אָבער אַזוי ווי איר ווילט ביי מיר קיין זאַך נישט נעמען — עפן איך אַ קאָנטאָ פון צוויי מיליאָן פאַר דער דעקאָראַטאָרשע... דער געדאַנק, אַז איר וועט געלונגען כאָטש וויפל נישט איז צו לינדערן די שרעקלעכע ליידן פון די נויטבאַדערפטיקע — וואָס שטייגן איבער יעדע פאַנטאַזיע — האָט מאָניקען ווייכער געמאַכט און זי האָט געמורמלט:

— אפשר... איך וועל זען... אָבער זייט וויסן, אַז אַלס פרוי פאַרפליכטעט מיר נישט דאָסדאָזיקע געלט צו קיין שום זאַך...

ער האָט אַ קרעכץ געטאָן:

— יאָ, יאָ!... אַך, ווען איר זאָלט וועלן... זייט נישט בייז... בלויז ווערן אַ באַראָנעסע נאָר לעבן לעם מיר... איר וועט טאָן אַלץ (ער האָט אונטערגעשטראָכן דעם אַ ל ץ) וואָס איר וועט אַליין וועלן... איך וועל קיין מאָל נישט איבערטרעטן דעם שוועל פון אייער שלאָפצימער!... קיין מאָל נישט!...

אין זיין ביטע האָט זיך געשפּירט דער גאַנצער שמוץ פון דעם אָפּמאַך, וואָס ער שלאָגט איר פאָר... ליבהאָבערס? יאָ, ער וועט איר זי אַליין צושטעלן וויפל איר האַרץ גלוסט!... און וועט אַריינקוקן דורכן שליסל־לאָך, ווי דאָס טוט הוטיע... אַנ׳עקל האָט מאָניקען אַרונטערגעכאַפּט ביז צו אַ נישטגוטקייט, זי האָט זיך

אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן, געקוועטשט מיט די באַרקעס. פלאָמבינאַ איז איר אָבער נאָכגעגאַנגען, איר נישט אָפּגעלאָזן.

דאַן האָט מאָניקע — נאָכמאַכנדיק זיין אַקצענט — מיט כעס אַ זאָג געטאָן.

— בשום אופן, איר הערט — בשום אופן וועל איך פאַר אייך נישט אַרבעטן, אויב איר וועט זיך נאָך אַ מאָל דערלויבן אָנצוהויבן דעמדאָזיקן געשפּרעך!

דער אַלטער איז אַזש גרין געוואָרן פון כעס, האָט אָבער נישט אויפגעהערט ריידן:

— נאָר זיין נאָענט לעם אייך... איינאָטעמען אייער זיסן גערוך... איר וועט זיין פריי לגמרי פריי...

מיט אַ דומפּער, ציטערנדיקער שטים האָט מאָניקע געענטפערט:

— איר זענט אַ נידעריקער מענטש צי דען פאַרשטייט איר נישט, אַז אַלץ וואָס איר רעט און וואָס איר טראַכט דערנידעריקט א י י ך און באַשמוצט מ י ך אויף דער העכסטע מדרגה?... אַ! איר שווייגט... פאַר מיר זענט איר און אייערע גאַנצע עשירות דאָס העסלעכסטע, דאָס נידעריקסטע אויף דער וועלט! דאָס איז די פאַרקערפּערונג פון דער פאַרדאָרבנקייט און גרויזאַמקייט פון די מענטשן!... אייער פאַרלאַנג באַשמוצט מיך, אייער לוקסוס רופט ביי מיר אַרויס, אַ געפיל פון עקל... איר (זי האָט זיך אָפּגעהאַלטן)... ניין, עס לוינט נישט צו ריידן, — איר וועט עס סיי ווי נישט פאַרשטיין...

ער האָט אָפּגעזיפצט:

— אָ! ווי גרויזאַם איר זענט.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין מגושמדיקן פאַרקלאָגטן פּנים.

— גענוג!... איר קאָנט עס נישט פאַרשטיין... איבעריקנס, זייט מיר מוחל! איך בין היינט שלעכט געשטימט... עס זענען פאַראַן טעג, וואָס אַן׳איינציקער, דער קלענסטער טראָפּן שמוץ

איז געגוג, אַז דאָס האַרץ זאָל ווערן פול און איבערגיין. ער האָט אַראָפּגעשלינגען דידאָזיקע באַליידיקונג און הכנעהדיק זיך פאַר־בויגט:

— זייט מיר מוחל!... איך האָב נישט געוואָלט... — איך האָב נישט געוווּסט, — איר זענט אומגליקלעך? ווי מיאוס איך האָב זיך טועה געווען!... באַרויקט אייך... איך וועל מער וועגן דעם נישט ריידן... אָבער, כדי מיר צו באַווייזן, אַז איר זענט נישט אין כעס, זאָגט מיר צו איין זאַך: — פאַרשטייט זיך, איר וועט עס אַליין וועלן, ווען איר וועט קאָנען... זיך פאַרנעמען אויסמעבלירן מיין הויז. דורך פריילן קלער, אויב אייך אַליין איז עס נישט אינטערעסאַנט... איך זאָל לכל הפחות האָבן ביי זיך עפּעס אַזוינס וואָס קומט פון אייך... ניין, ניין. איך שווייג, איך רייד נישט מער. מאָרגן שיק איך אַ טשעק אויף דריי הונדערט טויזנט פאַר אייערע אָרעמע לייט, — נאָר זייט אויף מיר נישט בייז!... דערלויבט מיר ווייניגסטנס זיך זען מיט אייך פון צייט צו צייט... מערסי... מערסי...

אפילו קיין רחמנות-געפיל האָט ער ביי איר נישט אַרויסגע־רופן. עס איז אים זייער נישט אָנגעשטאַנען די מעשה, וואָס זי האָט אים אַזוי אָפּגעפּאַרטיקט. אָבער, נישט געקוקט אויף דער מפּלה, האָט נאָך אין אים געטוליעט די האָפנונג פון מולטימיליאָנער, אַז אַלץ קאָן מען סוף כל סוף קויפן. מאַדאַם באַרדינאַ איז אונטערגעשפּרונגען צו זיי מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן שפּירנדיק די נויטווענדיקייט פון איר אינטערווענץ. מאָניקע האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און קאַלט אַ זאָג געטאָן:

— איך מוז גיין.

— בלייבט נאָך, וואָס איילט איר זיך! נאָך דער אָפּערע קומט אַהער מאַרטאַרענאַל.

אָבער מאָניקע האָט זיך בשום אופן נישט געלאָזט איינרעדן.

— ניין, ניין, האָט זי קאַטעגאָריש אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב אַ דרינגנדע אַרבעט — טאַקע פאַרן באַראָן.
מאַדאַם באַרדינאַ'ס צורה האָט געשטראַלט פון פאַרגעניגן.
זי האָט שוין געציילט די היפשע סומע שדכנות און האָט נישט
באַמערקט דעם סאַרקאַזם אין מאָניקעס ווערטער.
— אַרבעט !... האָט מאָניקע געמורמלט פאַר זיך, אַוועק-
גייענדיק — מיט קיינעם זיך נישט געזעגנט – שאַפן באַקוועמלעכקייטן
און מיטהעלפן צו פאַרשטאַרקן די אייטלקייט פון דידאָזיקע
ליידיקגייער... ? וואָס קאָן מען אָבער מאַכן עס זענען דאָ מענטשן
וואָס זיי איז פיל ערגער פון איר !... זי האָט שטריינג פאַראורטיילט
איר פאַך. ווער מען נוצט עס ? פאַרזיסן דאָס לעבן פון דידאָזיקע
בהמות ! צי איז עס נישט אַן אַבסורד אָפצוגעבן אויף דעם די צייט,
די ענערגיע, דאָס לעבן ?...
אַ צעקאָכטע, אַ פאַרביטערטע, איז זי אַוועק אַהיים.

V

פון יענעם טאָג אָן איז זי אין גאַנצן געוואָרן נישט מער
ווי אינסטינקט
אָבער די שעהן, וואָס זי פלעגט אָפגעבן פאַר די פאַרשידנ-
אַרטיקסטע פאַרוויילונגען, האָבן זיך געצויגן אומעטיק און
לאַנגווייליק פלוצלינג איז אויף איר אָנגעפאַלן אַ מאָראַלישע
מרה-שחורה און אַ שטומפע גלייכגילטיקייט. די לעבנס-ענערגיע
האָט זיך אויסגעשעפּט, און דערבאָדן האָט זיך געוואַקלט אונטער אירע
פיס, דער צייטווייליקער ענטוזיאַזם איז באַלד צורונען געוואָרן,
און איר גופא האָט זיך געדוכט אַז דאָס מאָל איז זי געפאַלן עד
שאול תחתיה ! קעמפן ? צו וועלכן צוועק ? אַז זי האָט שוין
פאַרלאָרן דעם גלויבן אין אַלץ...
דער פאַרבאָרגענער ליכטיקער פונק וואָס ברענט אָבער אין
די טיפעניש פון יעדער לעבעדיקן וועזן האָט נאָך געטוליעט

אונטערן אַש פון איר פּאַרטונקעלטן באַוווסטזיין און האָט איר מיטגעהאָלפן זיך אַרויסצורייסן פון דעם זומפּ אין וועלכן איר האָט געדראָט אין גאַנצן צו פאַרזינקען.

מאָניקע איז אָבער קעגן איר אייגענעם ווילן געבליבן איינע פון יענע שטאַרקע, געזונטע נאַטורן וואָס איין איינציקער געלונגענער שריט שאַפט זיי צוריק דאָס גלייכגעוויכט און גראָד אין אַזאַ מאָמענט, ווען פאַר אַלע אַרומיקע איז איר אונטערגאַנג אומפאַרמיידלעך. אַליין האָט זי עס נישט אַנערקענט, דערין זענען אָבער געווען איבערצייגט צוויי נאָנטע מענטשן, וואָס האָבן איר גוט געקענט און איבערגעטראָגן אויף איר אַ טייל פון זייער צוגעבונדנקייט צו איר פאַרשטאָרבענער מומע סילוועסטרא מאַדאַם אַמבראַ און פּראָפעסאָר ווינאַבאָס האָבן שטאַרק געליטן דערפון, וואָס מאָניקע האָט זיך פון זיי כסדר דערווייטערט און במעט אויסגעמיטן מיט זיי זיך צו באַגעגענען. נאָכן לעצטן פרישטיק אויף באַעטו-גאַס האָט מאָניקע פּלוצלינג אויסגעגאָסן פאַר זיי דאָס האַרץ און איבערגעגעבן דעם גאַנצן אמת, וואָס זיי האָבן אויסגעהערט מיט אַנ׳אויפריכטיקן באַדויערן.

פון יענער צייט אָן פלעגט זי לויפן ווי פון פייער פון זייערע טרויעריקע, דורכדרינגענדיקע בליקן. די מיינונג פון דידאָזיקע אַלטע פריינט איז פאַר איר געווען אַ גאַנץ קלאָרע, כאָטש זיי האָבן איר גאָר נישט געזאָגט. זי האָט געשפּירט, אַז זיי זענען מיט איר אומצופרידן, און איר אייגנליבע האָט דערפון שרעקלעך געליטן מחמת זיי האָבן איר דערמאָנט די פריערדיקע מאָניקע אין אירע גוטע און שלעכטע טעג. די פאַרגאַנגענהייט איז פאַר מאָניקען איצט געווען געשטאָרבן און זי פלעגט אויסמיידן מכח איר צו קלערן. זי האָט געלעבט אויסשליסלעך מיט דער געגנ-וואַרט. דידאָזיקע ענדערונג איז דערמערהייט שטאַרק געפעלן. מאָניקע איז איצט געווען גלייך מיט אַלע – דערגרייכט הייסט עס דעם ניווא פון דערזעלבע פאַרדאָרבנקייט. עסן, טרינקען, שלאָפן

און אויספילן דעם איבעריקן טייל פון פראָגראַם מיט דעם אַלעם וואָס עס האָבן נאָר געקאָנט צוטראַכטן מענער און פרויען אויפן געביט פון אויסגעלאַסנקייט און קאַרופּציע.

— זי ווערט אַ מענטש — פלעגט מען זאָגן וועגן איר.

— איר זענט ווערט עפּעס בעסערס ווי דאָס, וואָס איר טוט, — האָט געזאָגט מאַדאַם אַמבּרא, פאַרבייגייענדיק אין אַ געוויסן טאָג פאַר די פּראַכטפולע שויפענסטער פון מאָניקעס געשעפט און אַנטשליסנדיק זיך איר צו מאַכן אַ באַזוך.

לעצטנס האָט זיך מאָניקע אין געשעפט גאַנץ ווייניק געמישט. די קונסטלערישע זייט ביז צו די גרויסע דעקאָראַטיווע אַרבעטן האָט אין גאַנצן אויסגעפירט פריילן קלער, און מ'מוז צוגעבן, אַז מיט גרויס געשמאַק. און אַנזשיבא, דער שעף פון דער קאָמערץ-אָפּטיילונג, האָט פּינקטלעך דורכגעפירט אַלע געלט-אָפּעראַציעס שטייענדיק פאַר מאַדאַם אַמבּרא אין קליינעם גאַסט-צימער, האָט מאָניקע, — וועלכע איז ערשט צוויי אַ זייגער אַרויס פון בעט — מיט אַ זיפץ אַ זאָג געטאָן:

— דורכאויס נישט, איך פאַרזיכער אייך. באמת איז אַזאַ לעבן גאַנץ אינטערעסאַנט. אָנפאַנגס האָב איך זיך באַצויגן דערצו טראַגיש, שפּעטער ערנסט... איך האָב זיך כסדר טועה געווען. דאָס לעבן איז פּראָסט-פּשוט נישט מער ווי אַ פאַרס, אַ פּאָזע. שטעלנדיק זיך אויפן דאָזיקן שטאַנדפּונקט און בעיקר באַמיענדיק זיך קיין זאַך נישט איבערטרייבן נישט מגזם זיין, — ווייל אייגנט-לעך פאַרדינט דאָך קיין זאַך נישט קיין אויפמערקזאַמקייט — איז נישט וויכטיק — קאָן מען זיך זייער גוט צופּאַסן. דאָ ליגט די גאַנצע חכמה... שפּייען אויף אַלץ!

אַ צעטראָגענע, אַ געקריינקטע האָט זיך מאַדאַם אַמבּרא צוגעקוקט צו איר פּריצייטיק פאַרעלטערטן געזיכט און מאַכטלאָז אַראָפּגעלאָזענע הענט.

— נישט קיין שלעכטע חכמה! האָט זי געמורמלט.

— די העכסטע, די גרעסטע.

— און דאָס זאָגט אַ פרוי? און דאָס זאָגט איר, איר, מאָניקע?...

— געוויס. פאַרוואָס זאָל אַ פרוי אָן אַ מאַן, אָן קינדער, אפילו אָן עלטערן, ווייל מיינע זענען דאָך... — פאַר וואָס זאָל זי זיך פאַרומערן דאָס לעבן מיט קאָנווענציאָנעלע שקרים — וועלכע די מענער טרעטן כסדר מיט די פיס? מ׳מוז זיך רעכענען מיט פאַקטן, מיין טייערע. יעדערער לעבט ווי ער געפונט פאַר ריכטיק. אין רעזולטאַט — דער טויט — דער גורל פון אַלע! אָבער באַדויערט מיר נישט, איך בעט אייך, וואָס איך פיר בינו לבינו אַ לעבן פון אַ בחור.

פרוי אַמברא האָט פאַרצווייפלט אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט. צו פיל וואָלט מען געדאַרפט ריידן. צערטלעך האָט זי אַ קוש געטאָן מאָניקען, אין וועלכער זי האָט נישט געקוקט אויף אַלץ שטאַרק געגלויבט און איז אַוועק — ווי תמיד — כמעט אַנטלאָפן. זי איז געווען איינע פון יענע פאַרדאַרטע פאַרטריקנטע, געשלעכטלאָזע באַשעפענישן פון אַנ׳אומבאַשטימטן עלטער, וואָס האָבן קיין מאָל נישט פאַרזוכט דעם טעם פון מוטערשאַפט און וואַרפן זיך דעריבער מיט דער גאַנצער קראַפט פון אומבאַפרידיקטן מונטער־געפיל אויף דער דערציונג פון פרעמדע קינדער דורך דער געוואַלטיקייט צו זאָגן מוסר האָט זיך נישט ווילנדיק אויסגעאַרבעט ביי איר אַ ביסל אַ צו שאַרפע, אַ טריקענע אויטאָריטעט האַלטונג, אונטער דערדאָזיקער הילע האָט אָבער געקלאַפּט אַ פייערדיק, פיינפילנדיק האַרץ.

מאָניקע האָט, גענעצנדיק, אויסגעהערט דעם באַריכט פון פריילן קלער: דער באַראָן פלאָמבינאַ איז אַנטציקט פון נייעם גאַרניטור אין זיין רויכער־צימער. ער האָט געבעטן איבערגעבן דעם „פריילײַן" זיין הויכאַכטונג. די דעקאָראַציעס פאַר דער נייער פיעסע פון פערדינאַנד דיוסאָל וועלן זיין פאַרטיק היינט

אין אָוונט... פרוי הוטיע האָט שוין צוויי מאָל טעלעפאָנירט און האָט צוגעזאָגט שפּעטער אַ דריטן מאָל צו קלונגען.

— גוט, איך דאַנק אייך, קלער... מאָניקע האָט זיך באַמיט צו באַהאַלטן דעם פרישן געגעץ. קיין זאַך האָט איר מער נישט אינטערעסירט... ווידער האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגווייליגער, אומענדלעכער טאָג. זי האָט אַריינגעקוקט אין שפּיגל און דערזען אַ באַרג אָנגעוואָרפענע שטאָפן וואָס האָבן באַגאָסן דאָס גאַנצע צימער מיט זייערע וויאָלעט-בלויע און גאָלדענע ליכט-שטראַלן. מיט דער אָפּשפּיגלונג פון איר געזיכט איז זי געבליבן שטאַרק אומצופרידן וואָס פאַר אַ אויגן! וואָס איז דער וווּנדער? נאָך אַזאַ נאַכט!

די גאַנצע נאַכט האָבן זיי מיט אָניקע גאַבראַני געררויכערט אָפּיום. און אויפן צווייטן טאָג אַ געפיל פון פוסטקייט און עקל צו אַלץ, נאָך די גליקלעכע שעהן פון שכרות... שעהן פון נירוואַנאַ-איבערגעהאַקטע בלויז דורך די לאַנגע געשפּרעכן צווישן איין סעאַנס און דעם צווייטן. שלאָפלאָזע שעהן, ווען ליגנדיק אויסגעצויגן לעם טאַץ מיט די רויכער-מכשירים, פלעגן זיי געמיטלעך דערציילן איינער דער אַנדערער אומענדלעכע געשיכטן, וועלכע האָבן זיי אינטערעסירט ממש ווי דער פּאַראַיאָריקער שניי... נאַרישע פּליאָטקעס, — דער גאַנגרענע-פּראָדוקט פון יענער סביבה — וואָס האָט אויסגעצויגן די גרויסע מוזיקאַלישע פעיִקייטן פון אָניקע גאַבראַני און דעם קינסטלערישן טאַלאַנט פון מאָניקע לערביע.

זי האָט אַ ציטער געטאָן פון האַסטיקן טעלעפאָן-קלונג, שוין אַ צייט ווי זי האָט פשוט נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דאָס דאָזיקע קלונגען, וואָס פלעגט איר אומברחמנותדיק אַרויסרייסן פון איר נירוואַנאַ-צושטאַנד. עס האָט זיך באַוויזן דאָס פירקאַנטיקע געזיכט פון לאַטאַרינגע אַנזשיבאַ:

— מאַדאַם הוטיע.

— תּיכּף.

מאָניקע האָט אַ זיפץ געטאָן. די פאַרוויילונגען, וואָס גינעטע פלעגט איר געווינלאַך פאָרשלאָגן האָבן איר ממש נישט פאַרשאַפט קיין שום פאַרגעניגן, אָבער סוף כּל סוף איז דאָך בעסער עפּעס איידער גאָר נישט!

ביסלעכווייז האָט זי זיך צוריק אַריינגעצויגן אין קרייז פון אירע פריערדיקע חברטעס העלענאַ סיוז און מישעל ד'אַנטרעג צוזאַמען מיט מאַדאַם הוטיע און פאַנעט'ן זענען ווידער געוואָרן אירע נאָנטסטע פריינט. איצט זענען איר די טעגלעכע באַגעגענישן מיט זיי אַפילו געוואָרן אָנגענעם, — איצט, ווען זי האָט אויפגעהערט זיך צו עמפּערן מיט זייער (חצופות) און אויסגעלאַסנקייט, ווען זי אַליין איז מאָראַליש געווען אַזוי אויסגעלאַסן ווי זיי אַלע. צו דערדאָזיקער פריינדשאַפט, אין וועלכער זי איז כּסדר געזונקען ווי אין אַ זומפּ, האָט זיך צוגעמישט אַ מין אומבאַוווּסטזיניקער אָבער זיסער אומעט, אַרויסגערופן דורך די פאַרטויבטע שטימען פון עבר, דורך די נאָך לעבעדיקע דערינערונגען אָן דער פריער־דיקער מאָניקע, אָן די טעג פון אילוזיעס פון גלויבן אין דער צוקונפט.

מאָניקע איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן. אין אַ מינוט אַרום האָט זי שוין כּלומרשט געשמייכלט:

— ניין, היינט אין אָוונט קאָן איך נישט. איך עס מיטאָג צוזאַמען מיט זאַבעט'ן, און דערנאָך פיר איך איר צו אָניקען.

— ....

— יאָ, זי האָט נאָך קיין מאָל נישט געראָויכערט. זי וויל פאַרזוכן דעם טעם...

— ....

— דאָס איז עס! די קלאָרקייט פון פאַרשטאַנד און די אַבסטראַקציע פון די געדאַנקען, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורכן

אַפּיום... דאָס בונט זיך אויסגעצייכנט מיט טעאָזאָפּיע...

— ....

יאָ, אין מיטן ספּריטיזם. עס הייבט זיך אָן צו דאַפּלען אין די אויגן...

— ....

— נו, מיין טייערע, אויב דו ווילסט שוין דורכאויס, קאָן מען אָט וואָס מאַכן: קומט אַלע צו פאָרן נאָך אונז, נאָכן מיטאָק... וווּהין? אין אינדישן רעסטאָראַן, דו ווייסט ווו אויפן מאַנמאַרטר... יאָ, יאָ, דערזעלבער דערנאָך וועלן מיר זען, וואָס צו טאָן. עס קאָן זיין, אַז זי וועט גאָר זיין זייער צופרידן. קולטור איז נוצלעך אין יעדער עלטער. אויף ווידערזען, מיין טייערע.

זי האָט אַוועקגעלייגט די טעלעפאָן טרובקע. דאָס פּייער, וואָס האָט אַ מאָמענט געפלאַקערט אין אירע אויגן, האָט זיך אויסגעלאָשן מיט אַן׳אומעט האָט מאָניקע איצט באַטראַכט איר קליינעם גאַסט-צימער, ווו זי האָט נאָר דאָ נישט לאַנג אַזוי ליב געהאַט צו אַרבעטן אין די פרייע שעהן. אויפן שרייב-טיש אין סטיל פון לודוויק דעם פופצטן האָבן זיך געוואַלגערט נישט קיין בעענדיקטע צייכנונגען. דאָס צימער האָט איר אויסגעזען פּוסט, — פּוסט, ווי דער אָנקומענדיקער טאָג, ווי דאָס גאַנצע לעבן.

זי האָט אַ גענעץ געטאָן, זיך אָנגעהויבן ציען און אָנגעקלונגען. עס האָט זיך באַוויזן דער עקשנותדיקער סלאַווישער פּנים מיט די שטאָלענע אויגן די פריילן טשערבאַליעווע.

איך גיי אַרויף צו זיך אין דער הויך, קלער. רופט מיך נישט אַרויס, — ביז מיטאָק וועל איך נישט זיין אין דער היים.

— אין אייער ראַנדע-ווו מיט פריילן מאַרנוע?

פריילן מאַרנוע, פּאַרבייטנדיק איר בעלגיער מיט זיין הויז אויף ליסאַרבאָן-גאַס אויף אַן׳אַמעריקאַנישן גרויס-אינדוסטריעלער מיט אַ ווילע אויף אַוועניו-פרידלאַנד, האָט באַשטעלט נייע מעבל.

— זאָגט איר... וואָס איר וועט געפינען פאַר נויטיק. איך גיב אייך קאַרט-בלאַנש.

לאַנגזאַם איז מאָניקע אַרויף אין דער הויך, אין איר וווינונג, וווהין נאָך פּעער רוסן, נאָכן דעפּוטאַט, נאָכן אינזשינער און נאָכן קינסטלער איז קיין שום מאַנספּאַרשוין מער ניט אַריינגעקומען. די קאָנסולטאַציע ביים דאָקטאָר הילבורג האָט איר אויסגעהיילט פון אַלע אומנויטיקע באַציונגען. זי האָט געפירט אַ בחורשן לעבן און פלעגט שלאָפן ווי עס האָט זיך געמאַכט. מייסטנס אין אירע צוויי צימערלאַך אויף מאַנמאָרטאַר.

נאָך די מוזיק-האַלעס און נאַכט-קאַבאַרעטן, וועלכע זי האָט ווידער אָנגעהויבן גאַנץ אָפט צו באַזוכן, איז געווען אַזוי אָנגענעם אָפּצוריען אין דעמדאָזיקן נעסט וואָס איז באַשטאַנען בלויז פון אַ וואַנע-צימער אין אַ בודואַר מיט אַ גרויסער זאָפע זייער אַ באַקוועמער, צום רויכערן, און אָפטמאָל פאַר אַ צופעליקן אינטימן צייט פאַרטרייב.

נאָך די וויזיטן ביי אָניקען האָט זיך איר, ווי אַן׳אמתער אָפּיאָמאַנקע, דורכאויס פאַרוואָלט צו האָבן אַן׳אייגענעם רויכער-צומער מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן און נויטיקע מכשירים. מאָניקע האָט זיך פויל געצויגן פאַרמאַכט די לאָדנס און אין דער פינצטער זיך ווידער געלייגט אויפן נאָך נישט צוגעבעטן געלעגער. זיך באַמיענדיק איינצושלאָפן, האָט זי מיט עקל און געוויסנס-ביסע געקלערט וועגן די רוישיקע גאַסן, וועגן געשעפט, ווו קלער און אַנזשיבאַ טאַנצן אַרום די קונים, וועגן דער זון, וואָס שיינט איבערן דאָזיקן ברויזנדן שטאָטישן בינשטאָק... און ענדלעך האָט זי דערשפירט ווי זי פאַרזונקט אין אַ זיסע נירוואַנע.

אויפגעכאַפּט האָט זי זיך ערשט אָוונטצייט. נאָך אַטאָג געגאַנגען לאבוד... וואָס האָט עס אייגנטלעך פאַר אַ באַדייטונג! דער טאָג פלעגט זיך ביי איר ערשט אָנהויבן ביי נאַכט. ווען דער נאַרקאָז און די צופעליקע באַגעגענישן האָבן פאַרטויבט אירע

געדאַנקן מכּח דער אייביקער פראַגע — „צו וואָס?" און ווען זי האָט זיך ווידער געהאַלטן פאַר אַ לעבעדיקע.

מאָניקע, וואָס פריהער פלעגט זי זיך אָנטאָן אין פערלויף פון עטלעכע מינוט, האָט זיך איצט פאַרנומען מיט איר טואַלעט גאַנצע שעהן, מיטאָק פלעגט זי געווײנלעך עסן אַרום זייגער ניין אין אָוונט.

עס האָט געשלאָגן אַכט, און פּלוצלינג האָט זי דערהערט אַ קלונג אויף די טרעפּ. זי איז געבליבן אַ טויטע; אויף די פינגער פון דער אויפגעהויבענער האַנט איז נאָך געלעגן די שמינקע, מיט וועלכער זי האָט געוואָלט אָפּפרישן איר בלייכן געזיכט... „זאַבעטע" זי איז שוין דאָ... „אוי, האָב איך זיך היינט פאַרשפּעטיקט" !

— לעדי ספרינגפילד, — האָט געמאָלדן די שטוב-מיידל.

— קום אַריין! — האָט מאָניקע אויסגעשריגן דערזעענדיק אין שפּיגל זאַבעטן, איר אַמאָליקע בעסטע חברטע — די לעבעדיקע דערינערונג אין די גליקלעכע יוגענט-טעג. אַ הויכע, אַ שלאַנקע — האָט לעדי ספרינגפילד, — נישט קוקנדיק אויף איר מער ווי נישט צניעותדיקן טואַלעט — אויסגעזעען אין מאָניקעס אויגן די זעלבע עליזאַבעטאַ מעער, זי האָט זיך לגמרי נישט פאַרענדערט... אויף איר געזיכט איז געלעגן דערזעלבער שטיפערישער און פּראָבלע-מאַטישער אויסדרוק, וועגן וועלכן די מומע סילוועסטראַ פלעגט זאָגן: — זאַבעטא — דאָס איז אַ שטיינערנע מצבה אויף אַ באַגראָ-בענעם סוד".

נישט אויסדרייענדיק זיך, האָט איר מאָניקע אינטערגעשטעלט דעם האַלדז:

— קוש אָבער באַשמוץ מיר נישט מיט די ליפּן פּאָמאַדע.

— איך נוץ טריקענע, וואָס שמוצט נישט, — האָט זיך זאַבעטע צעלאַכט. אָבער ווי שעמסטו זיך נישט! נאָך אין דעם העמד!

מיט אַ רו:יקער באַוועגונג האָט מאָניקע דאָס לעצטע מאָל אונטערגעפּירט די אויגן:

איך בין תּיכּף פֿאַרטיק! שוין אין די זאָקן!

זי האָט זיך אַ הויבגעטאָן. אונטערן לייכטן קומאַנאַ האָט זי מער נישט געטראָגן ווי אַ קורצע קאָמבינעזאָן. לעדי ספּרינגפֿילד האָט געקוקט אויף איר מיט אַנטציקונג:

– ווי שיין דו ביסט געוואָרן!... אין זיך רויטלענדיק האָט זי צוגעגעבן, – אָבער דו ביסט פֿריער אויך געווען שיין!...

קוקענדיק אויף דער אויסגעטאָנענער מאָניקע האָט זי זיך דערמאָנט אין יענעם ווייטן, הייסן אָוונט, ווען אין דער לופֿט האָט זיך געטראָגן אַ שטורם... מעכאַניש האָט זי אויסגעשטרעקט די האַנט אין אָנגערירט מאָניקעס דעקאָלטירטן ביוסט... רויט ווערענדיק אונטער דער שמינקע, האָט מאָניקע פֿאַרשעמט אין צאַרט געפּליסטערט דיזעלביקע ווערטער, וואָס האָבן דאַן אין יענעם אָוונט, אַזוי שטרענג געקלונגען אין איר מויל:

– הער אויף! וואָס איז מיט דיר!

דער אומצווייזיידיקער שמייכל האָט דאָס מאָל לגמרי פֿאַרווישט די פּראָבלעמאַטישקייט פֿון זאַבעטע׳ס שטיפֿערישן געזיכט.

– מאָניקע האָט אָנגעהויבן לאַכן:

– און דו שעמסט זיך גאָר נישט?...

לעדי ספּרינגפֿילד האָט אַנטשידן אַ שאָקעלגעטאָן מיטן קאָפּ. פֿאַרוואָס עפּעס דאַרף זי זיך שעמען? איר מאַן איז צו שטאַרק געווען פֿאַרנומען מיט די מלוכה-אָנגעלעגנהייטן, ער זאָל צייט האָבן צו קלערן מכּח ליבע... ער האָט איר צוגע-שטעלט צוויי קינדער פּונקט ווי ער זאָל האָבן פֿאַר-פֿלאַנצט צוויי בוימער. זייער דערציונג? איצט זענען זיי אין קינדער-צימער, שפּעטער וועלן זיי זיין אין שולע... ספּיריטיזם, טעאָזאָפֿיע – דאָס זענען נאַטירלעך, זייער שיינע זאַכן אָבער

בלויז פאַר דער נשמה... אָבער לעדי ספרינגפילד פלעגט אויך נישט פאַרגעסן אָן גוף... אין וואָס פאַר אַ גוף קאָן דען זיין פראַכטפולער פון אַ שיינעם פרויען-קערפער? מאַניקע, די לאַנג געגלוסטע מאַניקע, האָט ווי אין פריערדיקע צייטן — פאַרנומען דעם אויבנאָן ביי איר אין האַרצן....

די חברטעס האָבן פריילעך אָפּגעמיטאָקט אין אַ קליינעם רעסטאָראַנדל, אויף וועלכן הוטיע האָט גיגעט׳ן אָנגעוויזן. בלויז עטלעכע, פאַרטרויטע, האָבן בכלל געוווסט מכח זיין עקסיסטענץ. עקזאָטישע, שאַרפע שפייזן געווירצט מיט טערקישן פעפער האָבן זאַרויסגערופען אַ שטאַרקן דורשט. זיי האָבן אויסגעטרונקען טרוקענעם, געפרוירענעם שאַמפּאַניער-וויין און זענען פריילעך געוואָרן, זיך געכוכעט ווי קליינע מיידלאַך. לעדי ספרינגפילד האָט זיך שטאַרק באַמיט איבערצושיידן מאַניקען אויף איר גלויבן; אָבער איר דרשה וועגן עולם הבא איז נישט געווען לויט מאַניקעס געשמאַק! ניין, ניין! און נאָך אַ מאָל ניין!... וואָס דו זאָלסט נישט ריידן — זענען מיר נישט מער ווי אַ סומע, אַ קוואַנטום אַטאָמען, אַ שטאָף וואָס האָט אין משך פון אַ פילטויזנטיאָריקער עוואָלוציע געשאַפן אַ נשמה, ווי די בלום שאַפט דעם פּאַרמאַט... די נשמה אָבער, ווי דער ריח פון בלום, שטאַרבט צוזאַמען מיט׳ן שטאָף...

— אָ! דאָס איז אפיקורסות, גאָטלעסטערונג!

— ניין, דאָס איז פולשטענדיק ראַציאָנאַל, דער גייסט לעבט אייביק בלויז אין די קולטור — און קונסט-שאַפונגען, וועלכע בלייבן נאָכן טויט פון זייערע שעפער. עולם-הבא — נישט מער ווי אַ כומעריע — אַ פאַנטאַזיע — השארת הנפש, נשמה-וואַנדלונ- גען — בלויז אַנ׳אָבסורד, אַ פּראָדוקט פון קראַנקע פאַנטאַזיעס!... ווען דיינע גייסטער זאָלן האָבן אַ טראָפּן געזונטן פאַרשטאַנד וואָלט קיין איינער פון זיי נישט צוריק געקומען אויף דער

מיאוסער וועלט. זיי וואָלטן אייביק בלייבן דאָרט, ווו זיי זענען מגולגל געוואָרן.

מאָניקע האָט, לאַכנדיק, אָנגעוויזן אויפן עסן וואָס עס האָט זיי דערלאַנגט דער שוואַרצער קעלנער.

— וואָס, אין דאָזיקן קרויט זיצן אויך דיינע גייסטער? שוין צייט דו זאָלסט אַוועקוואַרפן דיינע נאַרישקייטן — קיין גייסטער עקסיסטירען בכלל נישט. עס זענען פאַראַן בלויז אומבאַגרייפלעכע קרעפטן וואָס באַוועגן אונזער פאַרשטאַנד און אונזערע געפילן.

— יאָ, אָבער דידאָזיקע קרעפטן זענען איבערנאַטירלעכע.

— ניין, דורכאויס נישט די סאַמע נאַטירלעכסטע, נאָר לעת־עתה נאָך נישט אַנדעקטע. מיט דער צייט וועט מען זיי אויך אַנדעקן. אָט האָבן מיר דאָך ערשט נישט לאַנג אָנגעהויבן שטודירן די סודות פון וואַרעמקייט און עלעקטריציטעט...

— וואַרט נאָר, און די טעלעפּאַטיע *)? און דאָס פּאָרויסזען? און דאָס פּאָרויסזאָגן פון לגמרי אומדערוואַרטע געשעענישן? דאָס איז שוין פעסטגעשטעלט דורך אומבאַשטרייטבאַרע פאַקטן און וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען. און די גייסטער־פאָטאָגראַפירונג? מיט וואָס זאָל מען דאָס אַלץ דערקלערן? אויב נישט מיט דער באַטייליקונג פון יענערזייטיקע קרעפטן אי מענטשלעכע, אי געט־לעכע גלייכצייטיק? לעדי ספּרינגפילד האָט אַזוי שטאַרק אַ קלאַפּ געטאָן מיט'ן מעסער אין טיש, אַז דער קעלנער איז צוגעלאָפן.

— אַהאַ! האָט זיך מאָניקע צעלאַכט, — דער טיש האָט אָנגע־הויבן ריידן און אָט איז דער גייסט! פון אַנשטענדיקייט וועגן האָט זי באַשטעלט אַ פלאַש שאַמפּאַניער:

— נו, קיין בייז נישט, ווען מיר נאָך אַ ביסל טרינקען!

יאָ, האָט זיך צעלאַכט די ספּיריטיסטין, — און דאַן וועט

*) „היפּנאָז“.

זיך שוין דער טיש אַליין דרייען! איך בין גאָר נישט אַזוי נאַאיוו, אַז איך זאָל גלויבן אין יעדן אַבסורד, איך בין אָבער פעסט איבערצייגט, אַז אונזער גייסט שטאַרבט נישט צוזאַמען מיט'ן שטאָף. זייערע אַסטראַלעס (אומזיכטבאַרע) קערפּערס צושיטן זיך איבערן וועלט-שטח און נעמען אָן כסדר נייע פאָרמען. אָט אַזוי קלונגט, לויטן ווילן פון שעפער, דער האַרמאָנישער ריטם פון אין-סוף, פון אומענדלעכן.

לעדי ספּרינגפילד'ס שטים האָט אַזוי ליידנשאַפטלעך געציטערט, אַז זי האָט אַקצענטירט יעדס וואָרט.

– גאָט! – האָט מאָניקע אויסגעשריגן. דער חברטעס פּראַזעאָלאָגיע, וואָס זי האָט איר געהאַלטן פאַר אַנ'איבערצייגטע מאַטעריאַליסטן, האָט איר שטאַרק אַמוזירט... – וואָס פאַר אַ גאָט?... דער גאָט פון קריג? און וואָס פאַר אַ פעל וועט ער, למשל, אָנטאָן – נו, לאָמיר זאָגן, כאָטש די נשמה פון ווילהעלם דעם צווייטן?... מיר ווילט זיך פּשוט לאַכן פון דיין השארת-הנפש און גייסטער-וואַנדלונגען!

כאָטש מאָניקע האָט זיך כלומרשט אויך פאַראינטערעסירט מיטן וכוח, אָבער דאָך האָט אין אירע ווערטער געקלונגען עפּעס אַ מין טיפע, אינערלעכע מידקייט:

– אַרום און איבער אונז – די פינצטערע נאַכט פון שטאָף. אינזערע לעבנס זענען נישט מער ווי בלאָנדזשענדיקע פייערלאַך, וואָס ווערן שפּורלאָז פאַרשווונדן און דאָס איז אַלץ!... און בינו לבינו – גלאַנצט ביי מיר די נאָז...

זי האָט,זיך צוגעפּודערט. לעדי ספּרינגפילד האָט שווייגנדיק אַרויסגענומען פון אַ זילבענעם ציגאַרען-טאַש אַ טערקישן פּאַפּיראָס דער לאָקיי האָט צוגעטראָגן שוועבעלאַך.

– איך דאַנק, האָט זי געזאָגט דעם לאָקיי. — איך האָב קרענקונג פון דיר, מיין טייערע, דו וויצלסט זיך, אָבער פון דיינע וויצן שפּירט זיך אַ טיפער שמערץ. – יאָ! איך האָב עס פאַרשטאַנען...

אָבער וואָס טויג דער יאוש? עס האָט לגמרי קיין זין נישט...

מאָניקע האָט געקוועטשט מיט די באַרקעס און דערלאַנגט דאָס גלאָז:

— דאָס לעבן!... לאָמיר בעסער וועגן דעם נישט ריידן... עס זענען פאַראַן מענטשן, וועלכע זענען גרייט זיך צו דערטרינקען אין אַ שפּיי, איך וויל שוין בעסער — אין שאַמפּאַניער!

— זי האָט אויסגעטרונקען דאָס גלאָז מיט איין צי.

זאַבעטע, צוריקנדיק גענטער איר שטול, האָט צערטלעך געפּליסטערט:

— די מענער קאָנען נישט געבן די פרויען קיין גליק... זיי קלערן נאָר וועגן זיך.

— ווי אַ מאָל! — האָט מאָניקע געענטפערט. — גינעטע, למשל, האָט מיר נעכטן דער ציילט וועגן איר מאַן לגמרי עפּעס אַנדערש!...

די ענגלענדערין האָט זיך שטאַרק געקאָכט:

— נו, זי איז דאָך פּשוט אַ דבר-אחר! הער הוטיען׳ס שם, די פּערמאַנענטע טעמע פון די הומאָריסטישע צייטשריפטן, האָט געקלונגען ווייט איבער די גרעניצן פון די רעסטאָראַנען „מאַקסים״ און „אירען״ און האָט זיך געלאָזט הערן אפילו אין ענגלאַנד. לאָרד ספּרינגפילד, באַגעגנדיק זיך מיטן מיניסטער אויף פּאָליטישע קאָנפערענצן און פאַרפירט דורך זיין באַשיידענעם אויסזען, האָט בשום אופן נישט געגלויבט אין דידאַזיקע אַלע פּליאָטיקעס. די לעדי האָט אָבער געהאַט ריכטיקערע ידיעות. בנוגע הערהוטיע איז ביי איר נישט געווען קיין שום ספק, מחמת גינעטע האָט פאַר איר אויסגעזאָגט דאָס גאַנצע האַרץ. וועגן די געוווינהייטן פון הער מיניסטער האָט זי בכלל צו דערציילן אויף רעכטס און אויף לינקס.

— באַלד וועסטו זיך זען מיט גינעטן, האָט מאָניקע געזאָגט.

— אָט איז זי טאַקע!

אַ באַל-פּעלערינע אויף די באַרקעס האָט די פרוי-מיניסטער

אַריינגערוקט אין טיר איר לוסטיקן מאַט'ן פּנימל. מיט אַ זשעסט האָבן איר די חברטעס אָנגעוויזן אויף זייער טיש. און זי, שטאָלץ אויף איר גרויסאַרטיקן טואַלעט, איז פייערלעך און מיט פעסטע טריט דורכגעגאַנגען דורכן זאַל. דער רעסטאָראַן איז שוין כמעט געווען ליידיק. די ווירטין, האָט אין אַ ווינקעל געשפּילט אין קאָרטן מיט איינער פון אירע חברטעס: דער שוואַרצפּאַרביקער לאָקיי האָט זיך אַרומגעדרייט אָן אַ שטאָך מלאכה. אויף זיין בראָנזענעם פּרצוף האָט מען נישט געמערקט קיין שום התפּעלות, כאָטש ער האָט גינעטן תיכף דערקענט. איז געווען... דיזעלביקע „פריילן" וועלכע האָט אים בשותּפות מיט נאָך „אַ פריילן" און עפּעס אַנ'עלעגאַנטן הערן איין מאָל אַוועקגערויבט פון קאַפּע ד' אַנו, ווו ער האָט דעמאָלט געדינט. דעם נעגערס באַהאַלטענער שמייכל און זיין צווייידייטיקער בליק האָבן דערמאָנט גינעטן אָן יענעם פּאָרפּאַל און אָן דער גאַנצער מעשה, וואָס עס איז דאַן געשען... געווען איז עס אין אַטעליע פון סעסיל מעער!... דער אומגעהייער גרויסער שוואַרצער טייוול — דער סדומניק האָט באַהערשט די לאַגע, און זי מיט מישעל ד' אַנטרעג זענען געווען עדות און די מיטהעלפערינס...

מיט אַ בליק האָט זי דעם נעגער געהייסן שווייגן, און די חברטעס פּאַרגעלייגט תיכף זיך אָפּצוטראָגן.

— מ'וואַרט אויף אונז אין אַנ'אויטאָ...

לעדי ספּרינגפילד האָט אַ פרעגגעטאָן:

— ווער?

— מאַקס דע לאָם און מישעל...

— וווּהין פאָרן זיי דען?

גינעטע האָט סודותפול צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן. — וועסט שוין זען! מאָמענטאַל איז איר איינגעפאַלן אַ נייע המצאה, אַ פרישער וואַריאַנט. זאָגעטע אָנשטאָט דעם ברודער, מאַקס און דער נעגער — זייערע צוקונפטיקע ראָלעס האָט זי נישט איינ-

געטיילט, זיך פאַרלאָזנדיק אויף דער פאַנטאַזיע פון די פאַרטנערן.
מיינט, נאָכן עצהן זיך מיטן מאַן, וועלכער פלעגט איר בלויז אונטער דער באַדינגונג פון פולשטענדיקער אָפּנהערציקייט געבן די פולסטע פרייהייט, — האָט זי באַשלאָסן צו פּרוּוון אַ נייעם אָרט.

דער געוועזענער מיניסטער (נאָכן פייערלעכן מיטאָק ביי אַניקען איז פערטו׳ס קאַבינעט געפאַלן) פלעגט זיך אָפטמאָל אויך באַטייליקן אין דידאָזיקע פייערלעכקייטן. און קוים איז ער נישט געווען אָנוועזנד, — האָט ער תמיד געפאָדערט אַ גאַנץ גענויעם באַריכט, אויב נישט וואָלט מען אים דאָך לגמרי רעזולטאַטלאָז געשמיסן ביי „אירען״... אויף אַזאַ אופן האָט הוטיע, — דער שטערן פון פראָגרעס — זיך באַמיט צו דערווערבן די רעפּוטאַציע פון אַ פּראָמינענטער פּערזענלעכקייט.

...— אויף די הינטערשטע פלעצער! — האָט גינעטע קאָמאַנ־דעוועט אונטערשטופנדיק לעדי ספּרינגפילד. מאַקס דע לאַם האָט זיך אויפגעשטעלט כדי צו באַגריסן די דאַמען.

— זעצט זיך מאַקס, מישעל ביי אייך אויף די קני און מאָניקע ביי זאַבעטען! און איך אין מיטען... — זי האָט אָנגעגעבן דעם שאָפער די אַדרעס, און לעדי ספּרינגפילד האָט אַ פרעג געטאָן:

— אָבער אַניקע וואַרט דאָך אויף אונז!

— איר מיינט אַזוי? — האָט מישעל אונטערגעלאַכט. פאַר איר עקסיסטירט איצט נישט קיין זאַך אויף דער וועלט אויטער די אָפּיום-פּיפּקע.

— אַ גרויסער שאָד, — האָט באַמערקט מאַקס דע לאַם. — זי האָט ווירקלעך געהאַט טאַלאַנט. ער האָט שאַרף פאַראורטיילט אַניקען פאַר דערדאָזיקער שוואַכקייט, וואָס האָט ביסלעכווייז אָפּגעטויט אין איר די גרויסע קינסטלערן און דערפירט צום פולשטענדיקן אונטערגאַנג. ער אָבער האָט מיט פאַרזיכט רעגולירט

זיין לעבן ווי אַ מאַשין. לויט זיין מיינונג מוז זיך די ליבע און דער גענוס אונטערוואַרפן דער ווילנס-קראַפט. לכל זמן. אַלץ איז גוט אין דער צייט. צו דרייסיק יאָר איז ער שוין געווען דער פּאָרזיצער אין קלוב, פּאַר ליטעראַרישע קריטיק און אַ קאַנדידאַט אין דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע. מאָניקע האָט לגמרי נישט געטראַכט, — זי איז ווי פאַרשכורט געוואָרן פון טרייסלענדיקן אויטאָ און פון זאַבעטע׳ס באַרועדיקע אָרעמס... זי האָט זיך דערמאַנט אָן דער ווייטער קינדהייט, בעת זאַבעטע איז געווען איר עלטערע שוועסטער. דאָס אַלץ האָט זיך צונויפגעמישט מיט עפּעס לחלוטין ניי עמאָציעס...

אין „אָלימפּיע״ האָט זייער דערשיינען אין די ערשטע רייען אַרויסגערופן אַן׳אמתע סענסאַציע. דער גאַנצער זאַל האָט אויף זיי געקוקט און דעריבער האָבן זיי זיך געשפּירט אַ ביסל אומבאַקוועם. אַ ריידנדיקער ים-חזיר, אַ זינגערין וואָס האָט אימיטירט דאַמיע׳ן א. אַ. וו. — דאָס אַלץ האָט זיי באַלד דערעסן און דער גאַנצער עולם האָט זיך דעריבער אָנגעכאַפּט אָן גינעטעס פאָרשלאַג.

— אפשר זאָלן מיר זיך גאָר אָפּטראָגן פון דאַנען?

ביים אַרויסגאַנג פון טעאַטער איז לעדי ספּרינגפילד געווען שטאַרק איבעראַשט, אַז מ׳האָט איר אַריינגעזעצט אין אַ טאַקסי. דער שאָפער, וואָס מאַקס דע לאַם האָט אים גוט באַצאָלט, האָט איינגעוויליקט אַריינעמען זיי אַלע. — גינעטע האָט דערקלערט:

— איך האָב אָפּגעשיקט מיין אויטאָ און געהייסן איבערגעבן, אַז מישעל וועט אונז אָפּפירן... די שאָפערן טאָרן נישט וויסן אַז מיר פאָרן אין אַן „אַנשטאַלט״...! לעדי ספּרינגפילד, נישט פאַרשטייענדיק האָט איבערגעפרעגט: — וווהין?... גינעטע האָט זיך צולאַכט און אַראָפּשלינגענדיק דאָס וואָרט „קלאָאַק״ *) האָט

---

*) קלאַאַק — די ווערטלעכע איבערזעצונג: „מיסטקאַסטן״.

די איבערזעצערין

זי בלויז פאַרשטאַרקט. לעדי ספרינגפילד׳ס איבעראַשונג, בעת די האָט צוגעגעבן:

— נו, יאָ! אין אַ קליאַק!

— אין אַ קליאַק? וואָס איז עס אַזוינס?

גינעטאַ האָט ווידער אַ מאָל אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער...

— נו... אין אַנ׳עפּנטלעכע הויז אויב דו פאַרשטייסט נישט קיין פראַנצויזיש...

אַ! האָט לעדי ספרינגפילד אויסגעשריגן מיט אַזאַ אויפריכטיקער עמפּערונג, אַז אַלע איבעריקע האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער.

— נו, איז וואָס ווערסטו דאָ אַזוי, נתפּעל! האָט גינעטאַ געפרעגט, — דאָס איז דער איינציקער אָרט וווּ מ׳קאָן אַביסל פאַרברענגען. — מ׳דאַרף זיך נישט מאַסקירן, נישט זשענירן. פולשטענדיקע פרייהייט... אין רעיעלע סחורה, נישט קיין אָפּגענאַרטע. זאַבעטע האָט זיך אויסגעדרייט צו מאָניקען און אַנטשלאָסן געזאָגט:

— לאָמיר אַוועקפאָרן!

נאָר יענע האָט געפליסטערט:

— בלייב, ס׳אַר אַ נאַר דו ביסט!

לעדי ספרינגפילד האָט געלאָזן אין גאַנג איר לעצטן אַרגומענט!

— און אַז מ׳וועט אונז דערקענען?

זי האָט געדריקט די האַנט פון איר חברטע:

— קום! מיר וועלן זיך גוט אַמוזירן.

לעדי ספרינגפילד האָט נאָך געפּרוווט פּראָטעסטירן.

— און אַז מ׳וועט אונז דערקענען?

— דאָס איז אוממעגלעך — האָט איר איבערגעהאַקט, מאַקס וועלכער האָט שוין פון אין דערפרי אַן צוזאַמען מיט מישלן געוווּסט פון גינעטעס פּלענער.

— ראשית קאָן אונז דאָרט קיינער נישט דערקענען, מחמת קיינער קען אונז נישט. שנית וועט אונז דאָרט קיינער נישט זען... און ענדלעך (ער האָט געמאַכט אַ זשעסט פול איידלמוט) עס איז פאַראַן אַ פּראָפעסיאָנעלער סוד...

זאַבעטע האָט זיך אונטערגעגעבן.

— לכל הדעות, האָט זי געזאָגט דראָענדיק גינעטען מיטן פינגער, — ווייל איך האָפן, אַז דיין מאַן...

— זיי רויק פריער ווי איינס אַ זייגער וועט ער נישט זיין צוריק. ער דאַרף נאָך מיר קומען עפּעס נאָך אַ באַנקעט... ביז יענער צייט וועל איך אַוועקפאָרען!

— ער איז נישט אַזוי צודרינגלעך!...

— מיר זענען שוין צוגעפאָרן!...

דער טאַקסאָמעטער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט עטלעכע הייזער פריער פאַר דער רויטער לאַמטערנע, דעם ספּעציעלען, פאַרהעלט-ניסמעסיק באַשיידענער צייכן פון אַרום און אַרום פאַרמאַכטן בנין. מאַקס דע לאָם האָט אָנגעקלונגען און איז צוגעטרעטן צו די אונטערהאַנדלונגען. די פאַרוואַלטערין האָט געגעבן דירעקטיוון, עס האָבן זיך דערהערט טריט אויף די טרעפּ. אַ קלאַפּן מיט די טירן. נאָכגייענדיק דער דיקער פאַרוואַלטערין, זענען אַלע פיר אַרויף אין דער הויך, שפּירנדיק זיך אַ ביסל אומבאַקוועם, פּונקט ווי דידאָזיקע וועגט זאָלן האָבן אויגן. מאַקס, אַ רויקער און אַ זיכערער, איז געגאַנגען דער לעצטער. פריי אָפּגעעטעמט האָבן זיי ערשט נאָך דעם ווי מ'האָט זיי אַריינגעפירט אין גרויסן טערקישן צימער, ווייל דער שפּיגל-זאַל איז געווען באַזעצט. דאָס איז געווען אַ גרויסער גאַסט-צימער מעבלירט אין טערקישן סטיל פון קלישי-באַזאַר. די קאָלירטע לאָמפּן אין די ווינקלען האָבן געוואָרפן אַ מין סודותפולן שיין אויף די טונקעלע טאַפּעטן די אומגעהייער גרויסע זאָפע מיט אַ גאַנצן באַרג קישנס, איז געווען אַזוי טיף, אַז אויף איר האָבן פריי געקאָנט ליגן אין דער ברייט

עטלעכע מענטשן. דערלאַנגענדיק דעם אומפאַרמיידלעכן שאַמפּאַניער, האָט די פּאַרוואַלטערין געפרעגט מכח די ווייטערדיקע באַשטעלונגען: ברונעטקעס אָדער בלאָנדינקעס? זי אַליין האָט, ווי עס פּירט זיך, פאָרגעשלאָגן אַ נעגערין. אָבער מאַקס האָט זיך אָפּגעזאָגט, און גינעטע האָט לויט דער עצה פון דער פּאַרוואַלטערין אויסגעקליבן אירמען, — אַ פלאָמאַנדערין אין גינעטע — קאַרמנען, — אַנ׳אמתע שפּאַניערין, פון סעווילִיע! זאַבעטע און מאָניקע, נישט פאַראינטע-רעסורט מיט דער וואַל, האָבן זיך אויסגעצויגן ווי גרויס זיי זענען אויפן זאָפע אַלס צושויערינס, מיט פאַרלייגטע הענט איבערן קאָפּ.

לעדי ספּרינגפילד, אָנגעשפּאַרט אויף די קושנס, האָט פון הינטער מאָניקעס שולטערן נאָכגעקוקט יעדער באַוועגונג.

אירמעס וואונדערבאַרע שיינקייט און קאַרמענס נערוועזע עלעגאַנץ, וועלכע זענען אַריין זיך פאַרבויגנדיק, אָנגעטאָן אין לייכטע פּעניואַרן, און זיך גלייך געוואָרפן צו זייערע פיס, האָבן שטאַרק נושא חן געווען אין לעדי ספּרונגפילד׳ס אויגן פון אַ גרויסן מבין. די נאַקעטקייט פון די דאָזיקע מיידלאַך האָט זיי לגמרי באַפרייט פון אַלע סאָציאַלע קאָנווענציאָנעלע שקרים.

זיי האָבן זיך אומגעקערט צו דער היהשער איינפאַכקייט און דער פרומיטיווער אונמיטעלבאַרקייט. אין טערקישן צימער זענען אַלע אויסער זאַבעטן געווען אַנטבלויזט! גינעטע, מישעל און מאַקס האָבן פונאַנדער געוואָרפן איבערן צימער די מלבושים וואָס האָבן זיי געשטערט. זאַבעטע אַ שטאַרק אויפגערייצטע האָט נאָכגעקוקט זייערע שפּילערייען; און די אַנטבלויזטע קערפּערס, וואָס זענען געווען צונויפגעפלאָכטן אין אַ צוזאַמענגעדרייטן בלומען-קראַנץ — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מאָניקע האָט זיך גלייך אויסגעניכטערט פון איר שכרות. אומעטיק האָט זי געקוקט אויף זאַבעטן די אויפרעקונג פון אַ נעאָפיטין!

וויפיל מאָל האָט מאַניקע גופא, אין אַזעלכע מקומות, מיט אַזוינע פרויען זיך געפּרוּווט געפינען אַ געָנוס! מישעל, גינעטע, אַנ׳אנדער קאַרמען, אדער אַנ׳אַנדער אירמע — אַלע זענען זיי געווען נישט מער ווי אויטאָמאַטן, ווי וואַקס-פיגורן און סוף כל סוף האָבן זיי ארויסגערופן אַנ׳עקל און נישט געגעבן די געהעריקע באַפרידיקונג.

די שטיקנדע היץ אין צימער, אַ געפיל פון מידקייט און אומענדלעכער פוילקייט, האָבן איר ממש פאַרוואַנדלט אין אַ מאָנעקען און צוגעשמיד צו דער זאָפע בעת איר האָט זיך פראָסט פשוט געגלוסט אַנטלויפן פון דאַנען וווהין די אויגען וועלן איר טראָגן.

עפעס אַ געזיכט האָט זיך איבער איר אַראָפּגעבויגן. דאָס איז געווען זאַבעטע, וואָס אין אירע אויגן האָט זי הכנעהדיק געלייענט אַנ׳אומבאַזיגבאַרן גלוסטן —

אין דעם אָוונט האָט זאַבעטע אָפּגענומען ביי מאָניקען — ביי דער אומבאַפלעקטער, ליכטיקער מאָניקען פון יער — דאָס לעצטע ריינע בילד פון איר פאַרגאַנגענהייט.

VI

אין עטלעכע טעג אַרום איז זאַבעטע אַוועק געפאָרן קיין לאָנדאָן אַנטייל צו נעמען אין אַ גרויסן באַל אין בוקינגהעמער פאַלאַץ לכבוד דער פרינצעסין מאַריע׳ס חתונה. מאָניקע איז אַוועק אין לובר-מוזיי, אין זאַל פון דיעלפואַ׳ס קאָלעקציעס, ווי זי האָט געהאַט אַנ׳אומערוואַרטע באַגעגעניש. זי איז אַוועק אין מוזיי אין דער האָפנונג זיך אָפּצוטרייסלען פון דער כסדר וואַקסנדיקער נערוואָזיטעט און געפונען דאָרט אַ מאָטיוו פאַר „סאַרדאַנאַפאָל“ — פערנאַן דיוססאָל׳ס אַ פּיעסע פון באַבילאָנישן

לעבן. צו דער דעקאָראַציע אין דריטן אַקט — אַ טעראַסע, וואָס גייט אַרויס אויפן טייך עפּראַט האָבן געפעלט צייכענונגען צווישן צוויי קאַלאָנאַדעס.

די פאַרבן און האַפט, וואָס פריילן קלער האָט צוגעקליבן האָבן אינגאַנצן באַפרידיקט דעם אַלטן מחבר, זענען אָבער נישט געפעלן געוואָרן עדגאַר לער'ן, וועלכער איז געווען דער אייגנט־לעכער אונטערנעמער... די מידע מאָניקע איז געשטאַנען לעם די באַפליגלטע אָקסן און גיגאַנטישע פאַרצירונגען פאַרזונקען אין געדאַנקען וועגן די אונטערגעגאַנגענע קולטורן און דער אומנוצ־לעכקייט פון איר אַרבעט, בעת עפּעס אַ באַזוכער האָט זיך אָפּגעשטעלט עטלעכע טריט פון איר, כדי בעסער צו באַטראַכטן די דעטיילן פון דער אַרכיטעקטור. ער האָט זיך אויסגעדרייט, זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. נאָך דעם, ווי ער האָט איר געגריסט, האָט מאָניקע אין אים דערקענט זשאָרזש בלאַנשע... זיך אויסבאַהאַלטן פון אים האָט זי שוין נישט געקאָנט !...

נאָך זייער אומפאַרגעסלעכער באַגעגעניש ביים פּראָפעסאָר וויניאַבאָס, האָט זי אים געזען נאָך אַ צוויי, דריי מאָל : — איין מאָל אויף מעדיטשי־גאַס 111, זייענדיק קעגן אים פיינדלעך געשטומט, האָט זי מיט אים אפילו ריידן נישט געוואָלט ; דערנאָך אין וואַקרעססאַן ביי פרוי אַמבראַ, אָבער דאָ האָט זי זיך שוין צו אים באַצויגן אַ סך סימפּאַטישער. בלאַנשע, באַשטימט אַלס פּראָפעסאָר אין ווערסאַלער ליציי, ווהין ער איז אריינגעפאַלן דירעקט פון קאַהאַר, נאָכדעם ווי ער האָט אַרויסגעלאָזן זיין מערקווירדיק בוך וועגן פּעדאַגאָגען — איז געקומען אין „גרינעם הייזל" נאָך מאַטעריאַל פאַר זיין אַרטיקל מכוח אָפּדאַכלאָזע קינדער. ער איז אומבאַדינגט געווען אַ גוטער און קלוגער מענטש. אָבער זי האָט אים בשום אופן נישט געקאָנט מוחל זיין זיין דורכדרינגלעכע ווייטזיכטיקייט.

ווי תּמיד, איז ער אויך איצט געווען זייער העפלעך אין

מיטן שמייכלדיקן געזיכט האָט ער אויסגעזען ווי אַ בישאָף.
אין אַ גאַנץ איידעלער פאָרם האָט ער זיך נאָכגעפרעגט וועגן איר אַרבעט און גראַטולירט מיטן גרויסן דערפאָלג. זי האָט אים געענטפערט מיט אַזאַ אויפריכטיקער באַשיידנקייט, אַז ער האָט איר מיט פאַרווונדערונג אָנגעקוקט. איר פריערדיקע בלענדנדע געזיכטס-פאַרב האָט אָנגעוואָרן די פרישקייט. אונטער די אויסגעלאָשענע אויגן זענען געווען שוואַרצע קרייזן. דער קנייטש ביי איר שיינעם מויל האָט איר צוגעגעבן אַ שטרייגן אויסדרוק...
מאָניקע האָט באַמערקט זיין פאַרווונדערונג. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דורך פרוי אַמבראַ ווייסט ער וועגן איר זייער פיל. פאַרכאַפּט פון אַ פּלוצלינגער, ביטערע אָפנהערציקייט האָט זי געזאָגט:
– איר געפינט, אַז איך האָב זיך זייער געענדערט, יאָ?...
אָ, איך בעט אייך, וואָס ווייניקער פראַזן!... איר זענט גערעכט. איך בין שוין מער נישט יענע יונגע מיידל, מיט וועלכער איר האָט אַ מאָל דיסקוטירט אויף דער טעמע וועגן חתונה האָבן!...
ער האָט תּופס געווען, אַז דאָס איז איר קראַנקער אָרט און האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ פּלוצלינגער סימפּאַטיע:
– מאָניקע לערביע איז אַזוי אויך זייער שיין און דערצו נאָך שטאַרק באַרימט.
מאָניקע האָט נישט געענטפערט פאַרטיפט אין אירע זכרונות.
ער האָט צוגעגעבן, אָבער מיט אַ שטיקל איראָניע:
– צי זענט איר איצט נישט גלייכגעשטעלט מיט די פּעזיקסטע פון יענע מענער, וואָס איר האָט אַמאָל אַזוי שטאַרק באַקעמפט זייערע פּריווילעגיעס?
זי האָט געוואָלט אויסשרייען: „וואָס אינטערעסירן מיך די אַלע מעשיות אַז איך האָב צוליב דעם פאַרלוירן מיין לעבנס־ציל און בין געבליבן לחלוטין איינזאַם". די וועלט האָט מיר

אַזוי דערעסן, אַז איך האָב מער קיין לוסט און קיין קראַפט נישט קעגן עפּעס צו קעמפן!... דעם גרעסטן עקל שפּיר איך צו זיך גופא!" אָבער אָנווייזנדיק אויף די אומגעהייער גרויסע שטיינער האָט זי בלויז געזאָגט:

— גלייכהייט?... יאָ, ערשט אויף יענער וועלט! אין דער נירוואַנע!... אָט וואָס עס קאָן אונז דינען אַלס מוסטער!... וואָס פאַר אַ חורבן!

דידאָזיקע צעוואָרפענע שטיינער האָבן באַנייט אין זייער זכרון די דורך יאָרטויזנטער צושטערטע טעמפּלען. ווי געשפּענסטער זענען אויפגעשטאַנען פאַר זייערע אויגן גאַנצע פעלקער בעת די דינאַסטיעס פון די אוראַלטע צייטן.

די געשיכטע האָט נישט אויפגעהערט זיך צו באַוועגן אין צייט און שטח...

די מאַסע איז געבאָרן געוואָרן, האָט געליטן און געשטאָרבן. און אָט וואָס פון דעם איז געבליבן: — זיילן, שטויב, טויטע שטיינער און די טוישנדע דערינערונג.

האַסטיק האָט זי אים דערלאַנגט די האַנט, איבער לאָזנדיק אים אַ פּאַרטראַכטן

אַ פּאַראינטערעסירטער האָט ער נאָכגעקוקט איר גראַציעזער פיגור, וועלכע האָט זיך דערווייטערט מיט שנעלע טריט... וואָס איז עס אַזוינס? אַמאַסקע פון גלייכגילטיקייט נישט צו פאַרדעקן די ליידן. און מיט פילאָזאָפישער רויקייט האָט ער פאָרטגעזעצט זיינע פאָרשונגען.

קומענדיק אַהיים אויף באַעטו-גאַס האָט מאָניקע געפּרוווט זיך נעמען צו דער אַרבעט. אָבער די בלייפעדער און דער פּענזעל זענען איר געפאַלן פון די הענט.

נאָך דער אַרבעט האָט זי זיך נאָך געשפּירט מער אָפּגע-שוואַכט... וואָס וואָלט געקאָנט איינשלינגען איר גאַנצע אויפמער-

קאַמקייט? זי האָט געשפּירט אין זיך אַ גרויסן אויפשוואונג פון ענערגיע און קראַפט אויף זיך אָפּצוגעבן וועלכער נישט איז אַרבעט מיט דער גאַנצער נשמה. און צווישן זיי זענען זאָגאַר געווען אַ סך לעבעדיקע: — און אינטערעסאַנטע למשל נעמען אין אירע הענט די אַנשטאַלט פון פרוי אַמבראַ און איר פאַרגרעסערן...

— „ווי גרויס זענען אומעטום די ליידן, וואָס מ'וואָלט געקאָנט מילדערן, וויפל גוטס קאָן מען אויפטאָן! האָט זי איינגעטענהט מיט זיך אַליין. — אָבער דער אַלטרואיזם איז מעגלעך בלויז דאַן ווען מ'קלערט נישט וועגן זיך... ווען מ'האַלט שוין ביי אַ יאָר פערציק ווי פרוי אַמבראַ". מאָניקע אָבער, זייענדיק יונג, האָט נישט אויפגעהערט צו קלערן בלויז וועגן זיך.

אָבער, די שלעכטע געוווינהייטן וואָס האָבן זיך ביי איר אַנטוויקלט אַ דאַנק איר פּראָפעסיע צו פאַרגרעסערן דעם לוקסוס, האָבן איר אַריינגעצויגן אין זייער ווייכער, אָבער פעסטער נעץ.

זי האָט געהייסן ברענגען די צייכענונגען פון דער פאַר־בראַקירטער דעקאָראַציע און געפונען וווּנדערשיין זיירע צוגלפּאַר־ביקן פאָן מיטן בעזאַץ פון פאַלשע געמען (קמיעות) און אונקרוסטאַציעס. (האָלץ־שנוצערייען)

— וואָס פאַר אַן אידיאָט דער ל ע ר איז! איך מוז צופאָרן אין „וואָדעוויל", האָט זי געזאָגט דער פריילן קלער... אָנקוקן די פּאַרטיקע דעקאָראַציעס... אפשר זאָל איך שוין פאָרן?

— היינט איז נישטאָ קיין רעפּעטיציע, פריילן. היינט איז דאָנערשטיק. אַ מאָרגן־פאָרשטעלונג...

— אַך, צום טייוול!... אויב אַזוי, טאָ ווייזט מיר דעם קאַרשקאַלירטן סאַמעט פאַר הער פלאָמבינאָ'ס אַרבעטס־קאַבינעט.

— מיר האָבן אים נאָך נישט באַקומען.

דערמיט האָט זיך מאָניקע באַנוגנט. אויף היינט איז גענוג...

זי האָט זיך אמת, היינט געזען ביי ריטצן מיט העלענע סיוז, וואָס האָט איר געוואָלט ברענגען גוטע קונים, אַ שוועדישע

יונג פּאָר פֿאָלק... אָבער דער געדאַנק וועגן דער מאַטעריעלער העפֿלעכקייט!... ניין, זי וועט זיך שוין באַגיין אָן דעם...

זי האָט זיך דערמאַנט אָן דעם קאַפּע מיט די קליינע טישלאַך, מיט דעם איינציקן מין צוקערגעבעקס, דער נודנער דזשאַזבאַנד און די נאַרישע פּלוידערייען.

די געזעלשאַפֿט פֿון די אַלע העלענעס, גינעטעס און מישעלס — די מיניסטאָרן ווײַבער די מאַרקיזינס און די פּשוטע בירגער-פֿרויען — אַלע זענען זיי געווען נישט בעסער און אפשר טאַקע ערגער פֿון וועלכער נישט איז קאַרמען אָדער אירמאַ — אַלע האָבן זיי בײַ איר אַרויסגערופֿן אַ שרעקלעכן עקל.

זי האָט אָנגעטאָן דעם הוט מיטן זשאַקעט, וואָס זי האָט כּסדר געטראָגן שוין עטלעכע טעג, אפֿילו אין אָוונט אויך. די לעצטע צייט האָט זי זיך בכלל כּמעט נישט אינטערעסירט מיט איר טואַלעט. עס איז געווען פֿיל פּשוטער און באַקוועמער. אָפּגעשפּילעט די אַגראַפֿקע און דאָס קלייד איז גלייך אַרונטער-געפֿאַלן. אָניקע פֿלעגט איר העלפֿן אַרויפֿוואַרפֿן אויף זיך דעם קימאָנאַ און מאָמענטאַל האָט מען זיך גענומען צום רויכערן.

— איך וועל איר שוין זיכער געפֿונען ביים רויכערן — האָט זיך מאָניקע געטראַכט, — ווייל היינט האָט זי געזאָלט באַקומען אָפּיום. אַנ׳אויסגעצייכנטע פּיפּקע!... נישטאָ קיין בעסערע זאַך ווי דאָס!... אַנטשלאָסן צו גיין איז מאָניקע גאָר לעבעדיקער געוואָרן...

זי איז געווען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז דער אָפּיום איז איר געווען נויטווענדיק ממש ווי די לופֿט צום אָטעמען.

זי האָט זיך שוין אָן דעם פּשוט נישט געקאָנט באַגיין. זי האָט אומבאַדינגט געמוזט איינאָטעמען אין זיך דעמדאָזיקן זיסן רויך, אַז נישט פֿלעגט זי זיך וועררגן, איר קערפּער פֿלעגט זיך באַגוסן מיט אַ קאַלטן שווייס. אָפּטמאָל האָט זי נאָך וואָכן לאַנגער שכרות אָנגעהויבן שפּירן דידאָזיקע סימפּטאָמאַטישע ליידן. מיט

דער גרעסטער אָנשטרענגונג האָט זי זיך באַמיט צו מאַכן די סעאַנסן זעלטענער.

דאָס מאָל אָבער האָט זי גענומען אַזעלכע גרויסע דאָזעס, אַז זי האָט געוואָלט בלויז איין זאַך, נעמען כּסדר און אַלץ גרעסערע...

צי איז עס געווען שטומפּזיניקייט ? ניין, פאַרניכטונג, בטול, די גרעסטע פאַראַכטונג צו אַלץ, וואָס שאַפט נישט קיין געניוס, וועלכן זי האָט געשפּירט שוין גלייך נאָך דער ערשטער פּופּקע, און נאָך דער צוואָנציקסטער האָט זי שוין ממש געשוועבט אין די הימלען.

ווי זי האָט עס ערוואַרט האָט זי געפונען אַניקען אין דער פינצטער אויסגעצויגן אויף די קישנס. דער קליינער לאָמפּ אויף אַ טאַץ מיט רויכער-מכשירים, האַלב פאַרהאָנגען מיט אַ זילבערנעם שמעטערלונג, האָט געוואָרפן אַ שוואַכן שיין. ער האָט אויסגעזען ווי אַ לעמפל ביי אַ טרומנע.

— דאָס בין איך, האָט מאַניקע געזאָגט. ליג.

דאָס אַטעליע מיט זיינע טונקעלע טאַפּעטן, דער געדיכטער רויך האָט, נאָכ'ן העלן זונען-שיין, פון גאַס אויסגעזען פונקט ווי אַ קבר. אָבער אַניקע האָט תּיכּף אַ דריי געטאָן דעם לאָמפּ און אַ רויטער שיין האָט באַלויכטן דאָס געזוכט פון דער ליגדיקער רויכערין און דעם ריטואַלן קאָסטיום. די קינסטלערין איז געווען טויט-בלייך, הויט און ביינער.

זי האָט געזאָגט מיט אַ פאַרשטיקטער שטים : דו האָסט נישט געטראָפן ווען צו קומען. עס איז נישטאָ קיין פּאַסטע.

— איך האָב געמיינט...

— עס איז נישטאָ. דער פאַרשוין וואָס האָט מיר עס געזאָלט ברענגען — פּאַטענטירטע דירעקט פון לאָנדאָן, — איז נעכטן דורכ-געפאַלן. נישט צוליבן אָפּיום, זיי האָבן קיין אַנונג נישט געהאַט, אַז ער פירט עס, נאָר צוליב קאָקאַאין... און אָפּגענומען האָט

מען בײַ אים אַלץ... זי האָט זיך בײַז צעלאַכט. און געשווינט, אונטער דער ווירקונג פון פאַרשכורנדיקן פראָשעק האָט זי אָן אַנ׳אויפהער גערעדט:

— ווי עקלהאַפּט זײַ זענען, אָט די אַלע פאַרלאַמענטאַרישע אידיאָטן מיט זײערע געזעצן!... זײ רופן בײַ מיר אַרויס אַ געלעכטער... די בהמות! דער פעטער הוטיע איז דער אַפּוטרופּוס לעריות... ווי געפעלט עס דיר?... און אַז איך וועל זיך אָפּסמען?... קודם כל, — אויב זײ קעמפן קעגן גופט, — זאָלן זײ זיך נעמען צום אַלקאָהאָל! אָבער דערצו פעלט זײ דער מוט. די שענקערס גיבן דאָך אָפּ פאַר זײ די שטימען... מיט אַ שטילער שטים האָט זי אַ זאָג געטאָן בסוד:

— אָבער צום גליק איז מיר נאָך געבליבן „שנײ״ די טואַלעטן — פרוי און פעליקאַן האָט עס מיר פאַרקויפט. אָט האָסטו אַ פולע קעסטל!... לאַכנדיק האָט זי אַ ווײַז געטאָן מאָניקען אַ קלײנע עמאַלירטע שאַכטל.

— אויסערדעם ווייס איך ווו מ׳קאָן עס קריגן... אין זשאַוועל בײַם אַפּטײקער... דו פאַרשטײסט צי נײן? אָבער קײן פאַסטע קריגט מען נישט! דיר וועט גאָר נישט בלײַבן?

— יאָ, אַ קלײן ביסעלע אויפן דעק פון פלעשל...

— ברענג אַ הער... דו פוילסט זיך? דאַרף מען נישט. וועלן מיר רויכערן דראָפּ... איך האָב אויסגערײניקט אַלע אַלטע פּיפּקעס... נאָר אָט יענע, די גרויסע, פון עלפאַנטבײן, איז נאָך פול. דראָפּ איז אויך גוט! איך ווייס אײגנטלעך נישט, וואָס איך האָב ליבער...

— זי האָט זיך פאַרהוסט און געחזרט מיט איר הײזעריקער שטים:

— דראָפּ איז שטאַרקער. ער פאַרשכורט מער...

ווי אַ שכור האָט זי געדאַרפט אַלץ שטאַרקערע. זי האָט אָפּגעזיפצט:

— ווען ד אָ ס זאָל נישט זיין אין לעבן !... נו, קום אַהער, לייג זיך אַנידער !

— וואַרט, איך מוז זיך איבערטאָן.

מאָניקע איז געווּינט געווען זיך אויסצוטאָן אין דער פינצטער. אָנטועגדיק אַ כינעזישן קאַפּאָט, האָט זי זיך אַוועקגעלייגט לעם דער טאַץ. מעכאַניש האָט זי אַ דריי געטאָן דעם שמעטערלונג אויפן לאָמפּ, ווייל דער שיין האָט איר געשטערט. אָניקע, אויס-נוצנדיק די הפסקה, כדי אָנצושטאָפּן דעם נאָז מיט די גופּט-פּילן, האָט אַנ'אויפגערעגטע אַ געשריי געטאָן !

— אפשר וועסטו שוין אַ מאָל אויפהערן מיר צו בלענדן די אויגן מיט דער ליכטיקייט ?

מאָניקע האָט אַ טראַכט געטאָן :

— אָ, האָט זי זיך אָנגעשמעקט !

נישט קוקנדיק אויף אָניקעס איינווענדונג איז איר בעסער געפעלן דער שטילער עקסטאַז פון אָפּיום איידער די רוישענדיקע עקזאַלטאַציע פון קאָקאָאין.

אָפּזאָגנדיק זיך פון דעם וואָס אָניקע האָט איר דערלאַנגט, האָט זי געמאַכט אַ קייקעלע פון שוואַרצן דראָפּ און אַרויפגעזעצט אים אויף אַ נאָדל...

דער צו האַרטער דראָפּ האָט זיך אָבער נישט געלאָזן פאָרמירן און איז צוגאַנגען אויפן שפּיץ נאָדל, און איז קנאַקנדיק אַריינגעפאַלן אין פייער. ענדלעך איז איר געלונגען צו צושמעלצן אין האַרטען טראָפּן און אָנצופילן די פּיפּקע...

צו טראָגנדיק איר צום מויל האָט זי דורשטיק אַריינגעצויגן אין זיך דעם רויך... דער רויך איז אָבער געווען אַזוי קאָכעדיק, אַז מאָניקע האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס קיילכל.

געוויינלעך, בעת דער אָפּיום איז געווען פריש, האָט זי געשלונגען דעם טייערן-גופט און הנאה געהאַט, שפּירנדיק, ווי ער גייט אין איר אַריין, אָנפילנדיק איר גאַנצן וועזן.

מאַניקע האָט אַוועקגעלייגט די פּיפּקע און האָט זיך אויס־געצויגן אויף די קישנס, אַ פֿאַרחלשטע, דער ריח, וואָס האָט אָנגעפּילט דעם אַטעליע, דער שווערער, דורכדרינגנדיקער אַראָמאַט האָט איר פֿאַרשכּורט.

אָניקע האָט אויסגעשריגן מיט אַ צופֿרידענעם געלעכטער:

— נו, וואָס איז מיט דיר, מיין טייבעלע?

— שריי נישט אַזוי, האָט זיך מאָניקע געבעטן. פּונקט ווי אַ צוג וואָלט זיך טראָגן איבערן קאָפּ!

— דער קלענסטער גערויש האָט איר אויסגעזען שרעקלעך... באַלד אָבער זענען די קלאַנגען שטיל געוואָרן.

די ווענט האָבן זיך צערוקט. אַלץ האָט אויסגעזען ווייט, ווייט, אָניקעס נערוועזער פּאַפּלען האָט זיך שוין קוים, קוים געהערט און איז באַלד אין גאַנצן שטיל געוואָרן.

די צייט איז פֿאַרשוווּנדן, דער שטח האָט זיך אָנגעפּילט מיט ווייגנדיקע וועלן. אין עקסטאַז האָט מאָניקע גלייכצייטיק געשפּירט אַ שרעקלעכע פּוסטקייט און אַן׳אומבאַשרייבלעכן גענוס.

— זאָג נאָר, האָט געפּלאַפּלט די שטים, ווי עפּעס פֿון אַן׳אַנדער וועלט, — עס מאַכט אויף דיר אַ ווירקונג?... און ווען דו זאָלסט נאָך געוווּען צוגעגעבן דערצו אַ ביסל קאָקאַאין! איך נעם שוין פֿון נעכטן אָן דאָס דריטע גראַם, דו פֿאַרשטייסט?... קיין בעסערע ווי דידאָזיקע רפֿואה האָט מען ווירקלעך נישט געקאָנט צו טראַכטן, כּדי אונז אויסצוקורירן פֿון דער ים־קראַנקהייט... דאָס לעבן, עס עקעלט, עס נודזשעט מיר פֿון אים... אַ גוטע פּיפּקע, אַ גוטע פּאָרציע! און ווי מיטן האַנט אָפּגענומען... פֿאַרוועורן אָפּיום און קאָקאַאין, ווי געפֿעלט דיר אַזאַ זאַך... אָן קעפּ דאַרף מען דערצו זיין! עס זענען פֿאַראַן דאָקטוירים, וואָס פֿאַרוועורן מאָרפֿוים בעת מ׳ליידט!... מאָטיווירנדיק דאָס דערמיט, אַז מ׳וועט זיך צו אים צוגעוווינען. האָסט געזען אַ ביסל, שטאַרבן רויִק לאָזן זיי נישט... וואָס פֿאַר אַ רעכט האָבן דידאָזיקע טויגעניכצן מיך צו פֿאַראור־

טייקן צום לעבן ?... מיין פעל איז גאָר זייערע, און נישט זייערע... דעריבער מאַכן זיי אַזעלכע גוטע געשעפטן, און זייערע געוועל־בער !... דו פאַרשטייסט עס ?... קיין ליבע איז נישטאָ, בלויז פּוסטע פּראַזן ! בלויז שוטים רייסן זיך פאַר איר. עס זענען פאַראַן בלויז ווילדע חיות, וואָס צערייסן זיך אויב זיי קושן זיך נישט. גענוג ?... אַ לעכערדיקער זאַק, ווי מ'זעט אָבער באַלד דעם גרונט !... די קונסט... ? אָ, מיין טייערע, ווו איז מיין פידל?... טאַלאַנט ? יאָ, איך האָב עס אפשר געהאַט... יאָ, יאָ, אַ באַרימטע קינסטלערין — דאָס האָבן מיר געהערט !... שוין זייער לאַנג. און דערנאָך ?... שאָפּען איז אויך געווען אַ טאַלאַנט, אָבער ער האָט ווייניקסטנס געקאָנט שרייבן נאָטן... און דאָס בלייבט.

און איך וואָס... געשפּילט פרעמדע זאַכן... אַ שלימזל ! אפילו קיין קינדער האָב איך נישט ! צו וואָס טויג איך !... נערוועז האָט זי אַנעפּן געטאָן די שאַכטל געגומען אַ פרישע דאָזע און באַפוילעריש געזאָגט :

— נעם זאָג איך דיר ! עס איז דער בעסטער מיטל... מיט דעם שפּייט מען אויף אַלץ און אויף אַלע !

— ניין, האָט מאָניקע געזאָגט, מיר געפעלט טאַקע בעסער דיין שמוצוקער דראָפּ. דער ערשטער עקסטאַז איז ביסלעכווייז פערשווונדן. מאָניקע האָט זיך ווידער אויפגעהויבן צוגרייטן קייקעלאַך, אויסרויכערן אָבער די גאַנצע פּיפּקע מיט איין מאָל איז איר טאַקע נישט געלונגען. דאַן, אַוועקוואַרפנדיק אַלץ, האָט זי לויט אָניקעס עצה אַריינגעצויגן אין זיך, איין מאָל נאָכן אַנדערן, עטלעכע דאָזעס קאָקאַאין.

אָבער אָנשטאָט דער ערוואַרטעטער באַרויקונג, האָט איר די צו גרויסע דאָזע „שניי" נאָך מער אויפגערעגט. מאָמענטאַל זענען די, נאָז, דער שטערן און די שלייפן געוואָרן ווי שטיקער האָלץ. די אַנעסטעזיע איז איינגעטרעטן אַזוי אומערוואַרט, אַז זי האָט זיך דערשפּירש ווי אַנ'אויטאָמאַט און פּלוצלינג האָט זי ווי אָניקע,

אָנגעהויבןריידן אין דער וועלט אַריין, ריידן אָן אַנ'אויפהער, אַליין נישט הערנדיק און נישט פאַרשטייענדיק וואָס. באַלד האָט זי פאַרלאָרן דעם באַוווסטזיין. מעכאַניש מאַכנדיק מיט די הענט האָט זי נישט אויפגעהערט עפּעס צו באָלבען... און בײדע האָבן זיי געשריגן ווי טויבע, נישט הערענדיק און איבער שלאָגנדיק אײנע דער אַנדערער אָפליגנדיק די גאַנצע נאַכט לעם דער טאַץ מיט קאַקאָאין. פאַרטאָג זײנען די לעמפלעך אויסגעגאַנגען. מאָניקע האָט זיך אויפגעכאַפּט דערשפירנדיק אַ קעלט. דער זײגער איז שוין געווען נאָך צוועלף, און אין אַטעליע האָט נאָך אַלץ געהערשט דער פריערדיקער סודותפולער האַלב טונקעל. מאָניקע האָט אַ קוק געטאָן אויף דער שלאָפנדיקער אָניקע און האָט זיך דערשראָקן פאַר איר טויטער בלייכקייט. איר האַנט איז געווען קאַלט ווי אײז; די אײנגעפאַלענע ברוסט האָט זיך קוים געהויבן פון שוואַכן אָטעמען... נישט וועלדיק איר שטערן איז מאָניקע אַוועק אַהײם. שפּעטער, קוים זיך האַלטנדיק אויף די פיס איז זי דאָך אַוועק אין טעאַטער „וואָדעוויל“. עס האָט געדאַרפט פאָרקומען די צווייטע רעפּעטיציע מיט דעקאָראַציעס, און אין דער פרי האָט איר די אַדמיניסטראַציע איבערגעגעבן דורכן טעלעפאָן אַז עדגאַר לער וויל דורכאויס זיך זען פערזענלך מיט פרײלײן לערביע.

צוגײינדיק צו דער סצענע איז זי געווען איבעראַשט, דערהערנדיק געשרײען און קולות. לער האָט געליאַרמט;

– די אַקאַדעמיע! איך שפּײ אויף אַלץ!

אײער פּיעסע איז דערמיט נישט בעסער!... זי טויג לגמרי אויף כּפּרות, אַזוי זאָג איך אײך. דאָ קאָן זײן בלויז אײן אײנציגע רעטונג: – די אויספירונג.

– אָבער, מײן הער!...

– זי האָט דערקענט דילסאָלן נאָך זײן אויפגערעגטער שטים. דער צעקאָכטער אַקטיאָר האָט אים אָבער איבערגעשריגן מיט

זיינע ווילדע קולות. אַ!, אַ!, אַז זי איז אַריין זענען ביידע אַנטשוויגן געוואָרען.

אַ צושראָקענער האָט פערנאָן דיוסאָל געקוקט אויף זיין אינטער פרעטאַטאַר, אויף לערן, וועלכער האָט ווי אַ משוגענער, אַ כאַפּ געטאָן זיין הוט און, מאַכנדיק מיטן שטעקן, איז ער געלאָפן צום טיר. דער רעזשיסאָר און דער דירעקטאָר באַרטאַל, שטאַרק אויפגערעקטע, אים נאָכגעלאָפן און געכאַפּט פאַר די פּאָלעס. דער באַליידיקטער לער האָט זיי אָבער נישט געוואָלט הערן.

אַלע דריי זענען דאָ פאַרשווונדן הינטער די קוליסן

פערנאָן דיוסאָל האָט זיך אויסגעדרייט צו מאָניקען און מיט פייער, ציטערנדיק פון כעס האָט ער איר דערציילט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

צוליבן משוגענעם לער, וואָס וויל נישט אויסהערן קיין שום אָנווייזונגען, איבערהויפּט פון מחבר, איז ער נישט געווען — כדי אויסצומיידן אַ סקאַנדאַל — אויף קיין איין רעפּעטיציע כל זמן די פּיעסע וועט נישט זיין אין גאַנצן איינשטודירט. ער איז געווען געצוווּנגען איבערצולאָזן זיינע באַמערקונגען אויפן לעצטן מאָמענט.

— אָבער, מייסטער, ווי האָט איר דערויף מסכים געווען — איר — דער מפורסם, דער אויטאָריטעט?

— מ'האָט געדאַרפט ענטוועדער צוריקציען די פאָרשטעלונג פון „סאַרדאָנאַפּאַל", און באַרטאַל האָט זיך געבעטן מיט תחנונים, איך זאָל עס נישט טאָן: — דרייסיק טויזנט פראַנק האָט מען דאָך דעמדאָזיקן כלב צוגעזאָגט, ספּעציעל אים איינגעלאַדן!... אָדער זיך רייסן פאַר די האָר. און איר ווייסט דאָך...

— יאָ, האָט מאָניקע באַמערקט מיט אַ שמייכעל — איר און זיך אַרומרייסן...

אין דעם מאָמענט איז אַריין לער האַלב פּריוויליג, האַלב געשלעפּט דורך באַרטאַל'ן, פאַרן אַרבעל.

זי האָט באַטראַכט דעם באַרימטן דיכטער, קוים וואָס די נשמה האָט זיך אין אים געהאַלטן נישט געקוקט אויף זיין גרויסען קאָפּ און דעם אויסזען פון אַ הערקולעס. דאָס איז געווען סאַרדאַנאַפּאַל אַליין, וואָס איז אַלס קייזער צוריק געקומען אין זיין מלוכה.

דער קאַמף האָט אויפגעהערט.

אַלע האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט דער פראַגע וועגן דעם קאָליר פון דער דעקאָראַציע. לער האָט געמאָלדן, אַז אָנגעטאָן אין ווייס פאַרלאַנגט ער אַ שוואַרצן פאָן.

— דאָס וועט אפשר זיין אַ צו שטאַרקער קאָנטראַסט — האָט מאָניקע באַמערקט.

פערנאַן דיוסאל האָט געהאַט דאָס אומגליק מיט איר איינצושטימען. דער קייזער האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז פיס מיט אַ פאַראַכטנדיקן בליק, און ווענדנדיק זיך צו מאָניקן האָט ער געזאָגט מיט אַ הערשער-טאָן:

— איך האָט געזאָגט: שוואַרץ!...

זי האָט זיך פאַרנייגט, פריינדלעך געדריקט דיוסאלס האַנט און איז אַוועק. דיוסאל האָט אין גאַנצען געציטערט פון פאַראַכטונג און כעס.

אַ געפערליכע זאַך איז די פרייהייט — און די הענט פון משוגעים.

מאָניקע האָט באַדויערט וואָס זי איז אַריינגעפאַלן אין דערדאָזיקער מענאַזשעריע. נאָך דער טראַגי-קאָמישער סצענע, וועלכער זי האָט נאָר וואָס בייגעוווינט, האָט איר לעבן אויסגעזען נאָך לעכערליכער — אַ טראַגישער פאַרס. אין וועלכן עס ווערט איר פון טאָג צו טאָג שווערער זיך צו באַטייליגן. אַלץ וואָס עס האָט איר ביז איצט אויסגעזען בלויז קאָמיש — איז איצט געשטאַנען פאַר איר אין דערווירקליכער פאַרב — אין שוואַרץ — ווי לער האָט געזאָגט. די עטליכע טעג וואָס זי האָט פאַרבראַכט ביז דער

רעפּעטיצע אין קאסטיומן, זענען געווען די טרויריקסטע אין איר לעבן.

זיי זענען געווען ענטוועדער אַנ׳אומרויגער שלאָף, אָדער אַנ׳ענדלאָזער געגעצן נאָך שלאָפלאָזע נעכט און נאָך דער טאָפּעלטער פאַרגיפטונג דורך אָפּיום און קאָקאַאין. זי האָט כמעט נישט געגעסן, פלעגט זאַט ווערן פון די ערשטע ביסנס און געשפּירט אין מויל אַ טעם פון אַש.

נישט געקוקט אויף איר אויסערליכן גלאַנץ און מאַטעריעלן דערפאָלג האָט זי זיך געשפּירט לגמרי צובראָכן האָבנדיק דאָס באַוווסטזיין וועגן איר פולשטענדיקן מאָראַלישן אונטערגאַנג. פּונקט אַזוי צובראָכן ווי דעמאָלט בעת זי האָט זיך אין וועסטיבול אויף אַווענינ אַנרי-מאַרטען אַ וואָרף געטאָן אויף דער מטה, ווו עס איז געלעגן דער קערפּער פון איר צושמעטערטער מומע סילוועסטרע. זי אַליין איז דאָ ערשט געלעגן אַ צוהרגעטע, אַראָפּפאַלנדיק פון אַ הויכן פעלזנבאַרג אין אַ טיפן אָבגרונט. אייזקאַלטע וואַסער האָט ווילד געשטורמט אונטער אַ שוואַרצגרויען הימעל.

ווען נישט די פריילין טשערבאַליעוו, — וואָלט זי זיכער נישט געגאַנגען אויף דער ערשטער פאָרשטעלונג פון סאַרדאַנאַפּאַל און וואָלט מעכאַניש נישט אַפּלאָדירט צוזאַמען מיטן גאַנצן זאַל, וואָס האָט ענטוזיאַסטיש באַגעגנט לערן, — אַנ׳אַרומשפּאַצירנדיקן אויף דער טעראַססע פון אסירישן הויף.

נאָכן טעאַטער איז מאָניקע צוזאַמען מיטן באַראָן פלאָמבינאַ, מיט ראַנסאַמען און פרוי באַרדינאַ געזעסן אין קאַפע „נאַפּאַליטען" און געגעסן אייז. קעגנאיבער, ביים צווייטן טישל, איז געזעסן עפּעס אַ הער וועלכער האָט מיט זיין דורכדרינגליכן בליק געצויגן אויף זיך איר אויפמערקזאַמקייט. אַ ביסעל אומאַנטשלאָסן האָט ער זיך ענדליך פאַרנייגט. זי האָט זיך געוואָלט דערמאַנען: —, ווער ער איז?

דאָס פּנים פון אַ מענטשען־פּרעסער–קעצישע אויגען און אַ רויטע באָרד... ניין, זי האָט פאַרגעסן! דער אומבאַקאַנטער האָט זיך געזעצט און ווידער גענומען ציען זיין קורצע פּיפּקע. אומבאַמערקט זענען אַריין פערנאַן דיוסאָל מיט זיין פרוי און האָבן זיך צוגעזעצט ביים אומבאַקאַנטענ׳ס טישל. מאָניקע האָט תּכף דערשפּירט אַז מ׳רעט פון איר. דיוסאָל האָט איר העפליך געגרוסט. איר סימפּאַטיע צו איינעם און די נייגיריקייט וועגן צווייטן האָט איר באַוויגן צוצוגיין צו זייער טישל. איר האָט זיך שטאַרק געוואָלט גראַטולירן מיטן דערפאָלג דעם אַלטן דיכטער און זיין פרוי. נאָך די ערשטע ווערטער האָט דיוסאָל פאָרגעשטעלט:

— רעזשי באָאַסלא. — מאָניקע לערביע

— מיר זענען באַקאַנט — האָט מאָניקע געזאָגט, דריקנדיק הערצלעך די קנאכיגע אומגעלומפּערט דערלאַנגטע האַנט.

— קיין וואונדער נישט. ווער האָט נישט געלייענט „די אויפריכטיקע הערצער״ האָט באַמערקט פרוי דיוסאָל.

— באָאַסלא האָט אונטערגעברומט:

— די פינפטע אויפלאַגע. די וועלט איז קליין! ווער ווייס נישט, מאַדאַם.

מאָניקע האָט זיך געוויצלט:

— שוין נישט אַזוי קליין — אויב איך האָב אין משך פון גאַנצע פיר יאָר נישט געהאַט דאָס פאַרגעניגן אייך צו באַגעגענען, — און ווענדענדיק זיך צו די דיוסאָל׳ס האָט זי צוגעגעבן: —

— מיר האָבן זיך באַקענט ביי פּראָפעסאָר וויניאַבאָס... שוין לאַנג.

זי האָט באַמערקט דעם שריפטשטעלערס פאַרוואונדערטן בליק. עפּעס האָט ער זיך זשענירט, נישט געוואַגט קוקן איר גלייך אין געזיכט. באָאַסלא איז געווען דערשיטערט פון דער גרויסער ענדערונג וואָס ער האָט אין איר געפונען.

— יאָ — שוין לאַנג, — האָט ער געמורמעלט.

— אַזוי לאַנג, אַז איר האָט מיר שוין כמעט נישט דערקענט:

— איר האָט איבערגעביטן אייער פריזור — אָבער, דאָך האָב איך אייך פריהער דערקענט.

— אָבער נישט אַזוי לייכט...

ער האָט געשוויגן. יאָ קיין שום שיכות האָט זי נישט געהאַט מיט יענער שיינער יונגער מיידעל וואָס ער האָט אַ מאָל געקענט. ער האָט געזען פאַר זיך אַ פרוי אַ צומאַטערטע און פאַרשלאָסענע נאָך איבערגעלעבטע, שווערע ליידן. דער שמעטערלינג האָט זיך ווידער פאַרוואַנדעלט אין אַ פאַרמאַכטע פופע. באַהאַלטנדיק נישט אויסגעוויינטע גאַנצע טייכן טרערן זיינען געלעגנאַין דידאָזיקע פריהער בלייכע און איצט גרויע, ווי דער הערבסט-הימעל — אבער נאָך שיינע אויגן...

באָאַסלא האָט געריכערט זיין ליולקע. מ׳האָט זיך געמיטלעך געשמועסט... די דיוסלאָס זענען אַוועק, אָבער זיי האָבן זיך נאָך אַלץ אונטערהאַלטן. מאָניקע האָט זיך זאָגאַר געוווּנדערט וואָס אַליין האָבן זיי זיך גאָר בעסער געפילט. מיט פאַרגעניגן האָט זי ווידער אויסגעהערט יענע שאַרפע געדאַנקען און די ברוטאַלע אָפנהערציקייט, וואָס האָט איר דעמאָלט פראַפּירט, אבער נישט שאַקירט.

— איר, — האָט באָאַסלא געזאָגט, קוקנדיק איר גלייך אין די אויגן אַריין, — איר טוט נאַרישקייטען...

איר רויכערט...

— איר דאָך אויך!

— אָבער אַנ׳אַנדער מין טאַבאַק. מיינער רעגט אויף, אייערער — פאַרשכורט.

— און מ׳זעט עס אָן? — זי האָט זיך אויסגעדרייט צום שפיגל, ווו זי האָט דערזען איר אָפגעמאָגערט, בלייך פנים נישט געקוקט אויף דער גאַנצער קונסט פון דער קאָסמעטיק.

— יאָ מ'זעט עס אָן! האָט ער געבּרומט. — מ'מוז אייך זאָגען דעם אמת. אויסזען — זעט איר אויס ווי אַ טייוועל. די בּאַקען איינגעפאַלן. און די אויגן! אָפּיום און קאָקאָאין!... איך. האָב עס גלייך געזען, — דאָס איז שווער צו בּאַהאַלטן...

— ניין, מ'קאָן אָפּנאַרן, — האָט זי ערנסט אַ זאָג געטאָן.

— וועמען?

— זיך אַליין.

ער האָט זיך עמפּער

— און איר דאַרפט עס נויטיק האָבּן? און איר מיינט, אַז דאָס איז זייער קלוג? עס איז דאָ אין לעבּן אַ סך אינטערעסאַנטערע אַרבּעט ווי פאַרנעמן זיך אויסשליסליך מיטן אייגענעם איך און האַלטן אין איין קלאָגן איבּער די קלייניקע אומגליקן...! אומגליק, — צי ווייסט איר דען בּכלל וואָס דאָס איז אַזוינס? אָט וועל איך אייך זאָגן: אַז איך בּין היינט פרי אַריין אין קוך איבּערגעבּן עפּעס מיין עקאָנאָמקע האָבּ איך דאָרט געפונען דער פרוי וואָס טראָגט אַרום איבּער די הייזער פאַרקויפן בּרויט. אַנ'הויכע, מאָגערע זקנה מיט אַ שטריינגן פּנים.

און עטליכע מינוט אַרום האָט מיר יוליע אַריינגעטראָגן פרישטיק און טוט מיר אַ פרעג:

— איר האָט געזען די פרוי וואָס טראָגט אונז בּרויט?

— יאָ, אַ מאוסע אידענע.

— אוי, מיין הער, די אומגליקליכע איז די פאַרקערפּערונג פון נויט און עלענד. נאָך נישט אַלט קיין גאַנצע פערציק יאָר און זעט אויס ווי פון זעכציק. „וואָס מיט איר איז געשען? זי איז אַ פליכטלונג פון צפון. עס זענען פאַראַן אומגליקליכע מענטשן! איר מעגט עס הערן וואָס דער קריג האָט פון זיי געמאַכט... זי איז געזעסן אין אַ דאָרף נישט ווייט פון לול. אַ דאַנק זייער אומערמידליכער אַרבּעט איז זיי געלונגען זיך אויפצושטעלן אַהייזל. זיי האָבּן געהאַט אַ געוועלבּעל, נישט

שלעכט געליטן און געלעבט צוזאַמען מיט די קינדער — צוויי זון און אַ טאָכטער. און אָט איז אויסגעבראָכן די מלחמה. דעם מאַן מיט די זון האָט מען, צוגענומען. און אין איין שיינעם טאָג זענען אַריין די דייטשען. זי איז אַנטלאָפן מיט דער קראַנקער טאָכטער...

און אַ צייט אַרום דערוויסט זיך די קראַנקע שוועסטער, אַז איינער פון די ברידער איז געפאַלן, דאָס מאַכט אויף איר אַזאַ איינדרוק אַז אין עטלעכע טעג ארום שטאַרבט זי אויך. אַ יונג שיין מיידעל, מיין הער, דער טרייסט און די פרייד פון אירע עלטערן. באַלד נאָך דעם קומט אָן דער אַלטער אַ ידיעה אַז די ענגלישע שווערע אַרטילעריע האָט צושאָסן אויף שטיקלעך איר הויז און אַז דער צווייטער זון איז שווער פאַרווונדעט.

נאָכן וואָפנשטילשטאַנד זענען זיי אַלע דריי געקומען קיין פאַריז און געהאַלטן אין איין אַרום לויפן מאָנען דעם שאָדען־ערזאַץ, עד היום האָבן זיי קיין גראָשן נישט באַקומען. דער פאָטער מיטן זון זענען אַוועק אויף אַ פאַבריק. מיינט איר דאָך, אַז זייערע צרות האָבן זיך דערמיט געענדיקט... באַלד האָט דער זון געמוזט וואַרפן די אַרבעט, — ער איז שוואַך און שפייט מיט בלוט. און פאַר אַ יאָרן איז געקומען דער גורל אויפן פאָטער: אַ מאַשין האָט אים אָפּגעשניטן אַ האַנט און צובראָכן דעם שאַרבען. מ'האָט אים אָפּערירט, ער איז שוין אָבער נישט אַרבעטספעיק. איין אויג שטירצרט אים אַרויס און ער זעט אויס ווי אַ משוגענער היינט ביי נאַכט האָט ער איר, דער עלענדער, געזאָגט מיט אַ געוויין: קוק אויף מיר גאָר נישט האָסט זיך שוין גענוג אויף דיין לעבן אָנגעליטן — צוליב מיר דאַרפסטו נישט ליידען. — אָט וואָס זי האָט מיר דערציילט, מיין הער — איצט אַרבעט די אַלטע פאַר אַלע״.

— דאָס איז שרעקליך! האָט מאָניקע געזאָגט אַ פאַרציטערטע.

— און איר מיינט, אַז נאָך דעם קאָן מען באַדויערן אַזעלכע

ווי איר ? איר האָט נישט וואָס צו טאָן ? – אָט, האָט איר אומגליקליכע וואָס איר קאָנט לינדערן זייערע ליידן. די אַדרעס ?... איך גיב אייך גלייך.

אוי בין איך געוועזן בייז אויף זיך אַליין נאָך דעם ווי יוליע האָט מיר דערציילט דידאָזקעס געשיכטע: איך האָב נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי האָב איך נישט באַמערקט דעם אויסדרוק פון פערמאַנענטן שרעק, פון אונטערוואַרפען זיך דעם שיקזאַל אויפן געזיכט פון דערדאָזיקער רואינע בצורת אדם. איך האָב שטאַרק באַדויערט וואָס איך האָב איר נישט געדריקט די האַנט, נישט געבעטן ביי איר מחילה פאַר די אַלע צרות און פון וואָס זי האָט אויסצושטיין אַ דאַנק דער נאַרישקייט און שלעכטקייט פון די מענטשען.

ביידע האָבן געשוויגן. זיי האָבן געשפירט די שווערע פאַראַנטוואָרטליכקייט וואָס עס לייגט אויף זיי אַרויף דער איצטיגער צושטאַנד...

– איר האָט רעכט, האָט זי געפּליסטער, מיט אַ געפיל פון רחמנות און בושה צוזאַמען... איך וועל נישט פאַרגעסן אייער לעקציע זי האָט אים פריינדלעך אָנגעקוקט. באַלד האָט ער ווידער געזאָגט:

– אויב איר קאָנט נישט ווערן קיין באַרמהאַרציקע שוועסטער, טו נעמט זיך צו אַרבעט- זיצט נישט מיט קיין פאַרלייקטע הענט !... נעמט, למשל, מיר... איר מיינט אַז שרייבן, — איז אַ גרינגע אַרבעט ? איך בין זיך אָבער נישט מיאש און אַרבעט ווייטער.

זי האָט געענטפערט:

אייך איז גרינג צו ריידען... גיט מיר אייער פעדער און נעמט אייך מיין פענזעל...

– נאָר אָן קאָמפּלימענטן. מיין טאַלאַנט איז אפשר נישט גרעסער ווי אייערער. אָבער איך גלויב אין נוצן פון אַרבעט לשם אַרבעט. – נישט אַלע קאָנען זיין אַ וויקטאָר הוגאָ אָדער

דעלאקראַ, — עס איז אָבער גענוג צו זיין אַ...

— ווער, למשל?

— ווער? איך ווייס אַליין נישט, כאָטש...

ער האָט געטראַכט, אָנגערופן עטלעכע נעמען. מיט געציילטע ווערטער האָט ער יעדערן פון זיי גענוי כאַראַקטעריזירט. מאָניקע האָט זיך כמעט אויסגעגלייכט מיט אים אין געשמאַק. מיט פאַרגעניגן האָט זי דיסקוטירט מיטן שריפשטעלער איבער קונסט און ליטעראַטור און גלייכצייטיק געשפּירט ווי עס וואַקסט זייער געגענזייטיקע סימפּאַטיע. ער איז געווען מיאוס און נאָך מער ווי בעת זייער ערשטער באַגעגעניש ביי וויניאַבאָסן האָט ער שטאַלצירט מיט זיין ווילדן גייסט. אָבער זיין גראָבע און שאַרפע האַלטונג האָט איר, ווי דאָס ערשטע מאָל אויך איצט נישט אָפּגעשטויסן.

פאַרוואָס? אַן'אומדערקלערלעכע אָנציונג צו אַמענטשן, מיט וועלכן זי האָט זיך באַגעגנט אין אַזאַ מאָמענט פון איר לעבן, וועלכער וועט קיין מאָל נישט פאַרשווונדן פון איר זכרון.

אַן'אָנגענעמע דערינערונג אָן אַ גליקלעכער פאַרגאַנגענהייט. אויב אַזוי פאַרוואָס'זשע האָט איר דאָס געשפּרעך מיט בלאָנשע, וואָס איז צו איר צוגעגאַנגען אין לובר, נישט פאַרשאַפט אַזאַ פאַרגעניגן? — ניין, דאָס וואָס עס ציט מיך צו אים, — האָט זי אַ קלער געטאָן, הערנדיק זיין שניידענדיקע שטים איז זיין גראַדלינקייט, זיין אָפנהאַרציקייט...

ער איז אַנ'ערלעכער מענטש... די קראַפט, וואָס האָט אין זיינע ווערטער נאַאיוויטעט, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אונטער זיין ווילדער אויסערליכקייט, — אַלץ איז געווען פאַר מאָניקן אַזוי ניי, אַז זי האָט נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון. די באַגעגעניש מיט באָסלאַן איז פאַר איר געווען אַ פריידיקע איבעראַשונג.

מאַדאַם באַרדינא האָט איר געמאַכט פאָרוואורפספולע צייכענס אויף וועלכע זי האט געענטפערט פון דער ווייטנס „איך קום

באַלד". אָבער די צייט איז געפלויגן... און זי האָט געהאַלטן אין איין ריידען.

— אַדיע, בוגדת, האָט איר פּאַנעטע געזאָגט פאַרבייגייענדיק.

זי האָט זיך געלאַנגווײלט דעם גאַנצן אָוונט אין דער געזעלשאַפט פון פאַרשלאָפענעם ראַנסאָם אין דעם ברוגזדיקן פלאָמבינא, וואָס האָבן זיך, נאָך מאָניקעס אַוועקגאַנג, ווידער אַ נעם געטאָן פאַר זייערע שטענדיקע געשפּרעכן מכח די געשעפטען. זי האָט פעסט באַשלאָסן, אַז די קליינע לערביע איז אין גאַנצן משוגע.

וואָס טוט מען מיט אַ מענטשן וואָס עס פעלט אים אַ קלעפּקע! זיך אָפּזאָגען פון מיליאָנען בעת מ'קאָן זיי נעמען און קיין זאַך פאַר זיי נישט געבן. פאַרבייטן דעם באַראָן אויף דערדאָזיקער רויטער מאַלפּע!

שטאַרק אָנגעבלאָזען זענען אַלע דריי פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי מאָניקען און באַאַסלאַן, וועלכער האָט זיי, שווייגענדיק, באַגלייט מיט זיינע שאַרפע בליקן. אַז פלאָמבינאַ מיט זיין קײלעכדיקער פלייצע, איינגעבויגן אין דרייען ווי אונטער אַ שווערער משא, איז פאַרשוווּנדן דער לעצטער, האָט זי מאָניקע פריילעך נאָכגעשריגן:

— אַ גליקלעכן שליטוועגס!

באַאַסלאַ האָט זיך מיט איר געריצט:

— דער דיקער... דער היפּאָפּאָטאַם, ווי איר רופט אים, האָט זיך, ווייזט אויס, אויף אייך שטאַרק באַליידיקט.

— אַ רחמנות נעבאַך...

אין צוויי ווערטער האָט זי אים איבערגעגעבן וועגן פלאָמבינאָס אומגליקלעכער תאוה און מכח דעם, אַז אַ דאַנק איר איז ער געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע אָנטיילנעמער אין „נאַנסען" קאָמיטעט.

— דער באַראָן איז אַ פילאַנטראָפּ, — האָט זי באַמערקט

איראָניש, מאַכט פון אים נישט חוזק.

— דער באַראָן, האָט באָאַסלא אויסגעשריגן, מיט אַ כלומרשטער דערשטוינונג, — דער באַראָן, וואָס איז עס פאַר אַ מין חיה?

— דאָס וואָרט „באַראָן" איז אים בלויז געווען באַקאַנט אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל עס האָט באַצייכענט אַ מין געריכט. ער האָט געהערט וועגן, אַ באַראָן פון שעפסן־פלייש אָבער אַ „באַראָן פון פלאָמבינא" *) — עפּעס שווערלעך צום פאַרדייען.

זי האָט זיך צולאַכט, ווי אים אַזוי האָבן אויך איר אויסגעזען זייער לעכערליך די אַלע טיטלען פון דער פסיידאָ־אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט בלויז געקיצעלט זייער נאַרישער אייטעלקייט. אַ פּאַסקע אויף כאַפּען שוטים, אַ דאַנק וועלכער עטליכע קלוגע יונגען, שפּעקולירענדיק אויף דער מענשליכער נאַרישקייט, האָבן זיך דערשלאָגן צו גרויסע פאַרמעגענס. אין ווען דו קלערסט דערביי, אַז עס איז געווען אַמאָל די נאַכט פון פערטען אויגוסט! רעוואָלוציע וווּ ביסטו?

אין קאָפּע איז געוואָרן ליידיק. די לאָקייען האָבן צונויפגעשטעלט די שטולען.

— שוין איינס אַ זייגער, האָט מאָניקע אַ זאָג געטאָן.

— אמת, האָט באָאַסלא קאָנסטאַטירט. ווי גיך דער אָוונט איז אַוועק.

אויפן גאַס האָט ער אָנגעהויבן עפּעס אומגעלומפּערט זיך געזעגענען. מאָניקע האָט שוין געהאַט צוגערופן אַ טאַקס, בעת ער האָט אַ פרעג געטאָן:

ווו וווינט איר? אין וועלכער געגענט?

אויף באַטי־גאַס. איר ווייסט דאָך.

ער האָט געמורמעלט:

---

*) בליי — plomb.

די איבערזעצערין.

— צו וואָס אייגענטלעך האָט איר אייער וווינונג צוזאַמען מיטן געשעפט ?

זי האָט אַ שמייכל געטאָן, דערמאָנענדיק זיך פלוצלינג אָן איר בחורשער־דירה אויפן מאַנמאַרט, און האָט געזאָגט :

— מיין וווינונג איז איבערן געשעפט. און איך האָף אַז איר וועט זיך די טעג אויסקלויבן מאַכען מיר דאָס פאַרגעניגן און קומען אויף אַ פרישטיק צוזאַמען מיט אונזער פריינט וויניאַבאַס...

ער האָט געשוויגן, עס האָט אים שטאַרק הנאה געטאָן. נישט באַנאַל און פשוט נישט געקוקט אויף איר פּרסום. יאָ מיט פאַרגעניגן וויל ער זיך מיט איר נאָך אַ מאָל זען. פריינדלעך האָט ער געדריקט איר האַנט.

— אַזוי בלייבט עס. יאָ, און אייער אַדרעס ?

— וואָזשוראר־גאַס 27.

— אויף ווידערזען. איך וועל אייך אָנשרייבן אַ פּאָר ווערטער...

דער אויטא האָט זיך אויסגעדרייט. זי האָט זיך ארויסגעבויגן און האָט אים נאכגעקוקט.

אַ ווילער מענטש — דער באָאָסלא...

ענדע צווייטע טייל

דריטע טייל

דריטער טייל

I

נאָכן אָוונט אין נאַפּאָליטען האָבן זיי זיך בלויז געדאַרפט זען נאָך אַ דריי, פיר מאָל... דער אָנגעצונדענער פונק פון פאַרלאַנג האָט זיך באַלד צופלאַקערט אין אַ שטאַרקן תאווה־פייער. אָנגעהויבן האָט זיך עס פון פרישטיק צוזאַמען מיט וויניאַבאַס'ן אין דער אַנציקנדער דירהלע אויף באַעטי - גאַס. אין דערדאָזיקער ערנסטער, אָבער עלעגאַנטער איינריכטונג, ווו אויף דער קלענסטער קלייניקייט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט מאָניקעס פּערזענלעכער געשמאַק, האָט זי אין באַסאַלאַ'ס אויגן אויסגעזען לגמרי אַנ'אַנדערע: אַ מין מאָדערנע פּעע אין פּאַלאַץ פון איר פאַנטאַזיע.

זי האָט אים געלאָקט נישט בלויז מיט איר עלעגאַנץ און פיזישער שיינקייט, וואָס האָבן אויף אים שטאַרק געווירקט, כאָטש ער האָט זיך באַמיט דאָס צופאַרדעקן. דער שריפטשטעלער, וואָס איז אַליין געווען פון אַנ'איינפאַכער אָפּשטאַמונג, האָט, נישט געקוקט אויף זיין כלומרשטער פאַראַכטונג צו דער אַרומיגער סביבה, באמת שטאַרק געליטן פון זיינע אומבאַפרידיקטע אַפּעטיטן. אומבאַפרידיקט נאָך פון יענער צייט, בעת ער האָט זיך אַלס אָנפאַנגער

אַרומגעוואַלגערט אין קרייז פון דער באָהעמע. אויף מענמאַרטער און אין די אַטעליעס אויף מאנפּאַרנאס. מאָניקע האָט אים אימפּאָנירט מיט איר עלעגאַנץ און לוקסוס, ממש באַצויבערט מיט איר ראַפינירטן פאַרשטאַנד און איר גרויסער בילדונג, וואָס זי פלעגט אַרויסווייזן ביי יעדער געשפּרעך...

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס רעזשי באַאַסלא האָט געהאַלטן, אַז גייסטרייך איז בלויז די פרוי, וועלכע איז שיין און טעמפּעראַמענטפול; האָט זיך אַפילו אָפּגערופן מיט אַ געהיימן פאָראורטייל וועגן יענעם וואָס האָבן זיך דערמיט נישט באַגנוגנט, — האָט ער געכאַפּט התפּעלות, געווען ממש אַנציקט פון מאָניקעס אינדיווידואַליטעט...

דער פאקט, וואָס זי האָט געהאַט אַן׳אַנדער פּאַך פון אים, איר גרויסער דערפאָלג, — דאָס אַלץ האָט זיי לחלוטין גלייכגעשטעלט און געשאַפן די מעגלעכקייט פאַר אַ דערנענטערונג. אַלס דעקאָראַטאָרין האָט זי אים אמוזירט — ווען זי וואָלט געווען אַ שריפטשטעלערין וואָלט זי אים בלי ספק נאָר דענערווירט...

אויף דעם אופן, רעספּעקטירנדיק אין איר אַ גלייכן מענטשן און דערצו נאָך אויף אַזאַ פלעכע, וואָס זייער קעגנזייטיקע אַנטוויקלונג איז נישט געשטאַנען אין קיין סתירה, איז באַאַסלא באַלד געוואָרן „רעזשי״—און איר נאָנטער פריינט. זי האָט פאַר אים אויסגעגאָסן איר גאַנצע האַרץ, זיך געטיילט מיט יעדער איבערלעבונג, באַלד איז ער געוואָרן איר פאַרטרויטער און זיין מיטלייד האָט זיך פאַרוואַנדלט אין צערטלעכקייט:

אַ גאַנצע וואָך זענען זיי אין ערגיץ נישט געווען; אין אַן׳אָוונט, נאָך אַ מיטאָג ביים מאַלער ריניאַק אויף אַוועניו - פראַנשע, האָט איר באַאַסלא, ווי געוויינלעך, באַגלייט צופוס אַ היים — און דאָס אומפאַרמיידלעכע איז געשען.

ער האָט נישט נויטיק געהאַט איר צו זאָגן, אַז ער האָט איר ליב און ווי; זיין שוויגן, און זיין רויטלען זיך האָבן גערעט גענוג קלאָר און דייטלעך. מאָניקע גופא, באַרירט פון דערדאָזיקער אומפּאָראויסגעזעענער, שנעל וואַקסנדיקער סימפּאַטיע — האָט באַלד אַנדעקט אונטער זיין כּלומרשטער גראָבע אויסערלעכקייט אַ ריינע נשמה און אַ פיין פילנדיק האַרץ... זי האָט אים צערטלעך גערופן „מיין בער״ און געטראַכט ביי זיך: „ער איז אַ קינד״. זי האָט געשמייכלט, פאָרשטעלנדיק זיך זיין קרעפטיקע מוסקולאַטור און דערביי שטאַרק הנאה געהאַט. פאַרבייגייענדיק אין דעם אָוונטלעך די פאַרמאַכטע לאָדנס פון איר בחורשער וווינונג האָט מאָניקע אינסטינקטיוו פאַרלאַנגזאַמט אירע טריט.

ער האָט געוווסט, אַז אין דערדאָזיקער געגנט פאַרמאָגט זי עפּעס אַנ'אייגן ווינקל, ווו זי גיט זיך אָפּ איר תאווה — דעם אָפּיום רויכערן. אין באַסלאַ'ס אויגן איז עס געווען דער איינציקער פלעק, וואָס האָט איר דעגראַדירט, ווייל דאָס פאַרגרעבט און פאַרטעמפּט. דאָס איבעריקע, איר פרייע האַלטונג, האָט אים ווייניק אינטערעסירט, דאָס איז איר פּערזענלעכע אַנגעלעגנהייט, עס גייט אים לגמרי נישט אָן, זי האָט רעכט צו האַנדלען לויט אירע איבערצייגונגען. אַפילו איצט, בעת ער האָט געהאָפט אַליין עפּעס צו געניסן, וואָלט ער גיכער...

באַמערקנדיק דעם בליק, וואָס זי האָט אַ וואָרף געטאָן אויף איר וווינונג, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען איר מיין און אַ שמייכל געטאָן:

— אַ, אַ, — דאָ איז עס?... גלייכצייטיק האָט ער דערשפּירט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג זיך אָפּצושטעלן און צו אַנטלויפן ווהין די אויגן וועלן אים טראָגן. דער אָפּיום און אַלע זיינע קאָנסעקווענצן: — די קינסטלעכע אויפרעגונג, די קאַלטע אויסגעלאַסנקייט — האָט דערוועקט אין אים אַנ'עקל אין פאַרגלייך מיט

דער געוואונטער שיינקייט פון נאַטירלעכע צערטלעכקייטן. אין דער־זעלבער צייט האָט פאַר אים געשוועבט מאַניקעס בילד — אַנאויס־געטאָנענע, אַנאייִנזאַמע, אַ צוטריטלעכע... שטייענדיק אומבאַוועגלעך האָט ער זיך געוואַקלט. די פיס האָבן זיך אים אָנגעגאָסן מיט בליי.

שווייגנדיקע, ווי פאַרזינדיקטע האָבן זיי געקוקט איינער אויפן אַנדערן. פלוצלינג, זיך דעצידירנדיק, איז ער איר, ווי אַ הינטל, נאָכגעגאַנגען.

אַריינקומענדיק אין גרויסן, דורכן פאַרשלייערטן לאָמפּ האַלב־פינצטערן צימער, איינאָטעמענדיק דעם שאַרפן אָפּיום־ריח, האָט באַאַסלאַ דערשפּירט, אַז דער געפיל פון פאַרדרוס איז ביי אים שטאַרקער ווי די ליידנשאַפט.

— פונקט ווי אין אַ קבר, האָט ער אַ ברום געטאָן ,אָנווייזנדיק אויף די שוואַרצע, גאָלדגעשטרייפטע טאַפּעטן, אויף דער סאָפע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ טרומנע און אויף דער גרויסער טאַץ מיט די רויכער - מכשירים.

זי האָט דורכאויס געוואָלט ער זאָל זיך אַליין איבערצייגן אין דער מאַגישער קראַפט פון דאָזיקן צויבער - טראַנק.

— איין קליינע פּיפּקע! בלויז איין איינציקע!

ער האָט זיך תיכף אָפּגעזאָגט פון דער קימאָנע וואָס מאַני־קע האָט אים דערלאַנגט, און זי האָט זיך דערוויל הינטערן לאַקירטן פאַראַוואַן געמאַכט באַקוועם. קוקנדיק אויף דער לייכטער קימאָנע, וואָס האָט זיך געוואַלגערט ווי אַ שטיקל סמאַטע אויפן בידעריקן שטול, האָט ער געקלערט, וויפל פאַרטנערן — מענער און פרויען, האָבן זיך שוין מיט אים באַנוצט?...

דערדאָזיקער געדאַנק האָט אים אי געריצט, אי געעקלט, גיכער — דאָס צווייטע. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן זאָפע און מיט כעס געוואָרט אויף מאַניקען.

זי איז אַריין, אָנגעטאָן אין אַ פּלוימקאָלירטן מיט רויזן — פּייקנדיקע, ווייסע איביסן, געבלומטן שלאָפראָק. פון הינטערן לייכטן שטאָף האָבן זיך דייטלעך געזען די קאָנטורן פון איר שלאַנקן קערפּער. אַ שווייגנדיקער האָט ער זיך צוגעקוקט צו אירע מעכאַנישע באַוועגונגען, וואָס זי האָט דורכגעפירט מיטן גרעסטן ערנסט. אין דעם מאָמענט האָט ער זי פּשוט נישט געקאָנט אַריבערטראָגן סהאָט אים געעקלט פון איר געזיכט מיטן אויסדרוק פון אַ כינעזישן אָפּגאָט, פון איר ווילדן בליק, בעת זי האָט זיך פאַרצויגן מיטן רויך פון דער ערשטער פּיפּקע. ווי אין אַנעקסטאַז האָט זי זיך אַ לייג געטאָן אויפן רוקן: אין אירע פאַרשכורטע בליקן האָט ער ווי געלייענט די דערינערונג אַן איר געניוס פון דער פריערדיקער צייט.

אַ ווילדער צאָרן האָט זיך אין אים צופלאַקערט בעת זי האָט אים העפלעך דערלאַנגט אַ צווייטע פּיפּקע מיטן אָפּיום - פּרע-פּאַראַט.

ברוטאַל האָט ער אַרויסגעריסן ביי איר די נאָדל, אַ וואָרף געטאָן אויפן טאַץ און מיט אַזאַ קראַפט אַ שטויס געטאָן דעם טישל, אַז ער איז אַוועקגעפלויגן אין צווייטן עק צימער. די פּיפּקעס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, די לאָמפּ האָט זיך אויסגעלאָשן.

מאָניקע האָט קוים צייט געהאַט אָפּרעג צו טאָן:

— וואָס האָט איר דאָ געמאַכט?

ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן און געשריגן נישט מיט זיין קול:

— משוגענע! ווי שעמט איר זיך נישט! פאַר וועמען האַלט איר מיר? פאַר איינעם פון אייערע לעק - הינט?...

אָבער מאָניקע, לגמרי נישט רעאַגירנדיק אויף דער באַליידיגונג, האָט זיך כמעט געפילט גליקלעך, ווייל זיין צאָרנאויסברוך איז גיכער געווען אַן אויסדרוק פון אייפערזוכט און ליידנשאַפט.

ווי פון עמפערונג. פאַרטיידיגט האָט זי זיך קעגן אים בלויז מיט דעם, וואָס זי האָט אים מיט דער האַנט פאַרמאַכט דאָס מויל.

אַנאַיבעראַשטער איז ער שטיל געוואָרן און האָט מעכאַניש געקושט אירע שמעקעדיקע פינגער.

ער האָט געפילט, ווי מיט דער צווייטער האַנט ציט זי אים צו זיך... דורך דער האַלב אָפענער קלייד האָט ער דערזען איר שניי־ווייסן ביוסט... און דאָ האָט ער זיך שוין אַ וואָרף געטאָן אויף איר ווי אַ ווילדע חיה...

סעקונדן פון קאָפּשווינדל, בעת זיי האָבן זיך מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן צענויפגעגאָסן אין איין וועזן, געטריבן פון דעמזעלבן ווילדן אינסטינקט...

די טיפע זינלעכע דערשיטערונג איז געווען צו שטאַרק פאַר איינעם ווי פאַרן אַנדערן. די ליידנשאַפט האָט זיך אַנטפּלעקט אומגעריכט פאַר ביידע, איבערהויפּט פאַר מאָניקען.

אויפן צווייטן טאָג האָט מאָניקע פעסט באַשלאָסן זיך אָפּצושאָקלען איינמאָל פאַר אַלע מאָל פון אַלע שלעכטע דערינערונגען. נישט וואַרטנדיק ביז רעזשי וועט איר זאָגן, האָט מאָניקע די ערשטע זיך געווענט צו אים מיטן פאָרשלאָג:

— ווי מיינסטו, אפשר זאָלן מיר דינגען ריניאַקס הייזל אין ראָזייל אויפן ברעג פון דער אָאַזע? אַ וואָך צוויי קאָן מען נאָך דאָרט פאַרברענגען... קלער וועט זיך זייער גוט באַגיין אָן מיר און דו וועסט קאָנען אַ פּאָר וואָכן רויק מאַכן די קאָרעקטן פון דיין נייעם בוך.

— געמאַכט.

געזאָגט און געטאָן! מאָניקע האָט אַוועקגערויבט „איר בער" נאָך אַ גאַנצער רייע געהיימע אונטערהאַנדלונגען און קאָנפערענצן מיט פריילן קלער טשערבאַלאָוו. „ער טאָר פון קיין זאַך נישט וויסן" האָט זי איר כסדר געוואָרנט.

— „איר בער” — פון נעכטן אָן האָט דערדאָזיקער צונאָמען אַרויסגערופן ביי איר אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט׳ אָבער גלייכצייטיק אויך דאָס באַוווסטזיין, אַז זי האָט אים אין גאַנצן באַהערשט. אַליין, האָט זיך איר געדאַכט, איז זי געוואָרן לגמרי אַ נייער מענטש.

דער פלוצלינגער אָנגריף האָט אַזוי אויפגעטרייסלט דער פריהערדיקער פאַרצווייפלטער, אַנטוישטער מאָניקע, אַז זי האָט זיך צוריק אומגעקערט צום לעבן.

זי, די גלייכגילטיקע צו אַלץ און צו אַלע, האָט געליבט! און געליבט האָט זי אַ מענטשן אַ געזונטן, אַ בכבודיקן, אַ שטאָלצן. זי האָט געליבט מאָראַליש און פיזיש און דערשפירט אַ פעסטן באָדן אונטער אירע פיס.

די ליבע איז דאָך אייגנטלעך דאָס איינציקע פרוכטבאַרע פעלד פון דער עקסיסטענץ.

די פערצן טעג וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט אין ראָזייל זענען געווען אַ פערמאַנענטע אַנטציקונג.

דאָס קליינע נידעריקע הייזל, ווי פאַרלאָרן צווישן פעלדער און לאָנקעס, האָט זיך געבאָדן אין גרינס; דער דאָרפישער גאָרטן מיטן געדיכט באַוואַקסענעם פאַרקאַן איז געווען ווי געשאַפן פאַר פאַרליבטע. די אָאַזע מיט אַ גאַנצער מענגע שיפלעך אויפן ברעג, די אויספלוגן אויף די קליינע אינזלען, די גרינע מאָרגנפרישקייט, די וואַרימע בלויע נעכט, באַלויכטן דורך דער גרויסער גאָלדיגער לבנה, וואָס אונטער אירע צוויבערשטראַלן האָבן זיי אָן אַנאויפהער געגאָסן זייער ליבעסגליק...

די לבנה האָט צו זיי געשמייכלט. — די לבנה פון זייער האָניג = חדש...

דער געצערטלטער, געפלעגטער ”בער„ האָט זיך באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ שעפסעלע. מאָניקע, אין צענטר פון דער נאַטור,

ווייט פון טומל פון דער גרויסער וועלט, האָט ווידער געפונען איר קינדערשע נשמה. די פרישיקן אין די דאָרפישע גאַסטהייזער, די מיטאָגן ביי זיך אין „דער היים", די וווּנדערבאַרע פיש־פאַנגען — אַנשטאָט עפּעס עסבאַרעס האָט מען כסדר געכאַפּט אַלטע שיך, אָדער וואַסער־פלאַנצן — די שפּילן, ווי קראָקעט און סערסאָ — פון אַלץ האָט מען געכאַפּט התפעלות ווי עפּעס פון אַ מין נייער אַנטדעקונג. יעדן טאָג, יעדע שעה האָט מען אייגער דעם אַנדערן אַלץ מער, אַלץ טיפער דערקענט.

קומענדיק צוריק קיין פּאַריז האָט זי זיך געפרייט ווי אַ קינד מיטן סורפּריז, וואָס קלער האָט צוגעגרייט פאַר רעזשין. ער אָבער איז צוריקגעקומען אין זייער אַ שלעכטער שטימונג; פאַרביטערט דורכן געדאַנק, אַז ער וועט זיך מוזן מיט איר צושיידן.

ער האָט געוווינט צוזאַמען מיט זיין מוטער אין אַ קליינער דירהלע, ווו וועלן זיי זיך איצט באַגעגנען?

די באַנאַלע האָטעל־צימערן האָבן אים ממש געעקלט און נאָך מער איר רויכער־וווינונג — דער עדות פון אַ פאַרגאַנגענהייט, וועגן וועלכער ער — וואָס איז געווען אין איר שטאַרקער פאַרליבט ווי ער האָט עס אַליין געוווּסט — האָט נישט געקאָנט טראַכטן אָן האַס און עקל.

פון איר דרייסטן פאָרשלאָג צו וווינען צוזאַמען מיט איר אויף באָעטי־גאַס, האָט ער זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט, אַפּישירן זיך מיט זייערע באַציאונגען האָט ער געהאַלטן פאַר איבעריק. זייענדיק אַליין אָרעם, האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט וווינען ביי זיין פּלגש.

נישט לייכט איז עס מאָניקען אָנגעקומען פועלן ביי אים, דעם ערשטן אָוונט פון זייער צוריקקומען קיין פּאַריז, כאָטש נאָך איין איינציקן מאָל זיין מיט איר אויף פּיגאַל־גאַס.

ענדלעך האָט ער נאָכגעגעבן, אָנמעכטיק קעגן דער פּער־ספּעקטיוו פון פאַרגעניגן וואָס איז שוין געוואָרן פאַר אים אַ נויטווענדיקייט מאָניקע אָבער האָט זיך נישט געקענט גענוג אָני־פרייען מיט דער צוגעגרייטער איבעראַשונג.

אַז זיי זענען אַריין פון וועסטיבול אין דעם לגמרי אומ־געוואַנדעלטן גרויסן צימער, ווו פון דער פריערדיקער כינעזי־שער דעקאָראַציע איז קיין זכר נישט געבליבן — האָט רעזשי מיט התפעלות אויסגעשריגן:

— וואונדערבאַר! דו האָסט, הייסט עס, געפונען אויף דעמזעלבן היף נאָך אַזאַ דירה!, — ניין, ס'איז די אייגענע, נאָר קלער האָט איר לויט מיינע דירעקטיוון פאַרוואַנדלט אין אַנאַנדערע. סגעפעלט דיר?

אַ צופרידענער האָט ער באַטראַכט דידאָזיקע אומוואַנדלונג, וואָס איז אויסשליסלעך צוליב אים געשאַפן געוואָרן ווי דורך אַ צויבערשטעקעלע פון אַנאומזיכטבאַרער פּעע.

אַנאומוואַנדלונג, וואָס האָט אים באַפרייט פון גיפט פון די שטענדיקע דערינערונגען אָן איר פאַרגאַנגענהייט. אין דעמדאָ־זיקן איידעלן זשעסט האָט ער דייטלעך געזען מאָניקעס שטרעבן, אויסצולעשן, אָפּצומעקן לחלוטין דעמדאָזיקן עבר.

„נידער מיט די דערינערונגען!" האָבן ווי גערעט די ווענט׳ די ניי טאַפּעטירטע מיט אכרע־פאַרביקן לייוונט, וואָס אויף זייער אָראַנזשן־פאָן האָבן זיך שאַרף אָפּגעמערקט די בילדער פון ריניאַק און מאַרקע.

„דאָ ליבט מען און מפאַרגעסט אָן אַלץ" — האָבן איינגע־שטימט די קליינע סאָפקע פאַר צוויי פּערזאָן, די טיפע מיט בלוי־ען סאַמעט באַדעקטע שטולן, די נידעריקע טישן, פול מיט די מאָדערנסטע ביכער, די עטאַזשערקעס מיט די פיינסטע בלומען־טעפּ.

דעלפישע וואַזעלע איז געווען אָנגעפילט מיט מערי-לענדישן טאַבאַק. דערנעבן א גאַנצע קאָלעקציע קורצינקע ליולקעס אויף אַנ׳אָנקס-טעצל, — אויסצוויילן לויטן געשמאַק...

אין דער בער — ווייל אַזעלכער איז ער באמת געווען און געבליבן — איז געווען גערירט ביז צו דער טיפעניש פון זיין האַרצן.

אייגנטלעך האָט ער זיך אַריינגעמישט נישט אין זיין זאַך, קיין שום רעכט האָט ער נישט געהאַט פאַרצוואַרפן מאַניקען איר פאַרגאַנגענהייט, אָדער גאָר איר צו פאַראורטיילן. דאָס איז אויסשליסלעך איר פערזענלעכע אָנגעלעגנהייט. געניסן די געגנוואַרט, דאָס דיקטירט דער פאַרשטאַנד און די אינטעליגענץ...

ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך און לאַנגזאַם געקושט אין אירע פאַרמאַכטע אויגן. אַ גליקלעכע האָט זי זיך אינגאַנצן אָפּ-געגעבן זיין צערטלעכקייט...

ער האָט זי באַטראַכט ווי אַ טריומפאַטאָר.

דורך די האַלבפאַרמאַכטע אויגן האָט זי געקוקט אויף אים מיט אַ פייערדיקן אַפּעל, אַ געבעט, אַנהאָפנונג!..

אַ גליענדיק געבעט, אַנאומענדלעכע האָפנונג. מיט איר גאַנץ וועזן האָט זיך מאַניקע געצויגן צו דער באַנייאונג...

אין מאָמענט פון איר פולשטענדיקער הינגעבונג, בעת אַלץ אַרום האָט אין אירע אויגן סימבאָליזירט איר ניי אויפגעוואַכט לעבן, האָט זי געהערט דעם גרויזאַנג פון איר מעטאַמאָרפאָזע:

פאַרכאַפּט פון אַנאומבאַזיגבאַרער אָנציאונגס-קראַפט האָבן זיך זייערע קערפּער צונויפגעגאָסן אין אַ פייערדיקער אומאַרמונג...

נאָך דער שטורמישער נאַכט האָט באַסלאַ זיך צוגעקוקט צו דער שלאָפנדיקער מאַניקע. סהאָט זיך אים שטאַרק געוואָלט

דורכן דאָזיקן קערפּער, וואָס איז געווען זיין אייגנטום אפילו אין
איזאָלירנדיקן שלאָפצושטאַנד, לייענען אין איר נשמה, אַריינדרינגען
אין די טיפסטע טיפענישן פון איר אינערלעכן וועזן...

די הענט הינטערן נאַקן, די געדיכטע קאַשטאַנען - ברוינע
האָר צעוואָרפן איבערן קישן — האָט מאָניקע — אַרויספאַרביקע-
רויק און שטיל געאָטעמט. אונטער זיין דורכדרינגלעכן בליק האָט
זי זיך לאַנגזאַם אויפגעכאַפּט, אַ עפן געטאָן די אויגן און דער-
זעענדיק איבער זיך זיין ערנסט געזיכט, אָנגעהויבן שמייכלען...

זיי זענען געלעגן איינער לעבן אַנדערן אונטער איין דעקע,
אויף וועלכער די זונענשטראַלן, דורכרייסנדיק זיך דורכן טונ-
קל-בלויען פאָרהאַנג, האָבן געוועבט זייער גאָלדשטיקעריי.

— סוועט שיין! האָט מאָניקע געמורמלט און אַרומכאַפּנדיק
מיט אירע פרישע אָרעמס זיין קרעפטיקן האַלדז, האָט זי צוגעצויגן
צו זיך די טייערע ליפּן.

דערנאָך האָט זי אים צערטלעך אָפּגעשטויסן און געפליסטערט.

— דו האָסט מיר אויסגעשפּיאָנירט... עלנדער!

— איך האָב זיך מיט דיר אַנציקט — דיר באַוווּנדערט...

ער האָט עס געזאָגט מיט אַזוי פיל אויפריכטיקייט, מיט אַזאַ
פייער, אַז זי האָט געשפּירט זיינע ווערטער ווי אַ צערטלעכן
גלעט; מיט אַ חניפהשער באַוועגונג האָט זי צוגעדריקט איר גע-
קרויזטן קאָפּ צו זיין האָריקער ברוסט.

שווייגעדיקע האָבן זיי פאַרבראַכט די זיסע מאָרגן שעהן.
איר קאָפּ איז נאָך אַלץ פול געווען מיט די שיינע בילדער פון
ראָזייל און דער אָאַזע מיט אירע ברייטע שווימענדיקע בלעטער.
סהאָט זיך איר געדאַכט, אַז זי גופא טראָגט זיך אויף די כוואַליעס פון
זונבאַגאָסענעם שטרוים.

ער האָט ווי אַ פאַרשכורטער, איינגעאָטעמט אין זיך דעם
אַראָמאַט פון אירע טונקל - גאָלדענע האָר.

זי האָט אויפגעהויבן צו אים די אויגן, בעטנדיק אַנענטפער אויף איר שטומער פראַגע: „צי האָסטו מיך ליב?" ער אָבער האָט זיך בלויז באַגרענעצט מיט דעם, וואָס ער האָט דערקלערט:

— אפשר וואָלסטו פאַרלאָזן די האָר און מער זיי נישט גע-פאַרבט?.. זייער ווירקלעכער ניואַנס ביי די וואָרצלען איז ממש אַנטציקנד...

— איך קאָן דיר עס צוליב טאָן, אויב דיר געפעלט עס דווקא.

ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז דער צוזאָג באַפרידיגט אים כלומרשט.

ווען ער זאָל מעגן דערפירן זיינע געדאַנקען ביזן סוף, וואָלט ער געפאָדערט זי זאָל איבערבייטן איר פריזור פון אַ יונגן פּאַזש. פרויען דאַרפן טראָגן לאַנגע האָר...

אונטער דער מאַסקע פון אַ כלומרשט ווילדן, איז באַאַסלאַ געווען דערזעלבער בורזשאָ, און אים האָבן שאָקירט אין איר אַ סך קלייניקייטן.

גאַנץ אָפט פלעגט ער זיך מיט איר רייצן און איראָניזירן איבער די סימבאָלן פון איר זעלבסשטענדיקייט, נישט ווייסנדיק אַליין פאַר וואָס, נישט קלערנדיק בשעת מעשה, אַז ער גיט זיך אַרויס מיטן קאָפּ.

אייפערזיכטיק? דאָס וואָלט זיין צו נאַריש!..

וואָס האָט זיי דען צוזאַמענגעפירט אויב נישט אַ צופעליגע, אַ שטימונגס - סימפּאַטיע און אַ תאווה - געפיל...

דעם אמת זאָגנדיק מוז ער מודה זיין, אַז איידער זי האָט זיך אים אָפּגעגעבן, ווען זיי זענען געווען נישט מער ווי גוטע פריינט — האָט זי אים ווי אַ געטרייען ברודער איבערגעגעבן אַלץ, וואָס מיט איר איז געווען, נישט באַהאַלטן פון אים קיין שום זאַך.

קענענדיק געניי איינער דעם אַנדערן האָבן זיי זיך גענומען פריי און פריידיק... ער אייפערזיכטיק? מיט וואָס פאַר אַ רעכט?

ער איז דאָך באמת נישט קיין פּויער! קיין מאָל האָט ער, ביז זיין באַגעגעניש מיט מאָניקען, נישט געוווּסט דעם שכרות — טעם פון אַ דויערהאַפטער, קעגנזייטיקער ליבע.

אָפּגהערציק ביז גראָבקייט, האָט ער נישט געקאָנט איינהאַלטן קיין אייבע פון יענע ווייבער, וועלכע ער האָט געקאָנט צובינדן צו זיך אַ דאַנק זיין גרויסן טאַלאַנט, אָדער, און בעיקר, מיט זיין כח - גברא, מיט זיין מענלעכער קראַפט. אַלעמען האָט אָפּגעשטויסן זיין אומגעלומפּערטע ווילדקייט.

קיין איינציקע פון זיי האָט אים אמת נישט פאַרכאַפּט אַזוי גיך און אינגאַנצן, ווי דאָס דאָזיקע „פאַרשאָלטן מיידל״, וואָס שוין גאַנצע דריי מאָנאַט איז ער נאָך אין איר אַזוי פאַרקאָכט ווי דעם ערשטן טאָג.

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיט איר געלאָקטן קאָפּ, זי האָט נאָך געהאַט אַזוי פיל האָר, אַז כאָטש זיי האָבן איר נישט דערגרייכט ביזן האַלדז, וואָלט זי נאָך געקאָנט מאַכן פון זיי אַ מאָדערנע פריזור.

— געפעלן דיר ,הייסט עס, נישט מיינע קורצע האָר? זאָג דעם אמת, שעם זיך נישט!

— ניין, דיר שטייטעס...

— נאָר.

ער האָט זיך מודה געווען.

— נו יאָ, דו זעסט אויס מער ווי אַ מאַנספּאַרשוין און דאָס האַרמאָנירט נישט, דאָס שטייט אין אַ סתירה מיט אַלץ...

— דיר שאָקירט עס?

ניין... יאָ, אפשר אַלס שטערונג פון דער האַרמאָניע.

זי האָט אונטערגעשמייכלט און נישט געענטפערט.

— וואָס לאַכסטו?

— גלאַט, אַזוי זיך.

ער האָט זיך אַ הויב געטאָן און ווייטער גערעדט.

— וואָס קלערסטו זיך? וואָס מיינסטו, אַז איך בין באמת אַזוי באַגרענעצט איך זאָל פּאַראורטיילן מאָניקע לערביע דערפאַר וואָס זי האָט איר זשאַנר, ער מעג זיין, אפילו אַ מענלעכער, אַז ער געפעלט איר.

זי האָט זיך מיט אים גערייצט:

— יאָ, דאָס איז עס! דו ביסט אַ ווילדער מענטש.

אָט האָסטו דעם באַווייז...

זי האָט אָנגערירט די רויטע האָר אויף זיין ברוסט.

ער האָט אײַנגעשטימט:

— יאָ... לכל הדעות בין איך נישט קיין יונגער שניעק.

— טיראַן! וואָס גייט דיר אָן מיין פּריזור, אַבי זי שטייט מיר.

— זי איז בעסער געשטאַנען דער פריערדיקער מאָניקע...

זי איז בלייך געוואָרן. ער האָט זיך דערשראָקן און וואָלט גערן צוריקגענומען דידאָזיקע ווערטער. מאָניקע האָט זיך אויפגעהויבן. זיין פיינדשאַפטלעכער בליק האָט פּלוצלינג אַרויסגערופן ביי איר אַ געפיל פון בושה פאַר איר נאַקעטקייט.

זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם מאַרגנראָק און מעכאַניש זיך צוגעדעקט.

— צי דען מיינסטו, אַז איך וואָלט זיך אינטערעסירט מיט יעדער קלייניקייט בנוגע דיר, אפילו מיט דעם וואָס מקלערט וועגן דיר, ווען איך זאָל דיך נישט ליב האָבן אַזוי ווי דו ביסט?

— פאַר מיר איז וויכטיק נאָר דאָס, וואָס דו קלערסט, דו — וועגן דער איצטיקער מאָניקע, — די פריערדיקע עקסיסטירט בכלל נישט.

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— אַ פרוי קאָן מען נישט צוטיילן אויף צווייען, ווי אַ פרוכט. פון איין זייט די פאַרגאַנגנהייט, פון דער צווייטער די געגנוואַרט... דערצו ווען מליבט, און אַז מען ליבט באמת בילדעט דאָס געליבטע וועזן אַנאומגעטיילטע איינהייט. מקאָן נישט אָפּרייסן דורך אַ געוויסן שניט דאָס, וואָס סאיז, פון דעם, וואָס סאיז געווען. אַלע מאָמענטן פון אַנ'עקסיסטענץ זייגען ענג צונויפגעבונדן.. טאַקע דערפאַר, וואָס איך האָב דיר אויסשליסלעך ליב און אויסשליסלעך צוליב דעם, וואָס איך האָב דיך ליב — קאָן איך נישט נישט טראַכטן וועגן דער, וואָס דו ביסט געווען איידער דו האָסט געהערט מיר. יענער אָבער האָב איך אמת פיינט...

— ווען דו זאָלסט מירווירקלעך ליב האָבן אַזוי ווי דו זאָגסט' וואָלסטו איר נישט געהאַסט, נאָר איר באַדויערט...

זי איז אויפגעשטאַנען און ער נאָך איר. איצט האָט ער זיך פון זיין זייט געשעמט מיט דער נאַקעטקייט.

ווידער האָבן זיי זיך פאַרוואַנדלט אין צוויי אומגליקלעכע מענטשן, וואָס האָבן געמוזט פאַרדעקן איינער פאַרן אַנדערן דעם גוף און די נשמה.

צי דען האָבן זיי איצט, באַפרידיקנדיק זייער תאווה — דוקא זיך געמוזט באַגעגנען ווי צוויי קעגנער נאָכן וואָפנשטילשטאַנד?

אים האָט זיך שרעקלעך געוואָלט דערליידן ביזן סוף, אָבער ער דאָס געכאַפּט שכל און האָט זיך באַהערשט. באַליידיקן איר, פאַרשאַפן קרענקונג, דאָס וואָלט זיין פשוט נידערטרעכטיק... אָבער באַדויערן... ער איז געוואָרן בייז און שטאַרק אויפגערעגט,

דער גרויסאַרטיקער צימער מיט די נייע טאַפּעטן האָבן אים געדרייצט, געוועקט אין אים אַ געפיל פון אייפערזוכט. פאַרשוווּנדן איז די שמאָלע זאָפע, אויף איר אָרט האָט ער ווידער דערזען יענע,

די אומגעהייער גרויסע, אויף וועלכער מאָניקע פלעגט רויכערן און זיך אָפּגעבן אַנדערע מיט דיזעלבע זיפּצן, ווי איצט אים.

ער האָט זיך אין דער שטיל אָנגעטאָן און צוגעאײלט אַוועקצוגיין; אים האָט זיך געוואָלט זיין אַליין און ברענגען אין אָרדנונג זיינע אייפערזיכטיקע געדאַנקען.

זי האָט דערשפירט די דראַמע, וואָס ס'הויבט זיך אָן אָפּצושפּילן אין זיין נשמה נאָכן צווייוואָכעדיקן גן-עדן אין ראָזייל.. יאָ, דעם גן-עדן!

צי דען וועט זי אים טאַקע שוין פאַרלירן נאָכדעם ווי זי האָט אים נאָר וואָס באַהערשט.

דער אינסטינקט האָט איבערגעשטיגן דעם שטאָלץ.

די מורא צו פאַרלירן רעזשין, האָט איר געטריבן צו אַ קאָמבינאַציע. ער איז געזעסן מיטן פּלייצע צו איר און געשנורעוועט די שיך. זי האָט אַרומגעכאַפּט מיט די הענט זיין האַלדז און מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז זי מערקט לגמרי נישט ווי ער איז אָנגעבלאָזן, האָט זי געפּרוווט איבערבייטן דעם גאַנצן געשפּרעך:

— פאַרגעס נישט איבערגעבן דיין פאַרלעגער, אַז די וויניעטקעס צו יעדער קאַפּיטל, וועט ער באַקומען מאָרגן. היינט וועט פאַרטיק ווערן די קלישע, איך וויל' אַז אין דיין בוך זאָל זיין עפּעס פון מיר.

ער האָט צוגעזאָגט, גערירט פון איר וואַרעמער צערטלעכקייט וואָס האָט נאָך געטוליעט אין דעם דאָזיקן האַרץ, וואָס ער האָט' קעגן זיין ווילן, געהאַלטן פאַר אויסגעברענט און אָפּגעטויט דורך די פריערדיקע ליידנשאַפטן.

פאַרבלענט פון זיין מענלכען עגאָאיזם, האָט ער נישט פאַרשטאַנען ווי ווייט דער אַלץ דער פאַרכאַפּנדיקער ליבעס — פלאַקער קען אָפּרייניקן אַזאַ נשמה, ווי מאָניקעס.

זינט זי האָט דערקענט רעזשין און האָט אים פריי אויסגע־ווײלט, — האָט שוין קיין שום אַנדערער איר נישט געקאָנט פאַר־שאַפן נישט קיין פרייד און נישט קיין לייד.

פון ראָזייל איז זי צוריקגעקומען אַ באַנייטע, אַ גליקלעכע מאָניקע און, קענענדיק דעם ווערט פון גליק, האָט זי אים געוואָלט איינהאַלטן.

אַנאַנדער מאָניקע, אַנאַנדער פרוי...

II.

סזענען אַוועק טעג, וואָכן...

זיי האָבן בשותפות געקויפט אַנאוטאָ, — און זיך באַקענט מיטן רייץ פון אומדערוואַרטע, אימפּראָוויזירטע אויספלוגן, דאָס לויפן פון זיך אַליין דורך ווייטע, ברייטע האָריזאָנטן. איר האָט זיך געוואָלט האָבן אַ גרעסערע און שנעלערע מאַשין, ער האָט אָבער פּראָטעסטירט, נישט האָבנדיק אַזוי פיל געלט און וועלנדיק דוקא זיין אַ גלייכער שותף. נישט ווייניק האָט ער זיך געערגערט אויך דערפון, וואָס ער האָט זיך געמוזט לאָזן פון איר פירן.

אַ קורצזיכטיקער און אַ צודרייטער האָט ער געמוזט נאָכגעבן, אַז זי זאָל זיצן ביים רודער. עטלעכע לעקציעס זענען געווען גענוג צו מאַכן פון איר אַ געשיקטן שאָפער און פון אים אַ געוויסנהאַפטן מעכאַניקער. אַ צווייטראַנגיקע ראָל, וואָס לכתחלה האָט ער זיך מיט דער פּיפּקע אין מויל דעריבער געוויצלט, אָבער אין גרונד גענומען האָט ער זיך געשפּירט דערנידעריקט; מאָניקע האָט עס אָבער לחלוטין נישט באַמערקט.

איר האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז זייענדיק נאָנט פיזיש, וועלן זיי סוף כּל סוף דערגיין אויך צו אַ גייסטיקער נאָנטקייט. ער איז געווען אַזאַ פּשוטער, גוטער חבר, מיט אַזאַ הויכן קוק אויף די מענטשן און אויפן לעבן בכלל! נישט געקוקט אויף זיין קפדנות האָט ער געהאַט אַ ווייך האַרץ, אונטער דער גראָבער אויסערלעכ-קייט האָט זי באַמערקט די שוואַכקייט פון אַן׳אמת גוטן, ווייכ-מוטיקן מענטשן.

און אַפילו זייער ערשטע מיספאַרשטענדענישן — דער וויל-דער צאָרן - אויסברוך — וועלכן ער פלעגט אַרויסווייזן בעת אַנאַנפאַל פון אייפערזוכט — צו דען איז עס נישט בלויז אַ באַווייז פון זיין אויפריכטיקער צוגעבונדנקייט, וואָס קיצלט איר אייגנליבע?

אין די שווערע מאָמענטן פון זיין האַרטנעקיגן שווייגן, פון גיפטיקע שטעכווערטער און אומגערעכטע אָנפאַלן, פלעגט זיך מאַ-ניקע זאָגן: „אוי, האָט ער מיך ליב!"

— „ממוז זען זיין וואָס מער צוזאַמען" האָט זי איין מאָל אַ טראַכט געטאָן. - ווען ער זאָל בעמען אַ דירה וואָלט זי גע-קאָנט מיט אים מער פאַרברענגען — פרישטיקן וואָלט ער יעדן טאָג מיט דער מוטער... ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט אַנט-שליסן איבערצולאָזן דער קראַנקער זקנה.

מאַניקען האָט נישט באַפרידיקט דאָס דאָזיקע לעבן אויף צוויי טראַקטן, צוריסן קודם כּל דורך דער אַרבעט און בעיקר צוליב דעם, וואָס רעזשי האָט בשום אופן נישט געוואָלט חוינען באַזונדער אָן דער מוטער.

די קורצע און צופעליקע באַגעגענישן, - אויסער די נעכט, וואָס זיי פלעגן פאַרברענגען צוזאַמען אויף סיגאַל - גאַס — האָבן בלויז פאַרגרעסערט זייער אומאויפהערלעכן, אומגעשטילטן תאוה - דורשט.

ווי אַנאַלטעטראַם, וואָס לאָזט זיך בשום אופן נישט פאַר־גאָלדן, האָט איר בחורישע דירה, — וואָס איז געבליבן אַ רויכער־שטוב, נישט קוקנדיק אויף אַלע ענדערונגען — אַרויסגערופן ביי אים אַ שרעקלעכן האַס. מאַניקע איז ממש געווען פאַרצווייפלט.

איר האָט אָנגעהויבן דענערווירן דער דיסאָנאַנס, וואָס פלעגט זיך כסדר אַ ריינרייסן אין זייערע באַציאונגען. באַאַסלאָ פלעגט איר אַרויספירן פון געדולד. זי האָט כסדר געטענהט: — וואָס סאיז געווען איז געווען! נישט איך נישט דו זענען בכח דאָס צו ענדערן. איך האָב דיר דאָך ליב! וואָס דאַרפסטו נאָך?... ער פלעגט כלומרשט איינשטימען, זיך מודה זיין אַז ער איז אַ שוטה, און אין אַ מינוט אַרום אָנהויבן ווידער פון אָנהויב. נישט האָבנדיק קיין גרונד זיך צובינדן צו דער קעגנ־וואַרט, האָט ער זיך מיט אַ קראַנקער בייגיריקייט כסדר געגראָבן און איר פאַרגאַנגנהייט.

דער סאַמער קראַנקער אָרט איז געווען פּעער ריס.

רעזשי האָט זיך נישט באַנוגנט דערמיט, וואָס ער האָט פיינט געהאַט תכלית שנאה מאַניקעס ליבהאָבער, וועגן וועלכע ר האָט געוווסט, נאָר האָט געהאַלטן אין איין פאָרשן מכח אַלע איבעריקע, וואָס האָבן פון איר הנאה געהאַט פאַר אים.

כאָטש ער האָט זיך איצט געשפּירט אַלס איר איינציקער הערשער — האָט אים בלויז דער געדאַנק, אַז זי האָט ווען נישט איז געציטערט אונטער די קושן פון אַנדערער—ממש אַרויסגעבראַכט פון די כלים.

אומזיסט האָט זיין פאַרשטאַנד געקעמפט קעגן דידאָזיקע געשפּענסטער. זיי האָבן אים פאַרפאָלגט — לעבעדיקע, אין לע־בעדיקע בילדער און, פאַרנאַנדערפלאַקערנדיק זיין תאווה, — האָבן זיי איר גאַנרעניִרט.

אָבער זי, מיט אַ טיפֿן זין פֿאַר אַלץ, וואָס סקאָן אויפֿהאַלטן זייער ליבע, האָט געענטפֿערט — אָבער ליידער צו שפּעט — אויף די אַלע אויספֿאָרשונגען פֿון אַ מאַניאַק מיט אַנעקשנותדיסז שווייגן, אָדער מיט דער ראַפֿינירטער צערטלעכקייט.

זי האָט כסדר געזוכט נייע ערטער, אַ נייעם אָפּדאַך פֿאַר זייער ליבע. זיי האָבן געמאַכט אימפּראָוויזירטע קליינע רייזן; אויסמיידנדיק די באַנאַלע גרויסאַרטיקע פּאַלאַצן, האָבן זיי פּרובירט דעם רייץ פֿון די דאָרפֿישע גאַסטהייזער און פּראָווינציעלע האָטעלן. אָבער ווי נאָר זייערע אָרעמס פֿלעגן זיך אויפֿלייזן האָט זי גלייך געלייענט אין זיינע אומרויִקע אויגן די אידעע פֿיקס.

נאָך זעקס חדשים צייט האָט רעזשין געטראָפֿן אַ גרויסער אומגליק — ער האָט פֿאַרלוירן זיין מוטער. טרויעריקע טעג, אָבער מאָניקע האָט פֿאַרשטאַנען די ראָל פֿון אַ טרייסטערין...

איצט האָט זי ענדלעך געקאָנט פֿאַרווירקלעכן איר פּראָיעקט מיט וועלכן זי האָט זיך געטראָגן די גאַנצע צייט: זיך באַזעצן אין אַ באַקוועמע נעסט, וואָס קיין זאַך זאָל דאָרט נישט דערמאָנען אָן עבר און זיין מער צוזאַמען.

צופֿרידענע האָבן זיי זיך ביידע גענומען איינאָרדנען די נייע וווינונג. געקעסטלטע לייוונט אויף די ווענט, קאָלירטע עטאַזשערקעס, פֿאַרשידענע קליניקייטן — אַנאַיינפֿאַכע אָבער פֿריינדלעכע איינריכטונג. מאָניקע אַליין האָט אויסגעזוכט פֿאַר אים אַ מאָנומענטאַלן שרייבטיש, — אַנאַנטיקער נאָרמאַנדישער טיש פֿון געלן דעמב, — עטוואָס אפּגעבלאַקירט אין משך פֿון דריידורותלאַנגער עקסיסטענץ.

יעדן אָוונט איז זי געקומען אַהין צו מיטאָג און פֿלעגט בלייבן ביז עלף אין דער פֿרי.

פרישטיק האָט ער געגעסן אַליין און דערנאָך געאַר־בעט. געשריבן דעם המשך פון די „אויפריכטיקע הערצער״ און טערן נאָמען „באַזיץ״. ער איז געווען איינער פון יענע (שריפטשטעלער) ראָמאַניסטן, וואָס פאַרמאָגן מער באַאָבאַכטונגס - קראַפט ווי פאַנטאַזיע און, קענען זייער ווילן, שילדערן זיי אין אַלע זייערע שריפטן בלויז זיך גופא.

אַ געוויסע צייט איז מאַניקע געווען רויק.

אונטער באַאסלאַס השפעה האָט זי זיך גלייך גענומען צו איר פאַך. בלויז די אַרבעט, האָט ער געפונען, וועט איר פאַר־היטן אין די מאָמענטן, בעת זי געפינט זיך נישט אונטער זיין השגחה, נישט אַריינצופאַלן ווידער אין קרייז פון אירע אַלטע באַ־קאַנטע און די פריערדיקע געוווינהייטן.

מאַניקע האָט צוריק איבערגענומען די לייטונג פון איר געשעפט, האָט באַשטימט דער פריילן ווערבאַליעטש אַ געוויסן טייל פון — ריוח און אָפּגעגעבן איר אַלס געשענק איר בחורשע דירה. און מער זאָל מען שוין מכח דעם נישט ריידן!...

בינו לבינו איז „פריילין קלער״, אַ דאַנק דער קונסט, מיט וועלכער זי האָט איינגעאָרדנט פּלאַמבינאָס ווילע, געוואָרן שטאַרק באַרימט.

אירע נאָענטע באַציאונגען מיט'ן באַראָן האָבן איר גאָר אומ־געריכט פאַרוואַנדלט אין אַנאַנגעזענער קאַפּיטאַליסטן. אויס דאַנקבאַרקייט צו מאַניקען פאַר, אַלץ וואָס זי האָט קעגן איר געטאָן, האָט זי אָבער בעסער געוואָלט שפּילן די צווייטע פידל אין אַנאַונ־טערנעמונג, וווּ זי האָט מיט קיין זאַך נישט ריזיקירט און ווו זי האָט פּאַקטיש פאַרנומען דעם ערשטן אָרט.

מאַניקע האָט איר געגעבן קאַרט בלאַנש אָנצופירן מיטן געשעפט ווי זי געפינט פאַר גוט, און אַליין האָט זי זיך מיט פאַרגעניגן גענומען צוריק צו דער בלייפעדער און צום פענזל.

דער רעזולטאַט האָט זיך באַקומען פּונקט דער היפּך פון דעם, וואָס רעזשי האָט דערוואַרט.

אַרויפוואַרפנדיק זיך פון ס'ניי אויף דער אַרבעט, האָט מאָניקע געשעפּט אין איר נייע גייסטיקע קראַפט, וואָס האָט ווי אַ קאַלטער דוש אָפּגעפרישט איר מח און געקלערט דעם געדאַנק, נאָך דער פיזישער איז ביסלעכווייז געקומען אויך די מאָראַלישע שטאַרקונג.

די אַרבעט, אויף וועלכער דער ליבהאָבער האָט געקוקט בלויז ווי אויף אַ מיטל צו פאַרפעסטיקן זיין אויטאָריטעט, האָט אומגעקערט דערדאָזיקער נשמה, וואָס ער האָט איר דווקא געוואָלט אונטערדריקן, דאָס באַוווסטזיין פון איר אייגענעם ווערט, דאָס באַוווסטזיין, פון וועלכן זי האָט נאָך אַ לאַנגער אַפּאַטיע, געשעפּט פרישע קרעפטן, פרישע ענערגיע.

דער דעספּאָטיזם, וואָס רעזשי האָט מיט איר נישט ווילנדיק מיסברויכט, איז געוואָרן פאַר מאָניקען ממש אומערטרעגלעך, זי פלעגט ווערן אַנאויפגעקאָכטע יעדעס מאָל, ווען ער האָט איר גע־צווונגען זיך אומצוקערן אין געדאַנק צו יענע ברעגעס, פון וועל־כע ער האָט איר אַליין געהאָלפן זיך אָפּצורוקן.

יעדע נאַרישקייט האָט געדינט אַלס פּרעטעקסט פאַר זיינע טאַקטלאָזע באַמערקונגען. דער קלענסטער צופאַל האָט אויפגע־וועקט אין איר דעם פּרא - אדם, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אונטער דער מאַסקע פון קולטור.

די שרעקלעכסטע סצענעס פלעגן זיך געוויינלעך אָפּשפּילן נאָך די שטאַרקסטע תאוה - אויסברוכן.

דעם קולמינאַציאָנס - פּונקט האָט אָבער זיין ווילדער צאָרן דערגרייכט דורך אַנאומגעריכטן צופאַל—דורכן אָנקומען פון נאַקעטן טענצער.

געווען איז עס בעת אַ גאַלאַ - פאָרשטעלונג וואָס גינעטע יוטיע האָט איינגעאָרדנט לטובת דער געזעלשאַפט צו שטיצן די פּראָנצויזישע פאַרוווּנדעטע. נאָך אַ זעקסיאָריקער עקסיסטענץ איז די קאַסע פון דער געזעלשאַפט געווען אין גאַנצן פּוסט. די אומגליקלעכע זענען צו לאַנגזאַם אויסגעשטאָרבן.

דער אַרויסטריט פון פּעער ריס איז געווען צוגעגעבן צום פּראָג־ראַם אין לעצטן מאָמענט. רעזשי און מאָניקע זענען גלייכצייטיק אויפגעציטערט געוואָרן, דערהערנדיק ווי אַלעקס מאַרלי — דער רעזשיסאָר פון אָוונט — רופט אויס זיין נאָמען. און בעת אין זאַל האָט זיך דערהערט אַ צופרידענער פּליסטערן, וואָס סהאָט זיך גלייך פאַרוואַנדלט אין שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, — האָט ער זיך צוגעבויגן צו איר און דורכשטעכנדיק איר מיט זיין בליק האָט ער געברומט:

— איר זענט צופרידן?

— דו ביסט פון זינען אַראָפּ!

קיין מאָל האָט זי נאָך נישט באַדויערט אַזוי שטאַרק, וואָס זי האָט אים גלייך, אין די ערשטע טעג פון זייער פריינטשאַפט, אַלץ דערציילט, פאַרטרויט אַלע אירע סודות, ווי אין דעם מאָמענט.

נישט וואַרטנדיק ביז דער פאָרהאַנג וועט זיך ווידער אויפ־הייבן, איז ער אויפגעשטאַנען און איר באַפוילן גיין נאָך אים. אַ שטאַרק באַליידיגטע האָט זיך מאָניקע אַנטזאָגט.

זעענדיק אָבער, אַז ער גייט אַנטשלאָסן צום טיר לעבן וועלכער זיי זענען געזעסן, האָט זי זיך אונטערגעגעבן. רעזשי האָט געליטן צוליב איר...

דידאָזיקע ליידן, כאָטש לגמרי אומבאַגרינדעטע, האָבן איר נערווירט — ווייל איר ליבע צו אים איז נאָך געווען אַזוי שטאַרק ווי אין די גליקלעכע טעג פון ראָזייל.

דער אויטאָ האָט זיי געפירט אַהיים.

אין דער שטיל, יעדערער אין זיין ווינקל, האָבן זיי געטראַכט וועגן דער פאַרביטערונג, וואָס סהאָט זיך אָנגעקליבן אין זייערע הערצער.

בעת אָבער זיי זענען געבליבן אַליין אין קליינעם שלאָפצימער און ער האָט מיט האַס געקוקט אויף איר דעקאָלטירט אָנגעטאָן קלייד מיט די נאַקעטע הענט, — האָט מאָניקע נישט געקאָנט מער איבערטראָגן דאָסדאָזיקע באַליידיגנדיקע שווייגן. זי איז צוגעגאַנגען צו אים און צערטלעך געזאָגט:

— טייערער מיינער, איך קאָן אויף דיר נישט בייז זיין, זעענדיק ווי דו ליידסט... איך לייד אָבער אַסך מער פון דיר. וואָס פאַר אַ קרענקונג דו זאָלסט מיר נישט מאַכן, — זעסטו גוט — אַז איך טייל מיט דיר דיינע ליידן, כאָטש דו ביסט אַליין שולדיק אין זיי...

ער האָט איר ברוטאַל אָפּגעשטויסן!

— דאָס בין איך געשלאָפן מיט פּעער ריס, וואָס ניין?

זי האָט געקוועטשט מיט די באַרקעס.

— צו דען האָט געלוינט צו שרייבן „דו אויפריכטיקע הערצער" אויב דו וואַרפסט מיר היינט פאָר מיין אָפנהאַרציקייט? איך בין געווען גענוג ערלעך זיך דיר מודה צו זיין אין גאַנצן טרויעריקן אמת פון מיין פאַרגאַנגנהייט, איידער איך האָב דיר אָנגעהערט.

— איך האָב דיר נישט געבעטן. —

— רעזשי, דאָס רעדסטו אַזוי? דערדאָזיקער ודוי איז געווען די קאָנסעקווענץ פון מיין צוטרוי, פון מיין צערטלעכקייט צו דיר. — און דאָס גייסטו איצט מיסברויכן, — צי דען וואָלסטו

געווען צופרידענער, אַז איך וואָלט זיך דיר נישט מודה געווען אין אַלץ?... דו פאַרגעסט, אַז טאַקע דערדאָזיקער צוטרוי האָט אונז דערנענטערט. דו האָסט בעסער געוואָלט, אַז צוגויפ־קומענדיק זיך, זאָלן מיר זיך בלייבן פרעמדע?

— אפשר...

— ניין, ניין!, נישט איך נישט דו, מיר וואָלטן עס נישט געקענט! אָדער מיר וואָלטן נישט געווען מיר, נישט געליבט איינער דעם אַנדערן ווי געהעריק. צו דען קאָן מען עפּעס באַהאַלטן, אַז מהאָט זיך אמת ליב? און צו קען מען בכלל ליבן, אַז מקען נישט איינער דעם אַנדערן ביזן גרונט?

— ניין...

— צו שטעלסטו זיך פאָר, וואָס סוואָלט געווען, ווען איך אָל נישט ענטפערן אויף דיינע פראַגן, — דו האַלסט דאָך מיר נאָך איצט אין איין אויספרעגן, אין איין אויספאָרשן...

— איך קען פון מיין הויט נישט אַרויסקריכן...

— דאָס איז עס טאַקע; דעריבער איז טאַקע גוט, וואָס איך האָב זיך דיר פריער אין אַלץ מודה געווען. שטעל דיר פאָר, אַז פריער אָדער שפּעטער וואָלסטו זיך דאָך סיי ווי סיי דערוווּסט וועגן אַלץ און דאַמאָלט וואָלסטו נאָך מער געליטן.

— סקען זיין...

— דו מאַכסט מיר פאָרוואורפן דערפאַר, וואָס איך האָב דיר אַלץ דערציילט, הייַנט וואָס וואָלט געווען ווען איך באַהאַלט פון דיר דעם אמת?

— דו ביסט גערעכט, אָבער פונדעסטוועגן...

— וואָס „פונדעסטוועגן”? דו וואָלסט וועלן איך זאָל דיר ענטפערן אויף דיינע פראַגן מיט פאַלשע פאַרזיכערונגען, מיט שבועות?...

דו וואָלסט דאָך זיכער נישט געגלויבט מיינע ווערטער, נאָר געפאָדערט אומבאַדינגט שבועות!... טייערער מיינער, מיין ליבער, צו דען פּילסטו נישט, אַז דיין ליבע האָט אַלץ פאַרבּרענט, פאַרניכטעט... אַז איך בין גליקלעך נאָר דער־מיט, וואָס איך שפּיר, אַז מיר לעבן מיטן אמת? נאָר דער אמת קען אַלץ אויסמעקן, אָפּווישן, נאָר דער אמת איז שיין און גוט!...

ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און אַנאַומעטיקער גע־שוויגן, זי האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל:

— דו שעמסט זיך גאָר נישט דערמיט וואָס דו ביסט אַזוי שלעכט און אומגערעכט? קוק מיר אָן אויב דו האָסט מיר ליב.

ער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ פאַרצווייפלונגספולן בליק און האָט געמורמלט:

— דו פאַרשטייסט עס אַליין זייער גוט! צי וואָלט איך אַזוי געהאַסט אַלע, וואָס האָבן דיר געהאַט פאַר מיר, ווען איך זאָל דיך נישט ליבן? אומגעווינלעך... ביז משוגעת...

— איך האָב דיר אויך ליב אומגעווינלעך, ביז שגעון, אָבער וואָס וואָלסטו געזאָגט, ווען איך זאָל דיר כסדר מאַטערן, נישט לאָזן לעבן, האַלטן אין איין רעדן וועגן דיינע פריערדיקע קעבסווייבער? האָסט דאָך זיכער געהאַט נישט איינע פאַר מיר?...

ער האָט איר אָנגעקוקט מיט אַזאַ גיפטיגן בליק, אַז ס'איז איר קאַלט געוואָרן אין אַלע גלידער.

— מ'קען דאָס גאָר נישט פאַרגלייכן.

— אַזוי גאָר?!...

אונטערפייפנדיק האָט ער זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן פלייצע און אָנגעהויבן זיך אויסצוטאָן.

שרעקלעך עמפערט האָט זי איבערגעחזרט

— מ'קען דאָס גאָר נישט פאַרגלייכן? פאַר וואָס?

ער האָט אויסגעטאָן דאָס וועסטל און עקשנותדיק אַ זאָג געטאָן:

— סוואָלט אַ ביסל צו לאַנג געדויערט...

זי האָט אויסגעשריגן.

— ווען דו זאָלסט מיר אויפהויבן פון ברוק וואָלסטו זיך שוין נישט געקענט מיט מיר ערגער באַגיין! איך בין נישט קיין גאַסן - מיידל...

— ניין, ווען דו זאָלסט זיין אַ פּראָסטיטוטקע, אַנאומגליקלעכע גאַסן - פרוי, וואָס האַנדלט מיט איר קערפּער, ווייל די געזעלשאַפט האָט איר קיין אַנדער פאַך נישט געלערנט, וואָלט איך מיט דיר גערעדט לגמרי אויף אַנאַנדער לשון. מיט פּראָסטיטוטקעס האָט מען נישט חתונה...

זי האָט געמאַכט אַ פאַרוווּנדערטע מינע, אָבער ער האָט ווייטער גערעדט:

— אַ פּראָסטיטוטקע נעמט מען ווי אַ שטיק פלייש, ווי אַ צופעליקן בוך. מ'קויפט איר אַזוי ווי זי איז. און אויב מ'פאַרליבט זיך אין איר... סקאָן זיך אַ מאָל טרעפן. —

— איז וואָס, דאַרף מען דאָך זיין אַ פּשוטער משוגענער מ'זאָל זיין אייפערזיכטיק אויף אירע ליבהאָבער, וועלכע זי האָט געהאַט און נישט געקאָנט זיי נישט האָבן... ערשטנס קענסטו זיי נישט, און זי אַליין אפילו געדענקט זיי אויך נישט. צו פיל האָט זי זיי געהאַט! די מאַסע איז אַנאָנים—האָט קיין פאַרצוף נישט...

אָבער דו, דו!..

שמערצפול האָט זי אים, אויסגעהערט:

— ווער, למשל, האָט דיך געצווּונגען זיך אָפּצוגעבן דעם ערשטן בעסטן, זיך צו פאַרליבן אין אַזאַ קרעטין ווי דיין באַקעטער

טענצער, נאָר פּאַר זיין שיינער מאָרדע? שוין נישט ריידנדיק וועגן די איבעריקע, וואָס דו האָסט געהאַט די חוצפּה מיר זיי אָנ־צוּרופן און מכּה יענע, וועלכע דו האָסט פּאַרשוויגן, שפּירנדיק, אַז דאָס איז שמוציקע וועש, וואָס סאיז גלייכער צו האַלטן זיי אין שאַנק אונטערן שלאָס.

זי האָט פּאַרדעקט מיט די הענט איר פלאַמענדיק פּנים און ער האָט נישט אויפגעהערט צו שרייען.

— דו האָסט נישט געהאַט קיין רעכט!

דו האָסט געדאַרפט קלערן וועגן דעם, אַז אין איין שיינעם טאָג קאָנסטו זיך באַגעגנען מיט אַנ׳אָרנטלעכן, אַ גאַנצן מענטשן — אָט ווי איך למשל — איינער דעם אַנדערן שטאַרק ליב קריגן, און אַז דו, אַרומלעבדיק מיט יעדן איינעם ווי אַ גאַסן־פרוי דו — די פּריוועליגירטע פון געבורט און דורך דער דערציאונג — מאַכסט אומגליקלעך אים און זיך.

זי האָט נישט געענטפערט. זי האָט זיך אַליין געוואָלט פונאַנדערקלייבן, וואָס סאיז אמת און וואָס נישט. געוויסע ווערטער האָבן איר ממש דורכגעשטאָכן ביז צום זיבנטן ריפּ, ווייל זיי האָבן פונקט געטראָפן אויף איר קראַנקן אָרט — אויף אירע חרטה־געפילן. אַנדערע ווידער האָבן איר שטאַרק געקרענקט און באַליידיקט ווייל זי האָט געפונען, אַז זי פאַרדינט נישט אַזעלכע פאָרווורפן.

ענדלעך האָט זי געזאָגט:

— לאָמיר אויפהערן צו ריידן וועגן מיר, ווייל דו ווילסט נישט, אָדער קענסט נישט פאַרשטיין, וואָס איך בין געווען פריער איי־דער איך האָב זיך באַקענט מיט דיר און נאָך גאָר פריער, פאַר אַלעמען... אַנאומגליקלעכע.

און קוים האָסטו שוין אָנגעהויבן צו זיין אָפנהערציק זיי עס אין גאַנצן, ביזן סוף. דו האָסט נאָר וואָס געזאָגט, אַז מיט קיין פּראָסטיטוטקעס

האָט מען נישט חתונה. זאָל זיין אַזוי. כאָטש מיר זעען אַזעלכע זאַכן טאָג־טעגלעך. אָבער מיט אַנאַלמנה, אָדער מיט אַ גרושה האָט מען חתונה ?... ענטפער! פאָרויסזעענדיק דעמדאָזיקן אַרגו־מענט האָט ער געבּרומט:

— סהענגט אָפּ פון...

— ענטפער מיר קלאָרע דבורים, אָן שום קונצן ווי דיין שטייגער איז. ווען דו זאָלסט זיך פאַרליבן אין אַנאַלמנה, אָדער אַ גרושה אַזוי שטאַרק ווי אין מיר, וואָלסטו מיט איר חתונה געהאַט אָדער נישט?

— דו ביסט אָבער נישט קיין אַלמנה און נישט קיין גרושה. מיט „עלט" איך „וואָלט" איז זייער לייכט צו דיסקוטירן.

— איך באַטאָן נאָך אַ מאָל, אַז דאָ רעדט זיך לגמרי נישט וועגן מיר. איך פרעג דיר בלויז, צי וואָלסטו חתונה געהאַט מיט אַנאַלמנה אָדער אַ גרושה, וואָס האָט זיך כּסדר אַרומגעטריבן מיט פרעמדע, מענער נאָר דו האָסט וועגן דעם נישט געוווּסט— ווען דו וואָלסט זיך אין איר פאַרליבן.

— זיכער...

— אויב אַזוי פאַרשטיי איך בכלל נישט.

זיי זענען געשטאַנען פּנים אל פּנים איינער קעגן אַנדערן, זיך געקוקט אין די אויגן אַריין, וועלנדיק לייענען איינער ביים צווייטן אין האַרצן. ער האָט צוגעגעבן:

— אַנאַלמנה אָדער אַ גרושה איז געוויינלעך אַ קרבן פון שיקזאַל, זיי זענען דעריבער ווייניקער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייער גורל, ווי דו. זיי האָבן זיך אונטערגעוואָרפן דעם געזעץ.

— וועלכן געזעץ?

ער האָט געשפּירט די איראָניע אין איר טאָן און האָט בייז אַ זאָג געטאָן:

— יאָ, יאָ, דעם געזעץ פון די מענטשן און פון דער נאַטור, מעג עס דיר געפעלן אָדער נישט.

— פון דער נאַטור! הימעניי, אָ הימעניי!... דאָס מייג־סטו, יאָ?

— יאָ, יאָ, אַזוי איז עס.

זי האָט זיך איראָניש צולאַכט:

— איך האָב דיר שוין לאַנג געזאָגט, אַז דו ביסט אַ ווילדער מענטש! די קליינע מעמבראַן, יאָ? דער רויטער פלעק אויפן חתונה־ליילעך! און אַרום בעט די פּראַים, וואָס פייערן דעם בתולים—יום טוב! גיי, איך בעט דיך, און רייד זיך דורך מכּח דעם מיט די היינטיקע מיידלעך, האַ, האַ, האַ! דו ביסט אָפּגע־שטאַנען רעזשי! אַ מאַן אַנאייגנטימער, דער בעל־הבית און דער הערשער!

ער האָט איר אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם:

— ניין! אָבער דער — זאָל עס זיין אַ מאַן אָדער אַ ליבהאָבער — וואָס לייגט אַרויף אויף אייער קערפּער אַזאַ טיפן שטעמ־פּל, איז אַפילו שפּעטער, אין די אָרעמס פון אַנאַנדערן, בלייבט איר זיין אייגנטום, זיין שקלאַפין!

— אָך, יאָ, דער שטעמפּל! דאָס קינד פון צווייטן מאַן איז געראָטן אין ערשטן? דאָס איז בלויז ליטעראַטור! איך, לכל הדעות, דו ווייסט עס... ניין, רעזשי, ניין. ראשית וועל איך מיט דיר קיין מאָל נישט חתונה האָבן, זיי רויק! ווען דו זאָלסט מיר אַפילו ווי־בעטן!... וואָס אָנבעלאַנגט קינדער, ווען איך זאָל זיי דאַרפן האָבן, וואָלט איך נישט וועלן זיי זאָלן זיין געראָטן אין דיר.

— אַ שיינעם דאַנק,

זי האָט געמאַכט אַ מידע באַוועגונג:

— וואָס טויג אייגנטלעך די גאַנצע דיסקוסיע.

ביי אַזעלכע פֿאַלן איז אַלץ אַזוי אינדיווידועל! סזענעס פֿאַר-אַן מוטערס וואָס האָבן ביזן טויט נישט געקענט דאָס געפֿיל פֿון ליבע... די פֿרוי דערוואַכט צום לעבן, בלויז נאָך דעם ווי זי גייט אַריין אין געשמאַק פֿון גענוס.

ער האָט איראָניש אַ שמייכל געטאָן:

— פּעער ריס!

— צו דען האָב איך דיר געזאָגט, אַז אין גענוס ליגט דאָס גאַנצע לעבן? מיין לעבן גופא באַווייזט פּונקט דעם היפּך. מאיז נאָר גליקלעך בעת מליבט פיזישע און גייסטיק.

ער האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ. זי האָט אַ זיפץ געטאָן.

— דו ביסט דער, וואָס האָט עס מיר געלערנט. רעזשי, נאָר אונטער דער באַדינגונג איז מען גליקלעך, אָדער בעסער, וואָלט מען עס געקענט זיין...

אומבאַוועגלעך זענען זיי געשטאַנען איינער לעבן אַנדערן.

עפּעס האָט איר ווי געטריבן צוגיין צו אים נענטער און ערשט דאַן האָט זי דערזען, אַז ער וויינט.

זיינע טרערן האָבן איר גערירט:

— צו וואָס מאַטערן מיר איינער דעם אַנדערן? קיין זאַך דערנידעריקט נישט, פֿאַרביטערט נישט אַזוי דאָס לעבן ווי די שטענדיקע שטעכווערטער און פֿאַרווורפֿן. און וואָס פֿאַר אַ נוצן ברענגט עס?

— בעת מליידט, פֿילאָזאָפֿירט מען נישט...

ער האָט זיך פֿאַרשעמט און איז געפֿאַלן פֿאַר איר אויף די קני:

— פֿאַרצייַ מיר — איך בין אַ חיה!

זי האָט אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויף זיין קאָפּ און אים אָנגעקוקט. און איר בליק האָט אויסגעדריקט מער מיטלייד ווי צערט-

לעכקייט. ער איז אויפגעשפרונגען און האָט איר אַרומגעכאַפּט מיט זיינע אָרעמס.

פריער פלעגט דער שלום, נאָך אַזעלכע שטרייטיקייטן, געווינלעך געשלאָסן ווערן אין בעט.

דאָס מאָל האָט מאַניקע טרויעריג דערקלערט:

— ניין, רעזשי, ניין, היינט בעט איך דיר, זאָלסטו מיר אָפּלאָזן, איך קען נישט... עפּעס האָסטו היינט איבערגעריסן אַ פאָדעם צווישן אונז... מאָרגן... ווען מיר וועלן זיך באַרויקן, ווען דו...

אָבער ער האָט איר גענומען מיט געוואַלד. זי איז געפאַלן אויף דער ערד, פאַרטיידיקנדיק איר קערפּער... מיטגעריסן דורך זיין ווילדן תאוה - אויסברוך — האָט זי פלוצלינג דערשפּירט אַ שרעקלעכע טרויריקייט.

איינגעשלאָפן זענען זיי ערשט פאַרטאָג — קערפּערלעך באַנט, גייסטיק אָבער מיילן - וויט איינער פון צווייטן.

פון יענעם טאָג אָן האָט זיך פאַר מאַניקען ווידער אָנגעהויבן אַנאומרויק לעבן. אַ טרויעריקע האָט זי זיך איצט דערמאָנט אָן שטילע שעהן פון זייער ליבע, ווען זיי זענען נאָך ענלעך געווען אויף אַ זונענבאַשטראַלטן וואַסער - פאַל מיט זיינע שכחה - בלומען. דער גן - עדן אין ראָזייל, פון וואַנען דער טייוול האָט זיי פאַרטריבן.

יאָ, דער טייוול, וואָס האָט זיך איצט אַריינגעכאַפּט אין רעזשין, האָט אים געררייצט, היפּנאָטיזירט.

ער האָט לגמרי אויפגעהערט צו אַנאַליזירן, איז נישט געווען מער בכח צו באַקעמפן זיין אייפערזוכט, וואָס האָט זיך פון דער פאַרגאַנגנהייט אַריבערגעטראָגן אויף דער געגנוואַרט און ממש פאַרביטערט דאָס לעבן.

ווי אומדערוואַרט ס׳איז נישט געווען פאַר מאַניקען די אַנטוי-שונג, ווי ביטער ס׳האָט נישט געליטן איר שטאָלץ פון דעם, וואָס אַנשטאָט באַפרייונג, האָט זי אין אים געפונען אַ נייע פאָרם, פון פאַרשקלאַפונג, — האָט איר דאָך די געוווינהייט צו פיזישער נאָנטקייט, דער געפיל פון חרטה אויף אירע פריערדיקע אייגענע פעלערן — נאָך אַלץ פעסט צו אים צוגעבונדן... אפשר וועט ער פאָרט בעסער ווערן, זיך ענדערן ... די צייט היילט אויס ערגערע קראַנקהייטן! סוף כל סוף וועט, אפשר, זיין שכל, זיין גוטצקייט, זיין אינטעליגענץ דאָך באַזיגן די אייפערזוכט, עלימינירן דאָס דאָזיקע גיפט...

די ליבע, דער שטאָלץ, און די אייגנליבע האָבן געשטאַרקט איר געדולד. כדי נישט צו דענערווירן דעם מאַניאַק, וועלכער האָט כסדר געזוכט צו וואָס זיך צו צובינדן — האָט זי באַשלאָסן מיט אים כמעט זיך נישט צו שיידן, איבעררייסן די באַציונגען מיט אַלע אירע באַקאַנטע און אָפּזאָגן זיך פון דער אַרבעט. זי האָט אים דערלויבט מיט יעדן טאָג איר מער צו פאַרשקלאַפן.

ער האָט זיך געהאַלטן אַלס הערשער, האָט זי ממש פאַר-וואַנדלט אין זיין שאָטן. זי איז געוואָרן די היטערין פון זיין אַר-בעט, אומעטום מיט אים מיטגעגאַנגען, פלעגט זיך באַגעגנען בלויז מיט זיינע פריינט, — עטלעכע מאָלער און ערשטקלאַסיקע שריפט-שטעלער. ווינאַבאַסן האָבן זיי כמעט מער נישט באַזוכט, נאָכדעם ווי באַאַסלאַ האָט זיך איין מאָל שטאַרק צווערטלט ביי אים אין שטוב מיט בלאַנשען. פאַר רעזשין איז גענוג געווען, אַז מאַניקע זאָל איינשטימען מיטן פראָפעסאָרס מיינונג און גלייך איז ער אַריינגעטרעטן מיט אים אין אַנ׳העפטיקן, פאַרביטערטן וואָרט-קאַמף.

לאַנג האָט אָבער מאָניקע נישט געקאָנט אויסהאַלטן די דאָזיקע אָפּגעריסנקייט פון דער גאַנצער וועלט. זי האָט דערשפּירט, אַז זי ווערט דערשטיקט, ווי אין אַ תפיסה. זי האָט אָנגעהויבן רעאַגירן, און דער כלומרשטער שלום האָט זיך פּלוצלינג געענדיקט.
ניין! האָט זי אַנטשלאָסן פּראָטעסטירט, אַז ער האָט איר געוואָלט שטערן אין אַ זונטיק אָנצונעמען די איינלאַדונג צו אַ מיטאָג ביי מאַדאַם אַמבראָ: — שוין גאַנצע צוויי חדשים זאָג איך זיך כסדר אָפּ פון די איינלאַדונגען אין וואַקרעסאָן — דאָס איז שוין צו נאַריש. דער סוף וועט זיין, אַז צוליב דיר וועל איך זיך צוקריגן מיט דער גאַנצער וועלט
— איך האָב לגמרי נישט געוווּסט, אַז מאַדאַם אַמבראָ איז די גאַנצע וועלט.
— דו האָסט מיר שוין געצוווּנגען איבערצורייסן מיט וויניאַבאָסן דאָס איז גענוג! איך רעד נישט מכח די איבעריקע... זיי האָב איך גערן מקריב געווען. ס'זענען פאַראַן גענוג ליידיקגייער און טויגעניכצן, וואָס מ'דאַרף פון זיי פּטור ווערן ווי פון אַנאַיבעריקן באַלאַסט... יאָ, איך קען דיינע לאָזונגען, כסדר לאָזונגען!.. „מ'שטייגט, אַז מאיזאָלירט זיך, מ'לויפט פון מענטשן!.. אַ. אַ. וו.
אָבער וויניאַבאָס, מאַדאַם אַמבראָ! דאָס איז שוין צו פיל. ער איז אויף איר אָנגעפאַלן!
— פאַר מיר איז שוין גענוג! דו מיינסט, אַז איך ווייס נישט צוליב וואָס דיר ווילט זיך אַזוי שטאַרק לויפן זונטיק קיין וואַקרעסאַן?
— כדי איבערצובייטן אויף אַ ווייל די אַטמאָספערע פריי צָפּצועטעמען.
— אַנאַלטע מעשה, שטענדיק דאָסזעלבע לידל!
— אויב אַזוי, טאָ זאָג דו נאָך וואָס. ס'הויבט אָן צו ווערן אינטערעסאַנט...

אַ קלאַפּ אין טיר האָט געשטערט זיין ענטפער, וועלכן מאַניקע האָט שוין, אייגנטלעך פריִער געוווּסט.

— משוגע, משוגע צום טויט!

ס'איז אַריין די דינסט, יוליע, מיט אַ פאַרבונדענעם אויג. אַנאַלטע טרעשע, משונה דיק, דאָס פּנים פאַרברענט פון פּיטריאַל. אַ זכר לחורבן, אַ צייכן פון אַ ליבעס - געשיכטע.

צופנדיק מיט די הענט דעם פאַרטוך, האָט זי געמאָלדן:

— דער פרישטיק איז אויפן טיש.

זיך עצנדיק צום טיש, האָבן ביידע געוואַרט, זי זאָל זיך אָפּטראָגן. קוים שלעפנדיק די פיס, האָט זיך יוליע ענדלעך אַנטשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם עס צימער. איר איינציקער אינטערעס איז איצט געווען זיך צוצוקוקן צום לעבן פון אירע בעלי - בתים. מיט דער גרעסטער אומגעדולד פלעגט זי וואַרטן אויף די מאָמענטן ווען זיי האָבן זיך געקריגט. דאָס איז געווען איר פאַרווײַלונג, איר צייט פאַרטרייב. אינסטינקטיוו איז זי שטענדיק געווען אויף זיין זייט, געהאַלטן מיט אים, — אַ לאַסט — חיה, וואָס פאַלט פאַר דער גרויסקייט פון מאַן. מאַניקעס עלעגאַנץ און אומאָפּהענגיקייט האָבן איר שאַקירט, דענערווירט אין דעם חושך פון איר אַרבעטס־שטוב...

— צי קאָן איך זיך איצט דערוויסן, וואָס ס'ציט מיך קיין וואַקרעסאַן?

ער האָט זיך געוואַקלט, מורא האָבנדיק אָנצורופן מיטן נאָמען דעם פאַרדאַכט, וואָס האָט אים געקוועלט.

— פונקט ווי דו וואָלסט אַליין נישט וויסן! און איראָניש האָט ער צוגעזונגען:

„דער אַראָמאַט פון ליבע... דער חלום פון איין נאַכט!"...

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויס מיטלייד. אַן׳אמת גוש

אַ ענער, וועלכער פירט איר אליין אַרויף אויף געדאַנקען, וואָס זענען איר לגמרי געווען פרעמד !...

ער האָט נישט געקענט אַריבערטראָגן איר איראָנישן בליק און האָט זיך בייז געוויצלט:

— וואַקרעסאַן אָדער אַ ראַנדקע מיט פריינט, מיט אמתע, מיט די איינציקע פריינט! איך קאָן שווערן, אַז מיר וועלן דאָ־ט, כלומרשט צופעליק, געפינען נישט בלויז דעם גוטן וויניאַבאַס, אָר אויך דעם אויסגעצייכנטן...

— בלאַנשע? נישט אמת?

נאָכמאַכנדיק מאַקס שטים, האָט ער אונטערגעזוגעט:

— אליין האָסטו אים אָנגערופן...

— דו ווייסט וואָס דו ביסט?

— אַן׳אידיאָט — דאָס גיב איך צו, אָבער לכל הדעות נישט קיין בלינדער! דו מיינסט אודאי, אַז איך האָב נישט באַמערקט אייער שפיל, בעת מיר האָבן זיך דאָס לעצטע מאָל געטראָפן? איך זאָג מיר, ווייל איך ווייס נישט, וויפל מאָל האָסט זיך שוין מיט אים געטראָפן אָן מיר!

— רעזשי!

— וואָס? ס׳איז אמת. איך קאָנסטאַטיר אַ פאַקט: איך ווייס דאָך נישט. אָט איז אַלץ...

— ווי קאָנסטו צווייפלען אין מיר?

— צווייפלען דאַרף מען שטענדיק! דער צווייפל דאָס איז דאָס איינציקע אין וואָס מ׳איז זיכער. און גיב אַכטונג, אַז מיין צווייפל זאָל נישט ווערן קיין זיכערקייט דורך דיין צו־זומלטקייט.

זי האָט שטאַרק געשוויגן. ער האָט ווייטער גערעט:

— דו מיינסט אודאי, אַז איך האָב נישט געזען אייער ווינקען, בעת איך האָב גערעט, און דיין מינע יעדעס מאָל ווען ער האָט אָנ׳עפן געטאָן דאָס מויל!... איך וואָלט אפילו נישט געווען איבעראַשט, ווען איך זאָל זיך דערוויסן, אַז איר האָט שוין...

יוליע איז ווידער אַריין; האָט אַ שטעל געטאָן אויפן טיש אַ ביפשטעקס מיט קאַרטאָפל, וואָס האָט אָבער אויסגעזען זייער נישט אַפּעטיטלעך און האָט איבערגעביטן די טעלערס.

מיט אירע גראָבע פינגער און שוואַרצע נעגל מער ווי געוויינלעך, האָט מאַניקע איצט דערשפירט די האַרטנעקיקע אָרעמ־קייט, וועלכע האָט זיך איינגעגעסן אין אַלע זאַכן, וואָס האָבן אַרומ־גערינגלט רעזשין: קליינלעכע נשמות, פאַרמויערטע ווענט.

מעכאַניש האָט זי צושניטן דאָס פלייש און צוגלייגט אויף די טעלערס. זיי האָבן געגעסן פונקט ווי פרעמדע ביי איין טיש. ער האָט נישט אויסגעהאַלטן, איז אויפגעשפרונגען און אַ שליידער געטאָן דעם שטול:

— דו האָסט נישט די חוצפה אָפּצולייקענען?... ווי איך וואָלט וויסן!

ער איז געלאָפן איבערן צימער ווי אַ חיה אין שטייג.

— זעץ זיך אַנידער, האָט זי אים געבעטן. מיר טוט ווי דאָס האַרץ קוקנדיק אויף דיר... און איצט הער אויס. איך וועל זיך נישט דערנידעריקן אויף אַזוי פיל דיר צו דערווייזן, אַז דיין פאַרדאַכט האָט נישט קיין שום גרונט. די גאַנצע מעשה בכלל איז מער ווי נאַריש, נידעריקער פון אונזער כבוד! פּאַסט נישט פאַר קיין אינטעליגענטע מענטשן...

— אַלזאָ, זונטיק?...

— פאָרן מיר צו פרוי אַמברעָ.

— דו — וועסט פאָרן!

זי האָטווידערהאָלט ווייך, אָבער מיט אַזאַ פעסט אַנטשלאָ־סנעם טאָן, אַז ער האָט מער נישט פּראָטעסטירט.

— מיר וועלן פאָרן. ענטוועדער וועסטו מיר דערמיט איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַווייזן, אַז דו ביסט געקומען צום שׂכל, — דאָס איז די איינציקע אַנטשולדיקונג, וואָס איך פאָדער פון דיר — אָדער צווישן אונז איז אַלץ געענדיקט און אויף שטענדיק...

ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט אַ דראָענדיקן בליק, מיט אויגן פון אַ צעווילדעוועטער קאַץ: מיטפאָרן? אפשר טאַקע יאָ... כדי זיי בעסער אויסצושפּיאָנירן, זיך דערוויסן אַלץ..

זי האָט ווייטער גערעט:

—איך וויל נישט ווערן דער קרבן פון דיינע קאַפּריזן. איך וויל איינאָרדנען מיין לעבן ווי מיר געפעלט, ווי איך פאַרשטיי. אָן קעגנזייטיקער אַכטונג איז בכלל נישטאָ קיין דויערנדע ליבע. אָדער אונזער ליבע האָט דיר שוין דערעסן. ס'באַקומט זיך אַזאַ איינדרוק, אַז מ'קוקט זיך צו ווי דו זוכסט כּסדר זי צו פאַרניכטן.

ער האָט זיך אַ זעץ געטאָן אויפן שטול און זיך געכאַפּט מיט די הענט פאַרן קאָפּ:

— ניין, מאָניקע, ניין! איך האָב דיך ליב. זיי מיר מוחל! איך וועל זיך אויסהיילן...

.III

וואָס נענטער זיי זענען צוגעקומען צום „גרינעם הייזל" אַלץ דייטלעכער האָט זיך רעזשין פאָרגעשטעלט מאַדאַם אַמבראָס וווינונג.

א קלייגער בנין אין וואלד, אויפן גרענעץ פון וואקרעסאן

אין אלטאנע געסט, צווישן זיי, נאטירלעך, בלאנשע..

רעזשי איז כסדר געוואָרן אומעטיקער אין שטילער..

ער האָט זיך אַליין געוואלט באַרויקן, נעמען אין די הענט.

מאָניקע איז גערעכט, ס'איז זייער נאַריש צוצוברעכן בידים דאָס אייגענע גליק...

פאַר וואָס אָבער האָט ער נישט געקענט געניסן רויק דאָס גליק פון דערדאָזיקער ליבע, וואָס איז אים עפּעס ווי דורך א וווּנדער אראָפּגעפאַלן פון הימל? קיין מאָל אין לעבן האָט ער נישט באַגעגנט און וועט נישט באגעגענען נאָך א פּערזאָן, וואָס זאָל פאַראייניקן אין זיך אַזאַ זעלטענע שיינקייט מיט אַזאַ הויכע מאָראַליטעט.

פאַרוואַרפן איר דאָס, פאַר וואָס זי איז געווען אָדער נישט געווען פאַראַנטוואָרטלעך — פאַר פאַרגאַנגנהייט, וואָס לאָגיש גענו מען, האָט ער נישט געהאַט און דאַרף נישט האָבן מיט איר קיין שום שיכות, — איז פּשוט - נאַריש... זיין אומצופרידן מיט איר זעלבסשטענדיקייט — איז קליינלעך... מיט איר רייכטום?... עפּעס האָט ער דערביי דערשפּירט א מאָדנעם געפיל.

די פּראַכט און דער לוקסוס, מיט וועלכן מאָניקע האָט זיך ארומגערינגלט, זענען אים געווען שטאַרק געפעלן; זייענדיק אָבער אליין, אין פאַרגלייך מיט איר, אָרעם, האָט ער זיך געש פּירט דערנידעריקט, וואָס אויך אין דעם פּרט איז זי אַן'אויסנאַם פון דעם אַלגעמיינעם כּלל: די פרוי איז אונטערטעניק, דער מאַן הערשט.

— רעכטס! האָט ער א זאָג געטאָן — באַמערקנדיק צוויי וועגן, וואָס האָבן זיך געקרייצט.

— ניין, אָט זענען דאָך די אָקאַציע - בוימער!... מיר זענען אויפן ריכטיקן וועג.

דער אויטאָ האָט זיך געטראָגן אונטערן רעגלמעסיקן זשומען פון מאָטאָר. אין אַ רויטן לעדערנעם בערעט, מיט אַ דעקאָלטירטן האַלדז, דער מאַנטל אויפגעשפּילעט — האָט זי אויפמערקזאַם און אַנטשלאָסן אָנגעפירט מיט דער מאַשין און איז געווען אַזוי ווילעריש, אינגלש - שיין, אַז רעזשי — נישט געקוקט אויף זיין אַנגעדרודלטקייט — האָט נישט געקענט אָפּרייסן פון איר די אויגן.

יאָ, ווי מ׳זאָל זיך דערצו נישט באַציִען, מוז מען דאָך מודה זיין, אַז ס׳האָט זיך פאַר די לעצטע יאָרן געשאַפן אַ געוויסע נייע דערגרייכונג פון ווייבלעכע גראַציע! זי איז נאָך, אמת, לעת - עתּה געווען פון די איינצלנע, זייער צאָל וואַקסט אָבער פון טאָג צו טאָג און באַלד וועלן מיר האָבן אַזעלכע אין די טויזנטער און, ווילנדיק נישט ווילנדיק, וועלן מיר זיך מוזן רעכנען מיט זיי ווי מיט גלייכע...

אַנשטאָט אים צו באַרויקן האָבן אָבער די דאָזיקע באַאָבאַכטונגען און מסקנות בלויז פאַרשטאַרקט זיין האַס און ווידערווילן צו אַלעם דעם, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען אונטערן שרעקלעכן וואָרט: „פעמיניזם״.

— נו, ווער איז גערעכט געווען? האָט מאָניקע אַ זאָג געטאָן.

דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן „גרינעם הייזל״. דורך דער קליינער ווייסער טירל, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט שלענגלדיקע עפּיי - בלעטער און פאַרשפּעטיקטע רויטע און געלע רויזן, האָט זיך אין הינטערגרונד פון דער גרינער לאָנקע געזען אַ נידעריק הייזל מיט אַ רויטן ציגל - דאַך.

— דאָ איז באמת אָנגענעם! האָט מאָניקע אויסגעשריגן. אייגנטלעך איז עס אַ גרויסער שכל אַזוי זיך איינצואָרדנען. געוויג

גאַנץ פון פּאַריז, מ׳זאָל קאָנען אָנקומען ווען מ׳דאַרף, און גענוג ווייט צו זיין אין דער היים אויף פרישע לופט.

דער הערבסט - טאָג האָט באַגאָסן פעלד און וואַלד מיט זיין שטראַלנדיקער, הערלעכקייט. דער הימל איז געווען אַזוי דורכזיכטיק, די לופט אַזוי ריין, אַז עס איז שווער געווען זיך צו אָריענטירן: צי איז עס דער סוף פון זומער, אָדער דאָס ווידער־אויפוואַכן פון פרילינג.

זיי האָבן אַריינגעפירט דעם אויטאָ אין אַנאַלעע און צוגעשלאָסן צוריק די טירל. דערהערנדיק אַ קלונג, האָט זיך מאַדאַם אַמבראַ באַוויזן אויפן שוועל. גריסנדיק זיי פון ווייטנס מיטן האַנט איז זי זיי אַנטקעגן געלאָפן.

— גוט מאָרגן, מיין טייערע! גוט מאָרגן, הער באַאַסלאַ. מיר האָבן שוין געצווייפלט אין אייער קומען. איך וויל אייך נישט מאַכן קיין פאָרוואורפן, אָבער לעצטנס זייט איר ביי אונז זייער זעלטענע געסט. איבעריקנס, קיין וואונדער נישט. פּאַרליבטע זענען עגאָאיסטן. זי האָט אַ נעם געטאָן מאָניקן אונטערן אָרעם.

— פאַר וואָס זענט איר נישט געקומען צום פרישטיק. מיר האָבן געהאַט שווין - בראָטן מיט ווייסע באָבעס און... וואַוריי־ווין, צו וועלכן הער באַאַסלאַ איז נישט אין גאַנצן גלייכגילטיק...

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים:

— צוויי פלעשער האָט מען נאָך פאַר אייך געלאָזן, איך האָב זיי אָוועקגעשטעלט אויף אייז. כאָטש איר זענט עס גאָר נישט ווערט!... קומט געשווינט, דער גאַנצער עולם וואַרט אויף אייך.

— ווער איז עס דער גאַנצער עולם? האָט זיך מאָניקע פאַראינטערעסירט.

— אייער גרויסער פריינט וויניאַבאַס, הער בלאַנשע און מיראַאַס, איר קענט זיי.

בײַ רעזשין האָט זיך אויסגעצויגן די נאָז. ער האָט אַ קלער געטאָן, אפשר גאָר פאַרקערן די פור אויף צוריק. זײַ האָבן שוין אָבער פּאַסירט דורכן זאַל מיט זײַנע גרויסע פענצטער־טירן פון איין זײַט אין גאָרטן, פון דער צווייטער אין וואַלד. אויטאָ־מאַטיש איז ער זײַ נאָכגעגאַנגען.

מאָניקע האָט זיך אויף אַ מאָמענט אָפּגעשטעלט:

— ווי מיר געפעלט דאָסדאָזיקע צימער!

— עס איז זי ער אײַנפאַך! האָט באַמערקט פרוי אַמבראָ.

— דעריבער איז עס טאַקע!

די אינטימע אַטמאָספער אין צימער מיט די אַלטפרענקישע מעבל, וואָס זענען דורות לאַנג איבערגעגאַנגען בירושה פון איינעם צום אַנדערן — האָבן ממש באַרויקט די נערוון. מער ווי אַלץ איז מאָניקען געווען געפעלן דער גרויסער סטאַלאָווער שאַנק מיט שניצערײַ־פאַרצירונגען — אַ ירושה פון הער אַמבראָס ייִדן — דאָס יתר־הפלטה פון אַלטן פאַמיליען־הויז.

רעזשי האָט, פאַרבײַגייענדיק, געגלעט זײַן ווי סאַמעט ווייכע האַלץ און געטראַכט: „דאָס האָט מען געדאַרפט צייכענען. לערביעס סטיל וועט דיר נישט אָניאָגן!"

ווי זי זאָל לייענען זײַנע געדאַנקען, האָט מאָניקע גלייך אַ זאָג געטאָן: — דאָס איז עס אייגנטלעך, וואָס ספּעלט די שענסטע, מאָדערנע מעבל. דאָס, וואָס בלויז די צײַט ברענגט עס. די טיפקייט פון דער דויערהאַפטיקייט — די באַרייכע־רונג פון לעבן.

אים האָט זיך געוואָלט ענטפערן: „דאָס לעבן! יאָ, דאָס לעבן איז זייער בײַזאַרטיק...! ווען מיר זאָלן צווואַרטן אַ הונדערט פּופּציק יאָר, וואָלט זיך אפשר אונזער לעבן אויך אײַנגעאָרדנט..." אין דעם מאָמענט איז פון דער אַלטאַנע אַרויסגעלאָפן אַ קליין מיידעלע און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מאָניקען אויפן האַלדז.

— אָ, ווי שיין דו ביסט געוואָרן, רירי! וואָס מאַכסטו, מיין קינד?

אָס קינד האָט אויפגעהויבן אירע בלויע אויגן און איר גליקלעך פּנים מיט די שיטערע ברוינע האָר, וואָס זענען געווען איבערגעבונדן מיט אַ בלויע באַנד. מיט איר גאַנצן קערפּערל האָט י זיך געצויגן צו מאָניקען.

מאָניקע האָט געגלעט דאָס ווידערשפּעניקע נפשל און אַ זאָג געטאָן צו מאַדאַם אַמבראָ:

— ווי זי האָט זיך אומגעביטן! לגמרי אַנאַנדערע. דער מוטערס געזיכט האָט געלויכטן פון שמחה.

— וואָס זאָגסטו? גיי רירי, און ברענג געשווינט צוויי גלעזער.

מיט צערטלעכע בליקן האָבן זיי באַגלייט דאָס לוסטיקע, שפּרינגען פון דער קליינערס נאַקעטע פיסלעך און איר גאַנצן שוואַכענקן קערפּערל... מיט אַ יאָר צוויי צוריק — איצט איז דאָס קינד שוין אַלט געווען זעקס יאָר — האָבן די אַמבראָס צוגענומען צו זיך העבריעטע לאַמור.

איר מוטער, אַ שיך - שטעפּערין איז געשטאָרבן פון אַ ראַק, אויב נישט פון נויט און פיזישער אויסגעמאַטערטקייט. דער פאָטער — אַ מעטאַל אַרבעטער, אַ שכור און אַ גראָבער יונג, האָט איבערגעלאָזן דאָס קינד אויף גאָטס באַראָט, נאָך דעם ווי ער האָט עס שיער נישט צוגעהרגעט. זיין שריפטלעכע מעלדונג, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון זיינע רעכט אויפן קינד, האָט נישט געהאַט קיין שום באַדייטונג פאַרן געזעץ, וואָס רעספּעקטירט קודם כּל און אויסשליסלעך די פאָטערלעכע פּרעראָגאַטיוון. ערשט נאָכדעם ווי ער האָט צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט און האָט עמיגרירט אין איינע פון די נישט אָקופּירטע געגנדן, איז ענדלעך פרוי אַמבראָ

געלונגען זיך א נעם צו טאָן פעסט פאַר דער ענטגילטיקער רעטונג פון אומגליקלעכן קינד.

צוויי יאָר גוטע דערציִונג און צערטלעכע באַהאַנדלונג זענען געווען גענוג צו מאַכן פון אַ אָרעמען קרבן לגמרי אַנאַנדער באַשעפעניש ארײַנפאַלנדיק אין אַ נײַער סביבה האָט רירי אויפגעבליט.

— סאַראַ דערפאָלג! איר מעגט שטאָלצירן!...

מאַדאַם אַמבראָ האָט באַשיידן געשמייכלט.

— זי איז אַזוי אַרטיק! און עס איז אַזוי אָנגענעם זיך צו צוקוקן ווי עס אַנטוויקלט זיך אַ נשמה, וואָס פאַרלאַנגט נישט מער ווי ליבן און לעבן! וואָס ווײַטער קום איך אַלץ מער און מער צו דער איבערצייגונג, אַז די ווירקלעכע פאַמיליע איז די, וועלכע אַנטשטייט פון „פרײַער וואַל". רירי האָט מיך ליב ווי אַ נאַטירלעכע מוטער, אפשר נאָך מער. די פאַמיליע איז נישט מער ווי אַ פוסטע פראַזע, אויב זי באַזירט בלויז אויף בלוט - פאַרוואַנדשאַפטיאָ, מיט יעדן טאָג איבערצייג איך זיך דערין מער און מער! די אמתע פאַרוואַנדשאַפט איז די, וואָס איר באַזע איז דער שכל און דאָס האַרץ.

— דעם עראַרבונגס-געזעץ קען מען אָבער נישט אָפּלייקענען, האָט באַאָסלא באַמערקט.

— ניין, הער באַאָסלא. מקען אים אָבער אויף אַזוי פיל קאָריגירן, אַז ער זאָל זיך אין גאַנצן אומענדערן. די אימפּונג איז אַ גוטע ערפינדונג! פאַר וואָס זאָל מען נישט קענען מאַכן, פון אַ ווילדלינג אַ שיינעם בוים, אויב אַ צווייגל פון אַ ביטערן מאַנדלבוים ברענגט נאָך צוויי יאָר אויסגעצייכנטע מאַרעלן.

הער וויניאַבאַס האָט אַ נעם געטאָן מאַניקעס הענט און האָט זיי הערצלעך געדריקט. יעדערע באַזונדער האָט איר אַזוי פריידיק באַגעגנט, אַז רעזשי איז קעגן זײַן ווילן געוואָרן אייפער

זיכטיק. בשום אופן האָט ער זיך נישט געקענט צוגעוווינען צום פּאַקט, אַז ער פאַרנעמט איצט דעם צווייטן אָרט. ער האָט קאַלט געדריקט בלאַנשעס האַנט און מיט פאַרביטערונג אויסגעהערט ד, באַנאַלע קאָמפּלימענטן פון פאַר פאָלק מיורוא. דאָס זענען געווען פרוי אַמבראָס ווייטע קרובים. דער מאַן אַ נאָטאַריוס אין לאַנזשע' די פרוי זיין פריערדיקע עקאָנאָמקע. אפשט לייט אָן אַנ'העכערער קולטור, וואָס באַאָסלאָס נאָמען האָט זיי וואַרשיינלעך גאָר נישט געזאָגט.

אויף זייערע רייזן פלעגן די מיורואָס באַזוכן די אַמבראָס איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין יאָר. די בעלי - בתים האָבן שטאַרק געאַכט אין זיי זייער אָפּנהערציקייט, טאָלעראַנץ און די נאַאיווע פילאָזאָפיע פון מענטשן, וואָס זענען אַלט געוואָרן אין דער שטי- לער, רויקער פּראָווינץ און האָבן סטאָאיש אַריבערגעטראָגן זייער גרויסן אומגליק, פאַרלירנדיק אין קריג זייער איינציקן זון — דעם קאָמענדאַנט מיורוא, וועלכער איז געפאַלן ביי מאַראַנזש דעם 20-טן אויגוסט אין יאָר 1914.

דער גאַנצער עולם האָט זיך ווידער צונויפגעקליבן אין אַלטאַנע. ס'איז אַריין די קליינע רירי, טראָגנדיק פאָרזיכטיק אין די הענטלעך צוויי גלעזער:

— אָט, האָסטו, מוטער!

געשיקט, ווי אַ געבאָ־ענער ווײַנשענקער, האָט הער אַמבראָ געעפנט איינע פון די פלאַשן געפרווירענעם וויין. דער העל - גאָל- דענער געטראַנק האָט געפינקלט אין די ריין געוואַשענע גלעזער. די מיורואָס האָבן אַ כאַפּגעטאָן רירין, איר געקושט און געהאַלזט. זי איז זייער ענלעך געווען צו זייער אייניקל אַן אומגעזעצלעך קינד פון קאָמענדאַנט, וואָס זיי האָבן אַדאָפּטירט און גלייכצייטיק ברייט געעפנט די טירן פון זייער הויז פאַר איר טרויערגדיקער מוטער

די פרויען האָבן באַלד ווידער אָנגעהויבן זייער איבערגע-

ריסענעם געשפּרעך וועגן דער נויטווענדיקייט צו זאָרגן פאַר די פאַרלאָזענע קינדער. אין לאַנזשע האָבן שוין די מיורוואַס געמאַכט פאַר דער אָנגעלעגנהייט אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע. צוויי אינגעלעך, איינער אין אַנזשער, דער צווייטער אין סאַמיור, האָבן טאַקע אַ דאַנק זיי געפונען זייערע עלטערן.

דער אַלטער מיורוואַ האָט באַמערקט:

— וואָלטן ווייניקסטנס דידאָזיקע עלטערע קינדער נישט גע־דאַרפט לעבן אין דער שטענדיקער מורא, אַז אין איין שיינעם טאָג קענען די שולדיקע אין זייער אומגליק קומען און אָפּנעמען זיי צוריק. בנוגע די געזעצן וועגן די קינדער לעבן מיר נאָך אַלץ לויט די דאָגמען פון רוימישן רעכט... דער פאַמיליען ־ פאָטער האָט אַלע רעכט און טראָגט נישט קיין שום פליכטן. פּונקט ווי די קינדער זאָלן נישט זיין קיין סאָציאַלער קאַפּיטאַל, וואָס קודם כל מוז מען אים היטן.

— הער בלאַנשע האָט עס שטאַרק באַטאָנט אין זיין אַר־טיקל אין דער „נייער וועלט". — האָט באַמערקט פרוי אַמבראָ־יאָ. יאָ מיין פריינט! איר האָט אונדז געבראַכט אַ גרויסן נוצן. אַ דאַנק אייך האָט אונזער אָרגאַניזאַציע באַקומען אַ מאַסע בריוו און אָנפראַגן... איר האָט אַפילו קיין אַנונג נישט וועגן אייער השפּעה!

— בלאַנשע קען אויסגעווײלט ווערן אַלס דעפּוטאַט, אויב ער זאָל עס נאָר וועלן, — האָט אַ זאָג געטאָן הער וויגיאַבאַס.

— ניין, דאָס וועל איך שוין קיין מאָל נישט וועלן האַלטן פאָרטראַגן און שרייבן אַרטיקלען וויפל איר ווילט... אָבער דרשענען אין בורבאָן ־ פּאַלאַץ!.. איר ווייסט אָן וואָס דאָס דערמאָנט מיר, מאַדאַם אַמבראָ, אָן אייערע ווינטמילן אויפן ברעג לוואַרי. זייערע פליגלען באַוועגן זיך...

— און באוועגן זיך אויף א ליידיקן שטח!

— דאס איז עס טאקע.

חער זשע וועט רעפארמירן די געזעצן אויב נישט די גע־זעצגעבער?

בלאנשע האט א מאך געטאן מיטן האנט:

— ס'וועט קומען די צייט, און אפשר נאך גיכער ווי איר קלערט, א צייט, וואס אנשטאט ווינטמילן וועלן קומען לאזונגען. די וועלט ארום אונדז עוואלוציאנירט דאך... אפילו דער טויט ־ שרעק קען עס נישט אפשטעלן... ס'וועט קומען די צייט פון מעשים.

— די רעוואלוציע? האט מיורוא קאלט א פרעג געטאן. זי זאל זיך איינגעבן דארף מען עפעס מער ווי א שטאטס־מאיאר און חילות. מ'דארף די מאסן. אבער ווו זענען זיי?

אן טיער, איז נישטא קיין 89 ־ סטער יאר!

די בורזשואזיע פון יאר 1922 איגנארירט אדער אנערקענט נישט קיין פעלקער ־ בונד, פונקט ווי דער אדל און דער קלער האבן אין די פריערדיקע צייטן נישט אנערקענט קיין טיער. מער צוטרוי צום פאלק!

— זייער ריכטיק בלאנשע! — האט מסכים געווען פראפעסאר חיניאבאס, דער נאטאריוס אבער האט זיך דענערווירט.

— א רעוואלוציע — דאס איז דאס אומבאוווסטע־ אדער בעסער די אייביקע געשיכטע: מ'גייט אריבער ווייט איבערן ציל און מ'מוז זיך אומקערן צוריק. וואס, למשל האט דער באלשעוויזם געבראכט רוסלאנד? אפשר קענט איר מיר עס זאגן?

— אָבער, האָט בלאַנשע געענטפערט, — רוסלאַנד איז נישט פראַנקרייך, איבעריקנס האָט דער חורבן און הונגער אין רוסלאַנד אַ סך טיפערע און ווייטערע סבות ווי די קאָמוניסטישע אויטאַפיע. אפילו זייערע פעל - טריט וועלן ברענגען נוצן די פראַנצויזישע רעפאָרמיסטן. און וואָס ס׳זאָל נישט קומען, וועט אָבער דאָך אונטער לעגינס הערשאַפט דורכגעפירט ווערן די נאַציאָנאַליזאַציע פון באָדן און פון דער גרויס = אינדוסטריע אין געוועזענעם צאַרישן רייך.

די גאַנצע מענטשהייט וועט בענטשן דעמדאָזיקן גיגאַנט, — דאָסדאָזיקע ריזן - קינד, וואָס הויבט שוין אָן ביסלעכווייז קומען צו זיך נאָך זיינע בלוטיקע קאָנוולסיעס, און וואַקסט אויס פאַר אונזערע אויגן.

און וואָס האָט איר געוואָלט? וועלכע גרויסע דעראָבערונגען ווערן דען דערגרייכט אָן קאַמף און אָן ליידן?

מיט אַ געוויסער אויפרעגונג האָט זיך מאָניקע צוגעהערט צו דערדאָזיקער דרייסטער שטים, וואָס די איבערצייגונגס קראַפט האָט איר צוגעגעבן אַנ׳אויסערגעוויינלעכע שיינקייט. אפילו מיורואַ איז געוואָרן באַאיינפלוסט און האָט מער נישט פּראָטעסטירט. דער איינציקער רעזשי האָט מיט אַ פיינטשאַפטלעכער איראָניע געקוקט אויפן רעדנער און אויף זיין אודיטאָריע. אַזאַ „פּראַזעאָלאָגיע" און דערצו אַ „באַריטאָן", יאָ, דאָס מאַכט פוראַר, האָט ער געקלערט און איראָניזירט אויפן קול:

— הער בלאַנשע באַגייט אַנ׳אומרעכט, וואָס ער נוצט אויס זיין טאַלאַנט בלויז פאַר אייגענע מענטשן. מיט אַזאַ שטים, גאַראַנטיר איך אייך, ווערט איר אין צוויי יאָר אַרום מיניסטער. דער פּראָפעסאָר האָט געשפּירט דעם באַהאַלטענעם שטאָך אין דערדאָזיקער איראָניע.

— איך בין נישט מער ווי אַנ'איינפאַכער פּראָפעסער פון פילאָזאָפיע, מיין טייערער. איך גיב איבער אַנדערע דאָס, וואָס איך קלער.

דער ראָמאַניסט האָט זיך כּלומרשט אַנטשולדיקט.

— אַזוי! און איך האָב געמיינט, אַז איר האַלט לעקציעס איבער רעטאָריק. פּאַרדאָן!

— איך בין לחלוטין נישט באַליידיקט, האָט בלאַנשע גע־זאָגט. — רעטאָריק איז אַ חשובע וויסנשאַפט... איך מוז אייך אָבער זאָגן, אַז דאָס ערשטע מאָל אין לעבן זע איך אַ שריפט־שטעלער, וואָס באַציט זיך צו איר מיט אַזאַ גרינגשעצונג. איר שפּיט דאָך אויף אייער אייגן ברויט, מיין הער!

רעזשי איז בלייך געוואָרן, דערשפּירנדיק דעם שטאָך. אַ ווערטער־דועל, וואָס אויסער מאַדאַם אַמבּ־אַ, האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען זייער זין, און די קלעפּ האָט געשפּירט מאָניקע, וועל־כע איז גלייכצייטיק געווען דער ריכטער און דער עדות! ווייל נאָר צוליב איר האָבן דידאָזיקע צוויי מענער געשאַרפט דעם שווערד פון זייערע בליקן און ווערטער.

מיט איין מאָל איז איר געוואָרן גאַנץ קלאָר, אַז נישט אומ־זיסט האָט רעזשיס אייפערזוכט דערשפּירט דעם נעבנבולער. זי האָט עס אַרויסגעפונען נישט אין דער שטענדיק גלייכמעסיקער האַל־טונג פון פּראָפעסאָר, נאָר אין דער שטילער קענגזייטיקער סימפּאַטיע.

פאַר דער צייט, וואָס זיי האָבן זיך לעצטנס באַגעגנט, האָט זיך ביי בלאַנשע דערוועקט צו מאָניקען אַ גאַנץ ביי ער געפיל. לתּחילה איז עס פּשוט געווען נייגיריקייט, אַזוי האָט זיך אָבער פאַרוואַנ־דלט אין אַ סימפּאַטיע אַ סך אַ שטאַרקערע ווי געווינלעכע פריינ־טשאַפט.

מיטן ראַפינירטן אינסטינקט פון אַ פרוי, וואָס פילט זיך
געשמייכלט דערמיט, וואָס זי געפעלט, אַפילו דאַן, בעת זי קלערט
גאָר נישט וועגן דעם, האָט זי געשפירט, אַז בלאַנשעס סימפּאַטיע
צו איר וואַקסט מיט יעדן מאָל, וואָס זיי באַגעגנען זיך.

דאָס איז שוין נישט געווען בלויז קיין נשמה־יתרה
שאַפט, קיין גייסטיקע פריינטשאַפט, וואָס האָט אים געצויגן צו איר
נאָר אַ סך אַ שטאַרקערער מאַגנעט... אפשר טאַקע אַנ׳אומבאַוווסט־
זיניקער, — ווייל אין זיין אויסערלעכע האַלטונג האָט זיך הער־
סטנס געמערקט בלויז אַנ׳אויסערגעוונלעכע אַכטונג. נאָר די קאַ־
צן־אויגן פון אַ פאַרליבטן און אַנ׳אייפערזיכטיקן האָבן געקענט
זען דעם ריכטיקן צושטאַנד.

גלייכצייטיק האָט מאָניקע געזוכט זיך אָפּצוגעבן רעכנשאַפט
וועגן אירע אייגענע געפילן. פאַרכאַפּט דורך רעזשין אויף אַזוי פיל
אַז אַלץ וואָס עס איז נישט געווען זייער געמיינזאַמער פאַרגעניגן, האָט
פאַר איר פיזיש נישט עקסיסטירט — האָט זי אין באַצוג צו בלאַנשען
זינליך נישט געשפירט נישט קיין סימפּאַטיע, נישט קיין ווידערווילן,
ער איז געווען נישט גוט, נישט שלעכט, לגמרי גלייכגילטיק...

זיך אַריינטראַכטנדיק, איז זי אָבער געקומען צום באַשלוס,
אַז וואָס נענטער מקען אים, אַלץ סימפּאַטישער ווערט ער. דער
ערשטער איינדרוק, בעת מהאָט איר אים פאָרגעשטעלט, איז געווען
כמעט אַנ׳אומאַנגענעמער. איצט פלעגט זי זיך זייער גערן מיט אים
טרעפן. איר איז שטאַרק געפעלן זיין ברייטע וועלטאַנשויאונג, אײ־
בערהויפּט זיין גלויבן, וואָס האָט נישט אויסגעשלאָסן די טאָלעראַנץ.

יאָ, אַ מעיטש מיט אַ זעלטענעם כאַראַקטער!

זי האָט געוואָלט זיין אויפריכטיק ביזן סוף:

צי וואָלט זי זיך מיט אים אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט,
ווען רעזשי זאָל איר נישט געוועסט צווינגען צום דאָזיקן פאַראַלעל
דורך זיין אומבאַגרינדעטן פאַרדאַכט און אומגעלומפּערטע טענות?...

ניין. — אויב בלאַנשעס געשטאַלט האָט איצט כסדר באַ־שעפטיקט איר פאַנטאַזיע, ווי נאָר זי פלעגט בלייבן אַליין, איז ווער געווען שולדיק אין דעם?... פאַרשטייט זיך, אַז ער, רעזשי.

וואָס ס׳האָט איר אַמיינסטן באַליידיקט אין זיינע ברוטאַלע פאָרווורפן — איז געווען נישט זייער אומריכטיקייט, נאָר די אומ־גערעכטיקייט.

מאָניקעס פאַרוווּנדעטע האַרץ, וואָס, אויף געזוּנט צו ווערן, האָט עס זיך גענויטיקט אין אַ צערטלעכער זאָרגפעלטיקער באַ־האַנדלונג — האָט איצט צו שטאַרק דערשפּירט די גראָבע הענט, וועלכע אַנשטאָט כלומרשט איר שמערץ צו לינדערן — האָבן זיי נאָר מיט איין קלאַפּ אַראָפּגעריסן דעם פּלאַסטער פון דער ווונד, וואָס האָט נאָך געבלוטיקט.

די אַלטע ווונד האָט זיך געעפנט און צו איר איז נאָך צו־געקומען אַ נייער שמערץ, וואָס ביז איצט האָט זי אים נישט גע־קענט: די גייסטיקע פּרעמדקייט, די זעלישע ווייטקייט פון דעם, וואָס האָט איר אָבער פעסטגעהאַלטן בלויז דורך אַ באַפלעקטער פיזישער צוגעבונדנקייט.

די ווירקונג פון דאָזיקן גיפט איז מיט יעדן טאָג געוואָרן שטאַרקער.

אויף דעם אופן זענען אַלע דריי, לגמרי דאָס נישט אָנער־קענענדיק, צוגעקומען צום קולמינאַציאָנס־פונקט פון זייער לעבן.

נישט אָפּשאַצנדיק ווי געהעריק די לאַגע, האָט זיך רעזשי ווילד געוואָרפן אויפן קעגנער. פּאַר שכורט פון דער בלינדער אייפערזוכט און פון שרעקלעכן האַס, איז ער געווען זיכער אין זיין נצחון. ווען ער זאָל געווען צווייפלען אין זיין מאַכט, וואָלט ער זי נישט אַזוי משונה־ווילד פאַרטיידיקט.

— מיין ברויט, האָט ער זיך געכעסט.

יאָ, באמת, שיינע פּראַזן!...

און ער האָט געבראַכט אַלס עדות זייער אַמאָליקן רבי'ן.

— איך, אַ רעטאָריקער?... ניין, כאַ, כאַ, כאַ. ווער אָבער איז עס פון אונז ביידן? אויב עס איז פאַראַ עפּעס אַזוינס, וואָס איך פאַרהאַס מיט מיין גאַנצער נשמה — ווייל איך האַלט עס פאַר דאָס געפערליכסטע און פאַר דאָס אומווירדיקסטע אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט — איז עס די רעדנער-קונסט. יעדעס מאָל, ווען איך בין נאָר בכח, האַנדל איך לויט ווערלען'ס עצה: איך נעם און דריי איר אָפּ דעם קאָפּ. די רעדנער-קונסט? דאָס איז אַנאַלט, אָפּגעפליקט הון, וואָס קאָן נאָך בלויז רייצן דעם קלוגן גאַלישן האָן! דאָס צוטרוי פון פאָלק? יאָ, פאַר צוויי גראָשן קויפט עס דער ערשטער בעסטער בויכרעדנער.

— דאָס איז אמת, האָט מסכים געווען הער וויניאַבאַס, וואָס איז שוין בכלל נישט נתפעל געוואָרן פון באַאַסלאַס פאַרביטערטע אָנפאַלן. מדאַרף נאָר דורכלייענען דעם נאַכטיקן בעריכט פון דער פאַרלאַמענט-זיצונג!... עס איז גענוג, אַז אַנאָראַטאָר זאָל בלויז האַלטן אַ שיינע רעדע, און די קאַמער אַפּלאָדירט, כאָטש ער מעג אַרויסזאָגן פונקט דעם היפך פון זיין פאָרעדנער, וועלכן מהאָט נאָר וואָס באַשאָנקען מיט דיזעלבע רוישנדיקע אַפּלאָדיסמענטן.

בלאַנשע האָט געשמייכלט:

— בכלל האָבן די פאָלקס-פאַרטרעטער אַמווייניגסטן געמיינזאַמעס מיטן פאָלק! אַנאויסגעפּוצטע מאַלפּע איז נאָך נישט קיין מענטש. אויף איין זשאָרעס, וויפל פּערטוס!

דאָס פאַר פאָלק מיורוא, וואָס די גאַנצע דיסקוסיע האָט זיי אינטערעסירט ווי דער פאַראַיאָריקער שניי, האָבן אויסגענוצט די קורצע הפסקה אויף זיך אָפּצוטראָגן ווי סרוב מענטשן פון זייער קלאַס, האָבן זיי פיינט געהאַט פּאָליטיק.

זיי זעען אין איר נישט מער ווי אַ גרויסע קיך, אָבער זיי אינטערעסירט בלויז דער דעסערט.

זיי זענען ארויס פון צימער מיט לאַנגזאַמע טריט, באַגלייט פון פרוי אַמבראַ און דער קליינער רירי, וואָס האָט איר געהאַלטן פאַרן האַנט.

— מיר האָבן זיי פאַרטריבן, האָט מאַניקע געזאָגט מיט אַ געלעכטער.

הער ווינ־אַבאַס האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— יאָ, איך מיין אויך אַזוי. און ער איז אַ סך ערנסטער, ווי ער זעט אויס, דערדאָייקער וואַקסנדיקער אינדיפערענטיזם פון אַ לאַנד צו די וויכטיקסטע אידעען, אויף וועלכע סאָריענטירט זיך און וועלכע באַהערשען עס. „די פאַרשיידענע פאַרטייען און די האַנדלונג פון די מאַכטהאָבער שטויסן בילכעכוויז אָפּ פון עפנט־לעכן לעבן די בעסטע מענטשן. יעדערער אינטערעסירט זיך בלויז מיט זיינע פּע זענלעכע ⟩ נגעלעגנהייטן, ס'אַטראָפירט זיך לגמרי דער חוש פאַרן נאַציאָנאַלן לעבן.

רעזשי האָט אָנגעשטאָפּט זיין לולקע און פאַרויכערט. ער האָט באַמערקט:

— אויב אַזוי, טאָ לאָמיר אויפהערן ריידן וועגן אַ רעוואָלוציע! מיינט נישט אַז נאָר די בורזשואזיע שפייט אויף דערדאָזיקער שטרויס ־ פּאָליטיק. די מאַסן טוען דאָסזעלבע. איר רעדט וועגן אַלגעמיינעם אַרבעטס ־ פאַרבאַנד. פון אים איז שוין געבליבן אַ העלפט. שוין געגוג אונז פאַרהאַקט די קעפּ מיט פּרינציפּן!...

— די פּרינציפּן?...

זיין געזיכט האָט זיך מאוס פאַרקרימט.

— אַ טרעפּ ביים קיך ־ צריינגאַנג און אויף יעדער שטאַפּל זיצן מענטשן.

— פאַרזיכטיק, מיין טייערע קאָלעגע, פאַראַדאָקסן זענען אויך רעטאָריק, — האָט בלאַנשע איראָניש באַמערקט.

— פאַראַדאָקס! און ווי זאָגט איר, צי דען לעבן מיר נישט ביי היינטיקן טאָג אין אַ פולשטענדיקן תהו ובהו. אומעטום! און אַלע! מענער, פרויען, איינער דעם צווייטן וויל איבערשטייגן!

— און ווער איז שולדיק דערין, מיינע הערן? האָט געפרעגט מאַדאַם אַמבראַ, וועלכע איז נאָר וואָס צוריקגעקומען און האָט געהערט בלויז די לעצטע פראַזע.

— איך נישט! האָט געזאָגט רעזשי, פאַרציענדיק זיין פּיפּ־קע, וואָס האָט געפלאַקערט.

— וועגן די אַנוועזנדע רעדט מען נישט... האָט אַ זאָג גע־טאָן פרוי אַמבראַ, זיך אַוועקזעצנדיק. אָבער אויב אימיצער איז אַ פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער איצטיקער אַנאַרכיע, טאָ זייט זיך מודה, הער באַאַסלאַ, אַז דאָס זענען נישט איר און נישט די צוויי אַפּאָסטאָלן, — (הער וויניאַבאַס און זשאָרזש בלאַנשע האָבן זיך קאָמיש פאַרנייגט) און אַמווייניגסטן מיר, אָרעמע פרויען!. ווען עס זאָל זיך ווענדן אין אונדז, מעגט איר זיכער זיין, אַז עס וואָלט דערצו נישט געקומען. נישט בלויז צום קריג וואָלטן מיר נישט דערלאָזן, נאָר, ווען מיר האָבן שטימרעכט, וואָלט געווען אַ סך ווייניקער אַלקאָהאָל־פאַרקויפער, ווייניקער פינסטערע קע־לערשטובן, די נעסטן פון טובערקולאָז און אַנדערע אַנשטעקנדע קראַנקהייטן, ווייניקער פראָסטיטואירטע און סיפיליס־קראַנקע. עס וואָלט געווען מער מוטערשאַפט און אַ גרעסערע צאָל קינדער־פרי־וטן און שפּיטעלער. קודם כל אָבער אַ סך מער שולן!

מאָניקע האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול און אַ קוש געטאָן איר פריינדין. רעזשי האָט נערוועז אַ וואָרף געטאָן זיין ליולקע:

— אַנאויסגעצייכנט פּראָגראַם. איך רעקאָמענדיר זי אונזער פריינט בלאַנשע פאַר זיין באַנטער וואל-קאָמפּאַניע. איר וועט באַשטימט דורכגיין, מיין פריינט. איך גיי אין געוועט אויף הונדערט פראַנק, אַז איר וועט פיגורירן אויף די פלאַקאַטן:

זשאָרזש בלאַנשע, סאָציאַליסט-פעמיניסט! דאָס וועט זיין פּיקאַנט!

— לכל הדעות וועט עס זיין ריכטיק. איך בין לגמרי איינשטימיק מיט דער מיינונג פון פרוי אַמבראַ.

— פאַרשטייט זיך!.. איין קליינע פראַגע, גנעדיקע פרוי:

— און אייערע וויילערינס. — כדי אַ מאַדאַם אַמבראַ זאָל ווערן אויסגעוויילט, דאַרף מען דאָך קודם כל האָבן פרויען-שטימען?...

זעלבסטפאַרשטענדלעך! די פרויען מוזן באַקומען שטים און וואל-רעכט, ווי אין אַמעריקע, ענגלאַנד און דייטשלאַנד...

— און אין דער שווייץ, אין בעלגיען, עסטרייך' טשעכיען און פינלאַנד! האָט אַמבראַ אויסגערעכנט. — פראַנקרייך טאָר בשום אופן נישט בלייבן הינטערשטעליק.

וויניאַבאַס האָט געמורמלט:

— פראַנקרייך — די נאַציע וואָס האָט פּראָקלאַמירט: פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט!

— אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו אונזער פראַגע, — האָט באַאָסלאָ ווידער אָנגעהויבן: די מענער זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער איצטיקער אַנאַרכיע. עס ווילט זיך מיר פשוט לאַכן! מיר האָבן אויסגעלערנט אייערע „קלאַסנבאַוווסטע און אָרגאַניזירטע" בירגערינס מיטצומאַכן דידאָזיקע אַלגעמיינע סאַראַבאַנע. מיר עצהן דער אָרעמער אַרבעטערין אויסצוגעבן אירע גראָשנס, דעם גאַנצן שווער אויסגעהאָרעוועטן וואָכן-לוין, אויף זיידענע זאָקן פאַר אירע שוציקע פיס, אויף געלע שיך אָדער לאַקערקעס? אונזער

יִפּטוּ איז עס אָפּצוקורצן די קליידער פון די וועלט דאַמען ביז די קני, כּדי זיי זאָלן זיך בעסער קענען דרייען אין די דאַנסינגס? צי דען זענען מיר פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די נייע, מאָדערנע זיטן פון די יונגע מיידלעך און פאַר דער לעכערלעכער אייטלקייט פון דער פרויען — אַרבעט... זאָל מיר פריילײַן לערבּיע פאַרצייען, איך רעד נישט חוץ איר!

מאָניִרע האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן. זי האָט געשפּירט, אַז די באַליידיגונג איז הויפּטזעכלעך געוואָרפן איר אין געזיכט און דאָס האָט איר געשטאָכן ביזן זיבעטן ריפּ.

פרוי אַמבראָ האָט קאַלטבלוטיק געענטפערט:

— דערלויבט דעם שעפס צו ענטפערן דעם וואָלף אויף זיין לשון: „אויב נישט דו איז עס דיין ברודער!" יאָ, אויסשליסלעך די מענער האָבן נישט בלויז אַנטוויקלט אין די פרויען אַלע זייערע פעלער, נאָר האָבן אויך אויסגענוצט די ווייבלעכע שוואַכקייט און פאַרשטאַרקט זייערע נייגונגען צו פאַלשקייט, שקר און לוסט, געמאַכט פון זיי די צווייטע נאַטור. אַלע שלעכטע ביישפּילן קומען פון אייך, און בשום אופן קאָן מען אייך דאָס נישט מוחל זיין, חייל איר זענט תּמיד געווען און ביז הייַנטיקן טאָג געבליבן די טאָנגעבער, די וואָרטפירער, די בעלי - בתּים פון דער לאַגע. רעדנדיק וועגן דעם, מוז איך אייך, הער באַסלאָ אויפמערקזאַם מאַכן, אַז אייער פּאַראַדאָקס איז פּונקט אַזוי פיל אמת וויפיל איר זענט זיך טועה. בכלל פאַראַלגעמיינערט איר צו שטאַרק. די פראַנצויזישע פרויען, און אַפילו די מיידלעך, זענען נאָך נישט אַלע אַזעלכע ווי איר שטעלט זיי דאָ פאָר. ווען מיורוא זאָל נאָך דאָ זיין, וואָלט זי אייך גלייך געקאָנט אָנווייזן אויף אַ גאַנצע מענגע פאַמיליעס אין דער פּראָווינץ און זאָגאַר אין פּאַריז, ווו די ערנטלעכקייט איז אַ סך שטאַרקער פאַרטרעטן ווי די אויסגע-

לאַסנקייט. דאָס איז אַ פאַקט. און אויב אויף דער זון זענען פאַראַן פלעקן, הערט זי דאָך נישט אויף צו זיין די זון.

וויניאַבאַס האָט זיך געריבן די הענט. הער אַמבראָ האָט זיך מיט אַ צופרידענעם שמייכל אָנגעגאָסן ווײַן. ער איז רויט געוואָרן דערזעענדיק, אַז אַלע גלעזער זענען ליידיק, און דערלאַנגנדיק די פלאַש האָט ער געזאָגט:

— אַ! אַנטשולדיקט!.. יאָ, יאָ, אַ קליין גלעזעלע, הער באַאַסלאָ. עס שמעקט גוט. צום גליק זענען נאָך פאַראַן אויף אונזער פינצטערער וועלט אַ סך גוטע זאַכן.

— און דערצו, האָט בלאַנשע ווידער אַ מאָל גענומען דאָס וואָרט.

— בכלל דאַרף מען נישט אורטיילן וועגן אַ געזעלשאַפט און אַנ׳עפּאָכע לויט אַ פאַריבערגייענדיקן מאָמענט. קודם כל ווי פרוי אַמבראָ האָט באַמערקט, זעט הער באַאַסלאָ פאַקטיש נאָר דאָס וואָס הער באַאַסלאָ זעט. און אויסערדעם וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבן צען, צוואַנציק יאָר פאַר דער געשיכטע?.. ווער ווייסט?

אין דער אַנאַרכיע גופא קען זיך אַנטוויקלען אַ נייע וועלט־אָרדנונג... די נייע זיטן פון די יונגע מיידלעך און די דערפאָלגן, וועלכע עס הערענגט געוויינלעך מיט זיך די פרייהייט, קען גאָר פאַרשענערן די געשטאַלט פון דער פרוי פון מאָרגן.

באַאַסלאָ האָט איראָניזירט:

— „די משוגענע בתולה״ אינטראָדוקציע צום „חתונה־מאַרש״, — מוזיק פון הענרי באַטאַי!..

— און דערנאָך? די בתולים. דאָס טייערסטע פאַר די אַמאָליקע ווייבער־קויפער, האָט איצט פאַר אונז דיזעלבע וויכטיקייט ווי אַ מילך־צאָן! און דער אַבערגלויבן, וואָס געוויסע מענטשן פאַרבינדן דערמיט, איז פאַר מיר גיכער אַ מין סאַדיזם, איידער אַ באַווייז פון אינטעליגענץ.

איך בין אין גאַנצן אויף דער זייט פון סטענדהאַלן, וואָס ער האַלט, אַז דער „בתולים - ענין" איז די „קוועלע פון אַלע פאַר-ברעכן און אומגליקן, וואָס באַגלייטן אונזערע איצטיקע חתונות".

באַסלאָ האָט זיך מיט אים גערייצט:

— אויב אַזוי וווּנדערט מיך שוין נישט אייער טאָלעראַנץ צו די באָלשעוויקעס! קאָמוניזם אין דער ליבע—איז אויך אַנ'אָנזיכט...

בלאַנשע האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די באַרקעס:

— דאָ האַנדלט זי נישט לגמרי וועגן קאָמוניזם, נאָר פּראָסט פּשוט מכח דעם, אַז מיר זאָלן געבן די מיידלעך דיזעלבע רעכט און דיזעלבע וואַל - פרייהייט, מיט וועלכע מיר באַנוצן זיך אַליין. עס איז ממש אַנ,אַבסורד צו פאָדערן פון טויזנטער מיידלעך אָב-סטינענץ בעת מיר גופא פאַראורטיילן אויף ליידן פון געצוווּנגענער ליבע גאַנצע מחנות פּראָסטיטוטקעס. דידאָזיקע אָבסטינענץ — דער גדר פון צניעות — פאַרגרעסערט פון טאָג צו טאָג די צאָל פּראָסטיטו-אירטע — שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם וואָס ס'פאַלט שטאַרק דער וווּקס פון דער נאַציע...

— לויט מיין מיינונג — האָט באַמערקט פרוי אַמבראָ — וועט קיין מאָל נישט זיין צו פיל קינדער.

זאָל לעבן דאָס לעבן!

רעזשי האָט זיך געקליבן צו ענטפערן, פלוצלינג האָט ער אָבער באַמערקט דעם בליק, וואָס בלאַנשע האָט געוואָרפן אויף מאָ-ניקן. גלייכצייטיק האָט זי אויך אויפגעהויבן די אויגן. מיט אַ קאָפּ-שאָקל האָט זי אויסגעדריקט איר איינשטימונג מיט זיינע אָנזיכטן. רעזשי איז אָבער מיט אַזאַ אימפּעט אויפגעשפּרונגען פון שטול, זיין פּנים מיט דער רויטער באָרד האָט באַקומען אַזאַ ווילדן אויסדרוק, אַז מאַדאַם אַמבראָ איז פאַרציטערט געוואָרן, ווי זי וואָלט דערזען אַ שד.

— איר האָט מיך איבערגעשראָקן — האָט זי געזאָגט בלומרשט מיט א געלעכטער.

— פאַרצייט מיר! מיר האָבן זיך פאַרעדט, עס איז שוין אָבער שפּעט, צייט א היים צו פאָרן... איך באַדויער זייער מיין טייערע, בלאַנשע, וואָס איך נעם ביי אייך אָפּ איינע פון אייערע אָנהעגנגעריגס... איר גייט, מאָניקע?

— בלייבט נאָך אַביסל! האָט געבעטן פּרוי אָמבּראָ, ענ־פערט פון זיין ווילדן אַרויסטריט... באַלד דערלאַנגט מען אונז בראָטן מיט א גוטן באָבעס - סאַלאַט פון אונזער אייגענעם גאָרטן. אונזערע פריינט פאָרן ערשט נאָכן אווּנטעסן, מיטן צענער - צוג.

רעזשי האָט געשפּירט, אַז מאָניקען ווילט זיך זייער בלייבן און ער האָט זיך געוואַקלט. ער האָט באַשלאָסן צו ריזיקירן מיט אַלץ, כדי אַלץ צו געווינען, און האָט געזאָגט.

— אוממעגלעך! דאָס בוימאייל און אונזערע לאָמפּן איז אויסגעגאַנגען, מיר מוזן באַצייטנס פאָרן.

ער האָט געזאָגט ליגן. אָבער מאָניקע האָט נאָכגעגעבן, ווי פאַרהיפּנאָטיזירט פון זיין ווילדן בליק און מורא האָבנדיק פאַר א סקאַנדאַל.

בלאַנשע האָט איר אַ קוש געטאָן אין האַנט. זי האָט געקוקט רעזשין גלייך אין געזיכט אַריין; ער איז געוועזן הייס פון כעס. און אין דער הויך, ווי עפּעס אַנ'הבטחה, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— אויף ווידערזעען!

.IV

איבערלאָזנדיק דעם אויטאָ אין גאַראַזש אויפן פּלאַץ סען־סיול־פּיס, זענען מאָניקע און רעזשי, גישט רעדנדיק איינער צום אַנדערן קיין וואָרט, אַוועק צו פוס אַהיים אויף וואָזשיראַר - גאַס.

אויפן גאַנצן וועג אַהיים האָט זי נישט געוואָלט אַרייַנגיין מיט אים אין קיין שום געשפּרעך, און איצט דערשפּירנדיק, אַז עס קומט דער אַנטשיידענער מאָמענט, האָט זי אין גאַנצן געציטערט פאַר שרעק. אין דערהיים וועט זיך גלייך אָנהויבן די געוויינלעכע פאָרשטעלונג מיט אַלע אירע טראַגישע אַקטן. אַ רעגן פון פאָרוורפן, אַ מבול פון באַליידיגונגען, און דערנאָך, נאָכן שטורעם דער ווילנלאָזער פאַל אין תהום פון דערנידערנדיקן געװוּס, פון וועלכן זי פלעגט זיך יעדעס מאָל אַרויסכאַפּן. אַ שמוציקע, אַ פאַראומרייניקטע ווי פון אַ בלאָטע - באָד. פלוצלינג האָט זי דערשפּירט די שטיקנדיקע אַטמאָספער פון די קליינע צימערלעך, און עס האָט איר ממש פאַרכאַפּט דער אָטעם. וויסט און פוסט האָט איר איצט אויסגעזען איר וווינונג אין פאַרגלייך מיטן גלאַנץ פון לוקסנבורגער פאַרק אין דעמדאָזיקן וווּנדער - שיינעם הערבסט - אָוונט. און וואָס וואַרט אויף איר אין דערדאָזיקער היים?.. קיין שום וואַרעמקייט, קיין שום צערטלעכקייט. נישט מער ווי אַן אַטמאָספער פון פיינטשאַפט,, פון ליידן...

אויפן ראָג באָנאַפּאַרט - גאַס איז זי געבליבן שטיין;

— דאָס וועטער איז זייער שיין, קיין מיטאָג אין דער היים איז היינט נישטאָ... עס האָט נישט קיין זין צו גיין אַראָפּ און אַרויף אויפן דריטן שטאָק..

— מיר האָבן אַלזאָ צייט זיך אָפּצורוען ביז מיטאָג?

— ניין. גיי אַהיים, אויב דו ווילסט. איך וועל בעסער אונטערזיצן אין גאָרטן. איך וויל זיין אַליין... דו וועסט קומען נאָך מיר?.

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— גוט, לאָמיר זיך ערגעץ ווו צוזעצן;

זיי זענען דורכגעגאַנגען עטלעכע אַלעען, ווו פאָרלעך און גאַנצע פאַמיליעס זענען זיך געזעסן געמיטלעך און פאַרבראַכט די צייט אונטער די שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון.

אַ טרויעריקע האָט מאַניקע באַטראַכט די פרויען, וועלכע ־יענען געזעסן אין אינטימע פּאָזן לעבן זייערע מענער; די מחנות ־קינדער, וואָס האָבן געשפּילט צווישן די שטולן, אַרומגערינגלט פון זייערע עלטערן, וועלכע האָבן געפּלוידערט, געלייענט... זי איז זיי מקנא געווען זייער רויקייט, זייער גלייכגילטיקייט: וויפיל פון די־דאָזיקע שפּאַצירנדיקע גייען דאָ אַרום מיט אַזאַ צובראָכענעם געמיט ווי זי?

מאַניקען האָט זיך שטאַרק געוואָלט אַראָפּלייענען פון די־דאָ־זיקע גע־זיכטער זייערע סודות, זייערע פאַרבאָרגענע ליידן. וויפיל גלייכגילטיקייט! וואָס פאַר אַ רעזיגנאַציע! און ווי איינזאַם וואָלט זי זיך געשפּירט צווישן זערדאָזיקער מאַסע!..

רעזשי איז געגאַנגען לעבן איר. אויסשטרעקנדיק צופעליק דעם אָרעם האָט ער איר נישט ווילנדיק אָנגערירט. ערשטוינט האָט זי אויף אים אַ קוק געטאָן: אַזוי נאָענט, האָט זי זיך דאַר געשפּירט פון אים מײַלן ווייט.

ענדלעך האָבן זיי געפונען צוויי פרייע שטולן אונטערן גרויסן בוים ביי דער סטאַטוע פון מאַדאַם דע סעגור, זי האָט געזאָגט:

— דאָ... וועט זיין נישט שלעכט.

דאָס שווייגן האָט נאָך געדויערט עטלעכע מינוט. ענדלעך האָט רעזשי, שטילנדיק זיין צאָרן, געפונען דאָס געהעריקע וואָרט וואָס האָט איר איבעראַשט און גלייכצייטיק שטאַרק גערירט:

— איך פאַרדין נישט דיין ליבע... אויב דו האָסט מיך נאָך בכלל ליב. איך האָב זיך היינט נאָכמיטאָג געהאַלטן ווי אַ פּרא ־ אדם.

ער האָט אויפגעהויבן זיינע ביז איצט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און האָט איר אָנגעקוקט מיט הכנעהדיקע בליקן. זי איז געוואָרן אַ צו־טומלטע. זיין משנהדיקע האַלטונג ביי ברוי אַמבראָ האָט איר אַזוי אויפגערעגט, אַז זי איז גרייט געווען זיך צו נעמען דאָס לעבן.

אין איר שוויַיגן איז געלעגן פיל מער פאַראַכטונג ווי אין יעדן פאָרוואורף! אָנפאַלן אויף אים? אַפּילו דעם כבוד האָט ער נישט פאַרדינט! זי איז אָבער געשטאַנען אויף דער וואַך, גרייט אָפּצו־קלאַפּן אַלע זיַינע אַטאַקעס... איצט אָבער האָט איר זיַין אומגעריכטע הכנעה ממש אַנטוואָפנט. מיט פאָרשנדע בליקן האָט זי אים איצט אָנגעקוקט, וועלנדיק אַרייַנדרינגען טיף אין זיַין נשמה:

— מיינסט עס אויפריכטיק?

— אורטייל מיר פון היינט אָן לויט מיַינע מעשים. שוין אַ שעה נאָכאַנאַנד זאָג איך מיר אַליין, אַז איך גיי בידים פאַר־ניכטן אונזער גליק... און עס איז מיר טיַיערער פון מיַין לעבן. אָן דיר אינטערעסירט מיר איבערהויפּט קיין זאַך נישט! איך קען זיך אָן דיר נישט באַגיין; דו ביסט מיר נויטווענדיקער פון...

דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, האָט ער געערעט מיט אַ שטילע שטים... ער האָט געזוכט אַ פאַרגלייַך... מאָניקע איז אים געקומען צו הילף:

— פון דיַין ליולקע!.. ווי אַזוי ווילסטו, אַז איך זאָל דיר גלויבן נאָך אַלע דיַינע הבטחות און נאָכן שיינעם רעזולטאַט פון היינט נאָכמיטאָג?

— עס איז דאָ איין מיטל. אונטערוואַרפן מיך אַ געוויסן פּרווו. לאָמיר פון דאַנען אַוועקפאָרן, מיר קאָנען דאָך דאָס מאַכן... לאָמיר פאָרן קיין ראַזייל. ריניאַקס הויז גיט זיך אָפּ אויף ווינטער. ער וויל עס אַפילו פאַרקויפן ווען עס זאָל זיך אים מאַכן אַ קונה.

— צו וואָס זאָל מען עס טאָן?

— כדי דאָרט צו וווינען.

— דו רעדסט גלאַט אין דער וועלט אַרייַן — נישט קלערנ־דיק לגמרי.

— איך קלער כסדר וועגן דעם. פון כעס רעדט מען אָפּט.

מאָל חערטער, װאָס האָבן קײן זין ניסט, נאַרישע דבורים, אויף װעלכע מהאָט שפּעטער שטאַרק חרטה...

— למשל?

— נײן. עס האַנדלט זיך נישט װעגן עבר. איך בין געװען אומגערעכט אין גאַנצן דערעיקר איז איצט די געגנוואַרט, און די צוקונפט, װאָס הײנגט אָפּ אױסשליסלעך פון אונדז. אויב דו ביסט באמת גוט, װעסטו פאַרגעסן אַל דאָס בײז, װאָס איך האָב דיר געטאָן קעגן מײן װילן. יאָ, לגמרי קעגן מײן װילן, װײל בעצם, אין גרונדגענומען, בין איך נישט קײן שלעכטער מענטש... מיר װאָלטן אװעקגעפאָרן װײט פון פאַריז, װײט פון מענטשן. קײן זאַך האַלט אונדז נישט אָפּ. איך נעם מײן טינטער, דו דײן שטיפט און פּענ־זעל, אונזערע אַלע מכשירים טראָגן מיר מיט זיך...

— יאָ, װען מזאָל נאָר דאָס מיטנעמען... װי מ׳זאָל זיך נישט ענדערן, װיפיל מזאָל נישט אַרומרײזן, מ׳פאָרט נישט מיט בלויז דעם פּאַך אין דעם קופער, מ׳נעמט מיט זיך אַלײן אויך!

— מיר װעלן דאָ איבערלאָזן אַלע אונדזערע שלעכטע דער־אינערונגען. אַלץ ארום אונדז אין פאַריז דענערווירט, פאַרפאָלגט מיך... דאָס װאָס מיר װעלן געפינען אין ראָזײל, װעט אונדז דער־מאָנען אױסשליסלעך און אונדזער ליבע, אָן אונדזערע פרײדיקע טעג. און לעבעדיק אַלײן, בלויז אײנער פאַרן אַנדערן, װעלן מיר זײן גליקלעך. איך לעב אױסשליסלעך מיטן דאָזיקן געדאַנק. טאָן אַלץ אין דער װעלט, כדי זיך צו פאַרגעסן, פאַרגעסן, פאַרגעסן...

זײן שטים האָט אױסגעדריקט אַזוי פיל לײדן, אַזאַ װילנס־קראַפט און האָפענונג, אַז מאָניקע האָט זיך פשוט פאַרלאָרן, — װען ער זאָל װײניגסטנס זאָגן דעם אמת?... שפּירנדיק אַ פעס־טערן באָדן האָט ער אין איר װײטער אַרײנגערעדט:

— איך פאַרלאַנג פון דיר נישט מער װי די אײן זאַך:

לאָמיר פרווון!.. זיי נאָכגיביק און פאַרגעס מיין אומגערעכטיקייט!..
אָ, ווען דו זאָלסט מיר וועלן געבן דעם באַווייז, אַז קיין זאַך און קיין מענטש האַלט דיך נישט צוריק אין פאַריז...

דער געדאַנק וועגן בלאַנשע האָט אויפגעבליצט בייביידן אין זעלבן מאָמענט. אָבער רעזשי, באַמערקנדיק מאָניקעס פלוצלינגע אויפרעגונג, האָט זיך באַמיט אָפּצושוואַכן דעם איינדרוק מיט זיין נאָך דרינגנדיקער ביטע.

— לעבן ווייט פון אַלע, אַרבעטן, ליבן איינער דעם אַנדערן... פּאַרטיפּנדיק דאָס געפיל ביז צו דער אומענדלעכקייט... אפשר וועסטו דאַן, — אַז איך וועל האָבן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען— זיין די ערשטע אויף צוריקצונעמען דיינע ווערטער... און אַז איך וועל דיך אין דעם מאָמענט בעטן...

ער האָט איבערגעהאַקט, רויט ווערנדיק פון בושה און פון אַנאומבאַשטימטער מורא.

— וועגן וואָס? האָט זי געפרעגט, נישט פאַרשטייענד'ק לגמרי וואָס ער מיינט.

— איך האָב נישט דעם מוט דיר דאָס צו זאָגן, כאָטש דערדאָזיקער געדאַנק עגבערט מיר דעם מח...

— רעד!

ער האָט מורא געהאַט. אין זיינע אויערן האָט באַך געקלונגען די פראַזע: „איך וועל מיט דיר קיין מאָל אין לעבן נישט חתונה האָבן...״

דוקא דידאָזיקע פראַזע האָט אים באַוויגן, וואָס גיכער צו רעאַליזירן זיין פּלאַן, וועגן וועלכן ער האָט ביז איצט זעלטן געקלערט. דידאָזיקע ווערטער האָבן אים פאַרפאַלגט, נישט געלאָזן ממש רוען. חתונה האָ ן מיט איר!.. יאָ, דאָס איז דער איינציקער מיטל צו האָבן איר פאַר זיך, און נאָר פאַר זיך, אָן שום שותפים...

האָט פאַרשטאַנען און האָט אויסגעשריגן.

— ווערן דיין פרוי? איך? חתונה האָבן?

— דאָס איז מיין איינציקער טרוים.

— כדי מיך לגמרי צו פאַרשקלאַפן, יאָ? דו מיינסט אודאי, אַז אויף דעם סמך וועסטו מיר קאָנען פעסטער צוהאַלטן!

— ווען בינדט איצט די חתונה?.. האָב זיך נישט מוראַ. דאָס צימער פון דער „בלו'ער באָרד" איז אַנאַלטע געשיכטע. אַ מעשה! ניין, חתונה האָבן מיט דיר, כדי אינגאַנצן זיך צונויפגיסן, ווערן איין גוף און איין נשמה.

אַלץ אין איר האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם. דער אינסטינקט פון זעלבסטפאַרטיידיגונג האָט איר דיקטירט צו אַנטלויפן פון רעזשיס אומגעריכטן פאָרשלאַג, ווי פון פייער. איר אומפאַרבעסערלעכע פשוטקייט, לייכטגלויביקייט און נאָכגיביקייט האָבן אָבער געוועקט אין איר אַ געוויסע האָפענונג.

ראָזייל!.. ווער ווייס? אפשר איז טאַקע כדאַי צו מאַכן אַ צווייטן, דעם לעצטן פרווו.

זי האָט נישט געגעבן איר הסכמה אויף זיין פאָרשלאַג אין יענעם אָוונט, אָבער אין עטלעכע טעג אַרום, גערירט פון רעזשיס אויפריכטיקע חרטה - באַווייזן, האָט זי נאָכגעגעבן.

אין אַ נעפלדיקן טאָג האָט זיי דעראויטאָ געבראַכט צום הייזל אויפן ברעג טייך. יוליע א'ז אַוועקגעפאָרן אהין מיט אַ טאָג פריער מיט זייערע קופערס.

זאָל עס האָבן געווען דאָס פּראַכטפולע וועטער, די וואַרעמע קלאָרקייט פון זומער אין סען - מאַרטען מיט זיין באַנייטן קאָץ, אָדער די ענדערונג אין זיי גופא פאַר דער צייט? אָבער זיי האָבן געפונען ראָזייל, מיט זיינע פאַפעל - בוימער מיט די גאָלדקאָלירטע בלעטער, מיט די פערלמוטערנע נעפלן איבער די וואַסערן, מיט די רויט און געל געפאַרבטע וועלדער, אַ סך שענער און אָנציענדיקער

איצט, אין די לעצטע טעג פון נאָוועמבער, ווי אין דער פרילינגס־צייט פון זייער ליבע. רעזשי איז ווידער געוואָרן דער פריערדיקער פשוטער חבר. די ערשטע וואָך איז אַוועקגעלאָפן אין אויספלוגן איבער די נאָנטע דערפער — די פרישע לופט אַרום די שלייפן.

אין די אָוונטן, ביים וואַרעמען אויוון אין קליינעם עסצימער האָבן זיי, גוט געשטימטע, פלייסיק געאַרבעט ביי זייערע שריפטן און צייכנונגען.

מאָניקע האָט שוין אָנגעהויבן גלויבן און דער מעגלעכקייט פון עפּעס אַ נס: דאָסדאָזיקע געמיינזאַמע לעבן איז געווען אויף אַזוי פיל אָנגענעם, אַז זי האָט געקוקט דורך די פינגער אויף אַ סך פון זיינע פעלערן, פון וועלכע ער האָט זיך, קענען זיין ווילן, נישט געקאָנט באַפרייען... בכלל האָט קיין זאַך נישט געשטערט זייער רויקייט און עס זענען געווען גענוג באַרירונגס - פונקטן, אַז זיי זאָלן קענען בלייבן פריינט און אפילו זיך ליב האָבן...

וואָס אָנבאַלאַנגט זיין פּראָיעקט, וועגן וועלכן ער האָט דיפּלאָמאַטיש געשוויגן, האָט מאָניקע דאָך געשפּירט, אַז ער האָט די האָפענונג נישט אויפגעגעבן און צייטנווייז פלעגט זי זיך דעריבער פאַרטראַכטן: חתונה האָבן? קיין מאָל נישט! מיט רעזשין ווייניקער ווי מיט יעדן אַנדערן. זי איז געווען און האָט געוואָלט בלייבן אַ פרייער מענטש! און וואָס קען איר, אייגנטלעך, בו ענגען די לעגאַליזאַציע פון זייערע באַציונגען?.., וואָס גיט דידאָזיקע סאַנקציע די גליקלעכע פאָרלעך? אַזוי גוט ווי גאָר נישט! און אַנדערע? אַ שטריק אויפן האַלדז...

דידאָזיקע אויפריכטיקייט, די צוריקגעהאַלטנקייט, האָט קענען זייער ווילן, פאַרגיפטעט זייער אינערלעכן לעבן. די צווייטע וואָך האָט זיך שוין געצויגן אַ סך לענגער ווי די ערשטע. די טעג זענען געוואָרן קורצער, די פרימאָרגנס קאַלט און וואָלקנדיק, באַלד נאָכמיטאָג איז געוואָרן פינצטער און עס האָט אָן אַנאויפהער גע־

באַסן אַ מאַנאַטאַנער הערבסט - רעגן וואָס האָט זיי געצוווּנגען צו זיצן פאַרשפּאַרטע אין צימער האַלבע טעג נאָכאַנאַנד.

אָפּגעריסן פון דער אויסערלעכער וועלט, זענען זיי, ווי אַ פייער, וואָס מ'שאַרט אים נישט פונאַנדער, ביסלעכווייז אַליין אויסגעגאַנגען. אומזיסט האָבן זיי זיך באַמיט אויפצובלאָזן דעם אויסגעגאַנגענעם פלאַם. עס איז מער נישט געבליבן ווי טליענדיקע קוילן און אַ ביסל אַש.

אין דער שטיל, פאַר זיך אַליין, האָט מאַניקע געהאַט דעם מוט זיך דערין מודה צו זיין אָפנהאַרציק ווייל זי האָט דערביי לגמרי נישט געליטן.

אַלץ, דאָס גוטע ווי דאָס שלעכטע, וואָס איר האָט נעקענט געבן רעזשיס ליבע, איז געווען אויסגעשעפּט ביזן דעק. זייער גאַנצע נאָנטקייט איז געהאָנגען אויף אַ האָר און האָט זיך בלויז געהאַלטן מיטן כוח פון דער געוווינהייט.

צי דען האָט זי זיך אומזיסט מקריב נעווען, און דערדאָזיקע לעצטער פּרווו וועט צו קיין זאַך נישט פירן? זי האָט מער געליטן פון איר פאַרוווּנדעטן שטאָלץ, ווי פון דער פאַרלוירענער ליבע אַ שמערץ פון אַ מענטשן, וואָס האָט געגלויבט, אַז ער איז צוגעשוווּמען צום ברעג און ווערט ווידער ווי אַ צושמעטערט שיפל צוריקגעשליידערט אין אָפּגרונט...

אַנדעקנדיק דאָס מאָל ביי אַ מענטשן, וועלכן זי האָט הויפּט זעכלעך געליבט פאַר זיין גראַדליניקייט, פאַר זיין אויסערגעווייניגלעכער אָפנהאַרציקייט די זעלבע מורא פאַרן אמת, ווי ביים ראַפּינירסטן ליגנער, האָט זי זיך דערשפּירט דערנידעריקט, דערשלאָגן ממש פאַראַליזירט.

צי דען זענען טאַקע יענע, אַלע אַנדערע, „היפּאָקריט עט קאָמפּ” — ווי אַניקע פלעגט זיי רופן — די ווירקלעכע צבועים און ליגנער — געווען גערעכט אין זייער באַקעמפן דעם אמת?

איז זי, מיט איר וואַקסנדיקן דורשט נאָך אויפריכטיקייט און גערעכטיקייט, ווירקלעך אומנאָרמאַל?

צום סוף פון דער צווייטער וואָך, שטאַרק דענערווירט פון רעגן, וואָס האָט געגאָסן אָן אויפהער דעם גאַנצן טאָג, איז זי פּלוצלינג אָפּגעשפּרונגען פון פענצטער, דורך וועלכן זי האָט דערזען אָנקומען די פינצטערע נאַכט, און האָט אויסגעשריגן.

— קלינג אָן, זאָל יוליע געשווינט מאַכן ליכטיק. אַ שמוציקע פינצטערע בעגנט, אַפילו קיין עלעקטרישע באַלייכטונג האָבן זיי דאָ נישט.

ער האָט רויִק געדויכערט זיין פּיפּקע און איר גאָר נישט געענטפערט. נאָכדעם ווי יוליע האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש צוויי קאַנדעלאַבערס מיט אָנגעצונדענע ליכט, צוגעלייגט האָלץ אין אַיוויון און פאַרמאַכט די לאָדנס, האָט ער צופרידן דערקלערט:

— מפילט זיך דאָ זייער גוט! דו האָסט צו גרויסע פאָדע־רונגען.

— דו מיינסט עס ערנסט?

— וואָס, למשל פעלט דיר דאָ? זאָג; רעד!

זיי האָבן אַ קוק געטאָן איינער אויפן אַנדערן. אין די פענצטער האָט געהאַקט דער ווינט. מיט איין קלאַפּ, ווי ער זאָל האָבן דורכגעבראָכן די ווענט, האָט זיך דער שטורעם אַריינגעריסן אין זייערע נשמות און צעשמעטערט אויף שטיקלעך דעם גאַנצן שוואַכן בוים פון זייער צוויי וואַכעדיקן גליק.

— קום! איך וועל דיר זאָגן, וואָס דיר פעלט!..

האָט ער אויסגעשאָסן אַ צעקאָכטער, דעצידירט צו דערפירן דעם חורבן ביזן סוף. דיר פעלט דיין פּאַריז... און דיין.

— בלאַנשע... מאָניקע האָט אויפגעציטערט...

— דו זאָגסט ליגנט!

— דאָס מאָל האָב איך אַפילו נישט געדאַרפט אָנרופן זיין נאָמען! ער איז דאָ נאָך איידער מ'רופט אים... אַ באַשערט פּאָרל...

זי האָט געהאַלטן נידעריקער פון איר כבוד זיך צו פאַר־ענטפערן, און האָט זיך גענומען צו אַ בוך. ער האָט עס איר אַרויסגעריסן פון האַנט:

— ענטפער! נישט אומזיסט איז נעכטן געקומען אַ בריוו פון פרוי אַמבראַ!.. זייער אַנאַינטערעסאַנטער בריוו, וועגן וועלכן דו האָסט מיר אַפילו קיין וואָרט נישט געזאָגט, און איך האָב בלויז געפונען דעם קאָנווערט, צוריסן אויף פּוצלעך, אין פּאַפּיר־קאָרב... אָ! נישט מער ווי דעם קאָנווערט... אָט האָסטו אים!

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון אונטער זיין פרעס - פּאַפּיר דעם זאָרגפעלטיק צונויפגעקלעפּן קאָנווערט דעם קאָרפּוס דעליקטי.

— מזל - טוב!..

— וואָס דיר פעלט, און וואָס זי שלאָגט דיך פאָר, איז אַ קורצער באַזוך אין וואַקרעסאַן, יאָ? זי איז נישט בלויז אַהויכע, נאָר אויך אַ גוטע נשמה, די פרוי אַמבראַ... וואָס? האָט ער אי־ראָניזירט.

— אמת, טאַקע.

ער איז אויפגעשפּרונגען אַזאַ אָנגעצונדענער פונקט ווי יענעם זונטאָג אין גרינעם הייזל, דאָס מאָל האָט ער איר אָבער געכאַפּט פאַר די הענט און אָנגעהויבן טרייסלען.

— ווילדע חיה, דו! האָט זי געשריגן, גראָבער מענטש, יאָ, טאַקע אַזוי, פאַריז פעלט מיר, און וואַקרעסאַן און אַפילו בלאַנשע, אויב דו האָסט דערפון הנאה!..

נישט ווילנדיק האָט זי איצט פאַרגליכן זיין ווילד פנים, מיט דער רויטער באָרד און שטאַרצנדיקע קינבאַקן, זיין מערדע־רישן בליק מיט יענעם איידעלן און פיינעם געזיכט, וואָס רעזש

גופא האָט ערשט אַרויסגערופן אין איר זכרון; און, קעמפנדיק איצט מיט אים אין דער פינצטערער נאַכט, האָט איר יענעמס געשטאַלט אויסגעזען שיין ווי דער ליכטיקער טאָג.

— לאָז מיך אָפּ, האָט זי געשריגן.

— קיין מאָל נישט...

ער האָט זי אָפּגעשלעפּט פון טיר צום וואַנט.

נישט רעאַגירנדיק לגמרי אויף אירע קלעפּ, האָט ער איר געהאַלטן פעסט פאַר די באַרקעס און גלייכצייטיק געשריגן:

— דו ביסט זיך, הייסט עס, מודה. איך האָב עס פריער געוווּסט. דו ביסט קיין מאָל נישט געווען מער ווי אַ פּשוטע פּראָסטיטוטקע.

מיט אַ פאַרצווייפלטן שטויס האָט זי זיך פון אים אַרויסגעריסן. ער האָט געזען, אַז ער האָט פאַרלאָרן, פאַרלאָרן אויף אייביק און האָט שוין דעריבער נישט געוואָלט מער איינהאַלטן זיין ווילדן כעס;

— איר זענט ווי געשאַפן איינער פאַרן אַנדערן:

אַ גאַסן = מיידל און אַנאַלפאַבעט!..

זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אַזאַ באַליידיקנדיק מיטלייד, אַז אים האָט זיך געוואָלט אַ וואָרף טאָן אויף איר און דערוואַרגן.

— דו מעגסט זיך צאַפּלען וויפיל דו ווילסט, אָבער איר זענט אַ געפּאַסט פּאָרל!.. פון דיין בחורשן לעבן ווערט ער דאָך נישט נתפעל!.. דער אָדון איז נישט קיין איבערקלייבער, ער באַנוגנט זיך מיט די שירים: יאָ, יאָ ער האָט אַ זעלטן גוט האַרץ און אַ פיינעם גייסט! אַ פאַרדאָרבענעם געשמאַק, אָבער הויכע אידעען!.. ניין, וואַרט, איך האָב נאָך נישט געענדיקט! דו מעגסט מאַכן אַ מינע פון אַ קייזערין... קוקט איר נאָר אָן דאָס אָרעם, נאַאיוו, אומשולדיק מיידל, נעבעך!..

פון זינען אראָפּ!.. געוואָרפן זיך אין די אָרעמס דעם ערשטן־בעסטן, ווייל דער חתן האָט זי אָפּגענאַרט!.. געהערט אַ מעשה! דאָס בעסטע געוועזן, דוכט זיך, טאָן דאָס, וואָס אַלע — חתונה האָבן... אָן שום פּאָקוסן... אָבער ביין, ווי פּאַסט עס פאַר איר... זי וועט משנה זיין מעשה־בראשית, איבערדרייען די וועלט. אַז אָך און וויי וואָלט אונז געווען, ווען אַלע ווייבער טוען, חלילה, אַזוי, שיין וואָלטן מיר אויסגעזען!.. דאָס סאַמע קאָמישע אין דער גאַנצער מעשה איז דאָס וואָס דו האַלסט זיך פאַר ערלעך!.. אַ צנועה!.. נו גיי שוין, צו דיין בלאַנשע! אַ געבענטשט פּאָרל דער אמתער זווג.. מן השמים!.. אַרויסלאָזנדיק דאָס גאַנצע גיפט, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט אים אָנגעקוקט, אויג אין אויג, ווייס ווי קאַלך פון אויפרעגונג... ער האָט אָפּגעטרעטן. פּאַמעלעך איז זי פאַרבייגעגאַנגען לעבן אים און אַן עפן געטאָן די טיר. אויף די טרעפּ איז געשטאַנען יוליע און האָט אונטערגעהערט.

די ־רזעענדיק מאָניקען איז זי אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ און ערשט אין קאָרידאָר האָט זי זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן:

— איך בין אַרויף אין דער הויך, געוואָלט זען דאַרף מען נישט צולייגן קיין האָלץ אין אויוון... און האָב דערהערט ווי דער הער שרייט... אָ, מיין אָרעמע מאַדאַם... האָט עס אַ זין אַריינצופאַלן אין אַזאַ כעס, ממש אין אַ ווילדן כעס!..

— גרייט מיר צו מיינע צוויי קופערס.

— די מאַדאַם וויל אַוועקפאָרן?

דאָס פּנים פון דער דיקער אַלטער פרוי, אין גאַנצן צולע, כערט פון שראַמען, האָט אויסגעדריקט מיטלייד און פאַרוואונדערונג. איר דיקער קערפּער האָט זיך קוים דערשלעפּט צום שוועל פון דער אָפּענער קיך־טיר.

—איך ווייס, אַז איך דאַרף דער מאַדאַם נישט געבן קיין

עצות, אָבער איך אויף אייער אָרט... אַהעקפּאָרן צוליב אַזעלכע נאַרישקייטן!.. עס האָט נישט קיין זין...

מאָניקע האָט דערווייל אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם מאַנטל און אָנגעטאָן די לעדערנע היטל, וואָס זי האָט אַראָפּגענומען פון הײנגער.

יוליע, אַ צוטומלטע, האָט פּערסוואַדירט:

— צי דען לויפט מען אַוועק אײנער פון אַנדערן, אַז מען ווערטלט זיך אַ מאָל איבער!.. יאָ, די מענער. אַלע ווי אײנער־זיי ווילן זיין די הערשער... און עס איז טאַקע אַזוי, ווייל זיי זענען די שטאַרקערע. מיך, ווי איר זעט מיר, האָט מײנער אָפּגעגאָסן מיט וויטריאָל, און דאָס האָט מיך נישט אָפּגעהאַלטן דערנאָך, אַז יענער, דער צווייטער, איז געשטאָרבן, זיך אומצוקערן צוריק אַהיים. ער איז דאָך געווען מיין מאַן, וואָס ניין... וויטריאָל? ער האָט געהאַט רעכט אויף דעם... און דערצו קיין קינדער האָט מען נישט... אַלע צעשטאָרבן... אָט לעבט מען צוזאַמען. ער שלאָגט מיר אונטער פון צייט... צו צייט... איז וואָס? דאָס טרייבט אַרויס אויף אַ מאָמענט אַלע נאַרישקייטן פון קאָפּ... און דערנאָך זאָגט מען זיך: הבל־הבלים הכל הבל. אין איין שײנעם טאָג קומט דאָך דער טויט און מאַכט אַ סוף צו אַלץ! נישט כדאי צו מאַכן פון אַלץ אַזאַ וועזן. פאָרט נישט אַוועק, בלייבט! ער האָט אייך דאָך ליב, דערדאָזיקער מענטש... ער איז אַן אויפגערעגטער, אַ כעסן, אמת, אָבער אויף דעם איז ער דאָך אַ מאַנספּאַרשוין!

מאָניקע האָט אינגאַנצן געציטערט פון עקל און פון אומעט. אַזאַ פאַרשקלאַפונג! און מ'רעאַגירט שוין גאָר נישט אויף דעם — זיך צוגעוווינט דערצו און מ'נעמט עס נאָך אָן פאַר ליב מ'גיט זיי גערעכט. יוליע האָט דאָך מיט זיך פאַרקערפּערט טויזנטער אַזעלכע פרויען ווי זי.

אָ! יאָ, זי האָט דאָך קיין צייט נישט געהאַט זיך צו פאַר־נעמען מיט פסיכאָלאָגיע! אַנאַליזירן! דאָס איז אַן׳עסק פאַר ליי־דיגייערינס, וואָס טוען גאָר נישט. זי האָט געלייענט אין דעם געקנייטשטן, גערונצלטן געזיכט גאַנצע דורות פון שמאָך, דערני־דערונג און קנעכטשאַפט.

וואָס פאַר אַ תהום צווישן איר און זיי!

צי וועלן זיי זיך אַ מאָל אויפכאַפּן פון זייער דורות לאַנגן שלאָף און קומען צום באַוווסטזיין?

איך גיי אין דאָרף באַשטעלן אַ פור. איך פאָר אָפּ מיטן צוג אום אכט אַ זייגער:

— אין אַזאַ וועטער, עס איז אַן׳עבירה אַ הונט אַרויסצולאָזן!

די טיר פון קיך האָט אַ קלאַפּ געטאָן. יוליע איז אַ ברוגזע אַריין אין קיך.

מאַניקע איז אַוועק אין דער פינצטער, זי איז געווען ווי צו־טומלט און נישט געקאָנט קאָנצענטרירן אירע געדאַנקען. זי איז גע־גאַנגען ווי דער ווינט וואָלט איר געטראָגן און געהויבן אין דער הויך. ענדלעך האָט זי דערזען די ערשטע הייזער פון ראַזשיל און די העל באַלויכטענע פענצטער פון גאַסטהויז...

מיטן איבעראַשטן האָטעל־ווירט האָט זי שוין גערעדט גאַנץ רויק און מיט אַ קלאָרער שטים...

גייענדיק צוריק אונטערן שלאַקסרעגן וואָס האָט איר געהאַקט אין פנים, האָט זי פריי אָפּגעאָטעמט.

אַ סוף! איצט איז אַ סוף!..

אַ באַרויקטע האָט זי זיך גענומען איינפּאַקן אירע זאַכן. יוליע האָט איר זיפצנדיק און קרעכצנדיק צוגעהאָלפן. הינטערן וואַנט האָבן זיך געהערט אומרויִקע טריט. אין צווייטן צימער.

אַז מאַניקע האָט ווי געהעריק פאַרפּאַקט אירע וועש, איז

ארײַן, ווי ס'וואָלט קיין זאַך נישט געשען. אין דערבײַ־צימער נאָך איר קעסטל מיט די צייכן ־ מכשירים.

רעזשי האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג:

— דו מיינסט באמת, אַז דו וועסט אַזוי לייכט פון דאַנען אוועקגיין?

— יאָ, איך לאָז דיר ד'עם אויטאָ. מיטאָג וועסטו עסן אַליין, מיט יוליען.

זי האָט צעגויפגעקליבן אירע פּינזלען, פאַרבן, לגמרי נישט רעאַגירנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט אין גאַנצן געציטערט פון עס און אויפרעגונג. פּלוצלינג האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן, צו־שמעטערט מיטן פויסט דעם דעקל פון דער שאַכטל.

— דו קלערסט, הייסט עס, מיר אַוועקצוּוואַרפן, כּדי מאָרגן פון מיר חוזק צו מאַכן צוזאַמען מיטן אַנדערן! דו וועסט נישט אוועקגיין. דו געהערסט מיר. איך האָב דיר און איך וועל דיך קיינעם נישט אָפּגעבן...לאָז דאָס אַלץ שטיין! דו גייסט נישט פון דאַנען, דו בלייבסט דאָ!

מיט אַ קאַלטער, אָבער פעסטער מינע האָט זי צעגויפגעקליבן די קליינע פאַרבן ־ פלעשעלעך, אַרײַנגעוואָרפן זיי אין פייער און רויק אַ נעם געטאָן אירע שאַכטלעך.

אויסער זיך פון כּעס האָט ער פאַרשטעלט דעם וועג און געשריגן:

— שטעל דאָס אַלץ אוועק, דו הערסט צי ניין. אויב נישט..

— אויב נישט — איז וואָס?..

עמפּערט פון זיין הערשער ־ טאָן האָט זי אים איבערגעשריגן:

— איך האָב פאַר דיר מער קיין מורא נישט! איך האָב שוין גענוג!.. קיין זאַך וועט מיך נישט אָפּהאַלטן אוועקצוגיין! קיין זאַך נישט, דו הערסט! דו מוזט מיך דערהרגענען, אַז איך זאָל

דאָ בלייבן... אַ סוף, אַ סוף מוז עס נעמען. לאָז מיך גיין מיין וועג. דו וועסט זיך טרייסטן מיט יוליען!.. אַנעקאָנאַמקע — דאָס איז אַלץ, וואָס דו דאַרפסט.

זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט.

אָבער זי אַז פאַרבייגעגאַנגען לעבן אים אין אַזאַ עקזאַל־טירטן צושטאַנד, אַז ער איז נישט ווילנדיק צוריקגעטרעטן. אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט דער גערויש פון דער צוגעפאָרע־נער קאַרעטע. דער פורמאַן האָט איר גערופן.

זי איז צוגעלאָפן צום טיר:

— דאָס זענט איר, פעטער ברון? קומט אַרויף אין דער הויך!

געשווינט איז זי אַריין אין איר צימער, פאַרפאַלגט פון רע־זשיס צוקאַכטע בליקן. דערזעענדיק דעם גוטמוטיקן פוילער האָט ער זיך אומגעקערט צוריק, איז אַריין אין עסצימער, אַ טראַסק געטאָן מיטן טיר און איר צווייטאַל צוגעשלאָסן...

כמעט און דעמזעלבן מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ פון די אויפגעעפנטע לאַדנס.

זי האָט געשוינט צוגעשלאָסן די קופערס און דער פעטער ברון מיט יוליען האָבן זיי פּאַמעלעך, איינס נאָכן אַנדערן, אַראָפּ־געטראָגן פון די טרעפּ.

מאַניקע איז זיי נאָכגעגאַנגען. די אייליקייט האָט איר געיאָגט אַנטלויפן פון דאַנען, וואָס גיכער פאַרלאָזן דעמדאָזיקן אָרט, וואָס איז איר פלוצלינג אַזוי נמאס און מאָוס געוואָרן, פונקט ווי ער, די ווילדע חיה, וואָס האָט זיך דאָרט איצט איינגעשלאָסן אין צימער!

דעם מאַנטל נישט פאַרשפּיליעט איז זי אַריינגעשפּרונגען אין אָמניבוס, און דער פורמאַן האָט אויפן דעק צוגעבונדן די קופערס. אין געלן ליכט פון די לאַמטערנעס האָט מען געזען ווי פון די פערד טראָגט זיך אַ פאַרע אונטערן שלאַקס - רעגן.

יוליע, איז אַ צוטומלטע, געשטאַנען אויפן שוועל.

מאַניקע האָט זיך אַרויסגעבויגן צו זאָגן איר „אויף ווידערזען" און האָט באַמערקט ביים אָפענעם פענצטער רעשזין, וואָס זיין געשטאַלט האָט אויסגעזען, ווי אַ שוואַרצער פלעק אויפן באַלויכטן פאָן, מיט אַ ווילדן צאָרן האָט ער געצויגן זיין פיפקע... זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף צוריק, די קאַרעטע האָט זיך אַ טראָג געטאָן.

און איין מאָמענט איז פאַרשווונדן אַלץ: דאָס קליינע הייזל, יוליע, רעזשי. רינגסאַרום איר זענען געווע בלויז פייכטע און געדיכטע שאָטנס, אַ געפיל ווי עס קומט אָן דער אונטערגאַנג פון דער וועלט: חשך און מבול, — און דאָך שפירט זי אַנ'אומגעהייערע פאַרלייכטערונג.

אויף באָעטי גאַס האָט מען זיך אויף איר נישט געריכט. די שליסל האָט זי נישט געפונען. איבערלאָזנדיק די זאַכן ביים שווייצער, האָט זי געמוזט נעמען אַ טאַקסי און פאָרן נעכטיקן אין אַ האָטעל. זי איז געווען אַזוי טויט מיד, אַז זי האָט לגמרי אויף קיין זאַך נישט רעאַגירט. אַ צובראָכענע איז זי אַוועקגעפאַלן אויפן געלעגער. אירע נערוון זענען אָבער געווען אַזוי אויפגעשרויפט, אַז זי האָט פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט צוזאַמאַכן מיט קיין אויג.

זי האָט געדאַרפט האָבן עטלעכע רויקע טעג, כּדי ווידער קומען צו זיך. נאָך דער שמחה וואָס זי איז פּטור געוואָרן פון אַזעלכע דערנידערנדיקעליידן איז איר באַפאַלן אַזאַ מידקייט, אַז זי האָט ממש נישט געקאָנט שטיין אויף די פיס. זי האָט כּסדר געמוזט ליגן. זי האָט זיך געשפירט ווי אַ רעקאָנוואַליסצענט, נאָך אַ שווערע געפערלעכע קרענק.

פריילן טשערבאַליעוו, וואָס מאַניקע האָט איר בלויז מיט האַלבע ווערטער, — שוינענדיק איר אייגענעם כּבוד — איבערגעגעבן וועגן אירע לעצטע איבערלעבונגען, האָט זיך פאַר דער צייט

באַצויגן צו איר מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט פון אַנאיינ־טימער פריינדין.

ווי אַנאיבערגעגעבענע ווערטערין איז זי געזעסן לעם איר ליגעשטול, משלח געווען די אומאַנגענעמע בעזוכער און געענט־פערט אויף די טעלעפאָנען. זי האָט זיך אויך באַמיט אָפּצוהיטן איר פון די סורפריזן דורך דער פאָסט. רעזשי האָט געשיקט אַ בריוו נאָך אַ בריוו.

מאָניקען האָבן שוין נישט גערירט די שטריכן פון דעם שטרייגן כתב, וואָס האָט איר ערשט נישט לאַנג אַזוי אינטערעסירט, אַז זי האָט איבערגעשריבן גאַנצע זייטן פון זיינע בריוו, וועלכע זי האָט איצט, נישט קיין געעפנטע, געוואָרפן אין פייער אַריין. דאָס פּאַפּיר האָט געברענט, זיך צעבויפגעדרייט אין פייער קיין רעפלעקס האָט אָבער נישט באַלויכטן מאָניקעס בליק, וואָס האָט נאָכגעקוקט דעם טאַנצנדיקן פלאַם.

רעזשי האָט זיך נישט באַנוגנט בלויז מיטן שרייבן. ער איז עטלעכע מאָל געקומען אַליין, מ׳האָט אים אָבער צו מאָניקען נישט צוגעלאָזן. נאָך די רעזולטאַטלאָזע וויזיטן פלעגט ער גיין איבערן גאַס מיט אַנאַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, מיט אַזאַ פינצטערן בליק פון אַ פאַרברעכער, אַז די פאַרבייגייענדיקע פלעגן זיך פאַרדעכ־טיק אַרומקוקן.

סוף וואָך האָט זיך ערשט מאָניקע, אונטערן איינפלוס פון דער רוסין, ענדלעך אַנטשלאָסן אָנצושרייבן, צו פרוי אַמבראָ עט־לעכע ווערטער. די לעצטע איז גראָד אַליין געווען עטלעכע טעג קראַנק אויף אַ גריפּע און האָט נישט געקענט קומען פּערזענלעך זיך דערוויסן, וואָס מיט מאָניקען איז געשען. שטאַרק פאַרוואונדערט, וואָס מאָניקע האָט נישט געענטפערט אויף איר בריוו קיין ראָזייל, האָט זי איר אין אַ קורצע קאַרטל מיטגעטיילט וועגן איר קרענק און געבעטן, וואָס שנעלער איר צובאַזוכן.

וואָס הערט זיך ביי איר? מ׳דערוואַרט איר אומבאַדינגט זונטיק אין וואַקרעסאַן צום פרישטיק, אויב מעגלעך אַליין! סוועט מער קיינער נישט זיין, ווי וויניאַבאָאס און בלאַנשע... בלאַנשע?.. ניין! זי וויל זיך גאָר מיט אים נישט באַגעגענען... אפשר.. שפעטער אַ ביסל.., זי האָט אַזאַ באַדערפניש אין פולשטענדיקער רו — און וויל פאַרגעסן אן אַלץ וואָס סאיז געווען! ער קלערט, וואַרשיינלעך, נאָך ווייניקער וועגן איר ווי זי וועגן אים און, ווי סימפּאַטיש ער איז איר נישט געווען, האָט זי דאָך געשפּירט אַ פיזישן שרעק פאַר אַלץ, וואָס עס האָט איר דערמאָנט אָן רעזשיס פאַרסמטער ליבע... אַ שאָטן איז געבליבן אויף אַלץ און אויף אַלע.

נאָך אַ קורצן ישוב - הדעת האָט זיך מאָניקע אָנגעקלערט און אַוועקגעשיקט דער אַלטער פריינדין אַ צעטעלע מיט דער דרינגנדער ביטע:

— קומט צו מיר, איך בעט אייך, אויף אַ קורצע ווײַלע, אָבער נאָר איר אַליין, איך האָב אייך אַזוי פיל איבערצוגעבן!..

אויף מאָרגן איז מאַדאַם אַמבראַ געקומען.

נאָך דעמזעלבן אָוונט האָט פרוי אַמבראַ צוגענומען מאָניקן צו זיך קיין וואַקרעסאַן.

XV.

דער פרישטיק האָט זיך געענדיקט. אָנגעשפּאַרט מיט די עלנ־בויגנס אין טיש, איז מאָניקע געזעסן קעגנאיבער פרוי אַמבראַ און האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו בלאַנשעס רייד. אָפּשיילנדיק אַ פּאָמעראַנץ האָט ער אָנגעהויבן:

— אָט וואָס, אַמבראַ! — ס׳האַנדלט זיך לגמרי נישט וועגן דער פראַגע צי האָבן מיר רעכט צו פאַרנעמען אויף

שטענדיק דעם ריין - געביט, אין פאַל, אַז דייטשלאַנד זאָל אונז נישט געבן קיין פולשטענדיקע ענטשעדיגונג, אָדער נישט. די ר כטס - פראַגע איז אַ גאַנץ אייגנטימלעכער ענין. אימבאַשטענדיק און אומזיכער ווי קיין זאַך אויף דער וועלט. דאָס רעכט בנוגע גאַנצע פעלקער אָדער אינדיווידועז איז תמיד געווען די אינטערפּרעטאַציע, דער פּראָדוקט פון געוויסע אינטערעסן. קוים האָט איר אין אייערע הענט די מאַכט, האָט איר אויך דאָס דעפיניטיווע רעכט. צי זענען מיר אָבער זיכער, אַז מיר וועלן איר שטענדיק האָבן אויף אונזער זייט? דאָס איז טאַקע די פראַגע! צי וועט די גאַנצע וועלט, און מיר מיט איר צוזאַמען, שטענדיק זיין אונטערגעוואָרפן דערדאָזיקער פאַרניכטנדיקער כימערע? אָדער וויל מען אונז פאַראורטיילן צום אייביקן רעוואַנש פון מלחמות?.. מיר קענען דאָך נישט אָפּטיילן פראַנקרייכס אינטערעסן פון די אַלוועלטלעכע, און איך וואָלט טאַקע וועלן וויסן ווי זיי זעען אויס בכלל?.. די ריין - גרעניצן אָדער דער פרידן, דערגרייכט דורך אַנאינטערנאַציאָנאַלער ליקווידאַציע הלואה? דער פרידן, דאָס הייסט די אוניווערסאַלע אַרבעט, די סאָלידאַרישע אייראָפּע.

— אַ שיינער חלום!

— עס איז גענוג דערצו צו שטרעבן, צו וועלן! נישטאָ קיין פּראָגרעס אָן דעם גלויבן אין אים.

אין דעם מאָמענט האָט זיך אַנעפן געטאָן די טיר פון זאַל. עס איז אַריין רירי; די דיסקוסיע און דער מאָלצייט האָט איר אויסגעזען צו לאַנג. פרוי אַמבראָ האָט איר דערלויבט מיטצונעמען איר דעסערט און אַוועקגיין פון טיש. שפּילנדיק די ראָל פון אַ צערעמאָניע-מייסטערין האָט זי אויסגערופן:

— מיינע הערן און דאַמען, די קאַווע איז אויפן טיש!

דערנאָך איז זי אַרויסגעשפּרונגען פון איר פּלאַץ, געפּאַטשט אין די הענט און אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער

— וואַרט נאָר, אָדער אַז איך וועל דיר כאַפּן, האָט מאָ־ניקע פרייליך אַ זאָג געטאָן.

די קליינע האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי האָט זיך כּלומרשט מורא. זי איז אַרומגעלאָפן איבערן זאַל און אין מאָ־מענט ווען איינער האָט איר געוואָלט כאַפּן האָט זי ביים צווייטן געזוכט שוץ. מיט אַ פריילעכן געשריי האָט זי זיך געוואָרפן צו בלאַנשען אויף די קני.

מאַדאַם אַמבראָ האָט געשמייכלט:

— הער אויף, דיין אנקל וועט זיך לאַנגווייל׳ן...

בלאַנשע האָט איר צוגעהאַלטן און געגלעט איבערן קעפּל. אַלס אַלטער בחור, אָן אַ פאַמיליע, אויף וועמען ער זאָל קאָנען אויסגיסן זיין ליבע, האָט ער געשפּירט אַ באַזונדערע פרייד פון דערדאָזיקער וואַל־פאַרוואַנדשאַפט אין ענגן קרייז פון זיינע נאָנטסטע פריינט.

— אָ! פּאַרדאָן, האָט ער אַ זאָג געטאָן, צונעמענדיק די טאַסע קאַווע, וואָס מאָניקע האָט אים דערלאַנגט...

— איך דאַנק אייך.

— עס איז געצוקערט.. דריי שטיקלעך, וויאַזוי האָט ליב.

— אָ, האָט רירי אויסגעשריגן, ער איז אַ נאַשער

מאַדאַם אַמבראָ האָט זיך אויף איר אָנגעבייזערט, אָבער נאָר לפנים, און אַלע פיר האָבן זיך צעלאַכט.

אין ליכטיקן צימער איז געווען זייער געמיטלעך. דאָס פייער אין אויוון האָט געקנאַקט. די ווינטערזון אין דרויסן האָט באַלויכטן די נאַקעטע ביימער און די אַלטאַנע מיט אירע רויטע ווייַן־בלע־טער.

— איך גייאין גאָרטן, האָט רירי געזאָגט, בעת מאַדאַם אַמבראָ האָט איר דערלאַנגט אַ שטיקל צוקער פון איר טאַסע.

— גיי, מיין קינד!

מאָניקע איז געזעסן אַ צענויפגעדרייטע אין אַ טיפן פאָטעל לעבן גרויסן שראַנק און אַ פּאַרטראַכטע געקוקט אויף איר פריינ־דין. דאָ ביי אירע פריינט, האָט זי זיך געשפּירט זייער גוט. רויק און זיכער ווי אין אַ מקום־מקלט. זי האָט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט דאָס צאַרטגעפיל, מיט וועלכן אירע פריינט האָבן זיך צו איר באַצויגן, באַזונדערס בלאַנשע, וועלכער האָט זיך באַמיט מיט אַלע קרעפטן אָפּצווענדן אירע געדאַנקען פון די טרויריקע דערינערונגען, וואָס האָבן איר נאָך כּסדר פּאַרפאָלגט. זי האָט זיך נאָך געוואַקלט, שטייענדיק אויפן שוועל פון דער „נייער" וועלט, וואָס זיי האָבן פאַר איר געעפנט.

עס האָט איר ממש געשווינדלט אין די אויגן פון דעם העלן ליכט און די נייע האָריזאָנטן. לעבנדיק אויסשליסלעך אין עגאָאיזם פון איר ליידנשאַפט, האָט זי לחלוטין אויפגעהערט זיך צו אינטערעסירן מיט אַלץ, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שייכות מיט איר... און מיט אים!..

און אָט אַנטדעקט זי, מיט אַ פרייד פון וועלכער זי איז אַליין דערשטוינט — אַנאומגעהייער ברייט אידעען־פעלד... ווידער האָט זי פריי אָפּגעאָטעמט, אַרויסרייסנדיק זיך ענדלעך פון איר שרעקלעכער תּפיסה..

רעזשי? ־יעגן אים האָט זי מער נישט געקלערט! ער איז פאַר איר געשטאָרבן אין יענעם מאָמענט, בעת זי האָט צום לעצטן מאָל געזען זיין נקמה־דורשטיקן פּרצוף ביים פענצטער. קיין זכר איז פון אים נישט געבליבן נישט אין איר האַרץ און נישט אין איר מח.

אַ באַפרייטע, כאָטש אַ צעבראָכענע, האָט זי זיך מיט דער אינטואיטיווער ענערגיע פון יונגע מענטשן, געוואָרפן אויפן בעסטן מיטל: דער ווילן געזונט צו ווערן.

בעת די מענער האָבן זיך ווידער אַריינגעלאָזן אין זייער דיסקוסיע, האָט פרוי אַמבראָ מיט צערטלעכע בליקן געקוקט אויף דער פּאַרטראַכטער מאָניקע. זי איז געווען גליקלעך באַמערקנדיק די גרויסע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם צושטאַנד פון איר פריינדין... דאָס עלנדע מיידל, וועלכע איז אַליין אַוועק זוכן איר אומגליק אַזוי וייט, בעת דאָס גליק איז געווען אַזוי נאָענט,—אפשר גאָר ביי דער האַנט, צי דען זענען זיי נישט געווען, בלאַנשע און מאָניקע, ווי געשאַפן איינער פאַרן צווייטן, — האָט זי זיך גאָר פאַרליבט אין באַאסלאַן. קיין מענטש איז איר — פרוי אַמבראָן — נישט געווען אַזוי אַנטיפּאַטיש, ווי ער...

זי האָט צוגערוקט איר שטול צו מאָניקעס און, אָננעמענדיק איר פאַר די הענט, האָט זי געזאָגט:

— איר זעט אויס, אַז סאיז ממש אַ מחיה אויף אייך צו קוקן, מיין טייערע! איך בין גליקלעך, וואָס איר פילט זיך ביי אונז אַזוי גוט.

ס'אַרא וואונדער-שיינער טאָג! האָט מאָניקע געזאָגט זיך צוקוקנדיק צום וויסבלויען הימל אין דער מילד-שטראַלנ-דיקער זון.

— דער וועטער איז ווירקלעך זייער שיין, האָט בלאַנשע מסכים געווען. — אפשר וועלן מיר זיך טאַקע דורכשפּאַצירן אי-בערן גאָרטן? רירי ווינקט אונז שוין פון דערווייטנס!

— טוט ווייניקסטנס אָן די מאַנטלען, האָט געעצהט פרוי אַמבראָ.

דורך דער גלעזערנער טיר, וואָס בלאַנשע האָט אָנ'עפן גע-טאָן, האָט זיך דער צימער אָנגעפילט מיט אַנ'אָנגענעמע פרישקייט:

— אַ פּראַכטפולער וועטער! האָט בלאַנשע אַ זאָג געטאָן.

זיי זענען אַראָפּ פון די שטיגלעך און אַוועק איבערן טרו-קענעם זאמד.

— וואַרט צו, מאַניקע, איך וועל גיין אויפזוכן מיין שאַל! — האָט געזאָגט פרוי אַמבראַ.

מאַניקע האָט זיך אומגעקערט צוריק צו די שטיגן און דער עלעגאַנטער, מונטערער בלאָנשע האָט איר באַגלייט מיט זיינע פריינטלעכע בליקן.

לעבן אים איז געשטאַנען דער שוין עטוואָס איינגעבויגענער הער אַמבראַ... פּלוצלינג האָט זי זיך געשווינט אומגעדרייט, דער-שפּירנדיק אימיצנס אָנוועזנהייט.

די גלאָזטיר, אויף דער לאַנקע אַרויס האָט זיך אָנעפן גע-טאָן. אויפן באַלויכטענעם פּאָן האָט זיך באַוויזן די שוואַרצע גע-שטאַלט פון אַ מאַנספּאַרשוין. מאַניקע איז געווען אַזוי איבעראַשט אַז עס האָט איר פּשוט אָפּגענומען דער לשון.

אין איין האַנט דעם הוט, די צווייטע אין קעשענע פון זיין מאַנטל, איז רעזשי פאַר איר געשטאַנען ווי אויסגעוואָקסן פון דער ערד. אָפּגעמאָגערט, די אויגן אריין אין קאָפּ, האָט ער איר אָנגע-קוקט מיט ווילדע בליקן. זי האָט בלויז געמורמלט:

— ווי... איר זענט דאָ?..

— איך האָב אייך אָפּגעוואַרט ביים פענצטער פון מאָמענט ווי איר זענט אויפגעשטאַנען פון טיש... איך בין געקומען נאָך אייך קומט!

— איר זענט פון זינען אַראָפּ!

דרוענדיק איז ער אונטערגעגאַנגען צו איר, אויסשטרעקנדיק די פרייע האַנט.

— קומט, לאָמיר גיין!

אין זיינע אויגן האָט זי קלאָר געלייענט זיין מערדערישן באַשלוס. אַ דערשיטערטע האָט זי אויפגעהויבן אַזאַ ווילדן גע-

שריי, אַז רעזשי האָט זיך פאַרלוירן און איז אויף אַ מאָמענט שטיין געבליבן.

— איר ווילט נישט, האָט ער געמורמלט, גוט.

אין דעמזעלבן מאָמענט האָט ער ארויסגעכאַפּט פון קעשענע אַ ברויונינג און אים אָנגעשטעלט. אָבער בלאַנשע, דערהערנדיק מאָניקעס געשריי, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צווישן זיי און האָט איר פאַרשטעלט מיט זיין קערפּער.

עס האָט זיך דערהערט אַ שאָס.

אַ צושראָקענער האָט רעזשי דערזען דעם פאַלנדיקן בלאַנשע און מאָניקען מיט אַ פאַרבלוטיקטן האַלדז אים צוהאַלטנדיק.

עס זענען אונטערגעלאָפן הער און פרוי אַמבראָ, דער אינזשינער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף רעזשין, וועלכער האָט ווי אַ קינד גלייך אָפּגעגעבן דעם ברויונינג. פרוי אַמבראָ האָט געהאָלפן מאָניקען אַוועקלייגן בלאַנשען אויפן זאָפע...

רירי האָט געוויינט אויפן קול, באַהאַלטנדיק דעם קאָפּ ביי דער קעכין אונטערן שירץ. הער אַמבראָ האָט זיך דער ערשטער אָריענטירט אין דעם וואָס דאָ איז געשען.

— מאַריע — האָט ער אַ זאָג געטאָן צום דינסט־מיידל — וואָס האָט זיך אַ צוטומלטע געדרייט איבערן שטוב הין און צוריק, — לויפט געשווינט נאָכן דאָקטער ליומע. נעמט רירין מיט זיך... עס איז געשען אַן אומגליק...

מאָניקע האָט היסטאָריש געוויינט, זיצנדיק לעבן בלאַנשען וועלכע, איז געפאַלן אין חלשות. פרוי אַמבראָ האָט געבראַכט פון עסצימער עסיג און אַ סערוועטקע און געוואַשן דעם פאַרווונדעט, דאָס געזיכט. דורך דער אָפענער העמד האָט זיך געזען אויפן שולטער אַ קליינע וווּנד.

אַ צושראָקענע האָט זיך מאַניקע צוגעקוקט, ווי שוואַך ער ציט דעם אָטעם:

— אָבער איר זענט דאָך אויך פאַרוואונדעט! האָט אויסגעשריגן הער אַמבראָ. — דער גאַנצער האַלדז איז דאָך ביי אייך אין בלוט... ווייזט...

— אָ, עס איז גאָר נישט!

— אָבער לאָזט אַ קוק טאָן!

— דורכגייענדיק דורך בלאַנשעס שולטער האָט די קויל געשטרייפט דעם שפּיץ פון מאַניקעס אַקסל. די וווּנד איז געווען בלויז אַן אויסערלעכע. פון גרויס אויפרעגונג האָט מאַניקע לגמרי נישט געשפּירט דעם שמערץ...

— ס'אַרא ווילדע חיה! — האָט הער אַמבראָ אויסגעשריגן.

און ערשט איצט האָט ער זיך אומגעדרייט, דערמאָנענדיק זיך אָן מערדער...

קיינער איז שוין אָבער נישט געווען! בלויז דער ליידיקער שטול, אויף וועלכן עס איז מיט אַ מינוט צוריק געזעסן רעזשי...

באַאַסלאָ, קומענדיק ענדלעך צום באַוווּסטזיין, האָט געמאַכט פּליטה.

פון די לייכטע עסיג - אָפּרייבונגען איז בלאַנשע, שווער אָפּזיפצנדיק, באַלד צו זיך געקומען.

— אָך, האָט ער געקרעכצט — אויפהייבנדיק דעם קאָפּ.

— רירט זיך נישט! האָט מאַניקע געזאָגט.

שטייענדיק אויף די קני לעבן זאָפע, האָט זי גענומען זיין האַנט און איר צערטלעך געדריקט. ער האָט געעפנט די אויגן. אַ

שמייכל געטאָן, דערזעענדיק די דריי קעפ, וואָס האָבן זיך איבער איר איבערגעבויגן און, באַרויקנדיק זיי, געזאָגט:

— עס איז נישט געפערלעך... די קויל איז אין שולטער... נישט קיין נייעס פאַר מיר. איינע האָט מען שוין ביי מיר אַרויסגע־שלעפט פון דער צווייטער זייט, אין יאָר 1914. נאָר דעמאָלט איז עס געווען אַ דייטשע!

— איר טאָרט נישט ריידן! האָט געזאָגט פרוי אַמבראָ.

— דו וועסט מען אייך נישט דאַרפן אַרויסשלעפן, האָט מאָני־קע געזאָגט, אַריבערבויגנדיק זיך איבער אים. — אָט זעט מיט וואָס איר איז געלונגען, אַרויספליענדיק, מיר מכבד צו זיין.

ער האָט זיך אַזוי איפגערעגט, דערזעענדיק ביי איר דעם דויטן שראַם, אַז ער איז געוואָרן טויט־בלייך און ווידער שיער נישט געפאַלן אין חלשות...

— עס איז גאָר נישט, שרעקט זיך נישט!..

מאָניקע האָט נישט געוווסט, וואָס אים צו זאָגן... זי האָט אים געוואָלט אַרויסזאָגן אַלץ, וואָס עס האָט זיך אָנגעזאַמלט ביי איר אין האַרצן... איר גאַנצע דאַנקבאַרקייט...

זי האָט אָבער נישט געפונען קיין ווערטער. אויסערדעם האָט זי נישט געוואָלט אים אָנשטרענגען. זי האָט בלויז געמורמלט:

— אָ וועז נישט איר!..

ער האָט איר געענטפערט מיט אַ בליק, וואָס דער אומוויל־קירלעכער פיבערגלאַנץ האָט אים צוגעגעבן דעם ריכטיקן זין.

— דאַנקט מיר נישט, עס איז דאָך אַזוי פשוט, זעלבספאַר־שטענדלעך!

פשוט! געוויס, ער וואָלט עס זיכער געטאָן פאַר יעדער אַנ־דערער... ווייל ער איז געווען מוטיק און איידל... אָבער איצט — דערין איז זי כמעט געווען איבערצייגט׳ איז ער געווען גליקלעך, וואָס ער האָט עס געטאָן דוקא פאַר איר. די באַפרידיגונג, וואָס זי האָט

געלייענט אין זיינע אויגן, האָט אויך איר אָנגעפילט עפּעס מיט מין ווונדערבאַרער אויפרעגונג.

— האַ, אָט איז מאַרי! — האָט געזאָגט פרוי אַמבראַ, — נו, וואָס?

— דער דאָקטאָר איז געווען אין דער היים. ער קומט גלייך.

— גוט גרייט צו געקאָכט וואַסער.

בלאַנשע האָט געוואַרט ביז מהאָט צוגעמאַכט די טיר.

— איצט דאַרף מען זיך צונויפריידן. ווו איז דער רעוואָלווער?

הער אַמבראַ האָט אָנגעוויזן:

— אָט איז ער אויפן טיש.

— איר האָט אים געוואָלט אויסלאָדן, מיר האָבן זיך פאַרעדט, פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ שאָס, צופעליג. דאָס איז אַלץ.

מאַניקע און פרוי אַמבראַ האָבן זיך איבערגעקוקט. ער האָט עס געזאָגט אַזוי פּשוט!:.

אין מאַניקעס אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. עס איז, פאַרשטייט זיך, קיין שום ספק נישט, אַז האַנדלענדיק אויף אַזאַן אויף האָט ער אויך אויסשליסלעך געקלערט וועגן איר!

ארויסווייזנדיק אַזאַ מוט בעתן אָנפאַל, האָט ער דאָך נישט געוואָלט, אַז זיין האַנדלונג זאָל ווערן איבערשאַצט און האָט רויק צוגעגעבן.

— דערדאָזיקער סקאַנדאַל דאַרף קיינעם נישט אינטערעסירן.

פרוי אַמבראַ האָט באַמערקט:

— דער טויגעניכטץ האָט זיך גוט אַרויסגעדרייט.

— דער אומגליקלעכער! האָט בלאַנשע אויסגעבעסערט.

וועלנדיק באַהאַלטן איר שרעק און אויפרעגונג, איז מאַניקע אַוועק צו דער אָפענער גלאָז - טיר.

— אָט גייט דער דאָקטאָר, — האָט זי געזאָגט. הער לױמע האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז די װערסיע מכּח דעם אומגליקלעכן צופֿאַל, איז תּורת־אמת. אונטערזוכנדיק די װוּנד האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז אַ קימא־לן אויף אַנאַכט טאָג. דער קראַנקער נויטיקט זיך אין אַבסאָלוטער רו און געװיסע הייל־מיטל. קוים װעט די װוּנד נישט אײַטערן פֿאַרהײלט זי זיך און משך פֿון עטלעכע טעג. ביז װאָס װען דאַרף דער הער האָבן אַ בעט און ליגן רויק.

נישט געקוקט אויף בלאַנשעס פּראָטעסטן, װעלכער האָט פֿאַרלאַנגט, נישט װעלנדיק באַלעסטיקן זײער פֿרײַנט, מזאָל אים מיטן אויטאָ פֿון דער־גיכער הילף אָפּשיקן קיין װערסאַל, איז אַלץ אין איין מאָמענט אײַנגעאָרדנט געװאָרן.

מאָניקע האָט אָפּגעטראָטן איר צימער, זי װעט שלאָפֿן אויפֿן סאָפֿע ביי פֿרוי אַמבראָ אין צימער. געשװינט האָט מען איבערגעביטן די לאַקנס אויף בעט, באַפֿרײַט דעם הענגער פֿון די קליידער און די טישלעך פֿון די טואַלעט מכשירים.

הער אַמבראָ אין דער דאָקטאָר האָבן דער קראַנקן אַריבערגעפֿירט אין בעט. מאָניקע האָט פֿאַרבאַנדאַזשירט איר װוּנד, און איז גלײַך אַרײַן צו אים אין צימער. זי האָט מיטגעבראַכט אַלע נויטיקע מיטלען פֿאַר דער ערשטער מעדיצינישער הילף: װאַטע, זױערשטאָף, װאַסער, מאַרלע — באַנדאַזשן א. א. װ.

זי האָט זאָגאַר אָנגעטאָן אַ װײַסן שירץ. װאָס זי האָט געפֿונען, װי אַלעס איבעריקע, אין דער קליינער הויז־אַפּטייק.

בלאַנשע, װעלכער האָט געפֿיבערט, האָט צו איר געשמייכלט, מאָניקע אין אירע קליידער פֿון אַ קראַנקן־שװעסטער, האָט אים גאַנץ דערײטלעך, ביז צו האַלוצינאַציעס, דערמאָנט אָן די שרעקלעכע קריגס־יאָרן.

ער איז געלעגן אין שפּיטאָל!..

ער האָט געשמייכלט מיטן זעלבן אַנטציקטן שמייכל, ווי מיט אכט יאָר צוריק, בעת ער האָט זיך געפרייט מיט זיין תחית - המתים פון טראַנשייען - גיהנום, און דעמאָלט האָט זיך אויך איבער אים אריבערגעבויגן אַ ווייסע געשטאַלט, גוטע, שטראַלנדיקע אויגן...

זשאָרזש בלאַנשע, וועלכער איז פריער געווען נישט לייכט־זיניקער און נישט עגאָאיסטישער פון אַנדערע, האָט אויפן וועג צום בריק געפונען דעם וועג קיין דמשק. אהינגעגאַנגען איז ער אַלס דילעטאַנט, צוריקגעקומען אָבער אַלס אַפּאָסטל.

ווי אַלע די יעניקע וואָס דער קריג האָט זיי נישט פאַר־טעמפּט, האָט ער לעבעדיק אין דעמזעלביקן גיהנום, באַהאַלטן אין זיין טיפסטן אינערן, די צוויי געפילן: די ליבע און דעם האַס, די שנאה צום סאָציאַלן שקר און די ליבע צו דער גערעכטיקייט און צום אמת... אָבער, אויפריכטיק גערעדט, האָט ער זיך אַליין געמוזט מודה זיין, אַז דאָס איז געווען די אַנזיכט פון אַ פאַר־שווינדנדער מינדערהייט! זייער ווייניק מענער און נאָך ווייניקער פרויען האָבן זיך געהאַלטן ביי דערדאָזיקער מיינונג־לעבנדיק אין דער איינזאַמקייט, מיט זיינע אייגנטימלעכע געדאַנקען, איז ער געוואָרן אַלט פאַר דער צייט.

צו פערציק יאָר האָט ער זיך געפילט אַ סך אָפּגעלעבטער ווי זיין זעכציקיאָריקער פריינט אַמבראַ. ער פלעגט זיי תמיד זאָגן:

— איך בין אַנאָפּגעשלאָגענע הושענא.

— ווייל איר זענט איינזאַם, האָבן די פריינט געהאַלטן אין איין טענהן. האָט חתונה. דעמאָלט פלעגט ער אַרויסנעמען פון ביכער שאַנק זיין ערשטן בוך און, זיך ווילנדיק, אַ ווייז טאָן:

„וועגן הייראַט אין פּאָליגאַמיע.

איך, ווי יענע קוכאַרעס, וועלכע עסן נישט פון זייער אייגענער קיך? איך האָב געשריבן, אַז די הייראַט איז דער סוף,

און איצט האַלט איך, אַז עס איז דער אָנהויב! איך האָב געזאָגט, אַז זי האָט נישט קיין שום געמיינזאַמעס מיט דער ליבע, איצט אָבער קאָן איך מיר נישט פאַרשטעלן די הייראַט אָן דער ליבע.

— אָבער — פלעגט אים תּמיד ענטפערן פּרוי אמבראָ, אָנווייזנדיק אויף איר מאַן, — אויב עס איז אמת, אַז די ליבע און די הייראַט טרעפן זיך זעלטן צוזאַמען, שליסן זיי אָבער דאָך נישט אויס איינע די אַנדערע... אַט קאָנען מיר אייך למשל דינען אַלס לעבעדיקער באַווייז. אָט, כּלעבן, פאַרלאָזט זיך שוין בעסער אויף מיר! מען וועט אייך ליב קריגן און איר וועט חתונה האָבן!..

די געמיינזאַמע סימפּאַטיע צווישן אים און מאַניקען נאָך זייער באַגעגעניש אין לוווּר, וואָס האָט כּסדר געהאַלטן אין איין וואַקסן, האָט אים נאָך מער פאַרביטערט.

זעענדיק דאָס מיידל, פון וועלכער ער האָט געהאַט זייער אַ הויכע מיינונג, און וועלכע ער האָט שוין אומבאַוווּסטזיניק געליבט, נאָך אין באַאַסלאָס קלויען האָט ער איבערגעלעבט דיזעלבע ליידן ווי דעמאָלט אין די רעגנדיקע טעג אין די אָקאָפּעס..

און דערנאָך פּלוצילנג דערדאָזיקער געשריי, דאָס האָט אים אין גאַנצן אויפגעשיטערט!

און דערדאָזיקער שאָס, נאָך וועלכן ער האָט זיך דערשפּירט ווי עפּעס אַ גאַנץ אַנדערער מענטש אין בעט ווו זי איז געשלאָפן... איר דערשייַנונג! זיין צוקונפט, פאַרקערפּערט אין אַ ווייסער געשטאַלט, מיט גוטע, לעבנסלוסטיקע אויגן... ער האָט צוגעמאַכט די אויגן בעת מאַניקע האָט אַראָפּגענומען דעם באַנדאַזש און אָנגעהויבן איינשלאָפן.

— ווייניגע העגט ברענען ווי פייער, האָט דער דאָקטאָר באַמערקט. ס'מוז זיך לאָזן אַליין. ער דאַרף אַבסאָלוטע רו. אויב ער וועט וועלן טרינקען, גיט אים אַביסל ציטרין - וואַסער. פּינף אַ זייגער

וועט איר מעסטן די טעמפּעראַטור. דאָס איז אַלץ. איך וועל נאָך פּאַרמיטאָק זיין אַ צווייט מאָל.

— זייט רויק, האָט מאַניקע געזאָגט, — איך וועל אים אויף קיין איין מינוט נישט איבערלאָזן.

אַז אַמבראָ איז צוזאַמען מיטן דאָקטאָר אויף די שפּיץ פינגער אַרויס פון צימער, האָט זי זיך שטיל אַוועקגעזעצט ביי אים צוקאָפּנס. גיריק האָט זי זיך צוגעקוקט צו דידאָזיקע געזיכטסציגן, וואָס די יסורים האָבן זיי צוגעגעבן אַ באַזונדערן חיין האָבן זיך ווי איינגעפּרעגט אין איר מח, אַריינגעדרונגען טיף אין איר האַרצן און פאַרווישט, אָפּגעמעקט אַלע געזיכטער פון דער פאַרגאַנגנהייט. צי וועט געננוג זיין איר גאַנץ לעבן אויף צו באַגרייפן, אָפּצושאַצן די קראַפט פון דעם גרויסן קרבן, וואָס עס האָט געבראַכט פאַר איר דערדאָזיקער שיינער, קלוגער, גוטער מענטש? זי האָט זיך דערשפּירט קליין, באַשמוצט, דערנידעריקט. — און דאָך האָט זי נאָך קיין מאָל נישט געפילט אין איר גאַנצן וועזן אַזאַ אויפשיינונג פון גלויבן, פון פאַרשכורנדיקער ליבע, ווי איצט.

— ניין, שווייגט!.. ריידן מיט דער קראַנקען - וועכטערין איז שטרענג פאַרבאָטן.

— אויב איך בין אָבער געזונט!

— איר שפּירט זיך נאָר בעסער. אָבער, עס הייסט נאָך נישט געזונט! אויב איר וועט זיך נישט פאָלגן, וועל איך אַנשטאָט צו נעמען אַ בוך און זיך זעצן לעבן אייער בעט אינגאַנצן אַוועקגיין.

אַ טרויעריקער האָט ער אויף איר אַ קוק געטאָן, אָבער מאַניקע האָט אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ, און שטיל זיך צוריק אַוועקגעזעצט. זי האָט אַן עפן געטאָן דעם בוך „די מנישקע פון פּאַרמאַ”, און האָט זיך פאַרטראַכט.

עס איז געווען אויפן זעקסטן טאָג נאָך דעם... „צופאַל”. צי איז עס נישט וווּנדערבאַר, האָט מאַניקע געזאָגט צו פרוי אַמבראָ,—

ר שאָס, וואָס איז געפאַלן ווי אַ דונערשלאַג, האָט, אַנשטאָט טראַגישע פאָלגן — גאָר איינגעאָרדנט דאָס לעבן... פאַר רעזשין איז עס געווען אַנ׳אויסברוך פון דער עלעקטריציטעט... צוזאַמען מיטן אויסגעשאָסענעם קויל איז אַוועקגעפלויגן זיין ווילדע איי־פערזוכט.

דער פריילן טשערבאָלאָווס אַ צעטעלע האָט איר געבראַכט אינדערפרי פאָלגנדע ידיעה: „הער באַסלאָ איז געקומען אויף באַעטי־גאַס און געמאָלדן אָן שום וייטערדיקע דערקלערונגען אַז ער פאָרט אַוועק אויף אַ לאַנגע צייט”.

אַ גליקלעכע רייזע!.. מיט אַ מין קאָמפליצירטן געפיל פון מיטלייד און גלייכגילטיקייט האָט זי אים אין אירע געדאַנקען באַגלייט אויף זיין נסיעה מיטן שיף קיין מאַראָקע.

זי האָט זיך אַליין געוווּנדערט, וואָס זי שפּירט נישט צו אים קיין שום שנאה, בלויז רחמנות. אויב אין דער ליבע האָט ער איר נישט געגעבן קיין הנאה, ... ער האָט זי געדולדיק באַוויזן מיט זיינע שרעקלעכע געוואַלדטאַטן, — האָט ער איר אָבער דאָך געליבט אַנדערש ווי אַלע איבעריקע ביז אים...

ער האָט איר אַרויסגעריסן פון דער נאַרקאָטישער פאַרגיפּ־טונג. די דערינערונגען אָן זיינע ווילדע צאָרנאויסברוכן האָבן איר איצט, — באַכדעם ווי זי האָט זיך שוין פון זיי באַפרייט — מער געדירט ווי אויפגערעגט. קודם כל האָט זי געוואָלט זיין אין אָרדי־נונג מיט זיך אַליין. צי דען האָבן פיל פון זיינע פאָרווורפן וועלכע זי האָט לכתחלה געפונען פאַר אומגערעכטע, נישט גע־פונען אַנ׳אָפּקלאַנג אין איר „האַרצן?”

„אַנ׳אומגליקלעכער! האָט זשאָרזש געזאָגט, אַזוי גוטמוטיק... יאָ, אַנ׳אומגליקלעכער! אָבער אויפן אומגליק איז געווען געבויט דאָס גליק פון צווייען און עס וואָלט געווען די גרעסטע אומדאַנק־באַרקייט דאָס צו פאַרגעסן.

און ווי זי האָט זיך נישט באַמיט צו פאַרטויבן איר איבערלעבע פרייד, ווי זי האָט נישט געזוכט אויסצומיידן זיינע ליבעפולע אויגן — זעגען ביידנס הערצער געווען פול מיט אַ ריינע, קינדישע פרייד!..

— איך זע אַלץ, האָט זי געזאָגט, דראָענדיק אים מיטן פינגער. עס איז זייער נישט ריכטיק אויסצוניצן די צושטרייטקייט פון דער וועכטערין און פירן אַזעלכע געשפרעכן.

— אָבער איך רעד דאָך גאָרנישט!

— איך הער אָבער!.. טייערער, טייערער זשאָרזש!..

און דידאָזיקע דועטן האָט זיך איבערגעחזרט טאָג איין טאָג אויס. זיי האָבן כסדר ווידערהאָלט איינע און דיזעלבע ווערטער, הימנען פון גליק, וואָס האָבן זיך אומבאַוווסטזיניק געגאָסן פון זייערע הערצער אַרויס...

צי דען האָט ער איר געדאַרפט שווערן, אַז ער האָט זי ליב? צי וואָלט איר אימיצער געקענט ברענגען אַ ריכטיקערן, אַ מער רירנדן באַווייז? אָבער דוקא דידאָזיקע זיכערקייט אין זייער קעגנזייטיקער ליבע, האָט אַרויסגערופן ביי מאָניקען עפעס אַ מין געפיל פון אומזיכערקייט.

די צערטלעכקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך באַמיט איר צו דעראָבערן, — פונקט ווי ער זאָל איר שוין נישט האָבן דעראָבערט אין גאַנצן און מיט איין קלאַפּ!..

— דאָסדאָזיקע צאַרטגעפיל און זיין פיינע האַלטונג, האָבן איר געקוועלט, אַרויסרופנדיק ביי איר פאַרשידענע ספקות. צי דען פאַרדינט זי אַזאַ געפיל? צי דען ברענגט זי אים נישט אַ פאַרוועלקטע נשמה... אַנאָפּגענוצטן קערפּער? צי איז זי ווערט אַזאַ אומגעהייער גרויסן גליק? זיין ליידנשאַפט האָט איר מער געשראָקן מיט איר שעמעוודיקייט, ווי מיט איר קראַפט.

זיך רויטלענדיק, האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ:

— איך האָב מורא, אַז איר ליבט אין מיר אַנ'אַנדער מאָני-קע, נישט די אמתע! צי דען באַזיץ איך דידאָזיקע אייגנשאַפטן, וועלכע איר שרייבט מיר צו?.. עס זענען פאַראַן מאָמענטן, ווען איך גלויב אין דעם, דאָס געשיט דאַן, בעת איר קוקט אויף מיר עפּעס אַזוי אייגנטימלעך, ווי איצט... דאַן שטעל איך מיר פאָר, אַז איך בין ניי געבאָרן — אַז דאָס פאַרגאַנגענע האָט לגמרי נישט עקסיסטירט, און אַז אַלץ הויבט זיך אָן פון דאָס ניי!...

— אָ, ווען איר זאָלט וויסן!..

ווידער זענען געטאַנצן פאַר אירע אויגן די אויפגעוואַכטע דערמאָנונגען... זי האָט געשפּירט אַ באַדערפניש זיך ענטוועדער צו באַשולדיקן, אָדער צו רעכטפערטיקן...

דערצו האָט זי שוין איין מאָל פאַר איר אויפריכטיקייט טייער באַצאָלט, און רעזשיס אייפערזוכט האָט איר געקאָסט דינען אַלס אַ גוטע לעקציע. אָבער דעמאָלט האָט איר ווידוי, פאַרן פריינט שפּעטער פאַרשאַפט גרויסע ליידן דעם ליבהאָבער. אָבער צי דען איזעס נישט איר פליכט איצט — מיט וואָס זי זאָל דערפאַר נישט באַצאָלן — אויפצודעקן איר פאַרגאַנגענהייט דעם, וואָס האָט געראַ-טעוועט איר לעבן און דערמיט גופא געוואָרן איר הערשער?

מיט אַ מין מיסטישן געפיל האָט זי געדורשט נאָך דערנידע-רונג אַלס שטראָף פאַר איר שטאָלץ. עמפּערט זיינער צייט קעגן דעם שקר און דער ברוטאַליטעט פון די מענער, האָט זיך די שטאָלצע בחורטע — ווידער פאַרוואַנדלט אין אַ פרוי, אין אַ שוואַ-כע פרוי, באַזיגט דורך דער גרויסקייט פון דער אמתער ליבע.

— אָ, ווען איר זאָלט וויסן! האָט זי ווידערהאָלט...

— אָבער איך ווייס! יאָ, איך ווייס, אַז איר האָט געליטן, ווי אַלע יענע הערצער, וואָס דורשטן נאָכן אבסאָלוטן! איך ווייס, אַז איר האָט קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן, אָבער אייך אַנדערע דוקא

יאָ. און מער אינטערעסירט מיך לחלוטין נישט. דאָס איז די פּאַר־באַנגנהייט, וואָס געהערט אויסשליסלעך אייך! פּאַר מיר עקזיס־טירן אין לעבן, און במילא אין זיין העכסטער פּלירט אין דער ליבע — בלויז פרייע און גלייכע פּערזענלעכקייט. אויף אַ מענטשן, וועלכן מיר ליבן, האָבן מיר בלויז די רעכט, וואָס, ער גיט אונדז אַליין. און נאָר מיטן מאָמענט ווען מיר גיבן זיך אָפּ אין גאַנצן איינער דעם אַנדערן, אַנטשטייען קעגנזייטיקע פּליכטן.

זי האָט זיך צוגעהערט צו זיינע ווערטער, ווי די זינדיקע צו די רייד פון גואל.

— אַלץ, וואָס איך ווייס וועגן אייך, מאָניקע, איז דאָס, אַז איר זענט געווען זענט און געבליבן — אַ שטאָלצע, שיינע נשמה, וועלכע שטרעבט צו אַלעם דעם, וואָס באַגייסטערט, עקזאַלטירט דעם גוטן, אָרעמען מענטשלעכן ווילן! אַ וועזן, וואָס זיין לאָזונג איז אמת און גערעכטיקייט, אַ וועזן, וואָס זיינע ליידן, אַנשטאָט אים, צו דערנידעריקן, האָבן אים דערהויבן.

— אָ, ווען דאָס זאָל זיין אמת!

— דאָס ליידן, מאָניקע, איז אַ גוטע שולע, און היילט—אַנשטאָט וואָס רייניקט. שוואַכע נשמו תפאַרניכטעט זי. שטאַרקע אָבער גייען אַרויס פון איר פאַרהאַרטעוועטע, ווידערשטאַנדפעיקע. גלויבט מיר! די שלעכטע טעג האָבן זיך געענדיקט! איר טרעט אַרויף אויף אַנ׳אַנדער וועג.

— אָ, ווי איך באַדויער! האָט זי געזיפצט... ווי גערן וואָלט איך וועלן ברענגען אייך אַ האַרץ, וואָס האָט נאָך פּאַר קיינעם חוץ אייך, נישט געקלאַפּט.

— איר וויינט?

— יאָ, איך וויין אויף דער פריערדיקער קליינער מאָניקע, אויף איר פּאַרלאָרענע פרישקייט! איך וויין, קלערנדיק וועגן דעם גליק, וואָס עס האָט געקאָנט זיין, ווען אייערע אָרעמס וואָלטן גע־

זען פאַר איר די ערשטע... איך זוין אויף דער קליינער מאַניקע פון דער מומע סילוועסטער! איר רירנדע שטים פול מיט האַצרייסנדע חרטה - טענער, האָט אַריינגעדרונגען אין דער טיפעניש פון זיין נשמה. ער האָט געשפּירט, ווי זיינע אויגן ווערן פול מיט טרערן.

— ווייַן נישט!.. ווייַן נישט, איך בעט דיך. פילסט דען נישט, אַז די ליבע, די אמתע, טראָגט אין זיך אַזאַ שטראַלנדיקע ליכט, וואָס פאַרטרייבט יעדן שאָטן! קלער נישט מער וועגן קיין נאַכט - קאָשמאַרן! צוזאַמען הויבן מיר אָן א ניי לעבן! וואַכן מיר אויף מיטן מאָרגנשטערן!..

— מיין געליבטער, האָט זי געמורמלט.

איר געזיכט, פייכט פון טרערן, האָט געלויכטן ווי אַ זוניקער פרימאָרגן. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט, זי איז געפאַלן אין זיינע אָרעמס, אַריבערבויגנדיק זיך איבערן בעט מיט איר ביוסט אונטערן ווייסן שירץ. עפּעס אַ מין אייגנאַרטיקן בושה - געפיל — ווי נאָך קיין מאָל נישט ביז איצט — האָט זי דערשפּירט אין זיינע אָרעמס... נישט ער, נישט זי האָבן אין דער אייביקייט פון דעמדאָזיקן מאָמענט נישט געקלערט אָפּצורייסן די רויזן פון דעם קוש, וואָס האָט געשוועבט אויף זייערע ליפּן.

ער האָט, פון זיין זייט, געגלעט איר שטראַלנדיקן שטערן, אירע ווייכע גאָלדענע האָר.

— האָב קיין מורא נישט! אָ, וועל איך דיך ליב האָבן!..

— ווי גוט איר זענט! האָט זי ליידנשאַפטלעך געזאָגט — מיר דוכט, אַז איך געפין זיך אין אַ נעסט, ווו קיין שום שטראָם וועט מיר נישט דערגרייכן... מיר זענען אויף א שפּיץ בוים און אַרום אונז אַ וואַלדשטילקייט...

סוף וואָך, ווי דאָקטאָר ליומע האָט עס פאָרויסגעזאָגט, איז זשאָרזש אַראָפּ פון בעט.

די ווונד האָט קיין מאָמענט נישט געאַייטערט, און האָט זיך געשווינט פאַרהיילט.

אַרום זאָפּע, אויף וועלכער זשאָרזש איז נאָך פון צייט צו צייט געלעגן, זענען איצט געזעסן ביידע דאַמען. פרוי אַמבראָ האָט געניידט, מאָניקע — געפּלוידערט:

— ניין, ניין, איר זענט נאָך נישט אימשטאַנד זיך אומצוקערן קיין ווערסאַל!

א פּאָר וואָכן מוזט איר נאָך צוּוואַרטן, מיט אייערע לעקציעס! ערשט נאָך די ניי - יאָר וואַקאַציעס!.. קודם כּל זענט איר „מיין" פּאַציענט און מוזט זיך מיר פאָלגן.

דאָס „איר" האָט אין מאָניקעס אינטאָנאַציע געקלונגען ווי אַ צערטלעכער דוצן, וואָס דערויף האָט זי זיך נאָך נישט געוואַגט אַפילו אין די שטונדן בעת זיי זענען געווען אַליין. דערדאָזיקער רעספּעקט פאַר דער קאָנווענציאָנעלער אַנשטענדיקייט האָט שטאַרק אַמוזירט דער וויטזיכטיקער פרוי אַמבראָ. צי דען האָבן זיי געמיינט, אַז זייער ליבע, וואַרפט זיך קיינעם נישט אין די אויגן?

— איך בין „אייער" פּאַציענט, גאַנץ ריכטיק. איך האָב שוין אָבער מיינע פּריוואַטע געמאַכט געגוג אומאַנגענעמלעכקייטן...

פרוי אַמבראָ האָט אַוועקגעלייגט איר אַרבעט אויף די קני:

— פּעטער זשאָרזש! איר באַליידיקט אונדז!

— און סוף כּל סוף, ווי גוט איך זאָל זיך דאָ נישט פילן, אָבער מיין אַרבעט, אייערע אָנגעלעגנהייטן...

— זאָגט פראָסט - פּשוט, אַז מיר האָבן אייך שוין דערעסן! איר ווילט, אַז איך זאָל אייך זאָגן, פּעטער זשאָרזש, וואָס איר זענט? אַנאומדאַנקבאַרער מענטש,

זי האָט איראָניש געשמייכלט, וואַרפנדיק אויף ביידע צערט־לעכע בליקן. ער האָט איר ערנסט געענטפערט:

— ניין, מיין טייערע, מיין גוטער פריינט! איך בין נישט קיין אומדאַנקבאַרער. איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן, אַז דאָ, אויף דער קאַנאַפּע, ווו איך ליג איצט לויט אייער באַפעל, האָט מיר מאָניקע געדריקט די הענט און אַזוי פעסט, אַז קיין קראַפט אויף דער וועלט וועט אונדז מער נישט צושיידן. — אייער הויז, אייך און הער אַמבראָ האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין לעבנס - גליק.

פרוי אַמבראָ האָט זיך האַסטיק אַ הויב געטאָן פון אָרט. איר געזיכט האָט אויסגעדריקט אַ שטאַרקע אינערלעכע אויפרעגונג זי איז אונטערגעגאַנגען פריער צום „פעטער" זשאָרזש און אַ קוש געטאָן אים אין ביידע באַקן, דערנאָך זיך אומגעקערט צו מאָניקען וועלכע איז אויך מעכאַניש אויפגעשטאַנען, און האָט איר, אַ צוטו־מולטע, אָנגעקוקט.

— איצט האַלט עס ביי דיר, מיין טייערע ניכטע! שוועס־טערין - טאָכטער). ביי דידאָזיקע ווערטער, וועלכע האָבן אַרויסגע־רופן די טייערסטע דערינערונגען פון זייער פריינטשאַפט, האָט זיך מאָניקען געדוכט, אַז צווישן זיי ביידן שוועבט איצט דאָס גוטע, שמייכלענדיקע געזיכט פון איר ערציערן. פרוי אַמבראָ האָט איצט מיט זיך פערזאָניפיצירט איר מומע סילוועסטרע... מאָניקע איז איר געפאַלן אויפן האַלדז און האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז דורכן צויבער פון דער פאַרגאַנגנהייט דריקט זי איצט צו איר האַרצן אַנ'אמתע מוטער.

— דו ווייסט וועגן וואָס איך קלער איצט, קליינע, האָט גע־זאָגט פרוי אַמבראָ, באַהערשנדיק איר אויפרעגונג... דו האָסט נאָר וואָס גערעדט וועגן ווייַנאַכטן... פונקט מיט פיר יאָר צוריק, דעם פיר און צוואַנציקסטן דעם חודש, איז דיין אומגליקלעכע מומע גע־קומען אהער צו אונדז צום קריסטוס - מאָלצייט... עס איז געווען

דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב איר געזען. לאָמיר זיך צונויפקו־
מען מיטוואָך דעם פופצטן און מאַכן איר אַנ׳הזכּרה. אוי, וואָלט זי
זיך געפרייט מיט דיין גליק!

VI.

מיט דעם מאָמענט, וואָס זשאָרזש און מאָניקע האָבן זיך צו־
שיידט און געמוזט ווינען יעדערער באַזונדער, פלעגן זיי זיך
אָבער טעגלעך זען. עטלעכע מאָל איז ער געקומען צום פרישטיק
אויף באָעטי־גאַס. אָפטמאָל פלעגט זי פאָרן קיין ווערסאַל, —
געוויינלעך אין איינעם פון פריילן טשערבאַליעווס אויטאָ צו בלאַנשען
אויפן זומער־ווינונג אויף סען־קלו־גאַס... דאָס איז געווען
אַנ׳אַלט הייזל, פאַר אים אַליין אַ ביסל צו גרויס, מיט אַ גאָרטן,
אַ קורניק, אַ שטאַל, פון וואַנען מאָניקע האָט געהייסן אַרויסרו־
מען אַלע אַלטע טראַנטעס, כּדי דאָרט איינצואָרדנען אַ גאַראַזש.
די אַלטע באַדינטע, וועלכע האָט שוין יאָרן לאַנג געפירט
דעם „הער זשאָרזשס"ווירטשאַפט, האָט זיך גלייך אונטערגעוואָרפן
מאָניקעס באַפעלן, דערשפירנדיק אין איר די צוקונפטיקע
בעלת־הבית...

איין מאָל, בעת מאָניקע איז געקומען מיט אַ פריערדיקן צוג
ווי געוויינלעך, האָט איר זשאָרזש נישט געוואָלט אַוועקלאָזן אין
זי איז אומגעריכט געבליבן ביי אים צום אוונטברויט. זעענדיק, אַז
זי איז איבערראַשט פון דער גרויסאַרטיקער קאָלאַציע, פון טיש וואָס איז
געווען פאַרפּוצט מיט מימאָזן און רויזן, האָט ער זיך מודה געווען:

— פון דעם מאָמענט, ווען איר זייט דאָס ערשטע מאָל געקו־
מען צו מיר אין הויז, איז נישט פאַריבער קיין איין טאָג, איך זאָל
נישט פאַנטאַזירן וועגן דעם, ווען איר וועט שוין אויף שטענדיק

בלייבן מיט מיר... אָט אַזוי וואַרט דאָ אויף אייך אַלץ כּסדר יעדן אָוונט...

פריינטלעך האָט זי באַטראַכט די פאַמיליען - מעבל, דעם קליינעם זאַל, וווּ ער האָט געאַרבעט און וווּ זיי האָבן איצט געגעסן... יאָ, דידאָזיקע פיר ווענט האָבן איצט פאַר איר פאַרגעשטעלט מיט זיך די גאַנצע וועלט! ער איז אויפגעשטאַנען און האָט איר אַ קוש געטאָן אין האַנט. ער איז געווען רירנד אין זיין אויפריכטיקער פרייד, אין דער פיבערהאַפטער דיסקרעציע פון זיין פאַרלאַנג...

פאַר וואָס האָט זי אין מאָמענט, ווען ער האָט איר איינגעשלאָסן אין זיינע אָרעמס און ענדלעך געוואַגט אַרויסצוזאָגן זיין גליענדן ווונש, — זאַנפט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— ניין, נישט היינט, איך בעט אייך...

אומזיסט האָט ער אויסגעשטרעקט זיינע ליפּן, בעטנדיק איר מיט זיינע פייערדיקע בליקן. אַ שעמעוודיקע האָט זי זיך צוריקגעצויגן, דערזעענדיק אָבער מיט וואָס פאַר אַ שמערץ ער ווענדט זיך אָפּ פון איר, האָט אים מאָניקע ווידער האַסטיק אַ נעם געטאָן פאַר די הענט.

— פאַרצייט מיר, זשאָרזש!.. איך ווייס נישט, וועלכן געפיל איך גיב נאָך. מיר דוכט, אַז איך בין אייך נאָך נישט ווערט... לאָזט מיר נאָך אַ ביסל צייט... כּדי אייך צו פאַרדינען... און מאַכט נישט אַזאַ טרויעריקע מינע, ווייל דאָס פאַרשאַפט מיר שמערצן!.. אייך פאַרדאַנק איך אַלץ, אַלץ! איך געהער אייך מיט מיין גאַנצן וועזן...

— אויב אַזוי, וואָס שטערט אייך?

— איך, ווייס אַליין נישט... ניין! ניין! נאָך נישט!

זי איז בייז געווען אויף זיך אַליין, זעענדיק ווי שווייגנדיק און טרויעריק ער איז געווען, בעת ער האָט איר באַלייט צום וואָק-

מאָל. אויפֿן וועג אַהיים האָט זי די גאַנצע צייט באַדויערט דעם זשונהדי קן ווידערשפּרוך אין איר האַרצן. וואָס האָט איר צוריקגע- האַלטן נאָכצוגעבן זייער געמיינזאַמען פֿאַרלאַנג, וואָס פֿאַר אַ קראַפֿט האָט איצט טריומפֿירט איבער איר אייגענעם ווילן, איבער איר צערטלעכקייט, מיט וועלכער זי איז גרייט געווען אים אין גאַנצן זיך אָפּצוגעבן?

צי איז עס געווען דער אומבאַוווּסטזיניקער גסיסה-צושטאַנד פֿון דער פֿריערדיקער מאָניקע, וועלכע האָט פֿאַרשוווּנדעט איר גייסט און איר קערפּער, אָדער איז דאָ אויפֿגעשטאַנען תּחית- המתים און זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען, אַ נייע מאָניקע, ענלעך אויף יענער, וועלכע האָט זיינערצייט מיט אַזוי פֿיל גלויבן און צו- טרוי געקוקט אויפֿן לעבן?

ווידער האָט זי זיך דערשפּירט ווי אַ כּלה, באַהערשט פֿון אַ צאַרטער, שטילער ליידנשאַפֿט.

אין איר רויקן גאַנג, אין דער מילדער צוריקגעהאַלטנקייט האָט זיך געמערקט פֿיל מער ווייבלעכעס. פֿריילין טשערבאַליעוו איז נתפּעל געוואָרן, דערגעענדיק מיט וואָס פֿאַר אַן׳אייפּאַל זי האָט זיך ווידער אַ נעם געטאָן איינאָרדנען איר עמפּאַנג — סאַלאָן אויף באָעטי-גאַס.

פֿון שרייבטיש אין סטיל פֿון ליודוויק דעם פֿופֿצנטן האָט מאָניקע געהייסן אַרויסוואַרפֿן אַלע פּאַפּירן, וואָס האָבן זיך דאָרט צונויפֿגעזאַמלט אין משך פֿון צוויי יאָר צייט. לוסטיק, מיט אַ לייכט קייט, פֿון וועלכער זי האָט זיך שוין, לויט איר מיינונג, אָפּגעוווינט האָט זי איינטענסיוו געאַרבעט... אָנגעוואָרפֿן אַ פּלאַן פֿון אַ וווינונג, איינפֿאַכע גרויסע צימערן, ליכטיקע, באַשיידענע...

— וואָס קוקט איר מיר עפּעס אַזוי מאָדנע אָן, פֿריילין טשערבאַליעוו — ענטשולדיקט, פּרוי פּלאַמבינאָ?

— וואונדערבאַר! עפּעס דוכט זיך מיר, אַז מיט אייך איז וואָס געשען... אַנ'ענדערונג! אַ! אפשר איז עס צוליב די האָר? איר לאָזט זיי ווייטער וואַקסן?

— יאָ.

— און איך קלייב זיך מיינע אָפּצושערן! דעם באַראָנס פאַנטאַזיע... ער וויל איך זאָל דורכאויס טראָגן אַזאַ פריזור ווי איר...

— אויב אזוי, באַראָנעסע, לאָזט אייער פריזור ווי זי איז! קורצע האָר זענען גוט פאַר יונגלעך.

— דאָס האָט געזאָגט פריילן טשערבאַליעוו, אַז פאַר מיר פּונקט אַזוי גוט ווי אייער ווייבונג — פּראָיעקט! אָדער פריילן לערביע קלייבט זיך אויך צו ווערן אַ מאַדאַם?...

מאָניקע האָט אַ שמייכל געטאָן... — פרוי בלאַנשע?... אַ מאַן, הונדערט?... פאַרוואָס טאַקע ניש?...

דאָס, וואָס זי האָט מיט אַ מאָנאַט צוריק געהאַלטן פאַר אַני-אומרעאַליזירבאַרע פאַנטאַזיע, האָט איר איצט אויסגעזען ווי אַ מעגליכער ווונדער... זי האָט געקוקט אויף אַלץ מיט אַנדערע אויגן, ווייל זי האָט געפילט מיט אַנאַנדער הארץ... אומווילקורליך האָט זי שוין געמאַכט פּלענער... דעם זומער און דעם פרילינג וועלן זיי פאַרברענגען אין ווערסאַל.

פעריען - צייט וועלן זיי רייזן, און ווינטער...

קלער איז געבליבן ביי איר פראַגע און האָט איר שמייכלענ-דיק אָנגעקוקט.

— דערווייל, קלער, וויל איך בלויז איבערבייטן די וווינונגן דאָס איז קודם כל און אַזוי ווי איר זענט איצט אַנ'אייגנטימער, פון אַ סך אומבאַוועגלעכע גיטער, וועט איר מיר אפשר פאַרמיטן אַ הויז אויף אַסטאַר - גאַס... ווארט! דאָס איז נאָך נישט אַלץ! אַזוי ווי דער באַראָן גיט אייך זיין „מערסעדעס," דאַרפט איר דאָך

מער ניׁשט האָבן אייער קליינעם „וואַזון״? יענעם פון די צוּן־ פערד קראַפּט, דעם פּאַר מאַכטן?..

— ניין...

— איך קויף אים ביי אייך אָפּ. מסכים?

— אָפּגעמאַכט האָט געזאָגט קלער וועלכע פלעגט זיך שוין בכלל ניׁשט וווּנדערן אויף די אַלע פאַנטאַזיעס פון איר באַלאַ־ באָסטע...

אָבער ערשט דאַן ווען דער „מערסעדעס״ וועט זיין רעפּאַ־ רירט... פרייטאָג, גוט?

— איך זאָל אים אָבער ווייניקסטענס האָבן צו ווייַנאַכטן... איך מוז אָפּפירן דעם פּראָפעסאָר וויניאַבאַס צו די אַמבראָאַס קיין וואַקרעסאַן...

— יאָ, ביז דאַן באַשטימט! איך האָב אייך געוואָלט זאָגן, אַז איך פּאַר מאָרגן קיין מאַני. דעריבער מוז איך האָבן, דעם „וואַזון״ „מאָרגן איז אַנקעס לויה״.

— אַנקעס? האָט מאַניקע אויסגעשריען.

— יאָ, זי איז אייערנעכטן געשטאָרבן, און קליינעם האָטעל וואָס זי האָט לעצטנס געוווינט... איר האָט דערפון ניׁשט געוווּסט?...

— ניין, ניין, דאָס אַלץ איז איצט אַזוי וויים.

— פון אַ פלעגמאַנע אין האַלדז.

— עלענד מיידל!

מאַניקע האָט זיך דערמאָנט אַן איר טויטבלייכן געזיכט אין האַלבטונקעל פון רויכער צימער די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט מיט אַלע אירע שרעקלעכע דערינערונגען האָבן מאָמענטאַל אויפגעלעבט אין איר זכרון.

אַ דערשיטערטע האָט זי זיך פאַרגעשטעלט דעם טרויעריקן סוף פון דער קינסטלערן — עפּעס ווי דורך אַ נס האָט זי זיך אַליין אַרויסגעראַטעוועט פון דערדאָזיגער געפאַר — ווי געשפּענ־

סטער זענען איצט געשטאַנען פאַר אירע אויגן אַ גאַנצע מענגע אַלטע בילדער... מישעל ד׳אַנטרעג, גינעטע גוטע, עלענאַ סיוז, מאַקס דע לאַם, און לעדי ספּרינגפעלד!..

און נאָך אַנדערע וועלכע זענען איר געווען נאָך מער גלייכגילטיק, — באַרדינאַ, ראַנסאַם און יענע, וועלכע זי האָט פאַרבייגייענדיק — כּלאחר — יד - אָפּגעגעבן אַזוי פיל פון זיך. וויניערע, ניקעטאַ. פוערט ריס קעזשי — דער לעצטער! זי האָט כּמעט פאַרגעסן ווי זיי זעען אויס... זיי זענען אויך געווען מתים געשטאָרבענע!

זי האָט אָפּגעטריבן די אומאַנגענעמע דערינערונגען און טרויריק געזאָגט:

— עס איז זייער גוט, קלער, וואָס איר פאָרט קיין מאַני, איר, וואָס איר קענט אויך אַזוי ווייניק! איך מיין אַז קיין גרויסער עולם וועט נאָך איר לויה נישט באַכגיין. אָבער וויפיל פּריינט האָט זי געהאַט!... איר וועט צולייגן מיינע בלומען צו אייערע... עלנדע אַנקע! נאָך אַ קרבן געפאַלן דורך די אייגענע הענט...

די רוסן האָט צוגעגעבן,

— איר זענט גערעכט! מיר לעבן בלויז איין מאָל עס איז זייער נאַריש אַזוי צו ענדיגען דאָס לעבן.

מאַניקע איז אויפגעשטאַנען... אָבער פּריילן טשערבאַליעוו, פאַראינטערעסירט, האָט געוואָלט וויסן גענויער. אַנגווייזנדיק אויפן סופים האָט זי פאַרזאָרגט אַ זאָג געטאָן:

— אויב איר וועט אַריבער פאָרן אויף אַסטער - גאַס, וואָס וועלן מיר מאַכן מיטן אויבערשטובל?

— מיר וועלן פאַרגרעסערן די וווינונג. דאָס איז שוין אייער זאַך. ווי נאָר איך וועל זיך אַריבערציען וועט איר איינאָרדענען אויבן גאָר אַ שיינע זאַך...

אויסשטעלונגס - צימערן פאַר קליידער - שטאָפן... יאָ, איך

האָב איך נאָך װעגן דעם נישט געזאָגט... איך װעל געבן פאָלגענ־דע מעלדונג:

„מאָדע - מאַגאַזין שטערבאַליעװ און לערביע." דאָ װעט מען קענען מאַכן אַ טרעפ...

זי האָט גענומען אַ גרויסן בויגן װייסן פּאַפּיר און אָנגעהויבן אָנװאַרפן אַ פּלאַן...

אירע באַװעגונגען, אויסדרוקן זענען געװען אַזעלכע לעבע־דיקע, ענערגישע, פריילעכע אַז קלער האָט איר ממש נישט דערקענט,

לגמרי אַנ'אַנדערע, װי אימיצער װאָלט איר אומגעביטן!..

איך טרינק," האָט געזאָגט װיניאַבאַס, אויפהויבנדיק דאָס גלאָז פערלדיקן װאַוורײ — װיין, פאַר דער היילונג פון אונזער פּריינט'!

— און פאַר מיינעם, טייערען לערער?..

װעגן עם רעדט גאָר קיינער נישט, — האָט מאָניקע פּראָטעסטירט.

װיניאַבאַס האָט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט אַ פילזאָגנדיקן שמייכל די אַמבראָס האָבן זיך איבערגעקוקט; זיי האָבן פאַרשטאַנען דעם דאָפּעלטן זין פון איר כלומרשטן פּראָטעסט.

אַלע דריי האָבן גלייכצייטיקבאַמערקט איר אויפריכטיקן טאָן, די טיפע צערטלעכקייט און דעם שטאָלץ, און זענען געװען שטאַרק גערירט. אָבער און דער שטיל האָבן זיי אַלע געװאַרט אויף איר דערקלערונג. און בלאַנשע האָט פאַרשטאַנען איר געדאַנק.

ער האָט זיך לעבהאַפט אַ הויב געטאָן פון אָרט — איס האָט זיך שטאַרק געוואָלט, אַז אויסער דער ערינערונג אין דער מומע סילוועסטערע, זאָל קיין זאַך נישט פאַרשטערן מאַניקען דעם היינטיקן גליקלעכען אָוונט.

פאַרטושנדיק דעם אמתן זין פון זייער אַלעמענס השערה, האָט ער אויפגעהויבן זיין גלאָז:

— מאַניקע איז גערעכט! איך טרינק, כדי צו פאַריכטן די אומפאַרציילעכע שכחה פון אונזער חשבון רבי — פאַר דער היילונג פון אונזער ליבער פריינדין.

אָט וואָס עס הייסט באַשיידנקייט, עניוות, פריילן מ'רעדט בלויז וועגן מיין וווּנד, מכח אייגענער קלערט מען גאָר נישט כאָטש, דעם אמת געזאָגט, זעט מען איר אָפילו נישט!

— אַז מען קען איר נאָך באַמערקן!..

זי האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. אויף דעם שנייוויסן האַלדז, אויפן שפּיקשולטער, האָט זיך געזען אַ רויזער שטריך. וועלכער האָט זיך באַהאַלטן אונטערן שוואַרצן סאַמעט - קלייד מיט אַ גאַנצן קליינם דעקאָלטע.

איר גאַנצע צירונג איז באַשטאַנען פון אַ דינעם גאָלדענעם קייטעלע מיט אַ קליינעם בלייערנעם קויל, וועלכן רירי האָט אויפן צווייטן טאָג געפונען אויפן פאָדלאָגע לעבן וואַנט.

נישט דערציילנדיק פאַר קיינעם האָט איר מאַניקע געהאַט מיט אַ געפיל פון אָבערגלויבן, פאַר די טייערסטע בריליאַנטן וואָלט זי נישט אָפּגעגעבן דאָסדאָזיקע שטיקל בליי. וואָס איז גע־היילקט געוואָרן דורך זשאַרזשס און איר בלוט און האָט זיי ביי־דע געשטעמפּלט מיטן זעלבן צייכן דער סימבאָל פון זייער מיס טישער פאַרבינדונג.

מאַניקע איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן בעת פרוי

אַמבראָ האָט דערלאַנגט דער קליינער רירי די שריים פֿון די גוטע זאַכן.

— די קליינע האָט געבעטן זי זאָל עס איר באַהאַלטן צום אָונטבריט!

אַ פֿאַרחלומטע האָט מאָניקע אַרויסגערופֿן אין איר זכרון יענעם פֿאַרגאַנגענעם ווייַנאַכט-אָוונט... די נאַכט, אין וועלכער עס איז געשטאָרבן דאָס קליינע מיידעלע און געבאָרן געוואָרן די פֿרוי... צווישן דידאָזיקע צוויי פּאָליוסן פֿון איר לעבן אַ גאַנצע וועלט ליידן, אַנטוישונגען, אַ מדבר פֿול טרויער און חורבנות...

אַ לאַנגער, שווערער וועג, אויף וועלכן זי איז שיעור נישט אומגעקומען...

ווען נישט זשאָרזש.

זי האָט געעפֿנט די אויגן אונטערן ליבעפֿולן בליק, וואָס איז געווען אויף איר געווענדט... ווי גוט מ׳האָט זיך דאָ געפֿילט — ווי אָנגענעם, ביים דאָזיקן טיש און שיינעם עסצימער, מיטן העלן לאָמפּ. די פֿרייד וואָס זי איז דאָ, צוזאַמען מיט זיי, אַלע פֿינף, האָט ביי איר אַרויסגערופֿן אַ גוטע שטימונג. ווי קינדער האָבן זיי צוגעגרייט אַ פּלאַץ פֿאַר דער אָנוועזנדער...

די מומע סילוועסטערע איז געווען צווישן זיי. דאָס שרעקלעכע בילד פֿון איר טויטן קערפּער אויף דער טראַגע איז פֿאַרשוווּנדן פֿון איר זכרון די ליבע זקנה מיט איר פֿריינדלעכן שמייכל האָט זיך איצט געפֿונען דאָ, צווישן זיי, ווי דעמאָלט און יענעם ווייַנאַכט-אָוונט, בעת זיי זענען ביידע געפֿאָרן אויף מעדיצי-גאַס. פֿרוי אַמבראָ איז געווען גערעכט: טויטע וועלכע מ׳ליבט זענען נישט טויט, זיי פֿאַרשווינדן ערשט מיט דער לעצטער דערינערונג.

וויניאַבאָס קאַבינעט, רעזשי. זשאָרזש...

די טראַגישע נאַכט און איבער דעם אַלעם דאָס מוטערלעכע געזיכט פֿון דער, וועלכער זי האָט מער נישט געזען אויף איר

לאַנגן, טרויעריקן וועג — איר בילד איז הײַנט ווידער געשטאַנען פאַר מאַניקעס אויגן... לגמרי ווי לעבעדיק... — מומע! מומע! האָט מאַניקע געוואָלט אויסשרײַען, — געטריבן פון אַן׳אומווידערשטייל־עכן פאַרלאַנג מ׳זאָל איר פאַרשטיין און מוחל זײַן...

מיט אַן׳ערהאַבענע ביטע, רופענדיק אַלס עדות דער פאַר־שטאָרבענער — האָט זיך מאַניקע איצט געווענדט צו די פרײַנט, וואָס האָבן איר געליבט, און דער עיקר צום פּובערענעם ריכטער, וועלכן זי האָט אַליין געגעבן דעם רעכט צו אורטיילן איבער איר גאַנצן לעבן.

— ניין, זשאָרזש! באַהאַלט נישט דעם אמתן זין. איך האָב גערעדט וועגן יענער היילונג, וואָס איך האָב אײַך צו פאַרדאַנקען! וועמען זאָל איך זיך אָנפאַרטרויען אויב נישט אײַך און מײַנע אַל־טע גוטע פרײַנט, וועלכע פאַרטרעטן מיר נישט בלויז די מומע סילוועסטער, נאָר מײַן גאַנצע פאַמיליע!..

וועגן מײַנע עלטערן לאָמיר בעסער נישט ריידן!.. פאַר זיי בין איך נישט מער ווי אַ נישטיקע שפּילצייג וואָס האָט פריער געהע־ט זיי און איצט איבערגעגאַנגען אין אַנדערע הענט!.. אַז איך באַגעגן זיי האָב איך נישט קיין שטאָף נישט וועגן וואָס מ ז זיי צו ריידן, און ווען איך זאָל זיך נישט צוריקהאַלטן, וואָלט איך זיי אָפּן געזאָגט.

— איר און אײַער גאַנגרענירטע סביבה האָבן מיר דערפירט צו מײַנע ערשטע פאַלטריט! ביי דער מומע סילוועסטרע וואָלט איך געבליבן אַ ריין, פשוט מיידעל... אָ! איך ווייס... איך בין אײַך שולדיק! ווען איך זאָל געוווסט זײַן מער טאָלעראַנט און ווייניקער שטאָלץ, וואָלט איך נישט געהאַט אַזאַ נאַכט ווי הײַנט... ווי, ווי איך שעם זיך, איך פֿזרגיי פון בושה!.. עס איז אָבער צו שפּעט!.. אַרײַנקריכענדיק אין שמוץ, טרינקט מען זיך... עס ווילט זיך אַ־רויסרײַסן, און מ׳קאָן נישט!.. ביז מ׳גייט אונטער...

זי האָט פאַרדעקט מיט די הענט דאָס פּנים.

— טייער קינד, — האָט געזאָגט פרוי אַמבראַ, וואָס פאַר־אומערט איר זיך בידים דאָס לעבן? וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט פאַר דער יוגענט די פאַרגאַנגענהייט, בעת זי האָט נאָך פאַר זיך די גאַנצע צוקונפט!

— נאַריש קינד, האָט איר זשאָרזש באַרויקט, טייער נאַריש קינד, אויב עפּעס וואָס קאָן דיר נאָך מאַכן טייערער אין מיינע אויגן, איז עס דיין זעלבסבאַשילדיגונג. ווער קאָן אייך פאָרוואַרפן אייער פאַרגאַנגענהייט, אויב איר באַווייַנט איר מיט אַזאַ שמערץ!.. קוקט מיך אָן! אויף דער וועלט איז פאַראַן בלויז איין ווערטפולע זאַך און דאָס איז — דאָס לעבן.

— מיר שרעקט דאָס בלענדענדע ליכט פון דעמדאָזיקן גליק! צי זענען מיינע הענט גענוג ריין אָנצונעמען נישט באַשמוצענדיק?

ער האָט אָנעם געטאָן אירע צאַרטע ווייסע הענט און האָט זיי ליידנשאַפטליך געקושט.

— דאָס גרינס בליט פּראַכטפולער אויף אָנאויסגעבערענטן באָדן. מאָניקע, איך בעט אייך אין נאָמען פון דער מומע סילוועס־טרע, ווערט מיין פרוי...

— צי קאָן איך דאָס? האָט זי געמורמעלט.

— נישט בלויז איר קאָנט עס, מיין טייער קינד, — האָט אויסגעשריגן וויניאַבאַס, און זיין שטים האָט קעגן זיין ווילן גע־ציטערט, — נאָר איר מוזט עס!.. איך גראַטולירע אייך, בלאַנשע, אייער וואַל איז אויסגעצייכנט.

מיט אַ שטראַלענדיק געזיכט, וואָס איז נאָך געווען פייכט פון טרערן, האָט מאָניקע אַרייַגעלייגט איר האַנט אין זיינער, וואָס האָט אויף איר מיט אַזאַ ציטערניש געוואַרט. ער איז בלייך געוואָרן פון דער פאַרווירקלעכטער האָפנונג.

— און איצט, מיינע קינדער, — האָט געזאָגט פרוי אַמבראַ — וויל איך אייך נישט ווייזן די טיר. אָבער עס איז שוין דריי דער זייגער, און ביז איר וועט זיך דערקלויבן קיין פּאַריז... וויפל אַ זייגער האָט איר אַ צוג זשאָרזש?

— זייגער פיר.

— עס איז אמת, האָט מאָניקע געזאָגט, איך האָב לגמרי פאַרגעסן און אייער קאָנפערענץ איז נאָנט...

זי האָט זיך געווענט צו הער ווינאַבאָס.

— און איך, מיין טייערער לערער, איר פאָרט דען נישט מיט אונדז?

— ניין, ווייל פרוי אַמבראַ, איז אַזוי פריינטליך און גוט מיר אַ נאַכטלעגער.

— אויב אַזוי, לאָמיר זיך לאָזן אין וועג אַריין!.. מיר האָבן גאַנץ ווייניק צייט!.. ניין, ניין, האָט מאָניקע קאַטעגאָריש געזאָגט, באַמערקענדיק, אַז ווינאַבאָס און פרוי אַמבראַ קלויבן זיך זיי צו באַגלייטן, — איך דערלויב אייך נישט, אין דרויסן איז אַ שרעקליכע קעלט!..

זיצענדיק אין אויטאָ וואָס האָט זיי געטראָגן האָבן זיי געשוויגן; אַ פיל זאָגענדיק שווייגן!.. אונטערן דרוק פון זיכערע געדאַנקען. גליקסשטראַלענדיקע ביי אים, צוטומעלטע, אומרויקע, צודרייטע ביי איר:

פרייד, דאַנקבאַרקייט, חרטה געפילן — האָבן זיך געגאָסן ווי אַ פרישער רעגן.

ווי פּאָר צויבערטע האָבן זיי זיך געטראָגן און דער לבנה־נאַכט איבערן דרעמלענדיקן וואַלד, וואָס זיין פינסטערניש איז פאַר־שווינדן געוואָרן דורך דער בלענדענדיקער ליכטיקייט פון די בייזע רעפלעקטאָרן...

— פאָרט אַביסל לאַנגזאַמער, מאָניקע... דאָ איז אַזוי שיין!..

זיי האָבן זיך דערנענטערט צו דער ריכטונג קיין בוזשיוואַל, לענגאויס דעם ברעג פון דער סענאַ, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַ זילבערשלאַק צווישן דער בלייכקייט פון די אינזלען.

— יאָ, דאָ איז שיין! האָט זי געמורמעלט.

דער אויטאָ איז שטיין געבליבן. זיי האָבן זיך גענומען פאַר די הענט׳ זיי האָבן נישט גערעדט, דאָס שווייגן גופא איז אָבער געווען פילזאָגענדיק! פלוצלינג האָבן זיך זייערע ליפּן צונויפגעגאָסן... און ווידער האָט זיי דער אויטאָ געטראָגן — געפירט צו זייער גליק.

אין דערזעלבער צייט האָט זיך די אַמבראַס און וויניאַבאַס געקליבן און זייערע צימערן.

— צי ווייסט איר אָבער, מיין טייערע חברטע האָט געזאָגט דער אַלטער פּראָפעסאָר ארויסגייענדיק אויף די טרעפּ, — וואָס דאָס באַווייזט? טאַקע דאָס, איז פאַר אַ יונג ווייב, וואָס איז נאָך נישט אין גאַנצן פאַרדאָרבן דורכן פּאַזיאַלן לעבן, זענען די איצ־טיקע זיטן אַ שרעקלעכע קולטור־זנה!

אָט לאָמיר למשל נעמען אונזער „בחורטע״. פון דער דאָפּל־טער דערציונג און פון קריג איז זי אַרויס מיט אַ שטאַרקן דורשט נאָך עמאַנציפּאַציע, נאָך גלייכשטעלונג, וואָס אַ סך פרויען, זייערע שוועסטער האָבן עס שוין לאַנג דערוואָרבן...

— אַ סך? איר מיינט אַזוי, האָט געפרעגט פרוי אַמבראַ. אויב אַזוי זענט איר זיך שטאַרק טועה. דער גרעסטער טייל פרויען טראָגט נאָך הכנעהדיק די קייטן פון פאַרשקלאַפונג! זייער פיל — ווי טרויעריק עס איז נישט דערין זיך מודה צו זיין—זענען זיי נאָך צופרידן מיט זייערע קייטן.

— עס מאַכט נישט אויס. די עליטע, די אויסדערוויילטע וועלן מיטשלעפּן די מאַסן. זיי טראָגן אין זיך אַ שעפערישע קראַפט, אַ מאַכט... די מאַכט פון פרידן, גערעכטיקייט און גוטסקייט. אַ קראַפט וואָס האַלט כסדר און בליען און וואַקסן!.. לאָמיר זיך פאַרלאָזן אויף די, מיין טייערער פריינט, וואָס האָבן געטאָן דידאָזיקע אַרבעט און טוען זי ווייטער אַלץ מער און מער אַלס גלייכגעשטעלטע מענטשן און צי קען מען באַשולדיקן מאַניקען וואָס זי איז אויף איר אָרט געגאַנגען פאָרויס?

אפשר אַ פאַלשער שריט, אמת.

אָבער דאָך אַ שריט פאָרויס!

— זייט זיך אָבער מודה, אַז אָן בלאַנשע... האָט געזאָגט פרוי אַמבראַ.

— געוויס, אום צו זיין אויפריכטיק, מוז מען מוסיף זיין, אַז אָן וויניערן... אַז אַ פרוי ווערט געשטרויכעלט, זוך דעם מאַן.

— דער מאַן, תּמיד דער מאַן! האָט זיך געכעסט הער אַמבראַ. צי וואָלט נישט געווען ריכטיקער זיך מודה צו זיין, אַז מיר זענען אַלע אַ שפּילצייג פון עמאָציעס, וואָס זענען שטאַרקער פון אונז? די פרייד און דער שמערץ זענען בלינד. עס הערשן אומזעעבאַרע קרעפטן... מיר וואַרפן זיך אונטער...

הער וויניאַבאַס האָט נאָכזיכטיק באַמערקט!

— נאָך אַ גרונט פאַר מאַניקעס פאַרטיידיקונג. ווער קלערט דען וועגן משפּט בעת ער אַנטציקט זיך מיטן ריח - ביחוח פון דער שיינער בלום?

ע נ ד ע